STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06167

FLAMEN

Stanislaw Brzozowski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סטאַניסלאַוו בזשאָזאָווסקי

פלאמען

פון פויליש: נחמה עפשטיין

פארלאג ח. בזשאָזאַ

ווארשע 1928

געזעצט: פ. קרימער פולאוו, געבונדן בא א. קאמיען

St. Brzozowski PŁOMIENIE

Wydawn. CH BRZOZA

Warszawa, Leszno № 27/29

Druk „Oświata" Tłomackie 4.

פלאמען

לויט די פאפירן נאך מיכאל קניאזעווסקי

ד. דמה

סטאַניסלאוו בזשאזאווסכּי

צווייטער טייל

Dolori et amori sacrum.

I

טאָפּאָלוואָקאַ. 22־סטער אָקטאָבער 1873.

ס'איז האַרבסט, גרויער האָפנונגסלאָזער האַרבסט. ווי פייגט אין האָב זיי די האַרבסטיקע אָונטן. דער רעגן קלאַפּט אין די שויבן און איידער ס'ווערט פינסטער, שטייען די ביימער אין פּאַרק אַזעלכע אומעטיקע. היי־יאָר זענען זיי באַצייטנס אָן בלעטער געבליבן. און איצט שטייען שוואַרצע מתים אויפן הינטערגרונט פון בלאַסן הימל. פּאַן קאַזשימיערזש איז געשטאָרבן און איך בין איינע אַליין. איך זיץ מיט דיינע ביכער און כ'קלער — און איצט ווילט זיך מיר אַפילו זיי נישט לעזן. נעכטן האָט מען מיר זיי אַהערגעבראַכט. די מאַמע האָט דערזען רעגן און האָט אָפּגעזיפצט. זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, נאָר היינט האָט זי מיר אַזוי ווי צופעליק ווידער געוויזן דעם טאַטנס בריוו. דעם פּאַן קאַזשימיערזש איז שווערער געווען צו שטאַרבן, הגם ער איז געשטאָרבן בײַ זיך אינדערהיים און נישט פון אַ שונאס האַנט; און אפשר דערפאַר טאַקע שווערער, עס שוידערט מיך פונם געדאַנק, אַז מען האָט געבראַכט צו אים צו פירן דעם גלח.

ווי האָט זי געקענט, ווי האָט געקענט זיין מוטער, וועלכע

באַרירט אַזוי ליבלעך מיט אירע הענט יעדע זאַך, אַז ס׳דאַכט זיך, זי נעמט זיי נישט, נאָר צערטלט, ווי האָט זי עס געקענט, זי, וואָס שפּילט אַזוי, ווי האָט זי עס געקענט טון? ווי האָט ער זי געמוזט אָנקוקן, מיט זיינע איינגעפאַלענע אויגן, וואָס האָבן זיך געלאָשן. רעדן האָט ער נישט געקענט און באַוועגן זיך אויך נישט, אָבער כ׳ווייס, אַז ער האָט געטראַכט. איך האָב געזען, ווי ס׳האָבן געקלערט, ווי ס׳האָבן זיך געזעגנט מיט מיר זיינע אויגן, ווען כ׳בין אַרויסגעפאָרן דעם אָוונט. מען האָט מיר נישט דערלויבט איבערצובלייבן די נאַכט און ווען כ׳בין צוריקגעקומען, איז ער שוין געלעגן מיט אַ הייליק בילדל אין האַנט. כ׳בין צוגעגאַנגען און אַרויסגענומען דאָס בילדל. מען האָט נישט געוואַגט מיר צו שטערן. די מאַמע האָט מיך בלויז אומעטיק אָנגעקוקט. און זיין טאָכטער האָט מען מיר אויך נישט אוועקגעגעבן; די ביכער האָט מען מיר יאָ געגעבן, אָבער דאָס קינד נישט. און ער האָט וועגן דעם געבעטן, אַזוי שטאַרק געבעטן. און איך האָב אויך קיין כוח נישט צו קעמפן. און איבעריקנס, אויב איר וואָלט זי מיר אַפילו יאָ אַוועקגעגעבן, צי וואָלט איך זי דען געקענט פאַרהיטן פון דער זעלבער השפּעה. ער האָט געוואָלט, אַז פון זיין טאָכטער זאָל אויסוואַקסן אַן אַרבעטנדיקער פרייער מענטש, און צי אַרבעט איך דען, צי וואָלט זי באַ אונדז נישט געווען אין אַ קינסטלעכער וועלט, צי וואָלטן זי נישט אַרומגערינגלט זכרונות, חלומות, אָנדענקענס?

מיין פאָטער האָט געגלייבט שטאַרבנדיק, אַז ער וועט בלייבן מיט אונדז, אַז ער וועט וואַכן איבער אונדז.

„גאָט וועט מיר געבן די ממשלה איבער אייערע הערצער, האָט ער געשריבן, טאָ געזעגנט זיך נישט מיט מיר און וויינט נישט, ווייל מיר צעשיידן זיך נישט. לויט יעדן ציטער פון דיין נשמה, וועסטו דערקענען מילא, אַז איך בין מיט דיר“.

צי צווייפלט נישט מיין מוטער. וועגן וואָס קלערט זי, בשעת זי הייבט זיך נישט אויף שעהן-לאַנג פון דעם קני-בענקלע? אָבער פאַן קאַזשימיערזש האָט געוווסט, אַז ער לאָזט איבער דאָס קינד אַליין, אַז מ׳וועט באַ אים צונעמען די יונגע, די טייערסטע נשמה, די לעצטע טעג פלעגט ער אומאויפהערלעך, איבעחזרן.

„אַלץ וואָס דו האָסט, וואָס דו וועסט פאַרמאָגן, האָבן געמאַכט מענטשן אומגליקלעכע, אָרימע מענטשן".

זי פליעגט עפענען ברייט אירע קלוגע אויגן, איך האָב געזען, ווי עס ווערן אָנגעקוואָלן די אָדערלעך אויפן הויכן שטערן. אָבער צי האָט איר פון דעם אַלעם געקענט עפּעס בלייבן אַ חוץ זכרונות. — און אפשר, אפשר וועט אַמאָל דער ווינט אַראָפּווייען דאָס אַלץ, מיט וואָס מענטשן וועלן פאַרשיטן אין איר זכרון די דאָזיקע זכרונות און זיי וועלן דערוואַכן.

איך שרייב און שרייב, אָבער עס וועט זיך מיר נישט איינגעבן אָפּצונאַרן די אייגענע געדאַנקען. עס איז מיר אַזוי שלעכט און אַזוי אומעטיק.

אָליאַ! אָליאַ! דו האָסט דאָך צוגעזאָגט צו זיין אויסגעהאַלטן, שטאַרק און רויק.

זאָל נישט קלאַפּן אַזוי דער רעגן, און זאָל דער ווינט אַזוי נישט רוישן: דאָס גייט דאָך מיין לעבן פאַרלוירן. עס פליסט איין רגע נאָך דער צווייטער און פאַרשווינדט אויף אייביק. די נאַכט שלינגט זיי איין אָט אַזוי, ווי זי שלינגט די בלעטער. —

וואָס טוט די צייט מיט פאַרלוירענע רגעס.

איך שטעל מיר פאָר, ווי ער וואָלט געלאַכט, מיין לערער, וואָס איך פאַל ווידער אַריין אין Hoffmanowa Tańska'ס סטיל, אָבער די געדאַנקען מיינע זענען צעשרויפט. שווער איז צו לעבן אין אָט דעם ווייסטן אומעטיקן הויז. שווער איז צו הערן כסדר די זעלבע וויצן, אַנעקדאָטן, מיט וועלכע דער פעטער פלאָריאַן פילט אויס זיין אייגענע און יענעמס צייט.

און דער פעטער אָקטאַוויאַן שוויגט אַן אומעטיקער.

עס וואָלט זיך אַזוי געגלוסט צוצוגיין צו אים, אַרומנעמען, צוטוליען אים צו זיך, עס ווילט זיך אַזוי רעדן מיט אים וועגן אים.

איך ווייס, אַז בלויז וועגן אים טראַכט ער, אָבער ער רעדט קיין זאַך נישט, נאָר ער גייט אַרום, גייט אַרום...

אויך אַצינד הער איך, ווי עס סקריפּען זיינע טריט.

מען האָט אים דאָרט גאָרנישט געזאָגט אין דער תפיסה.

און ווי ער האָט דאַמאָלס אַ געשריי געטון אויף יענעם אַפּי-
ציר:

— ס'איז ליגן! מיין זון וועט קיינמאָל נישט טון דאָס, וואָס
ס'איז נידעריקער פאַר זיין כבוד.

שלעכט איז מיר, זייער שלעכט, און ס'איז נישטאָ קיין שום
אויסוועג.

אַזוי וועל איך דאָ אָפּלעבן מיינע יאָרן, נישט ברענגענדיק
קיינעם קיין נוצן.

דער מאַמען?

די מאַמע זאָגט, אַז זי וואָלט נישט געקענט אָן מיר לעבן,
און כ'ווייס, אַז די מאַמע האָט מיך ליב...

אָבער מאַנכעסמאָל קלער איך, אַז איך וואָלט געוואָלט זיין
אַ יתומה, וואָס האָט קיינעם נישט, וואָס דאַרף קיינעמס ליבע נישט
שוינען.

כל זמן דער פאַן קאַזשימיערזש האָט געלעבט, האָב איך גע-
ווּוסט, אַז איך האָב אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט מיין געזעל-
שאַפט, אַז, איבעריקנס, טראַכט ער וועגן מיר, ווי וועגן דעם
אַפּיטרופּוס פון זיין קינד נאָך זיין טויט.

24 אָקטאָבער.

נעכטן האָב איך געפונען אין איינעם פון די ביכער אַ בריוו
פון פאַן קאַזשימיערזש — צו מיר געשריבען. דעם גאַנצן טאָג
בין איך געווען אַ צעשרויפטע, און כ'האָב נישט געקענט צונויפנע-
מען די געדאַנקען.

„כ'וועל שוין אויף דער וועלט נישט זיין, בשעת דו וועסט
דאָס לעזן, מיין ליבסטע, ווייל יעצט וועל איך דיר זאָגן דאָס, וואָס
איך האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן לעבעדיקערהייט. מיט אַלע קרעפטן
פון מיין גוססדיקן לעבן האָב איך דיך געליבט. איך האָב געליבט

דיין שטימע און דיינע אויגן און דיינע האָר די גערשטן-פאַרביקע און דיינע ליפּן די שטאָלצע, וועלכע כ׳וועל קיינמאָל נישט קיין קוש טון. כ׳וויל נישט, אַז דו זאָלסט נישט וויסן וועגן מיר, בשעת ס׳וועט זיך דערגענטערן צו דיר עמעצער, וועמען דו וועסט קענען ליבן. כ׳ווייס, אַז דו האָסט מיך הויך געשעצט, וועסטו דיך אפשר אויסלערנען דעריבער שעצן זיך אַליין. איר, יונגע מיידלעך, ווייסט נישט, וואָס ס׳איז לעבן און וואָס עס איז ליבע. איר פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי איר גיט אַוועק אויף אייביק די נשמה צוזאַמען מיטן האַרץ. עפּעס ווערט אין דיר פאַרבלייבן פון יענעם מאַנסבילס נשמה, וועלכן דו וועסט דיין ליבע און זיך איינגאַנצן שענקען, אויב דו וואָלסט אים אַפילו שפּעטער אָפּגעשטויסן. דו וועסט שוין נישט אַרויסרייסן פון דער נשמה די זכרונות. אָ! מיין נישט, אַז דאָס רעדט אין מיר די קנאה פון אַ פאַרשטאָרבענעם. שטאַרבנדיק, ציטער איך וועגן דיר, אַזוי ווי וועגן קינד. און כ׳וויל, דו זאָלסט אויף דער וועלט תמיד קוקן מיט אַ שטאָלצן בליק. כ׳ווינטש דיר פון טיפן האַרץ אַ גרויסע, גליקלעכע ליבע. ליב און האָב נישט קיין מורא פאַרליידנשאַפט. נאָר מיט דיין האַרץ זאָלסטו אַ צווייט האַרץ נישט ליגנט זאָגן קיינמאָל. נאָר געדענק, געדענק, אַז אַ פאָטער פון דיין קינד וועט זיין דער, וועמען דו ליבסט. כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט זען דעם מענטש, וועלכער וועט קושן דיינע ליפּן. כ׳וואָלט אים אַזוי געוואָלט אַ קוק טון גלייך אין די אויגן טיף אין האַרץ אַריין. און דערלאָז נישט, דאָס לעבן זאָל דיך אָוועקהרגענען. דערלויב נישט, די טעג פון דיין יוגנט זאָלן אַוועקגיין אויף זכרונות. לאָז נישט מ׳זאָל דיר אַוועקנעמען דאָס גליק, דערלויב נישט מ׳זאָל דיר אַוועקנעמען די פרייהייט.

אָליאַ, אָליאַ מיינע!

באַנאַכט פלעג איך דיך רופן ליגנדיק אין היץ און כ׳פלעג מיך פאַר דיר מתוודה זיין אין אַלע מיינע געדאַנקען, און ווי געבענקט האָב איך נאָך דיר אין די אָוונטן, בשעת דו פלעגסט אַוועקפאָרן און בשעת די פרימאָרגנס, בשעת כ׳האָב געוואַרט אויף דיר. צי געדענקסטו, אַז דו האָסט מיר געגעבן דיינע האָר. מיט זיי וועל

איך שטאַרבן, און כ׳וועל קלערן וועגן דיר. באַ דיין ליכטיקער נשמה שווער איך, אַז כ׳האָב צו דיר קיין טענות נישט, אַז כ׳באַדויער נישט, וואָס כ׳האָב דיך געטראָפן, הגם דו ביסט פאַר מיר אויף אייביק פאַרלוירן. באַ דיין שטים און באַ די בליקן דיינע שווער איך דיר, אַז כ׳באַדויער נישט יענע ווייטיק־מאָמענטן, בשעת כ׳האָב געבראַכן די הענט איבער מיר און כ׳האָב זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, וואָס דו וועסט קיינמאָל, קיינמאָל נישט אַרומפלעכטן דיינע אָרעמס אַרום מיין האַלדז. מיינע אויגן האָסטו מיט זיך געצערטלט, מיינע געדאַנקען האָבן געשמייכלט, בשעת דו האָסט גערעדט. טיף אין האַרץ פלעגט אָפּהילכן דאָס באַרירן פון דיין האַנט. בשעת כ׳וועל האַלטן באַ שטאַרבן, וועל איך מתפלל זיין צו דיר, מיט מיין נשמה וועל איך מיך אָנשליסן אָן דיין ליכטיקן געשטאַלט, און אַזוי וועל איך אַראָפּגיין אין דער פינסטערניש. ווען דער טויט וועט אויסלעשן מיינע געדאַנקען, וועט מיר איבערבלייבן בלויז דאָס גרענעצלאָזע גליק, וואָס כ׳האָב דיך געזען. ס׳וועט קומען אַ צייט, מענטשן וועלן ליבן די שיינקייט אין זיך, ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען דאָס וועט שוין נישט זיין קיין סכנה. כ׳וויל דיר געבן עפּעס אַ לעצטע עצה און כ׳געפין קיין זאַך נישט. פאַרליר זיך נישט, פאַרליר זיך נישט, מיין טייערסטע. דיך געטרוי איך דיר אַליין אָן. זיי גליקלעך, אַליאַ, זיי גליקלעך. דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר געשענקט דאָס גליק דיך צו ליבן — זיי גליקלעך, דערפאַר, וואָס כ׳וועל שטאַרבן, קלערנדיק וועגן דיר — זיי גליקלעך, אַליאַ. כ׳קוש דיינע האָר, כ׳בייג זיך צו דיינע פיס, דיינע הענט לייג איך מיר אויפן שטערן. כ׳גלייב, אַז ווען כ׳וועל שטאַרבן, וועסטו מיר אַ קוש טון אין דעם שטערן, וואָס וועט ליגן אַ קאַלטער אונטער דיינע ליפּן, צו וועלכע ס׳האָבן זיך קיינמאָל נישט צוגערירט מיינע בענקענדע און פאַרשמאַכטע ליפּן.

צו וואָס האָט ער דאָס געשריבן, פאַרוואָס מוז איך קלערן וועגן אים מיט אַזאַ ווייטיק. ניין, ניין, כ׳האָב אים נישט געליבט. כ׳האָב אים נישט געליבט, און כ׳וואָלט אים נישט געקענט ליבן. כ׳האָב געקענט צו אים מתפלל זיין, אָבער כ׳וואָלט נישט אומשטאַנד געווען אים אַרומצונעמען, כ׳וואָלט נישט ביכולת געווען

אים צו פֿליסטערן אויפֿן אויער ווערטער, וואָס בעטן זיך אויף די ליפּן.

און איצט זיץ איך דאָ און כ׳טראַכט, פֿאַרוואָס

פֿאַרוואָס קען איך אים אַפֿילו איצט אין די זכרונות מיין ליבע נישט אָפּגעבן. פֿאַרוואָס בונטעוועט זיך אין מיר עפּעס באַם געדאַנק גופֿא, אַז אַזוי האָט עס געקענט זיין, אַז — ס׳איז מיר שווער צו שרייבן די זאַזיקע ווערטער: — זיינע ליפּן האָבן געקענט באַרירן מיינע בריסטן, מיינע אָרעמס, אַז ער וואָלט מיך געקענט זען, אַזוי ווי כ׳בין.

און וואָס זענען מיר אַזוינס, מיר פֿרויען? כ׳ווייס, אַז איך קען זיך נאָך נישט.

1 נאָוועמבער.

כ׳האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געשריבן. כ׳וויל נישט ליגנס זאָגן בשעת כ׳שרייב, און ס׳לייקנט יעדעס וואָרט מיינס.

פֿאַרוואָס וואָג איך נישט, פֿאַרוואָס קען איך נישט אָנשרייבן, אַז כ׳טרוים וועגן אים, וועגן מיכאַלן, בשעת כ׳טראַכט וועגן ליבע, זיים כ׳ווייס, אַז ס׳וועט זיין אַ מענטש, צו וועלכן איך וועל געהערן.

פֿאַרוואָס זאָל איך נישט אָנשרייבן דאָס דאָזיקע וואָרט?

אַזוי איז עס, ער וואָלט געקענט קומען און מיך נעמען, ווי מ׳נעמט אַ זאַך, ווי מ׳שאָקלט אַראָפּ אַ פּירה פֿון אַ בוים, ווי מען רייסט אַראָפּ אַ בלום.

כ׳גלייב נישט מיינע געדאַנקען — זיי זאָגן ליגנס. כ׳געטריי נישט קיין זאַך, וואָס כ׳זאָג מיר איינערלעך.

טיף אין האַרץ איז דאָ בלויז דאָס: די ליבע צו אים און די בענקשאַפֿט.

רוף מיך, ווו דו זאָלסט נישט זיין, און כ׳וועל גיין, כ׳וועל אַלץ אוועקוואַרפן און כ׳וועל מיטגיין מיט דיר.

כ׳וועל הערן דער מוטערס שווער, לאַנג געוויין, און כ׳וועל גיין מיט דיר.

3 נאָוועמבער.

בשעת ער האָט אַנגעקלאַפּט אין פענסטער יענעם אָוונט, האָב איך אַ געשריי געטון, כ׳האָב געגלייבט, אַז נאָר מיינע געדאַנקען האָבן אַרויסגערופן דעם גייסט.

ער איז געשטאַנען אונטערן פענסטער פונקט אַזעלכער, ווי כ׳פלעג אים זען אין מיינע חלומות.

ער האָט געהאַט אַ געריינצלט און אָפּגעברענט פנים, ווי פון בראָנז געשמידט.

כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי כ׳האָב מיך באַגריסט מיט אים. כ׳ווייס, אַז כ׳האָב דערפילט זיינע ליפּן אויף מיינע האָר, כ׳ווייס, אַז עס האָבן מיך געשטיקט טרערן. כ׳האָב געמוזט עפּעס אַ געשריי טון אָדער זאָגן, ווייל ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג.

כ׳ווייס שוין גאָרנישט, ווייל אין דער טיר איז געשטאַנען דער פעטער אָקטאַוויאַן.

כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען אַזאַ בלאַסן מענטשן.

ער איז געגאַנגען. און די פיס האָבן זיך באַ אים געוואַקלט, און ער האָט עפּעס גערעדט, אָבער מ׳האָט נאָר געהערט אַ יאָמער.

ער איז צוגעגאַנגען און האָט אָנגעהויבן צו פירן מיט די הענט איבער מיכאַלס פנים, אַזוי ווי ער וואָלט געווען בלינד. ער האָט עפּעס געפּליסטערט, כ׳האָב אָבער נישט געהערט קיין ווערטער.

מיכאַל האָט אים געפירט באַ דער האַנט, ווי אַ קאַלעקע,

עס זענען אים געפֿאַלן פֿון די אויגן טרערן, און מיט דער האַנט האָט ער כּסדר מיכאַלס האַנט געגלעט.

דערנאָך איז מיכאַל שוין געשלאָפֿן, און ער איז לעבן זײַן בעט געזעסן. ער האָט געברומט צו זיך אַליין און געוויינט.

אויפֿן אַנדערן טאָג האָט ער שוין געהאַט מיט אַ העלפֿט מער גרויע האָר: בשעת ער האָט אַנגעגאָסן ווײַן פֿאַר זיך און פֿאַרן זון, האָבן זיך זײַערע הענט געטרייסלט, און דער ווײַן איז געפֿאַלן איבערן טיש. אַזוי האָט ער זיך מיר אײַנגעקריצט אין זכּרון, און כ׳געדענק אַלץ זײַנע אויגן, וועלכע האָבן מיט פֿאַר־וווּנדערונג און שרעק געקוקט אין מיכאַלס פּנים, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן זײַן בליק צו באַגעגענען.

ס׳איז אַזאַ שטילקייט איצט אין די אָוונטן און נעכט אַרום אונדזער הויז. כ׳זיץ און הער זיך צו, כ׳הער זיך צו, צי עמעץ גנבֿעט זיך נישט אונטער: איך כאַפּ מיך אויף, און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳הער אַ גלעקל, כ׳הער טריט איבער דער פֿאַרפֿרוירענער ערד און שטימען... ס׳האַרץ קלאַפּט. אין קאָפּ רוישט. ס׳גייט דורך אַ לענגערע ווײַלע, ביז וואַנען כ׳קלויב מיך פֿונאַנדער, אַז כ׳הער בלויז דעם אומרו, אַז קיינער גייט נישט. באַגינען בין איך אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן. אויף די שוואַרצע צווײַגן איז געווען דאָס געפֿריר. דער הימל איז געווען קאַלט, בלאַס, מרה־שחורהדיק, דער הימל פֿון שלעכטע פֿאָרגעפֿילן, פֿון אימה און פֿון האַרצ־רייסעניש.

איך בין דאָ אַ פֿרעמדער אין דער דאָזיקער שטוב.
און כ׳וועל דאָ וואָגלען, ווי אַן אַרעסטאַנט אין די ד׳ אמות,
בשעת ער וועט ווידער אַוועקגיין אויף די וויסטע פֿעלדער.
אים פֿאַרשטייט דאָ קיינער נישט.
קיינער פֿאַרשטייט נישט, אַז ער זאָגט נישט קיין אַלטע טוי־טע ווערטער און קומט אום.

קיינער פאַרשטייט נישט אים, וועלכער וואָגלט אַרום איבער דער בלוטיקער, שטרענגער ערד, וועלכער איז איינער אָן שטערן, אָן גאָט.

ער מיידט אויס די בתי מדרשים, אין וועלכע ס'ברענען די נרות תמיד. ער איז דאָ אַ פרעמדער.

ער האָט אין ערגעץ אויף דער ערד נישט קיין אייגן ווינקל.

ער דערמאָנט קיין זאַך נישט.

אויף זיין פאָן פלאַקערן ווערטער, וועלכע דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ערשט איבערלעזן.

ער איז נישט קיין דינער באַ קיין שום גאָט און קיין שום גאָט שפּרייט נישט אויס איבער אים זיין באַשירמדיקע האַנט.

ער איז איינער אַליין אונטער אָט דעם קאַלטן הימל פון פאַריתומטקייט.

אָ, ווען ער וואָלט אויף מיר אַ קוק געטון און פאַרשטאַנען!

מיינע געדאַנקען זענען אים נאָכגעגאַנגען און געזוכט די שפּורן.

בשעת ס'פלעגן אָנקומען די ציטונגען און דערציילן, אַז עס אַנטגייט ווידער אין בלוט דאָס מענטשלעכע האַרץ, אַז ערגעץ האָט זיך דערהערט אַ קול, וואָס רופט צו נקמה פאַר אומזיסט פאַרגאָסענע טרערן, אַז עמעצנס הענט בויען בנינים — האָב איך געוווסט: דאָרט איז זיין האַרץ.

כ'בין געשטאַנען אויפן גאַנעק, בשעת ער איז געקומען.

ס'ערשטע מאָל זענען מיר דאָ געווען אַליין.

ס'האָט אַ טרייב געטון אַ ווינט און געטראָגן איבער דער גאַס שורשענדיקע בלעטער.

כ'געדענק נישט זיינע ערשטע ווערטער. עפּעס האָט ער גערעדט און עפּעס האָב איך גערעדט. מיין האַרץ האָט פאַרויס געפילט, אַז ער הערט זיך צו צו מיר, אַז ער הערט זיך איין אין מיין שטומע, וועלכע ברעכט זיך.

ער איז געגאַנגען לעבן מיר און האָט גערעדט:

ער האָט געערדט וועגן דער פרוי, וועלכע איז געפאַלן אויף דעם ברוק פון דער פלאַקערדיקער שטאָט. ער האָט גערעדט מיט קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער.

זיין פנים איז געווען רויק, אָבער איך האָב געפילט, אַז בײַ אים אין האַרץ איז דאָס זעלבע, וואָס אין מיר.

קראָען זענען דורכגעפלויגן קראַקנדיק איבער אונדז. — כ'האָב זיי געזען, ווי זיי האָבן געשוועבט איבערן קערפּער פון דעם אָרימען אַדאַש. מיט די הענט האָב איך געמוזט אויסגראָבן אַ קבר, דערנאָך האָב איך מיך אַוועקגעזעצט איבער אים און געוואָלט היטן. ביז כ'האָב ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז בישט כדאי צו פאַרשיטן מיט ערד דעם אמת. אַזוי איז עס. אויף שפּייז פאַר רויב־פייגל — אונדזערע קערפּערס. מיר וועלן זיך וואַלגערן אויף די שיידוועגן.

ער האָט מיר דערציילט, ווי זיי קומען אום:

ער האָט דערציילט, ווי ס'רינט בלוט, און כ'האָב געזען, ווי זיין מויל האָט זיך פאַרהאַקט.

— טויזנטער פון אונדז וועלן פאַלן, און נייע וועלן קומען און זיי וועלן חרוב מאַכן אַט די וועלט פון בלוט און שקר.

— ס'וועט קומען אונדזער צייט.

— טיף אין האַרץ לעבט דער פעסטער גלויבן: ס'וועט קומען אונדזער שעה.

— זאָל ער דאָרט ליגן אויפן וואַלד־שטעג.

— זאָלן אים די קראָען אויספּיקן די ליכטיקע אויגן: דאָס איז דעם מענטשס אמת.

— לעבעדיקע, גוססדיקע פלעגט מען דאָך אַריינוואַרפן אין גרוב אינאיינעם מיט די מתים.

און פּלוצלינג האָט ער מיר אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין און געפרעגט:

— ווי אַזוי קענסטו דאָ לעבן?

אין וואָס פאַר אַ וואָרט האָט ער דערפילט, אַז אין מיין נשמה שלאָפט באַגראָבן אַ שווערט?

וואָס פאַר אַ וואָרט האָט מיך אויסגעגעבן, אַז מײַנע געדאַנ־קען זענען געווען מיט אים?

און ער האָט גערעדט:

אונדזער לעבן איז אַזוי, ווי דאָס לעבן פון יענע, וואָס ליגן פאַרשאָטן אין דר׳ערד. ס׳פאַלט אויף אונדז ערד, אָבער מיר ליגן שוין לעבעדיקערהייט אין קבר. און מיר גנבענען נישט בײַ אַנדע־רע קיין ברויט, קיין ליכט, קיין לופט.

— איך ווייס, אַז מיר וועלן אַלע אומקומען.

— איך ווייס, אַז ס׳לויערן שוין די רויבערישע אויגן, אַז ס׳ציילט אונדז דער בלײַערנער בליק.

— מיר ווייסן נישט פון קיין טעג, פון קיין שעהן, אָבער נישט געקוקט דערויף, פרעג איך — דער גערודפטער, דער פאַר־פּאָלגטער — ווי אַזוי קענסטו דאָ לעבן?

— וועסטו דען אַוועקגיין פון דאַנען אויף צו ווערן אַ פרוי, אַ שקלאַפין, אַ שפּילעכל, אַ זאַך בײַ איינעם פון די מענטשן, וועל־כע דו קענסט בלויז דאָ באַגעגענען?

— וועסטו דען דערלויבן, אַז דײַן גאַנץ לעבן, דײַן נשמה און דײַנע געדאַנקען זאָלן ווערן אַ שפּילצייג אין די הענט פון אַ מענטש, וועלכער וועט אַ טאָג פאַר אייער חתונה אָפּדײַניקן פאַר דיר אַן אָרט בײַ זיך אין שטוב, אַוועקשיקנדיק עפּעס אַ מאַלגאַש־קע אָדער מאַרינקע?

— ווי גרויס, ווי גרויס איז געווען מײַן שמחה, וואָס ער רעדט אַזוי צו מיר. כ׳האָב געשוויגן, טראַכטנדיק, ווי אַזוי האָט ער מיך פאַרשטאַנען.

ער האָט געזאָגט:

— אויב כ׳פאַרשאַף דיר יסורים, זײַ מיר מוחל, אָבער כ׳פּיל, אַז דו ביסט אַ מענטש.

ער האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַרומגענו־מען.

— היט דיך פאַר שקר, אָליאַ. זיך אַליין זאָג נישט קיין ליגנס. קלויב אויס טויט, איינזאַמקייט, ווייטיק, אָבער לייקן נישט.

גישט איך, נאָר מײַנע ליפּן האָבן עפּעס גערעדט װעגן דער מאַמען. — מײַנע געדאַנקען האָבן שױן אָנגעהױבן אַװעקגײן פֿון דער דאָזיקער שטוב און געביסן די פֿינגער, הערנדיק אַ געװײן הינטער זיך.

אָ, מיכאַל מײַנער, האָסטו דען נישט געװוּסט, אַז כ'װעל גײן, האָסטו דען נישט געװוּסט, כ'װאָלט אַװעק סײ װי סײ אין דער אומבאַקאַנטער װעלט זוכן די װעגן, איבער װעלכע ס'גײען דײַנע טריט.

װײסטו דען נישט, אַז כ'װאָלט געגאַנגען אױפֿן טױט, הנם דו װאָלסט מיך נישט געזען, און שטאַרבנדיק ערגעץ־װוּ, װאָלט איך געזאָגט צו דײַנע קלוגע אױגן: פֿאַר דײַן אמת?

אָבער ער האָט געזאָגט:

— כ'האָב קײנעם נישט געליבט אַזױ, װי דעם פֿאָטער. כ'האָב געליבט אַ פֿרײַנט, מיט װעלכן כ'האָב מיך הײַנט געזעגנט. כ'האָב געליבט זי, װאָס אַ ראָד פֿון אַ האַרמאַט האָט איר ברוסט צע־קװעטשט און פֿערד האָבן זי צעטרעטן. און טײַערער פֿאַר אַלץ איז מיר זיכער געװען אָט דער גרױער קאָפּ. און כ'װײס אַלײן נישט, אַז כ'װעל אַװעק פֿון דאַנען, צי װעל איך בענקען מער נאָך אים, צי נאָך דיר. נאָך די אױגן דײַנע, נאָך דײַן אָנבליק. בשעת כ'האָב אין געננאַ אין הײַנט פֿאַרשאָלטן די װעלט און זיך, האָב איך דיך געזען, דאָס געררױש פֿון אונדזערע פֿעלדער, דאָס געזאַנג פֿון די טײַכלעך און דיך אַ פֿרישע, װי אַ טײַכל.

ער האָט נישט געענדיקט, װײַל כ'האָב מיך אײַנגעבױגן צו זײַנע אָרעמס, מײַן קאָפּ איז געפֿאַלן אױף זײַן ברוסט.

און כ'האָב גערעדט:

— װוּהין דו זאָלסט נישט גײן, גײ איך מיט.

ער האָט מיר אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ און געקוקט מיר אין די אױגן.

— מײַן מקום מקלט איז דער זעלבער, װעלכן אַדאַש האָט געפֿונען.

כ'האָב געפֿילט, װי יסורים ברעכן מײַן קערפּער, װי עמעצנס שװערע האַנט האָט זיך אַװעקגעלײגט אױף מײַן רוקן און געבױגן

אים צו דר׳ערד. צווישן דעם קריצן פון ציין און אַ שטילן יאָמער האָב איך דער׳הערט מיין אָפגעשטאָרבענע שטימע.

— ביזן לעצטן אָטעם וועל איך זיין מיט דיר.

דאַמאָלס האָט ער געזאָגט:

— צי וועסטו באַוויזן צו בלייבן אַליין?

דאָס האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן און אָפּגעפאַלן.

עמעץ אַ פאַרגליווערטער האָט גערעדט:

— כ׳וויל, אַז מיין לעצטער געדאַנק זאָל זיין מיט דיר.

— און ווען איך וועל שוין פאַלן ערגעץ אויף אַ שייד־וועג?

מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער שטים האָב איך געזאָגט:

— וועל איך לעבן. כ׳וועל לעבן צוליב דיינע אויסגעלאָשענע אויגן.

נאָכדעם האָבן מיר שוין גאָרנישט גערעדט.

מיר זענען געקומען אין אַ פאַרוואָרפן געסל: דאָ האָט גע־פייפט דער ווינט און געבלאָזן מיט אַ קעלט.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט טונקעלע אויגן.

— ווייסטו, וואָס עס איז אַזוינס ליבע? — האָט ער גע־זאָגט.

כ׳האָב אַ יאָמער געטון...

— דו ביסט נישט די ערשטע פרוי, וועלכע כ׳ליב.

כ׳האָב אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

און ער האָט גערעדט:

די ליפן, וועלכע וועלן דיך קושן, האָבן שוין געקושט, הגם ס׳האָט געשוויגן דאָס האַרץ. כ׳פלעג קויפן פרויען און האָב זיי גע־האַט ווי אַ זאַך.

דאַמאָלס האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָב גע־זאָגט:

— צו וואָס האָסטו דאָס געטון?

און כ׳בין געשטאַנען אין דעם מאָמענט פאַר אים, ווי אַ פרעמדע, כ׳האָב אים געקוקט אין די אויגן און געציטערט פאַר

שרעק. אין דעם מאָמענט וואָלט איך אַ געשריי געטון, ווען ער דערגענטערט זיך צו מיר.

אָבער ער איז געשטאַנען רויק און האָט גערעדט:

— פאַרוואָס זענט איר שקלאַפּיש, פאַרוואָס ווייסט איר בלויז פון קערפּער. פאַרוואָס האָט איר מורא פאַר ליידנשאַפט און ליבע. פאַרוואָס איז דאָס אַלצדינג ליגנט?

ער האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און געזאָגט:

— הער אויס, ס'וועט קומען אַזאַ מאָמענט, בשעת עס וועט נישט זיין צווישן אונדז קיין זאַך, נישט קיין געדאַנקען, נישט קיין ווערטער. דו וועסט נישט זיין מער און איך.

— האָסטו מורא?

כ'האָב געזאָגט:

— ניין.

— וועסט גאָרנישט באַדויערן?

כ'האָב געקוקט אויף אים מיט פאַרכמורעטע אויגן, כ'האָב אַליין נישט געוווּסט, וואָס מיין בליק דריקט אויס.

דאַמאָלס האָט ער זיך איינגעבויגן איבער מיר און מיר אַ קוש געטון אין די ליפּן.

און אויב דו האָסט אַ טעות, מיכאַל, אויב נישט דיין וועלט ליב איך עס, נישט דיינע געדאַנקען, נאָר בלויז דיך, אויב כ'וויל נישט מער, ווי נאָר זען דיינע אויגן, אויב כ'וויל בלויז, דו זאָלסט מיך נעמען און זיין דורך מיר גליקלעך, אויב בלויז דיין ליבע ליב איך.

און כ'קלער, פאַרוואָס ליבט ער מיך און וויל מיך נע-מען.

כ'זאָל פאַר אים זיין אַ דערקוויקונג, בשעת ער וועט אָנ-הייבן צווייפלען.

ער איז שוין געוווינט צו גיין באַם געזאַנג פון די קראַען.

און וואָס פאַר אַ דערקוויקונג קען איך דיר געבן, איך, וואָס ווייס נישט, פאַרוואָס כ'ליב דיך.

וואָס וועל איך דיר געבן?

צי בלויז די קושן פון מיינע ליפן, צי בלויז דאָס ארומנע־מען מיט מיינע אָרעמס, צי בלויז זיך?

זענען דען נישט פאַרהאַן קיין שענערע פרויען, וועלכע ער וואָלט געקענט האָבן?

אָליאַ! אָליאַ! וואָס וועסטו אים זאָגן, אַז ס׳וועט קומען די נאַכט, בשעת ארום און אַרום וועט זיין נאָר די לויערנדיקע שטיל־קייט און ער, בלויז דו און ער, ער און דו — וואָס וועסטו זאָגן זיינע שווארצע, קלוגע, מענלעכע אויגן.

כ׳וואָלט איינגעלייגט זיין קאָפּ אויף מיין האַרץ און כ׳וואָלט אים געזונגען ליד ער וועגן אים.

כ׳וואָלט געזונגען וועגן אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אויס־געוויילט דעם טויט, וועלכער איז אַרויס אין אַ טונקעלן קאַלטן פרימאָרגן.

בייזע רוחות פאַרשטעלן אים דעם וועג.

כ׳וואָלט אים דערציילט אַ לאַנגע מעשה וועגן זיינע טאַטן.

אָליאַ! אָליאַ! וואָס וועסטו אים זאָגן אין די נעכט, בשעת דער טויט גנבעט זיך אונטער, די שטילקייט לויערט — בשעת רעגן־טראָפּנס קלינגען אין די שויבן ווי טרערן פון פאַרשטאַר־בענע?

צי וועסטו אים בלויז געבן דעם תענוג?

און אויב דו קענסט מיך נישט, מיכאל, אויב מיך נאָגט, מיך נאָגט, מיך רייסט די ווייטיק נישט דערפאַר, וואָס דו האָסט יענע פרויען געקויפט, נאָר דערפאַר, וואָס נישט איך בין דאָס גע־ווען?

דו הערסט, דו האָסט מיך נישט געקענט.

און איצט ציטער איך פאַר מיר אַליין, ווי אַ נאַקעטער קוסט אַן בלעטער.

כ׳וויל נישט, כ׳וויל נישט אַזוי פילן.

אַזוי אָבער פילט דאָס בלוט מיינס, אַזוי פילט מיין גאַנצער נישט ווידערשטעענדיק־ר גוף.

שוואַך בין איך, אַליין און הילפלאָז.
און אויב דו האָסט דיך געגאַרט אין מיר, מיכאַל?...

די מאַמע פאָרט אַוועק היינט; בשעת זי וועט צוריקקומען, וועל איך שוין דאָ נישט זיין. כ'וויל צווינגען דאָס האַרץ ס'זאָל וויינען, אָבער ס'איז פאַרגליווערט געוואָרן און ס'שווייגט. פונדער-ווייטנס בין איך אַנוועזנד בא דעם אַלעם, וואָס ס'קומט פאָר אַרום מיר און אין מיר.

מיכאַל פאַרברענגט שוין דאָ אויך די לעצטע טעג. דערנאָך וועט ער מיר שוין בלויז מודיע זיין.

און כ'ווייס, אַז דאָס אַלץ וועט געשען.

כ'ווייס, אַז ס'וועט אָהערקומען אין דער ליידיקער שטוב די מוטער, אַז זי וועט ברעכן די הענט, דאָס אַלץ ווייס איך, און איך קוק דערויף טרוקן, פרעמד.

כ'ווייס, אַז ס'האָט שוין אויף אייביק געגומען אַ סוף צו דעם אַלעם, וואָס כ'קען דאָ. און איצט שטיי איך איינע אַליין אויפן ווינט אין אַ קאַלטער נאַכט.

כ'פרעג בא מיין האַרץ:
האָסט מורא?
ס'האַרץ שווייגט.
כ'פרעג מיך, צי ווילסטו אַזוי?
ס'רופט זיך שוין נישט אָן אין מיר קיין זאַך.
ווי הייסט אָט דער מוז, וועלכער יאָגט מיך?
פאַרוואָס האַלט מיך דאָ קיין זאַך נישט אָפּ?
פאַרוואָס בין איך אַזוי איינער אַליין?
און פאַרוואָס רופט מיך דאָ אין דער רגע קיין זאַך נישט.

צום בעסטן האָלט מיר שוין געווען ערגעץ אין דער קילער שוואַרצער ערד.

נאַכט איז אומעטום, אַ וויסטע גרויסע נאַכט.
געפרוירן געוואָרן די שטערן, מײַן האַרץ איז געפרוירן, איינע אַליין שטיי איך אין דעם וויסטן הוילן פעלד.

און דו, מיכאַל, מײַנסטו אַוודאי, אַז דאָס געוויין און דער יאָמער פון אונטער דער ערד רופן עס מיך איצט, אַז ס'רופן מיך ליפן בלויע און בלוטלאָזע. ניין, כ'קלער נישט וועגן דעם אַלעם גאָרנישט. כ'בין איצט ווי אַן אָפּגעבראָכענע צווייג אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט.

איצט בין איך שוין אינגאַנצן איינע אַליין.

די מאַמע איז נישטאָ. און מיכאל איז שוין נישטאָ. דער פעטער אַקטאַוויאַן גייט אַרום [illegible]ערט איבער די באַלויכטענע צימערן. ער גייט אַרום, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט.

און וואָס פײַניקסטו זיך, אַלטיטשקער?

וואָלט דען נישט בעסער געווען פאַר דיר זיך אַרײַנצוּוואַרפן אין שניי אין אַ שניי-שטורעם, נישט צו האָבן ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, נישט צו וויסן, ווו ס'וועט דײַן געביין אַהינקומען.

וואָלט דען נישט בעסער געווען פאַר דיר מיטן זון אַוועקצוגיין פון דאַנען? דעם אַלטן הויף און די אַלטע פּאַפּירן אויף צען שלעסער צו פאַרשליסן און אונטערצינדן, אָדער זאָל ער שטיין אַזוי, זאָלן ווינטן רוישן איבער די טויטע גרויסע חדרים.

כ'וויל נישט טראַכטן וועגן דעם, ווי איר וועט דאָ וווינען און לעבן, איינזאַמע, געפרוירענע, אַלטע. כ'וויל נישט טראַכטן, וואָס ס'וועלן אײַך האַרבסטיקע ווינטן און ווינטער-שטילקייט דערציילן, בשעת נאָר ביימער קנאַקן און קרעכצן אויפן פראָסט.

כ'וויל נישט טראַכטן וועגן קיין זאַך.

אַ שניי, אַ פריצייטיקער שניי איז שוין געפאַלן, ער ליגט אַזוי, ווי דער גלייכגילט און ווידערווילן אין מײַן האַרץ.

וואָס טוט זיך מיט מיר?

פאַרוואָס האָט איר מיך אויסגעלערנט, אַלטע, גרויסע, איינזאַמע צימערן, זיך איינצוהערן, וואָס דאָס האַרץ שעפּטשעט, פאַרוואָס האָט איר מיך אויסגעלערנט צו לעבן מיט זיך אַליין בלויז?

און איצט קוק איך אַריין אין זיך, ווי אין אַ פאַרפרוירענער אָזערע, אין וועלכער קיין זאַך שפּיגלט זיך נישט.

איז אַזוי וויסט אַרום מיר.

און כ׳קען קיין זאַך נישט, נאָר זיצן אַזוי און קלאָגן זיך פאַר זיך אַליין און קלאָגן.

כ׳בין ווי איינע אַליין אויף דער וועלט, וועלכע קיינער דאַרף נישט.

13 נאָוועמבער.

לאָז מיך נישט אַזוי לאַנג וואַרטן, מיכאַל, ווייל כ׳געזעגן זיך דאָך שוין אַלע טאָג און אַלע שעה מיט אַלץ, כ׳פאַרמאַך די טיר נאָך זיך און לאָז דאָ איבער דער מאַמעס געוויין, און שפּעטער פאַרבלייב איך דאָ און הער זיך צו, ווי ס׳פליסן אירע איינזאַמע טרערן און ס׳ענטפערט זיי דער רעגן, וואָס קלאַפּט אין די שויבן.

כ׳ליג און הער זיך איין מיט אַן אויסגעלאָשן האַרץ.

אַזוי וועט זי דאָ לעבן טאָג און נאַכט.

אַלע טאָג וועט זי זיך וועקן און וואַרטן אויף מיר. וואַרטן, נישט וויסנדיק, אויף וואָס. אַזוי זיצן באַם פענסטער און קוקן אויף די שטעגלעך, מיט וועלכע איך וועל שוין נישט אַהערקומען. און דער אָוונט וועט אָנקומען, און זי וועט שוין וויסן, אַז עס איז גאָרנישט, אַז ס׳רוקט זיך ווידער די וויסטע שטומע נאַכט און לייגט זיך ווי אַ שטיין אויפן האַרץ.

צוואָס לאָזסטו מיך דאָס זען?

דערנאָך וועט קומען די נאַכט אַזאַ לאַנגע, קאַלטע, פינס־טערע.

די טרערן פליסן.

אָ, שלוכץ־זשע נישט אַזוי נאָך מיר, ווײַן נישט!

כ׳מוז גײן.

כ׳הייב זיך אויף, כ׳גײ צו צו דײַן בעט — און חור איבער מיט די קאַלטע ליפּן:

— כ׳מוז.

און כ׳גײ, כ׳גײ דאָ אַזוי אַרום איבער די ליידיקע שטובן.

כ׳בין ארויס באַנאַכט אין זאַל — כ׳האָב נישט געקענט שלאָפן. כ׳בין געזעסן דאָרט אין דער גרויסער שטוב, וווּ קיינער וווינט נישט און וווּ קיינער וועט מיך נישט באַוויינען. די טיר האָט זיך שטיל געעפנט, עס איז אַרײַן דער פעטער אַקטאַוויאַן מיט אַ ליכט.

כ׳האָב געוואָלט אויפשטיין, אָבער ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיר לאַנג אין די אויגן געקוקט.

— שוין היינט?

— וואָס היינט? — האָב איך געפרעגט.

— צי ווילסטו שוין היינט גיין צו אים? אַליאַ.

— ער האָט דערציילט?

— ער האָט מיר נישט דערציילט. כ׳האָב געוווּסט און איך וויים. היינט שוין?

ער האָט זיך געזעצט לעבן מיר און מיך מיט זיין ווייסער האַנט איבערן אַקסל און איבער די האָר געגלעט.

— איך וועל דיך נישט אָפּהאַלטן. די מוטער דיינע — ער האָט צעשפּרייט די הענט — איך וועל דאָ זיין מיט איר. און דו, שרייב. דו ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס וואַרטן אויף אַ בריוו.

ס׳גייען דורך נעכט, די געדאנקען פליסטערן, דאָס האַרץ קערט זיך איבער, לאַנגזאַם, ווי אַ מעסער:

ווו איז ער?

און ס׳זאָגט די נאַכט:

אַלטער, דו ביסט איינער אַליין.

און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אַנטוויקלט זיך דער פאַרגיפטעסטער געדאַנק:

ווו איז ער, וואָס טוט זיך מיט אים?

און ס׳ענטפערט די קאַלטע נאַכט:

אַלטער, דו ביסט איינער אַליין.

דער זייגער פליסטערט אין ווינקל זיינע לידלעך:

אוי, איז זיך געווען אַ האַר,
אַ גליקלעכער האַר, אַ פריילעכער האַר,
אַ יונגע פרוי, אַ זון געהאַט...
ציט, ציט...
אַלטער, דאָס ווייב ווו איז?
ציט, ציט...
אַלטער, און ווו — דער זון?

און ווידער קלינגט די שוואַרצע נאַכט.

ביסט, אַלטער, גאָר אַליין.

ס׳גייט דורך אַ טאָג, און ס׳גיט אַ קלאַפּ אין האַרץ, בשעת עמעצער גייט דורך די שטוב:

אַ בריוו, און אפשר ער אַליין.

און ענדלעך קומט דער געגאַרטער בריוו. דו ווייסט נישט, ווי ס׳איז זיך מחיה דאָס איינזאַמע האַרץ. דו ווייסט נישט, ווי דאָס האַרץ פאַרגעסט דעמאָלס אָן אַלץ.

נישט געווען קיינמאָל קיין לאַנגע, וויסטע נעכט.

נישט געווען קיינמאָל דעם זייגערס שפּאָט.

די באַנאַכטיקע שטילקייט פאַרלייגט דיר די הענט אַרום האַלדז: מיין פאַטער...

דאָס האַרץ וויינט, ס'וויל לויפן, ס'ליידט, אָבער דאָס זענען לעבעדיקע, וואַרעמע יסורים.

שרייב, אַליאַ.

צו דיין מוטער שרייב און צו מיר.

פלוצלינג איז ער אויפגעשטאַנען

— אַליאַ, איך בעט דיך איצט, כ'רעד צו דיר ווי צו אַ מאַנס-ביל, ווי צו אַ שטאַרקן, צו אַן ערלעכן מענטש.

— טאָמער וועט מיכאַל... — ער האָט נישט געענדיקט. — טאָמער וועט מיכאַל... ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעריסן: — מען זוכט אים, טאָמער וועט מיט אים עפּעס געשען, טאָמער ווערט מקוים דאָס, וואָס די נאַכט זאָגט מיר..

דו שרייב מיר.

מיט קלאָרע קורצע ווערטער שרייב מיר.

דו גלייבסט? — האָט ער געזאָגט.

— אין וואָס, פעטער?

— אין דעם מוז אייערן.

כ'האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— כ'מוז, פעטער.

— גלייבסטו?

— כ'ווייס, אַז מ'דאַרף אַזוי.

דערנאָך האָט ער שוין גערעדט וועגן דער מוטער, וועגן דעם ווי ער וועט זיך פאַרנעמען מיט איר.

21 נאָוועמבער.

ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו.

און די לעצטע שעהן שוין.

כ'האָב פאַרמאַכט דעם בריוו, וועלכן כ'וועל פון וועג אַרויס-שיקן, אַזוי ווי איך וואָלט געוואָרפן דעם לעצטן הויפן ערד אויף אַ קבר.

דער פעטער אָקטאַוויאַן איז שוין דאָ געווען און ער וועט נאָך קומען, אים וועל איך אָוועקגעבן אָט די בלעטלעך.

ער האָט מיר אָוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף די קני און מיר געקושט די הענט — ער האָט גאָרנישט גערעדט, ער האָט נישט געוואָלט זאָגן, אַז פאַר מיכאַלן דאַנקט ער מיר...

— און אויב ער וועט דיך, אַליאַ, אומגליקלעך מאַכן...

כ'האָב מיך צעלאַכט.

— וועל איך זיין מיט אים, וועל איך זיין אַליין.

ער איז נאָכאַמאָל אויפגעשטאַנען, צוויי מאָל האָט ער גע-פּרוווט זאָגן.

פלוצלינג האָט ער געזאָגט:

— דו בעט אים, דו בעט אים, זאָל ער זיך היטן.

און נאָכאַמאָל האָט ער איינגעבויגן דעם קאָפּ און אויפגע-הויבן די אויגן, זיינע קלוגע אויגן: זיי האָבן איצט עפּעס געבעטן, ווי אויגן פון אַ קינד.

— טאָמער, טאָמער, אַליאַ, — האָט ער געזאָגט, שטאַמלענ-דיק... ווערט בא אייך געבוירן אַ קינד... מיר שיקט עס אַהער-הערסט, אַליאַ, מיר.

דיין מוטער וועל איך נישט זאָגן קיין זאַך, אַז כ'האָב געוווסט, זי וואָלט געהאַט צו מיר תביעות און וואָלט אַוועק,

אָבער דיך קען איך נישט אָפּהאַלטן: א מענטש מוז אַלץ טון אַליין.

און נאָך האָט ער געזאָגט:

— כ'האָב נישט קיין גאָט, וועלכער הערט אויס די תּפילות, און כ'האָב דיך נישט וועמען אָנצוטרויען, קינד מיינס. נישטאָ אַזאַ גאָט. דו גייסט איינע אַליין. אָבער איצט, ווען כ'וועל קלערן וועגן אים, וועל איך וויסן, דו ביסט דאָ, און וועגן דיר — ס'איז דאָ מיכאַל.

— כ'גיי און פאַרשייט דאָס קבר.
כ'וועל נישט וויינען — כ'וויל נישט.

האָט־זשע רחמנות אויף איר, האַרבסטיקעווינטן.
שיק איר דיין ברכה, ליכטיקע זון.

זאָגט איר, אַז אַלץ פאַרגייט, דאָס גראָז און די בלעטער — לערנט זי אויס דעם שטילן, גוטן אומעט. זאָל זי זיך נישט מיאש זיין וועגן מיר. זאָגט איר, אַז עס וועט צוריקקומען דער פרילינג. זאָל שלאָפן, זאָל טרוימען מיין אַלט אָרים קינד.

מיר וועלן זיך דאָך זען, מאַמע.

אַהער וועל איך שוין נישט צוריקקומען, און מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט זיין ווי ביז אַהער צוזאַמען: אָבער מיר וועלן זיך זען.

און איצט גיי איך שוין. די פערד וואַרטן באַם טויער.

וועגן דעם ווייסט נישט קיינער — נאָר דער אַלטער טיכאָן.

דער אַלטער טיכאָן, וואָס טרוימט:

אַרומגיין וועט נאָך אונדזער מיכאַלעק אין אַ גאָלד־געשמידטער קרוין.

איצט קוקט ער אויף מיר און ווישט די טרערן. היינט האָט ער מיר הייס געשטופּט אין די הענט אַריין אַ זעקעלע מיט געלט.

דער פעטער אָקטאַוויאַן האָט מיר שוין געגעבן איבער־געניוג.

כ'וואָלט געהאָלט איצט אַ קלערער טון וועגן עפּעס אַ פרייליכער זאַך, אָבער כ'קען נישט.

ס'פּליסט צו מיר פון יענער שטוב אַ שטיל געוויין,

ס'פּאַרטאַכט זיך שוין מיט אַ קלאַפּ די שווערע דעמבענע טיר.

דער נייער פרילינג

II

מיר האָבן אָפּגעוואַרט אָליען אויף איינער פון די סטאַציעס, וועלכע פירן קיין אָדעס, איך און וואָלטשאָק. אַזוי פלעגן מיר רופן וויעראַ קאָכאַנאָוויטש. געווען זענען זיי דריי שוועסטערן: אַלע איבערגעגעבן דער זאַך, אומפּאַרטרעטלעכע. מיר האָבן זיי ליב געהאַט פאַר דער נשמה-ליכטיקייט און פאַר דער גרויסער גוטמוטיקייט. אין זייער געזעלשאַפט האָט קיינער זיכער קיינמאָל נישט געפילט קיין מעגלעכקייט צו צווייפלען, קיינער פלעגט נישט באַמערקן קיין געפאַר. אַלץ פלעגט ווערן אומגעהייער פּשוט און נאַטירלעך.

די צוגן האָבן זיך דאָ געוועקסלט, און מיר האָבן געהאַט אַ אַ שעה צייט.

מיט האַרץ-קלאַפּעניש בין איך געשטאַנען, קוקנדיק אין די שויבן פון די פאַרבייפאָרנדיקע וואַגאָנען. וויעראַ האָט ביז אַהער געלאַכט פון מיר. איצט איז זי געשטאַנען ערנסט, קאָנצענטרירט. פאַר איר איז אָליאַ שוין געווען אַ חבר. צי וועט זי באַוויזן צו זיגן אין דעם קאַמף מיט זיך אַליין, מיט די מניעות? ענדלעך האָט מיר אין איינעם פון די וואַגאָנען אַ שימער געטון אָליעס פּנים. זי איז

געשטאַנען אין דער טיר, נישט קענענדיק עפענען. אין איין אויגנבליק בין איך געווען לעבן איר, און אַזוי האָט זי זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון: הינטער דער שויב פון אַן אָפּפאַרנדיקן וואַגאָן, מיט עפּעס אַ פאַרזאָרגטן אָדער צעשראָקענעם פּנים.

כ'האָב זי באַקענט מיט וויערען, און אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר שוין געזעסן אין וואַרטע-צימער, רעדנדיק אַלע צוזאַמען.

עפּעס יונגעס, עפּעס אַזויגס, וואָס ווערט בלויז איינמאָל געבוירן און גייט אַוועק אויף שטענדיק, איז געווען אין דער דאָזיקער רגע צווישן אונדז. מיר זענען געווען ווי שיכור, נישט נאָר מיר, נאָר אויך וויערא.

און אין אַזאַ שטימונג זענען מיר געפאָרן קיין אָדעס.

דאָס זענען געווען פּאָר אונדזערע קרייזלעך גליקלעכע, יונגע טעג: וועגן אַרעסטן האָט זיך קיין זאַך נישט געהערט. די טעג פלעגן אַוועקגיין אויף אומאויפהערלעכע הכנות. אַלע ווײַלע פלעגט זיך מעלדן עמעץ, וואָס האָט באַדאַרפט אַ פּאַס, ביכער, אַדרעסן אין דער שטאָט, וווּהין ער איז געפאָרן. ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז אין אונדזערע קרייזלעך זענען געווען עטלעכע יונגע, פאַרליבטע פּאָרן. די סכּנה, האָט אויסגעוויזן, איז ווײַט. ס'האָט אונדז דערפאַר געפרייט דער מינדסטער דערפאָלג. כ'געדענק, ווי ס'האָט אונדז גערירט ציפּריאַנאָוס דערציילונג. ער איז געגאַנגען אַלס זעגער פון דאָרף צו דאָרף, זוכנדיק אַרבעט, און זאַק האָט ער געהאַט איבער צען עקזעמפּלאַרן פון די בראָשורן, וועלכע מיר האָבן דאַמאָלס פאַרשפּרייט. צווישן זיי אויך די פון דער באַרימטער כיטרער מעכאַניק, אויפגעשריבן דורך קראַווטשינסקין. די בראָשור האָט פיגורירט אין אַלע דאַמאָלסטיקע פּראָצעסן.

ער האָט דערציילט, ווי ער האָט געגעכטיקט אין אַ דאָרף אין אַ שייער אויף היי מיט אַ קלוגן, יונגן פּאַראָבעק, שמועסנדיק וועגן פאַרשידענע זאַכן. און בשעת דאָס בחור'ל האָט דערפילט צו ציפּריאַנאָוון צוטרוי, האָט ער ענדלעך אַרויסגעשלעפּט פון עפּעס אַ זעקעלע, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן האַרץ אַ צעקנייטשטע, פאַרפלעקטע בראָשורקע: „און וואָס-זשע ברידערן“

— כ׳האָב נישט געקענט איינהאַלטן מיין שמחה, בשעת איך האָב זי דערזען. כ׳האָב אָנגעהויבן צו קושן און האַלדזן דעם פּאַראָבעק. און כ׳האָב אים צום סוף געבעטן, ער זאָל זיך מיט מיר בייטן מיט די בראָשורקעס. כ׳האָב אים צוגעגעבן אַ צולאָג די „כיטרע מעכאַניק". שטאַרק גערירט האָבן מיר זיך צוגעקוקט צום קליינעם ביכעלע, וואָס האָט שוין דערפילט זיין שליחות. עס האָט אונדז אויסגעוויזן געהייליקט צוליב דעם צוזאַמענקום מיט דעם געהיימנישפולן הארץ פון פאָלק. די ווערטער דערפון פלעגן אונדז פאָרקומען טיפער, מעכטיקער, זינט מיר האָבן געוווסט, אַז ס׳האָבן גערוט דערויף די קינדישע, צוטרויונגספולע בליקן פון דער צוקונפט, אַז זיי זענען אַריין אין הארץ און אין זכרון צו איינעם פון די, פאַר וועלכע זיי זענען באַשטימט געווען. זיי האָבן שוין געלעבט מחוץ אונדז. זיי גראָבן זיך שוין זייערע אייגענע וועגן, ווי אַ שטילער שטראָם צעגייען זיי זיך אונטערן שניי.

ציפּריאַנאָוו אַליין איז אויסגעוואַקסן אין אונדזערע אויגן.

מיר האָבן אים געליבט אַזוי, ווי דער שטאַב פון אַ צעשטערטער שיף ליבט דעם מאַטראָס, וועלכער רופט אויס דער ערשטער: „ערד". דער פאַרגלייך איז נישט טרעפלעך. מיר האָבן נאָך נישט געפילט קיין שטורעמס איבער זיך. דאָס רוב פון אונדז זענען נאָך געווען נאָוואָבראַנצעס, וואָס טרוימען ערשט וועגן וווּנדן.

איך בין געווען אַ ביסל פרעמד אין דעם דאָזיקן קרייז. עס איז געפאַלן אויף מיר דער שאָטן פון יענע, וועלכע זענען שוין אומגעקומען. ערשטנס האָט מיך מער ווי די עלטער — אויסגעטיילט דאָס, וואָס כ׳בין געשטאַנען בשעת דער קאָמונע אויפן הייליקן פאַריזער ברוק. די יוגנט פלעגט זאָגן, אַז זי וועט איבערנעמען די אויפזיכט אינם טאָג פון דעם גאַסן-קאַמף, אָבער וועגן דעם דאָזיקן קאַמף פלעגט מען זעלטן רעדן. אויף די געדאַנקען איז קודם-כל געלעגן די לאַסט פון דאָרף. דאָרט האָט געזאָלט פאָרקומען די גרויסע אומוואַנדלונג. דער שטראַל פון באַוווּסטזיין וועט צעטרייבן דעם נעפל. דער פונק פון בונט וועט זיך צעפלאַמען און צעפלאַקערן אין אַ געפיל פון מענטשלעכער זעלבסטווירדע בײַ די מיליאָניקע מאַסן אין הארץ און פאַר די אויגן פון דער

פאַרבלענדטער וועלט וועט זיך אוועקשטעלן די מויער פון אַ נייער געזעלשאַפט: די רוסישע קהלה. אונטער דער שנייִקער גרויזאַמער און טויטער הויט פון דער רוסישערווירקלעכקייט האָט געוואַרט אויף אונדז דאָס פּאַרטיקע נייע ירושלים פון אַרבעט און פריי־הייט. — מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניק, מער אָדער ווייניקער סיסטעמאַטיש האָבן מיר דאַמאָלס געגלייבט אין דעם אַלע. די וועלט, אַן אַמטלעכע, אָפיציעלע, די גאַנצע אַרומיקע וועלט פון דער איצטיקער אָרדענונג האָט זיך געשטיצט בלויז אויף דעם אומבאַ־וווסטזיין, אויף דער פּאַסיוויטעט פון די מאַסן. אינם מאָמענט, ווען זיי וועלן פאַרשטיין, אַז זיי זענען אַלץ און זיי וועלן האָבן דעם מוט אויף זיך אַליין זיך צו שטיצן, וועט דען נישט צעשטערט ווערן אינגאַנצן אָט די אויסערלעך אַזוי דויערהאַפטע און זיכערע וועלט?

ציפּריאַנאָוו האָט מאָדערניזירט דעם מיף וועגן פּאָליפעם.

פּאָליפעם פלעגט לכתחילה שטאָפּן זיינע געסט, כדי זיי דער־נאָך אויפצופרעסן. דערנאָך האָט מען אים אָפּגעלערנט פון אַנטראָ־פּאָפאַגיע, אָבער די מידה צו שטאָפּן אַנדערע איז פאַרבליבן. דער־נאָך האָט ער אונדז פריילעך געמאַכט מיט שטשעדרינס מעשה וועגן צוויי גענערעלער, וועלכע האָבן געמוזט אויף אַ וויסט אינדזל, נישט געפינענדיק קיין פּויערים, אויסגיין פאַר הונגער.

וווּנדערלעכע און אויסערגעוויינטלעכע צייטן זענען עס גע־ווען.

אין טויזנטער האָט מען דאַמאָלס געקענט ציילן די יוגנט, וועלכע פלעגט פאַרלאָזן די היים, די פאַמיליע, און פלעגט גיין צו די מאַסן אַרבעטן מיט זיי, צונויפגיסן זיך מיט זיי, כדי צו ווערן זייער געדאַנק, זייער געוויסן, זייער ווילן. פאַר די אויגן שווימען דורך די טייערע געשטאַלטן פון יענע, וואָס זענען אומגעקומען אויף די עטאַפּן, משוגע געוואָרן בשעת די יאָרן פון איינזאַמקייט אין די תפיסה־קאַמערן, אומגעקומען אויף דער תליה אָדער אויף קאַטאָרגע. צו יענער צייט האָבן זיי עס טאַקע, דער מוטיקער העלדישער עולם, געשאַפן יענע פריילינגס־אַטמאָספערע, אין וועלכער ס'זענען צעגאַנגען די הערצער, די מוחות זענען געוואַקסן און ריזיק

געוואָרן. די נשמות זענען געווען דורכזיכטיק, ס'איז נישט געווען קיין חילוק צווישן וואָרט און טאַט. אין די יוגנט-קרייזן האָט זיך בעשאַפן אזא אָנגעשטרענגטקייט, אַז א פאַרענדערטער פלעגט ארויס-גיין יעדער, ווער ס'פלעגט זיך מיט דעם שטראָם צונויפשטויסן. נאָך דעם שרעקלעכן בילד פון אָפּגעברענטן פּאַריז, וועלכער איז פאַר זיין העלדישקייט געוואָרן רויב באַ דער חיהשקייט, וואָס רופט זיך געזעץ, באַ דער פאַרווילדעוועטקייט, וואָס שימערט מיט קולטור, נאָכן בילד פון דער שטאָט, אין וועלכער שולערס, לאַרעטקעס, גלחים און סאָלדאַטן האָבן טריומפירט איבער די צעבלוטיקטע קערפּערס פון יענע, וועלכע זענען געפאַלן אין דער פאָדערוואַך פון דער מענטשהייט, נאָכן שרעקלעכן קאָשמאַר פון הייליקן מאַרטען האָט מיר אויסגעזען דאָס אַלץ, וואָס כ'האָב אַלע טאָג געזען, ווי אָ וואונדערלעכער ווידערגעבורט און אויפבליונג. דאָ פלעגט מען נישט נתפּעל ווערן פון קיין שום אַדל. איבעריקנס, וואָס האָט גע-קענט פאַרבינדן די דאָזיקע מענטשן?

פאַרמעגן? קאַריערע?

זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אפילו פונם געדאַנק וועגן דעם.

פערזענלעך גליק?

זיי פלעגן עס זען און געפינען אין דעם טאָקע, אין וואָס דער דורכשניטלעכער געזונטער קליינבירגערלעכער פאַרשטאַנד האָט געזען נזירות, צעטרעטונג פון יעדן עגאָיזם. בכדי צו פאַרשטיין די דאָזיקע וועלט, דאַרף מען זיין פעיק זיך צו באַפרייען פון דעם, מיט וועלכן דאָס לעבן פאַרבינדט און וואַרפט אונטער דער מאַכט פון זאַכן. מענטשן האָבן זיך עד היום נישט אויסגעלערנט צו הערשן איבער זאַכן, נישט ווערנדיק זייערע שקלאַפן.

זאַכן האָבן געהאַט אין אונדזער וועלט אָ קליינעם ווערט. די זאַכן, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן פאַר באַדייטונגספול האָבן מחוץ אונדזער וועלט די באַדייטונג נישט געהאַט. דאָס זענען גע-ווען בראָשורן, פלוג-בלעטלעך, פאַרבאָטענע ליטעראַטור. דאָס פלעגט ווערן דאָס אייגנטום פון דער אידעע. דער לעבנס-שטייגער פלעגט ווערן אַן אמת ספאַרטאַנישער.

ווינטער איז געווען די צייט פון הכנות, אין פרילינג האָט

זיך געזאָלט אָנהייבן די גרויסע באַוועגונג. מיט אײַלעניש און ענער־גיע האָט מען זיך געגרייט אין וועג אַרײַן, מ'האָט געזאַמלט ידיעות איבער די דערפֿער און אומגעגנטן, מ'האָט זיך געלערנט מלאכות. די אויסגעצייכנט־אָרגאַניזירטע קאָמוניקאַציע פֿלעגט אונדז צושטעלן אַלע וואָך ממש טראַנספּאָרטן ליטעראַטור: בראָשורן, צייטשריפֿטן, טעגלעכע צייטונגען.

די קרייזלעך האָבן זיך געפֿונען אין פֿאַרבינדונג, און אויפֿן בייטראַלן באַדן פֿלעגן פֿאָרקומען נישט איינמאָל האַרטנעקיקע וכּוחים, דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך געצויגן ביזן פֿרימאָרגן. ציפּ־ריאַנאָוו און מיכעלסאָן זענען געווען די העכלעכסטע רעדנער מצד די „בונטאַרי", ווי מ'האָט אונדז גערופֿן. קאַלינאַווסקי, פּיעטראָווסקי און דיעדאָוו זענען געווען רעדלפֿירער אינם לאַגער פֿון די לאָוו־ריסטן, וועלכע מ'האָט אויך גערופֿן פּראָפּאַגאַנדיסטן.

היינט האָבן זיך אין מײַן זכּרון פֿאַרווישט די דאָזיקע שטע־רונגען. דער מוח געדענקט אונטערשידן און קען דורכפֿירן אָפּגרע־נעצונגס־ליניען, ס'דרינגט שוין אָבער נישט אַרײַן אין אים דאָס וואַ־רעמע בלוט פֿון איבערלעבענישן.

איך געדענק, ווי ס'האָבן געווירקט די דאָזיקע וכּוחים אויף אָליען, ווי ס'פֿלעגן זיך ברייט עפֿענען און פֿינקלען אירע אויגן, ווי ס'פֿלעגט זיך ענדערן און בלאַס ווערן איר פּנים.

אין משך פֿון עטלעכע טעג איז זי אַרײַנגעוואַקסן אין אונ־דזער וועלט און האָט זיך דערנענטערט צו איר, אין משך פֿון עטלעכע טעג האָט זי זיך אויסגעלערנט לעבן מיטן געדאַנק אונטער דער פֿאַרגליווערטער, פֿאַרקילטער קאָרע פֿון דער גע־שיכטע.

מיר האָבן געוווינט אין צוויי רייבע צימערן מיט אַן אויס־קוק אויפֿן ים.

ציפּריאַנאָוו האָט אַרויסגערופֿן בײַ אַלעמען גרויס פֿאַרוווּנ־דערונג, שאַפֿנדיק העכער צען בלומען־טעפּ. מיט אַ הויכן שטערן, גרויע, און אומעטיקע אויגן און מיט זײַן נישט רעגלמעסיקן פּנים, האָט ער אויסגעזען אמת שיין, אַ דאַנק דעם געדאַנקען־פֿייער, וואָס האָט שטענדיק געגליט אין אים. ס'איז נישט געווען קיין איין מאָ־

מענט, אין וועלכן זיינע געדאַנקען זאָלן אויפהערן צו אַרבעטן. פון זיין נסיעה, וועגן וועלכער כ׳האָב שוין דערמאַנט, האָט ער געבראַכט אַ חוץ דעם נייעם, אויסגענוצטן ביכל, וואָס מיר האָבן אָנגערופן נחס צוויג, אייניקע באַמערקונגען און געאָלאָגישע באַהויפּטונגען אויף אַ געוויסן מין פון אַן אייגענער באַקענונגס-טעאָריע. ער האָט געדענקט אויפן קול, און ער האָט נישט צוגעשריבן קיין שום באַדייטונג דעם, וואָס ס׳קומט פאָר מיט זיינע געדאַנקען. עפּעס אַ באַקאַנטער זיינער, אַ פּריוואַט-דאָצענט, האָט אויסגענוצט די באָאָבאַכטונגען און אָנשווינגען אין זייגער אַן אַרבעט. ציפּריאַנאָוו האָט, בשעת מיר האָבן עס אים געזאָגט, נאָר געלאַכט. ער איז געווען איבערגעצייגט, אַז די גרויסע צאָל געדרוקט פּאַפּיר, וואָס קלעמט אונדז היינט צו, וועט פאַרשווינדן אין דער וועלט, אין וועלכער דער געדאַנק וועט אויפהערן צו זיין אַן אויסגענוצטע פּריווילעגיע. דאָס לעבעדיקע אומגעשטערטע וואָרט וועט פאַרטרעטן אין אַ סך פאַלן דאָס דרוקן, וואָס איז היינט נישט אויף אַזוי פיל קיין מיטל צו פאַרשפּרייטן געדאַנקען, ווי גיכער צו פאַרזיכערן דאָס גייסטיקע אייגנטום.

מיר האָבן געהאַט עטלעכע מענטשן מיט אויסערגעוויינטלעכע וויסנשאַפטלעכע אָדער קינסטלערישע פעיקייטן אין אונדזערע קרייזן. און טאַקע, קוקנדיק אויף זיי, צוזעענדיק, ווי זיי פלעגן אָפּגעבן אָן אַ שום כוונה אָדער אָנשטעל דער וועלט דאָס, וואָס דער פּראָצעס פון אַלמענטשלעכן לעבן האָט אין זיי געשאַפן, פלעגט מען פאַרשטיין דעם גאַנצן אונטערשיד צווישן דער וועלטאַנשויונג, וואָס האָט געהערשט דאָ און וועלכע איז געווען אַלגעמיין אָנגענומען. די לעכערלעכקייט וואָלט דערהרגעט יעדן איינציקן, ווען ס׳וואָלט געקומען אויפן זין דער געדאַנק וועגן גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם. מ׳האָט געהאַלטן פון פּרודאָנס שטעלונג, אַ ז ש ע ב י איז אייגנטלעך אַן אַלגעמיין-מענטשלעכער צושטאַנד, און מ׳באַטראַכט אים פאַר אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך נאָר דערפאַר, ווייל בלויז אין זעלטענע באַדינגונגען דערהרגעט אים נישט די שול-דערציונג אָדער די לעבנס-דערציונג גופא. כ׳געדענק נאָך די פאַליייק, וועלכע ציפּריאַנאָוו האָט דורכגעפירט אויף דער דאָזיקער טעמע מיט אַ יונגן

זײַנעם ביאָלאָג, װעלכן ס׳האָט זיך דערנאָך באמת טאַקע, אײַנגעגעבן צו מאַכן, װי מ׳זאָגט, אַ גרױסע קאַריערע אין דער װעלט פֿון װיסנשאַפֿט.

געפֿינענדיק זיך צופֿעליק אױף אונדזערס אַן אָװנט, האָט דער נײַ־אױפֿגעקומענער געלערנטער מיט פֿאַראַכטונג אַ שמײכל געטון, דערהערנדיק אַ מײנונג, אַז עד היום איבערװעגט נאָך אין דער װיסנשאַפֿט אומגעענדערט די טײל פֿון באַגריפֿן, װעלכע ס׳האָבן דערװאָרבן די אַרבעטנדיקע מאַסן, יענע טײל, װעלכע ס׳האָבן שױן ממלא געװען די אָנשטרענגונגען פֿון די קולטורעלע שיכטן און פֿון אײנצעלנע געלערטע. און כ׳געדענק, װי אַליאַ האָט טריומפֿירט בײַ ציפּריאַנאָװס יעדן זיגערישן אַרגומענט.

— װאָס האָט, למשל, פֿאַר אַ שײַכות צו אַרבעט, צו פֿיזישער האַנט־אַרבעט ניוטאָנס געזעץ? — האָט אױסגעשריגן דער אױסגעבראַכטער פֿאָרשער.

— מײנט איר דען, גנעדיקער הער, אַז דער באַגריף פֿון רױם, דאָס באַמערקן דעם רױם, דער רױם גופֿא און די מאַטעמאַטישע צײַט האָבן זיך פֿון זיך אַלײן באַזעצט אין קאָפּ בײַ ניוטאָנען, בײַ זײַנע עלטערן, באַקאַנטע. אױב איר רעכנט אַזױ, האָט ער באמת טאַקע נישט װאָס צו פֿאַרדאַנקען דער אַרבעטס־װעלט, װײַל אױב אַזױ, איז אװדאי פֿון זיך אַלײן אַנטשטאַנען אין זײַן מוח דער באַגריף פֿון באַװעגונג.

און ציפּריאַנאָװ האָט געמאָלט אַ ברײט קולטור־בילד, װי אַזױ דער מענטש מוזנדיק פֿירן דעם שװערן קאַמף מיט דער נאַטור פֿלעגט, אַ דאַנק אַרבעט און בשותּפֿותדיקער אַרבעט, דערװערבן, באַשאַפֿן די דאָזיקע באַגריפֿן. מ׳האָט געזען, װי זײ פֿלעגן אױסגעװאַקסן פֿון אונטער זײַן האַנט.

— אױב מיר װעלן אַזױ טיף אַרײַנדרינגען — האָט געברומט דער געלערטער.

— און איר, גנעדיקער הער, װילט בעסער אַרײַנדרינגען פֿלאַכער. נו, יאָ, יאָ, אװדאי אַזױ, אױב אַזױ, שטאַמט די צײַט פֿון

א זייגער. אָבער דאָ וועט מען זיך אויך נישט באַגיין אָן א זייגער־מאַכער.

— על כּן, האַלט איר, מיט אַנדערע ווערטער גערעדט, אַז די וויסנשאַפט איז נישט נייטיק, אַז גענוג איז, אויב מ׳האָט האַלץ — אוודאי, אוודאי, מיינע הערן. די זעלבע מיינונג פאַרטרעט באַ אונדז דער הייליקסטער סינאָד.

— זייט אַזוי גוט, ליבינקער — האָט געזאָגט ציפּריאַנאָוו — דאָ אַזעלכע אַרגומענטן נישט צו באַנוצן. איך האָב קיין זאַך נישט געזאָגט וועגן דער וויסנשאַפט. כ׳האָב גערעדט וועגן די וויסנשאַפטס־פּאַראַזיטן, וועגן מענטשן, וועלכע לעבן דערפון, וואָס זיי שטעלן זייער קליינטשיקע גדלות צווישן פאָלק און דעם אמת.

— ווי זעט איר זיי?

— אומעטום. עס זענען נישטאָ קיין אַנדערע אין אייערע אוניווערסיטעטן און שולן. איין מענטשלעכער דור, דערצויגן אַזוי, אַז ער זאָל אין אמתן צוגעגלעך מאַכן און דערווערבן דאָס, וואָס די וויסנשאַפט האָט באַשטעטיקט, און די וועלט וואָלט היינט נישט געווען ענלעך צו דעם, וואָס זי איז.

— דאָס זעלבע זאָגן אויך מיר — האָט געזאָגט דער גע־לערטער.

— ניין, איר זאָגט דאָס נישט. איר זענט די אייביקע מניעה. איר וואַרפט זיך אויף דער וויסנשאַפט, ווי קראָען אויף האַלב־צע־פוילטע זאַכן.

נישט גוט פלעגט זיך פילן א „רוּיִקער" מענטש, וועלכער פלעגט אַריינקומען אין אונדזער וועלט.

— די אמונה דאַרף מען זען אויפצוהאַלטן באַם פאָלק, — האָט געזאָגט אונדזער אַ ליבעראַלער הער.

— פאַרוואָס איז עס אַזוי, חשובער הער — האָב איך געזאָגט מיט א קול, וואָס האָט געציטערט פון אויפגעבראַכטקייט.

— דאָס איז דאָך קלאָר — האָט געזאָגט דער גרויסאַרטי־

קער הער. — די אמונה טרייסט אין אַן עת צרה און האַלט אונטער די מאָראַלישקייט.

— און איך, ליבער הער, האָב פאַרקערט געמיינט, און איך מיין תמיד, אַז זי דעמאָראַליזירט.

— ס׳קען טרעפן — האָט געזאָגט דער הער נאָכגעבנדיק.

— ס׳האַנדלט זיך נישט וועגן איינצעלנע פאַל, ס׳האַנדלט זיך אין דעם, אַז יעדער טאָג, אין וועלכן ס׳עקזיסטירט די אַזוי גערופענע אמונה, איז זי אַ פאַקטאָר פון דער אומאויפהערלעכער פאָלקס־דעמאָראַליזאַציע.

— און ווי אַזוי איז דאָס, גנעדיקע פרוי? הייסט דען נישט זי אונדז אַלץ איבערטראָגן און זיך מקריב זיין?

— ס׳איז גאָרנישט קיין אַבסאָלוטע צניעות, נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. האָט איר אַמאָל געזען, למשל, אַן אַזוי גערופענעם פּאָדריאַדטשיק (אַן אונטערנעמער. — בזשאָז.) וועלכער נאַרט אָפּ זיינע אַרבעטער, האָט איר געזען, ווי ער דאַוונט? ער גלייבט דאָך אין אמת, אַז דאָס איז נישט קיין ענין צווישן אים און אַט די קבצנים, נאָר צווישן אים און גאָט.

— ווען נישט דאָס — האָט געזאָגט דער הער — וואָלט געווען ערגער.

— ניין, ס׳וואָלט געווען בעסער, אַבי ס׳וואָלט געווען קלאָר: מיר, צי ער?

— דאָס איז דאָך אָבער אַ בונט — האָט געזאָגט דער הער. — און איר ווילט דערמיט גיין צום פאָלק? שוינט די בשמה פון אונדזער פאָלק.

— מיר וועלן — האָב איך געזאָגט — אַרויסקערן פון דעם פאָלקס־לעבן דעם שמוץ און די נוס, און די זאַבאַבאָנעס מיט די בבא מעשות וועט עס שוין אַליין אַרויסוואַרפן.

דער הער האָט מיך אויפגעהערט צו גריסן אויף דער גאַס.

מיך פלעגט ייִנגער מאַכן אַליעס התפּעלות.

אין די אָוונטן האָבן מיר, קוקנדיק אויפֿן ים, געפֿירט מאָדנע געשפּרעכן.

— מיט יעדער מינוט שטאַרבן מיר דאָך — האָט אַליִא געזאָגט — און פֿון אונדז ווערט געבוירן דער מאָמענט, וועלכן מיר האָבן איבערגעלעבט. ער ווערט פֿאַרשווּנדן, גייט אוועק — און פֿאַרבלייבט ערגעץ מחוץ אונדז. פֿון די דאָזיקע מאָמענטן איז אויסגעוואַקסן דאָס, וואָס איז דאָ. פֿאַרוואָס זאָלן זיך מענטשן נישט אויסלערנען שטאַרבן באַוווּסטזיניק, פֿאַרלירן די דאָזיקע מאָמענטן אַזוי, אַז עס זאָל פֿון זיי אַרויסוואַקסן בלויז שיינקייט.

ציפּריאַנאָוו איז געווען אַ גרויסער גוטער פֿרייַנט פֿון אַליען. פֿאַר איר פֿלעגט ער מאַכן לוקסוסן, ער פֿלעגט איר ברענגען בלומען, אָן אמתע סענסאַציע האָט ער אָבער געמאַכט, קויפֿנדיק איר אַ שעכטעלע צוקערלעך.

— כ'האָב באַקומען געלט פֿאַר מיין געאָלאָגיע — האָט ער געזאָגט.

בײַ אונדז פֿלעגט מען זיך צונויפֿקלייבן אָפֿטער פֿאַר אַלץ אין די פֿרייע אָוונטן. וויפֿל געשטאַלטן ס'זענען דאָס דורכגעגאַנגען דורך די צוויי צימערלעך. צוליב מיין ברוינלעכן פּנים פֿלעגט מען מיך רופֿן שייך, שייך און די ווייסע בת מלכּה, אָדער אָטעלאָ און דעזדעמאָנאַ פֿלעגט מען רופֿן אונדזער שטוב.

און אויף אַזאַ מין אָוונט האָט טאַקע געטראָפֿן איינמאָל דער פּעטער פֿלאָריאַן.

די מומע עמיליע האָט אים אומפּאַרזיכטיקערהייט געזאָגט דעם אַדרעס. ער ווידער האָט באַשלאָסן צו דערפֿילן זיין נאַציאָנאַלע און פֿאַמיליען־שליחות.

טרעפֿנדיק די געזעלשאַפֿט, האָט ער באַשלאָסן זי פֿאַרבלענדן מיט זיין וועלטלעכקייט.

קיינער האָט אָבער אויף אים נישט געלייגט קיין אכט.

ציפריאַנאָוו האָט נאָך אַ קורצער הפסקה ווייטער געמאַכט זיינע אויספּירונגען אויף איינער פון זיינע באַליבטע טעמעס.

דער פעטער איז געזעסן ווי אויף צעגליטע קוילן.

צום סוף האָט ער זיך געווענדט צו אַליען מיט דער פראַגע, ווען ער קען זיך מיט איר זען, אַז ער זאָל איר נישט שטערן.

ציפּריאַנאָוו, וואָלטשאַק, זשוק און ליזאַ האָבן זיך געוואָלט אָפּטראָגן.

— גייט אַרויס אין צווייטן צימער — האָב איך געבעטן, דאָ קענען נישט זיין קיין שום סעקרעטן.

— איך האָב געוואָלט רעדן מיט אַליען — האָט געזאָגט דער פעטער.

— מיר האָבן נישט קיין סודות איינער פאַרן אַנדערן — האָט אַליאַ געענטפערט.

— באַווייליק צו פאַרשטיין, אַז איך קען יאָ האָבן.

— אויב אַזוי — האָט געזאָגט אַליאַ — מוז איך מיך אָפּזאָגן זיי צו וויסן.

— גוט, גוט — האָט געזאָגט דער פעטער — ווען דו וואָלסט דיך אַפילו באַדאַרפט דערוויסן וועגן דעם, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער מוטער, וועלכע האַלט בײַ שטאַרבן.

דאָס איז געווען אַ ליגנט. מיט צוויי טעג פריִער האָבן מיר געהאַט בריוו פון דערהיים. איך האָב גענומען ציטערן פאַר כּעס. אַליאַ איז בלאַס געוואָרן.

— ליבער פעטערקע, — האָב איך געזאָגט, — איר האָט דאָס גליק צו זיין מיין פאָטערס אַ ברודער; אַן עלטערער מענטש — דעריבער וועל איך נישט אָנרופן בײַם נאָמען דאָס, וואָס דער פעטער האָט נאָר וואָס געטון.

— דאָס גייט מיך ווייניק אָן, — האָט געזאָגט דער אַלטער הער מיט שנאה אין קול. — מייַנונגען פון אַ מענטש, וועלכער

פאַרפירט באַ זיין אייגענעם טאַטן אין שטוב אַן אָרימע קרובה.

דאָס איז שוין געווען צו פיל.

— שטילער — האָב איך געזאָגט — מער קיין וואָרט נישט, ווייל איך בין נישט ערוב פאַר מיר.

דער פעטער איז אַרויסגעגאַנגען, קאַליע געמאַכט אונדז דעם אָוונט, און אַרויסקומענדיק, אוודאי געמוזט אָנרעדן ליגנס מיט רכילות, ווייל אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען די מומע עמיליע.

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע סצענע.

די מומע האָט געהאַלטן אין איין ציטערן און חלשן.

אַן ערך אין אַ שעה אַרום האָט זי זיך דאָך באַרויקט און מען האָט געקענט מיט איר רעדן.

צוויי פּונקטן זענען געווען, וועגן וועלכע עס האָט זיך באַזונדערס געהאַנדלט. דאָס זענען געווען: אונדזער צוזאַמענלעבן אָן אַ חתונה און אונדזער „גלויבן".

עס האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן זי צו באַרויקן, אָבער זי האָט זיך אויסגעלערנט אונדז פאַרשטיין.

— וואָס האָט איר אַזוינס בדעה צו טון? — האָט זי געפרעגט באַ דער טאָכטער.

אַז זי האָט זיך דערוווסט, אַז אָליאַ וועט מסתמא פאָרן מיט וויערען, כדי צו אַרבעטן אין טולע אין אַ פאַבריק, האָט זי פאַרביסן די ליפּן.

— צוואָס איז דאָס? — האָט זי געזאָגט.

— כדי נישט צו גנבענען — האָט אָליאַ אָפּגעענטפערט קורץ.

אַמלייכטסטן האָט זיך אָבער געקענט פאַרשטענדיקן מיט דער מומען וויעראַ. הײַנטיק זיך באַקענט מיט איר באַ אונדז צופעליק, האָט זי זי באַרויקט אַזוי, אַז די מומע האָט גענומען רעדן וועגן אונדזערע פּלעגער מיט אַ געוויסן דרך-ארץ. זי איז אַוועקגעפאָרן

יעדנפֿאַלס באַדייטנד באַרויִקט, און אַליעס שטימונג איז געוואָרן פֿון יענער צייט אָן פֿיל ליכטיקער.

דער פֿרילינג האָט זיך דערנענטערט, און מיר האָבן זיך גענומען ביסלעכווייז פֿונאַנדערפּאָרן.

די ערשטע איז געפֿאָרן ליזאַ, וועלכע מען האָט אַרויסגערופֿן לויט דער ריי אויף השגחה אין דער אַזוי גערופֿענער אַדמיניסטראַציע. דאָס איז געווען אַ מין צענטראַל־ביוראָ, וואָס פֿלעגט פֿאַרלייכטערן די קאָרעספּאָנדענץ, פֿונאַנדערשיקן מענטשן אין די קאָלאָניעס, ווו עס איז געווען אַ מאַנגל אין זיי.

ציפּריאַנאָוו האָט זיך מיט אונדז אויך געשיידט און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. זשוק האָט געקויפֿט אַ באַוועגלעכן וואַרשטאַט צו שלייפֿן קאָסעס און סערפּן און ער האָט זיך געלאָזט פֿאָרן איבער די דערפֿער און כוטאָרן. ער איז געווען שווייגעוודיק אין אונדזער קרייז און פֿלעגט ערשט נעמען רעדן בײַ דעם פּראָסטן פֿאָלק. דאָ פֿלעגט ער שיטן מיט וויצן און חכמות, דערבײַ תּמיד מיט אַ גלענצנדיקן צוגעפּאַסטן דיאַלעקט.

ער האָט דערציילט, ווי ער האָט אַמאָל אינפֿאָרמירט אַ פּאָליציי־באַאַמטן, וועלכער האָט באַקומען אַ באַפֿעל צו אַרעסטירן דעם געפֿערלעכן אונטערהעצער, וואָס דרייט זיך אַרום אין זיין קרייז צווישן די פּויערים, דעם גראַף לאַנסקי (אַזוי איז געווען זשוקס אמתע פֿאַמיליע). זשוק איז געווען פֿאַרנומען, בעת עס איז אָנגעקומען דער דאָזיקער באַפֿעל, מיט אַריינשטעלן שויבן בײַם פּריסטאַוו גופֿא אין שטוב — און דער פּריסטאַוו האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט אים וועגן די פֿאַרדעכטיקע מענטשן, וועלכע דרייען זיך אַרום אין גאַס.

זשוק האָט אָנגעשטרענגט דעם קאָפּ.

ער פֿלעגט אָבער מאַכן אַזעלכע פֿאַנטאַסטישע השערות און אויספֿירונגען, אַז דער פּריסטאַוו האָט אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט, אַז אויפֿן סמך פֿון די ידיעות, וועלכע ער האָט געזאַמלט, געפֿינט זיך שוין יעצט דער גראַף לאַנסקאָי אין איינער פֿון די הויפּט־שטעט.

זין זיין קרייז ווידער זענען אַ חוץ דריי אַקטיאָרן קיין שום פּאַר־יעכטיקע פּאַרשוינען נישטאָ. פון דעם זיין באַם פּריסטאַוו האָט זשוק געבראַכט איבער צען אויסגעצייכנטע פּאַס־בלאַנקעטן און אַ סך אַנדערע בלאַנקעטן, אויף וועלכע אַנדערע רעגירונגס־אָרגאַנען פירן זייער קאָרעספּאָנדענץ. אַזעלכע מיני דערווערבונגען פלעגט מען אַוועקגעבן אין רשות פון דער אַדמיניסטראַציע, צו וועמענס פליכטן עס האָט אויך געהערט די פאַבריצירונג פון „שטיוול", ווי מיר פלעגן אָנרופן פּעסער און אַנדערע לעגיטימאַציע־פּאַפּירן.

אַליאַ האָט געזאָלט, ווי איך האָב שוין דערמאַנט, פאָרן קיין טולע. מיך ווידער האָט די אַדמיניסטראַציע באַאויפטראָגט צו מאַכן אַ מין טורנע איבער אונדזערע גרופּעס און קאָלאָניעס. אין מיינע פעיִקייטן זיך איינצולעבן מיט די פאָלקסמאַסן האָט מען געצווייפלט, דערפאַר אָבער פלעגט מען דערציילן לעגענדן וועגן מיין רעוואָלוציאָנערער אַנטשלאָסנקייט. איבעריקנס, האָב איך שוין געהערט אין אַ געוויסער מאָס צו דער קאַטעגאָריע פון זקנים, מיט וועלכע קאָנקורירנדיקע פּאַרטייען האָבן ליב איינע דער צווייטער צו אימפּאָנירן. די פּראָפּאַגאַנדיסטן זענען מיך חושד געווען אין יאַקאָביניזם און עס איז אַרומגעגאַנגען אַ בילבול, אַז עס האָט מיך אַרויסגעשיקט קיין רוסלאַנד Blanqui אַליין, וועלכן איך האָב געהערט סך הכל בעת זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פאַר זיין אַרעסט אין פּאַריז. בכלל האָט בנוגע פּראָגראַמען און לאָזונגען געהערשט אין יענער צייט אַ גרויסע אומקלאָרקייט. אַ טעות וואָלט געהאַט יענער, וואָס וואָלט געמיינט, אַז מיינע פונקציעס האָבן געהאַט אַ כאַראַקטער פון אַ רעוויזיע. איך בין גיכער געווען אַ מין וואַנדערנדיקער, לעבעדיקער בריוו־קאַסטן. באַ דעם כאַראַקטער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, באַ איר איינאָרדנונג האָט מיין ראָל ממש נישט געקענט אַנדערש געמאָלט זיין. בכלל קען איך זאָגן, אַז די וועלט פון פאַרנונפטיקע בשר־ודמס איז לחלוטין אומפעיִק צו פאַרשטיין עפּעס פון די פאַרהעלטענישן, וועלכע עס הערשן אין קרייזן פון אמת אויפריכטיקע רעוואָלוציאָנערן.

מיר האָבן זיך צעשיידט מיט אָליען ווי ווייט מעגלעך רויק. אָליען פֿלעגט דורכנעמען מיט אמתער פֿרייד דער געדאַנק, אַז עס הייבט זיך אָן פֿאַר איר אָט דאָס אמתע, פֿון אַלע מעשיות פֿאַנטאַסטישערע לעבן.

אין איר דאַמאָלסטיקער שטימונג איז געווען אַן עלעמענט פֿון יענעם געזונטן עגאָיזם, וועלכן מיר באַגעגענען בײַ אַ געלערנטן, וועלכער גיט זיך אָפּ זײַן אַרבעט, בײַ אַ קינסטלער, בעת ער שאַפֿט, בײַ אַ מיידל פֿון דער היכער וועלט, וואָס פֿאָרט אויף אַ באַל. אָליאַ האָט פּשוט נישט געהאַט קיין צייט און קיין פּסיכישע מעגלעכקייט צו דערפֿילן אונדזער צעשיידונג פֿונם שטאַנדפּונקט, וואָס דאָס איז פֿאַר מיר געווען. און איך האָב זייער געליטן און איך האָב זיך געשעמט דערמיט. צוליב דעם בין איך געווען אין יענע צייטן שטרענג אין מײַנע באַציונגען צו מענטשן. אָליאַ האָט געזען דערין דעם שטרענגן יראת-הכּבֿוד לגבי די פֿליכטן, און זי פֿלעגט זיך אַליין פֿאַרוואַרפֿן, אַז זי פֿאָרט מיט שׂמחה, ווי אַ קינד, וואָס לעכצט נאָך אַ שפּיל. די גוטע וואָלטשאַק האָט אָבער אַלץ געזען מיט אירע קלוגע אויגן, און זי האָט געמאַכט פֿלענער, אַז זי וועט מיך אַראָפּברענגען אין דער טולער גרופּע, אויב מען וועט נאָר ערגעץ אַנדערש נישט דאַרפֿן קיין מענטשן. מיר האָבן זיך צעשיידט יעדנפֿאַלס אויף נישט לאַנג: אין צוויי אָדער דריי חדשים אַרום האָב איך געזאָלט זײַן אין טולע דורכפֿאָרנדיק.

בשעת כ׳טראַכט וועגן דער דאָזיקער תּקופֿה און וועגן דעם, וואָס ס׳האָט באַלד נאָך דעם געדויערט עפּעס אַ געוויסע צייט, קען איך מיך אַלץ נישט באַפֿרייען פֿונם אײַנדרוק פֿון דער פֿרילינג-דערוואַכונג אין דער נאַטור, פֿון קנאָספּן-אויפֿשפּראָצונג, פֿון זילבערנעם שמועס פֿון די טײַכלעך.

אומעטום פֿלעגט מען באַגעגענען יונגע, ליכטיקע און גליקלעכע פּנימער.

אַזוי איז עס. אין ערגעץ האָב איך פֿאַרדעם און נאָכדעם

גישט געזען אזוי פיל אזוינע טיף-אמתדיק גליקלעכע מענטשן.
איבער אונדזערע קעפּ האָבן זיך אָבער געקליבן וואָלקנס, ס'האָבן געשוועבט רויב-פייגל. אַלץ אָפטער פלעגן אָנקומען ידיעות וועגן ארעסטן.

דער צאַרישער פאַנג

III

שפּעטער װי כ'האָב גערעכנט, ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום בין איך געװען אין טולע. אַז כ'בין צוגעפאָרן לױטן אָנגעװיזענעם אַדרעס, האָט מיר געעפנט די טיר אַ יונגע פרױ אין אַ בירגערלעכן רוסישן קאָסטיום — כ'האָב אַ געשריי געטון: דאָס איז געװען אַליאַ. זי האָט זיך אַנטװיקלט און זיך צעװאַקסן: איר פּנים איז געװען אָפּגעעבערעגט, די אויגן האָבן געקוקט מיט אַ װוּנדערלעכער רו. זי איז רויט געװאָרן פאַר שמחה, און מיטן אויסגעשריי: מיכאַל! האָט זי מיר אַ קלאַפּ געטון לײַכט אין די ליפּן. זי האָט דאָ געװוינט מיט װיערען, לעבן זיי האָט געװוינט כאַזאַנאָװ, װעלכער האָט געאַרבעט אין טולע אַלס שלאָסער. אין אָװנט בין איך נשתומם געװאָרן, הערנדיק, װי אַליאַ רעדט מיט די אַרבעטער, װאָס פלעגן זיך דאָ זאַלבעטלעכע פאַרזאַמלען. נישט בלויז דער אַקצענט, נאָר די ערנסטקייט און טיפקייט, די רו און צוגענגלעכקייט פונם פאַרטראָגן האָבן מיך דערשטוינט. זי האָט דאַכט זיך באַמערקט מײַן דערשטוינונג, און איר פאַרטראָג פלעגט

ווערן וואָס אַמאָל פּליסיקער, ער פּלעגט אַלץ מער זיך באַרייכערן מיט גלענצנדע ביישפּילן.

מיר זענען פאַרבליבן אַליין.

וויערא איז אוועק ערגעץ, און כאַזאַנאָוו האָט געמייסטרע־וועט אין אַנטקעגנדיקן צימער. כ'האָב שטענדיק געהאַט אַ פיין געהער, פּלוצלינג האָב איך דערהערט אונטער די פענסטער שווע־רע טריט און ווי אַ געקלימפּער פון שפּאָרן. כ'האָב אַנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער אין קעשענע און אויסגעשריגן:

— כאַזאַנאָוו, פאַרלעש דאָס פייער, מ'גייט.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך פאַרלאָשן דאָס פייער און כאַזאַנאָוו האָט געזאָגט: — אַנטלויפט!

מ'האָט דערהערט אַ מוראדיק קלאַפּן אין דער טיר. די טיר איז געווען אַרויס אויף דער גאַס און האָט געפירט אין כאַזאַנאָווס צימער אַריין. פון אונדזער צימער איז דער אַרויסגאַנג געווען אין קיך אַריין. כאַזאַנאָוו האָט עפּעס געברומט, כ'האָב פאַרמאַכט אונ־דזער טיר אויף אַ קייטעלע, כ'האָב אַרויסגעשעפּטשעט צו אַליען: גאָך מיר! און מיר זענען אַרויס אין דער קיך אַריין. כ'האָב גע־עפנט דאָס פענסטער, און אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך מיך גע־פונען אויף אַ פינסטערן הויף. מ'האָט קיין צייט נישט געהאַט אויף אָפּשלעפּן, כ'בין צוגעלאָפן צו עפּעס אַ פּלויט, כ'האָב אַריבערגע־שטעלט איבער אים אַליען, אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך מיך גע־פונען אין עפּעס אַ גאָרטן.

אין די פענסטער פון דער וווינונג, וואָס מיר האָבן פאַר־לאָזט, האָט זיך באַוויזן פייער.

מיר האָבן זיך אַלץ אַנגעשטויסן אויף עפּעס בײַמער, זייערע צווייגן האָבן אונדז געקאַליעטשעט, ס'איז געווען פולשטענדיק פינ־סטער. כ'האָב געקלערט נאָר וועגן דעם, וואָס מער צו דערווייטערן זיך פון דעם הויז און איבערצולאָזן צווישן זיך און די פאַרפאַל־גער וואָס מער פּלויטן און גערטנער. ענדלעך האָבן מיר זיך גע־פונען אויף אַ גאַס, ווו ס'איז געווען אַ צערקווע. דאָ וואָלט געווען צום בעסטן זיך אַרײַנצוכאַפּן צווישן דעם שפּאַצירנדיקן עולם, אונ־דזער באַוויזן זיך אויפן טראָטואַר פון הינטערן פּלויט אָפּער האָט

געקענט אַרויסרופֿן פֿאַרווונדערונג. מיר האָבן זיך דאָך אַנטשלאָסן איך בין אַריבערגעשפּרונגען דער ערשטער און האָב דערלאַנגט אַליען די האַנט. אין אונדזערע קליידער האָבן מיר נישט צוגע־צויגן קיין איבעריקע אויפֿמערקזאַמקייט, און כ׳האָב בלויז געהערט עטלעכע ווערטער ייִדיש. וואָס מיר האָבן געקענט זוכן אין גאָרטן. מיר זענען נאָך נישט אַריבער עטלעכע טריט, ווי כ׳האָב דערהערט הינטער זיך דעם אָפּגעהאַקטן אָטעם פֿון דער פֿאַרפֿאָלגונג. כ׳בין גרייט געווען זיך צו פֿאַרטיידיקן און כ׳האָב שוין געהאַט אָנגע־גרייט דעם רעוואָלווער. ס׳איז צוגעלאָפֿן צו אונדז אַ מאַנס־פּערשוין, וועלכער האָט געזאָגט מיט ציפּריאַנאָווס שטימע:

— מישוק, מ׳יאָגט דיך נאָך פֿון מאָסקווע אָן; אומעטום אַרעסטירט מען.

— כ׳ווייס וועגן דעם — האָב איך געענטפֿערט.

— און וואָלטשאָק? — האָט ציפּריאַנאָוו געפֿרעגט.

— מיר האָבן נישט געוווּסט, ווו זי צו זוכן, כּדי זי צו וואָ־רענען. מ׳האָט אויך אַליין באַדאַרפֿט זיך ערגעץ באַהאַלטן. גיין אין אַ האָטעל וואָלט געווען אַ משוגעת.

אַליאַ האָט אָבער געקענט די אומגעגנט.

— מ׳דאַרף גיין צו מאַרטען — דער וועשין — האָט זי גע־זאָגט.

דאָס איז געווען גאַנץ ווייט.

ס׳איז אַריבער אַ שעה, ביז מיר זענען דערגאַנגען צו די קעלערן, פֿולע מיט פּאַרע.

דערזען אַליען, האָט זיך די וועשין דערפֿרייט און אויסגע־רופֿן:

— ווי לעבט מען, אַנדרעיעוונאַ? — האָט זי געפֿרעגט.

אַליאַ האָט דערציילט, וואָס ס׳איז געשען.

מאַרטאַ האָט זיך פֿאַרכמורעט: אַ רחמנות אויף אָסי־פּאָוונאַן.

דאָ האָט עס אויסגעזען גענוג זיכער.

מיר האָבן פֿאַרנומען ערטער.

אַליאַ איז אַרויס אין עפּעס אַ קעמערל.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען: זי איז געווען אײַנגעפּאַנצן נישט צום דערקענען. באָרוועס, אין אַ פּויערישן מלבוש, מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, האָט זי אויסגעזען ווי אַ דינסט אָדער ווי אַ דאָרפס־אַרבעטערין.

— לאָמיר גיין — האָט זי געזאָגט צו מאַרטען.

— וווּהין? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

זי האָט מיר אַוועקגעלייגט דעם פינגער אויף די ליפּן — און וואַלטשאַק?

מאַרטאַ האָט גענומען אַ קויש מיט וועש, אַליאַ אַ צווייטן.

— אַ כוואַט אַנדרעיעווגאַ — האָט געזאָגט ציפּריאַנאָוו.

ס'זענען אַוועק צוויי אומענדלעך לאַנגע שעהן. צען מאָל בין איך אויפגעשפּרונגען, צען מאָל האָט מיך ציפּריאַנאָוו צוריקגעהאַלטן.

צום סוף זענען זיי אָנגעקומען ביידע אומעטיקע און דורכגענעצטע, ווייל ס'האָט אָנגעהויבן גיין אַ רעגן.

— יואַלטשטאָקן האָט מען פאַרנומען אויף דער גאַס — האָט געזאָגט אַליאַ — כאַזאַנאָוו האָט געשאָסן. מ'האָט אים געבונדן און געשלאָגן.

פון מיין האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן עפּעס אַ געשריי.

אָט דאָס האָב איך נישט געקענט פאַרטראָגן:

די שמוציקע הענט, וואָס הייבן זיך אויף די אַדעליקע הייליקע קעפּ.

— ווו איז וואַלטשאַק? — האָט געפרעגט ציפּריאַנאָוו.

— אין צירקל; כאַזאַנאָוון האָט מען אַפּגעפירט אין ראַטהויז אַריין.

איך מיט ציפּריאַנאָוון האָבן זיך אָנגעקוקט אייבער דעם צווייטן.

ס'איז געווען אונדזער דריי.

מיר האָבן אַליען געגעבן אַ פּאַס און געלט. צומאָרגנס האָט מאַרטאַ געזאָלט זיך באַמיִען צו באַקומען מלבושים און אַוועקפירן זי צו דער נאָענטסטער סטאַציע. פון דאָרט קיין פּעטערבורג, ווו

ס'איז דערווייל געווען זיכערער און לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס. אויב ס'וועט גוט גיין, וועלן מיר זיך דאָרט באַגעגענען, אויב ס'וועט זיך נישט איינגעבן קיין זאַך אויפצוטון, וועלן מיר צוריקקומען אַהער. אין פאַל, אויב מיר וועלן נישט זיין נישט דאָ און נישט דאָרטן — איז קלאָר אָן פּרושים.

מיר זענען צוגעגאַנגען צום באַצירק און גענומען זיך אַרומקוקן — פּלוצלינג האָט זיך ציפּריאַנאָוו שטילערהייט צעלאַכט: — הינטערן הויז זיך געצויגן אַ גאָרטן. ווען די פענסטער פון דער תּפיסה וואָלטן אַרויסגעגאַנגען אין דעם גאָרטן אַריין...

אין אַ ווײַלע אַרום זענען מיר געווען אין גאָרטן: מיט גרויס שׂמחה האָבן מיר דערזען אַ ריי קליינע, שמאָלע, פאַרקראַטעוועטע פענסטערלעך.

ווי אַזוי דערגייט מען, וואו וויערא זיצט?

ציפּריאַנאָוו האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און גענומען שטיל פייפן די מאַרסעליעזע.

פונעם דריטן פענסטערל לינקס האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט הוסטן.

כ'האָב מיך אָפּגעשטעלט באַם פענסטער.

ציפּריאַנאָוו האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף מײַנע פּלייצעס.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַראָפּגעשפּרונגען:

— דאָ!

מיר האָבן געמאַכט אַ קריגס־באַראַטונג: ווען אַרויסגיין דורכן פענסטער האָט נישט געקענט זיין קיין רייד. טראַכטן וועגן אַן אַנדערן אַרויסגאַנג וואָלט געווען אַ משוגעת.

אָוועקגיין אָבער, נישט האָבנדיק קיין זאַך אונטערגענומען — זענען מיר געווען נישט ביכולת.

פּלוצלינג האָט מיר ציפּריאַנאָוו מיט אַ ווונק אָנגעוויזן אויפן קעלער.

ער האָט זיך געצויגן אונטער דער תּפיסה און האָט געהאַט גרויסע פאַרקראַטעוועטע לעכער אָן גלאָז.

די קראַטן האָבן זיך אָבער פעסט געהאַלטן. מיר האָבן גע-

פרווס צווי, אין דער דריטער האָב איך דערפילט, אַז דער ציגל וואַקלט זיך.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז די קראַטע געווען אַרויסגענומען.

ציפּריאַנאָוו האָט ווידער אַרויפגעקלעטערט איבער מיינע פּלייצעס צום פענסטער, צו וויסן צו געבן ווייערן, וואָס עס גרייט זיך, עס האָט זיך אויך געהאַנדלט אין דעם, אַז זי זאָל אונז געבן צו וויסן, גייענדיק און אַפּשטעלנדיק זיך, אין וועלכן צימער מיר זאָלן פּרווון אונטערגראָבן.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין קעלער, ס'איז געווען שטאָקפינסטער. מיר האָבן זיך באַמיט צו גיין אין דער ריכטונג פון וואַלטשאָקס קאַמער לכתחילה האָבן מיר קיין זאַך נישט געהערט, נאָכדעם האָב איך דערהערט גאַנץ דייטלעך טריט. דער באַלקן האָט אָבער געמוזט זיין גענוג גראָב. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום מכשירים אַ חוץ מעסערס. מיר האָבן אָנגעהויבן ברעקלען מיט זיי דעם גוס אין דעם קאַלך. דאָס קעלערל איז געווען אַזוי טיף, אַז מ'האָט זיך געמוזט שטעלן אויף די פינגער. מיר האָבן געאַרבעט אַ לענגערע ווײַלע, ביז וואַנען דער ערשטער ציגל האָט זיך גערירט פון אָרט; בשעת מיר האָבן אים אַרויסגענומען, איז אַרויסגעפאַלן אומגעריכט אַ צווייטער, צעבלוטנדיק ציפּריאַנאָוון דעם קאָפּ: מיר האָבן נישט געקענט זיך רעכענען דערמיט. מיר האָבן געאַרבעט ווייטער, נישט לייגנדיק קיין אכט אויף דעם קאַלך, וואָס האָט פאַרשאָטן די אויגן און די ברעקלעך ציגל. ענדלעך איז דאָס לאָך שוין געווען גענוג גרויס. פון ציגל, ערד און עפּעס ברעטער, וועלכע ציפּריאַנאָוו האָט דערטאַפּט, האָבן מיר געמאַכט אַ פּאָסטומענט, אַרויפגעקלעטערט אויף אים און מיט פרייד דערפילט פוילנדיק האָלץ.

פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט, ווי ווערא האָט אַ הוסט געטון.

מיר זענען אַראָפּגעשפּרונגען.

אין דער קאַמער האָט זיך דערהערט עפּעס אַ רעש.

מיר זענען געשטאַנען אַ פערטל שעה, ביז מ׳יר האָבן עגד־לעך דערהערט וואָלטשאָקן שעפּטשען:

— איצט קען מען.

— דאָס איז געווען די אַזוי גערופענע „פּאָוויערקאַ״ — דאָס איבערקוקן, צי אַלע אַרעסטאַנטן זענען דאָ אויפן אָרט.

ענדלעך האָט זיך דאָס ברעט אַ רוק געטאָן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך וואָלטשאָק אַרײַנגעגליטשט אין מײַנע אָרעמס.

— און אָליאַ? — האָט זי געפרעגט, אײדער זי האָט זיך נאָך געשטעלט אויף דר׳ערד, נאָך אַ פאַרחידושטע, וואָס זי זעט מיך און ציפּריאַנאָווען.

ס׳איז געווען צוויי אַ זייגער.

מיר האָבן זיך מישב געווען, וואָס צו טון.

מיר האָבן אײַנגעפונען, אַז צום זיכערסטן וועט זײַן נישט צו־ריקצוגײן מער צו דער וועשין, כּדי נישט צוצוציִען קײן אויפ־מערקזאַמקײט אויף איר וויִנונג צוליב דעם צו פיל דרײען זיך, נאָר צו אַנטלויפן דורך די גערטנער און הינטערוועגן אויסער דער שטאָט, דאָרט זיך אַריבערצובאַקומען דורך אַ וועלדל צו דער סטאַציע און זיך אַרײַנזעצן אין ערשטן צוג.

דעם דאָזיקן פּלאַן האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצופירן אָן מניעות.

מיר זענען געפאָרן צו מאָסקווע צו און מיר האָבן געזאָלט אַראָפּגײן מיט עטלעכע סטאַציעס ווײַטער.

ציפּריאַנאָוו האָט געליטן גאַנץ שטאַרק צוליב דער וווּנד אויפן קאָפּ, וועלכע וויערא האָט אים פאַרבונדן אין אײלעניש מיט אַ טיכל. ער האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען דאָס היטל, כּדי נישט צוצוציִען די אויפמערקזאַמקײט, ווײַל דאָס טיכל האָט געמוזט זײַן דורכגעזאַפּט פון בלוט.

אויפן וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עמעצער פון אונז מוז אויסקאָפּערן קײן מאָסקווע: בשעת דער רעוויזיע האָט מען גאַנץ מאַרשײַנלעך צוגענומען זײער וויכטיקע פּאַפּירן; מ׳האָט נישט גע־טאָרט אָפּלײגן. דער פּאַסיקסטער בין איך געווען פאַר דער דאָזי־קער נסיעה. ציפּריאַנאָוו איז געווען פאַרוווּנדעט, וויערעס גע־

זיכטס-באַשרייבונג איז, קען זיין, געווען פונאַנדערגעשיקט. מיר האָבן זיך געשיידט, כ׳בין געפאָרן מיט אַדרעסן פון דער אַדמיני-סטראַציע און פון עטלעכע פערזאָן.

קיין מאָסקווע בין איך געקומען אין אָוונט.

כ׳האָב מיך נאָר געפרעגט, ווו ס׳געפינט זיך דער האָטעל אוקראַינע, און געפונען אים, האָב איך געפרעגט, ווו עס איז דער נומער 28.

דער פּאָרטיער האָט מיר מיט אַ משונהדיקער מינע אָנגעוויזן אויף די טרעפּ. בשעת כ׳האָב אָנגעהויבן אַרויפגיין אויף זיי, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף זיי אַזוי, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג אויף צוריק.

דאָס האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט.

אַנטקעגנדיק שוועבעלעך, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט בײַ די טירן פון די צימערן.

בשעת איך בין געשטאַנען בײַ איינער פון זיי, האָט זי זיך געעפנט און כ׳האָב דערזען אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט, ווילנדיק מיך אָנכאַפּן בײַ דער האַנט, געמאַכט מיר אַ ראַטש.

— פּאַזשאַלויסטע.

כ׳האָב זיך צוריקגעצויגן.

דער פּאָליציאַנט איז אַרויסגעלאָפן נאָך מיר.

געשטויסן פון אַ טרעפלעכן אינסטינקט, בין איך אַריין אין עפּעס אַ נישע; אַרויסגעלאָפן פון צימער, איז דער פּאָליציאַנט אַוועק אין דער ריכטונג צו די טרעפּ, מיט וועלכע איך בין אַרויפגעקו-מען. כ׳האָב גערעכנט, אַז דער האָטעל מוז האָבן אַ צווייטן אַרויס-גאַנג.

כ׳האָב דעריבער אָנגעהויבן לויפן אין אַ פאַרקערטער ריכ-טונג.

און טאַקע: באַלד דערנעבן האָב איך אָנגעטראָפן אויף עפּעס שמוציקע טרעפּ; כ׳בין אַראָפּגעלאָפן פון זיי און בין אַריין אין טויער. דאָ איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט פאַרגאַפט אויפן איינ-גאַנג פון דער גאַס.

מיט איין שטויס האָב איך אים אַ שליידער געטון אויף דער ערד און בין אַרויסגעלאָפן.

אין דער טיר האָט מיך אָנגעכאַפּט באַם קאָלנער עפּעס אַ זוחר.

כ'האָב מיך אומגעקערט און אים געגעבן אַ שרעקלעכן קלאַפּ אין קאָפּ צווישן די אויגן.

כ'בין אַרויסגעלאָפן פון טויער און זיך באַמיט גיין ווי צום דויקסטן.

כ'בין אַריינגעגאַנגען אין ערשטן געוועלב, וועלכעס כ'האָב דערזען און מיר געהייסן געבן הענטשקעס.

כ'האָב נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, וואָס ס'טוט זיך אין גאַס, כ'האָב אָבער געהערט דעם געקלומפּער פון די שפּאָרן און שווערטן.

כ'האָב איבערגעקליבן מיט אַ לאַנגווייליק פּנים די סחורה. נאָך די הענטשקעס האָב איך געבעטן אַ שניפּס.

אין געוועלב האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ צווידייטיקער פּאַרשוין, בשעת איינער פון די אָנגעשטעלטע האָט זיך געווענדט צו אים מיט דער פראַגע, וואָס ער וויל, האָט דער אַריינגעקומענער נישט געענטפערט, נאָר גענומען מאָדנע און פאַרשטענדיקונגספול ווינקען. כ'האָב שיער נישט אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, כ'בין דאָך געבליבן רויק און זיך געהייסן דערלאַנגען „פּערפומס", אָבער די פיינסטע, ווייל דאָס איז אַ מתנה. איצט איז דער פּאַרשוין בעלם געוואָרן. ד'איז געווען איבער קלאָר, אַז כ'בין עפּעס אַ סוחר אָדער אַן אָנגעשטעלטער, וועלכער קלויבט זיך אויף אַ „קוק". אַרויסגעגאַנגען פון געוועלב, האָב איך צוגערופן אַ דראָזשקאַזש און געדונגען זיך מיט אים לאַנג און הויך, בשעת עפּעס אַ שומר פון אָרדנונג האָט זיך געדרייט לעבן מיר, באַמיענדיק זיך מיר אַריינצוקוקן אין די אויגן.

ענדלעך האָב איך זיך אַרויפגעזעצט און אָנגעגעבן דעם ערשטן בעסטן אַדרעס.

נאָכן לאַנגן בלאָנדזשען איבער דער שטאָט מיט פיל פּאַר-

זיכטיקייט, האָב איך זיך ענדלעך דערשלאָגן צו דער וווינונג, וועלכע ס'האָט פאַרנומען אונטער עפּעס אַ פיקטיוון נאָמען ריזשי.

ריזשי האָט נישט געוווּסט קיין זאַך וועגן טולע, נישט וועגן דער אַדמיניסטראַציע.

די דרוקערײַ איז טאַקע אין וועג. היינט־מאָרגן דאַרף זי אָנקומען. איבעריקנס, איז געווען פאַרויסצוזען. דאָרט אין קיעוו האָט מען אויף אַן אוממעגלעכן אופן געפירט די אַרבעט, אַזוי ווי די דריטע אָפּטיילונג וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט. מיקאָלאַ איז דאָרט געווען איינער: זייער אַ פאַרדעכטיקער.

קודם כל האָט מען אָבער געדאַרפט אַנטלויפן פונדאַנען.

אין דער אַדמיניסטראַציע וואָלט מען געקענט געפינען עפּעס סימנים.

מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, אַז איך וועל אָפּנעמען די דרוקערײַ. ריזשי האָט מיר איבערגעגעבן דעם פּראַכט, אָנגעוויזן יעטלעכע אַדרעסן. ער האָט זיך נאָך געזאָלט נעמען רייניקן די שטוב.

כ'האָב אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון די טרעפּ, בעת ס'האָט מיך פּלוצלינג עמעץ אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— קיין איין טריט ווייטער, פּאָליצײַ איז אין טויער.

כ'בין אַריינגעגאַנגען, ריכטיקער, מען האָט מיך אַריינגעצויגן אין עפּעס אַ פּאָדערצימער. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער מיר אָן שום קלאַנג.

— כ'בין געשטאַנען אַ באַרוישטער, בשעת כ'האָב דערהערט דעם קלאַנג פון שפּאָרן.

די זעלבע האַנט האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ באַלויכטן צי־מער.

— דאָס איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק; איינגאַנצן גרוי.

— פונוואַנען ווייסט איר? — האָב איך געפרעגט.

— כ'האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, כ'האָב זיי דערזען, כ'האָב געוווּסט, וווהין זיי גייען, כ'האָב געוואָלט אַהינגיין. כ'האָב

דפּרהערט, אַז איר גייט אַראָפּ, כ'האָב געמיינט, אַז דאָס איז ער. און ס'איז מיר געלונגען כאָטש אייך צו ראַטעווען.

— פון וואַנען אָבער האָט איר געוווּסט, וווּהין די גייען?

די אַלטע האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ.

— מיין זון האָט מען צוליב קאַראַקאָזאָוס שאָס צוגענומען. כ'האָב מיך אויסגעלערנט פון דאַמאָלס אָן צו אונטערשיידן.

— און אייער זון?

— געשטאָרבן אין קאַטאָרגע.

כ'האָב איבערגענעכטיקט בײַ דער אַלטער אין צימער און אויפן אַנדערן טאָג האָט זי מיך גישט געוואָלט אַוועקלאָזן, ביז איך האָב מיר נישט געשאַפט אַן אַנדערן אָנצוג. באַגינען האָט מען אוועקגעפירט ריזשין אויף אַ דראָזשקע. כ'האָב זיך אָפּראַזירט מיין ראַזירמעסער פון מיין אַלטעטשקעס זון, אין אַ נייעם הוט, אין די נעכטיקע, אין יענעם געוועלב געקויפטע הענטשקעס, בין איך זיכער גישט ענלעך געווען צום נעכטיקן האַלב-בעל-מלאכה, האַלב-סוחר.

כ'האָב אַ גאַנצן טאָג געוואָגלט איבער דער שטאָט. צו באַל-כאָווסקין האָב איך מיך געשראָקן אַריינצוגיין: כ'האָב נישט גע-ווּסט, איבעריקנס, צי כ'וועל אים געפינען. כ'האָב מיך אויך נישט אַזוי שטאַרק געיאָגט אַהין, ווי ריזשי האָט מיר אָנגעגעבן די אַד-רעסן. דאָ איז מיר דער גרונט פאַרגעקומען איינגאַנצן אונטער-געגראָבן.

ענדלעך האָב איך מיך אָנטשלאָסן: אין דער שטוב דאָב איך געפונען אַלגע קאָכאַנאָוויטש, וויערעס שוועסטער. איר דריטע שוועסטער, ליובען, האָט מען אַרעסטירט אין אוקראַיִנע איינעם מיט באַדיעושקאַ לעבעדיעוואַן, דעם פּירשט טשאָוטשעוואַדזע און כאַמיטשן.

ווען ריזשיס אַרעסט האָבן זיי שוין געוווּסט.

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר שוין געהאַט אַ נייע דירה. געדונגען אַ דאָראָזשקע, האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין נאָך דער דרוקערײַ.

בשעת כ'האָב דערלאַנגט דעם פראַכט, האָט דער באַאַמטער אויסגערופן:

— אַרויסטראָגן דעם № 124

און ער האָט מאָדנע הויך איבערגעחזרט: 124.

אין דעם זעלבן מאָמענט איז צוגעגאַנגען צו מיר אַ באַן-זשאַנדאַרם און געזאָגט:

— איך בעט, גיין מיט מיר, איך אַרעסטיר אייך.

— פאַרוואָס?

— דאָס וועט זיך אַרויסווייזן. ביטע אין קאַנצעלאַריע אַריין.

אין דער קאַנצעלאַריע איז געזעסן מיט אַ שמייכעלע אויפן פּנים, און זייער אַ העפלעכער, ראַטמייסטער פון דער זשאַנדאַר-מעריע מיט ווונדערבאַר אויסגעכאַליעטע וואָנסן.

— מ'האָט זיך געמאָלדן נאָכן פּאַקעט — האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט מיך אַרעסטירט.

— אַך אַזוי, נאָך אָט דעם פּעקעלע — האָט געזאָגט דער אָפיציר. — זייט אַזוי גוט, זעצט זיך צו אַ ווײַלע, אפשר אַ ציגאַר, אַ פּאַפּיראָס?

— פעדאָר! — האָט ער אויסגערופן.

לעבן דעם זשאַנדאַרם, וועלכן כ'האָב שוין געקענט, איז אויס-געוואַקסן אַ צווייטער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער טיר.

דער העפלעכער אָפיציר איז ערגעץ פאַרשוווּנדן, האָט זיך מיט עמעצן געשושקעט.

כ'האָב געהערט די ווערטער:

— תּיכּף, וועסט זאָגן: דער פּאַקעט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט און געווענדט צו מיר אויפן העכסטן אופן העפלעך:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, גנעדיקער הער, איר וועט מיר מוחל זײַן, ס'איז אַזאַ מנהג — אַ קלײנע רעוויזיע.

אין דער זעלבער רגע האָבן מיר צוויי זשאַנדאַרמען אַרויפ-געלייגט די לאַפּעס אויף דער ברוסט.

פון די טאַשן האָט מען בײַ מיר אַלץ אַרויסגעשלעפּט.

— אַ רעוואָלווער! — האָט זיך געפּרייט דער זשאַנ־דאַרם — אָ, אַ שייטל, אַ פּאַרבלוטיקט טאַשנטיכל, אָ, אַ קאָרעס־פּאָנדענציעלע. אָ, מיט אַ שיפער געשריבן — „ע. קוזמיטש" — אויף דעם קענען מיר: „אַלטער שד, נאַרישער שלימזל" אָ — געלט — מיר וועלן איבערציילן.

אין דער זעלבער רגע האָבן זיך צוויי צעטעלעך, געשרי־בענע מיט אַ שיפער, געפונען אין מיינע הענט.

די זשאַנדאַרמען זענען, באַקומענדיק מיט די עלנבויגנס אַ שטויס אין בויך, אַנידערגעפאַלן.

די צעטעלעך האָב איך אַריינגעשטאָפּט אין מויל, ס'איז שרעקלעך שווער געווען אַראָפּצושלינגען.

— אַרויסרייסן פון מויל! — האָט אויסגעשריגן דער אָפיציר, פאַרגעסנדיק אָן דער וועלטלעכער העפלעכקייט — אַרויסרייסן! כאַפּ אים און שלאָג אין רוקן.

כ'בין צוגעשפּרונגען צו דער וואַנט.

— כ'וועל דערהרגענען, — האָב איך דורכגעזייט דורך די ציין, כאַפּנדיק אַ שטול.

דער כוח, מיט וועלכן כ'האָב זי אויפגעהויבן, האָט פאַרחונ־דערט די זשאַנדאַרמען.

זיי זענען אָבער דאָך געגאַנגען צו מיר.

— וואַשע בלאַגאַראָדיע — שיסן? — האָט איינער אַ פרעג געטון.

— ניין — ניין — אַ לעבעדיקן!! — האָט אויסגעשריגן דער אָפיציר.

— באַם האַלדז!

די שטול האָט געטראָפן דעם ערשטן זשאַנדאַרם אין דער ברוסט. ער איז געפאַלן אויף דר'ערד.

אין דעם מאָמענט האָב איך אַראָפּגעשלונגען דאָס צע־טעלע.

— הער ראָטמייסטער — האָב איך געזאָגט — איר דער־פילט אייערע פליכטן גוט, און איך באַמי מיך איין נישט אָפּצו־געבן די בכורה.

דער אָפּיציר איז געווען בלוי פון צאָרן.

— בינדן! — האָט ער געשריגן.

כ'האָב געזאָגט מיט אַ רויִקער שטים:

— אויב אייערע יונגאַטשעס וועלן צוטרעטן צו מיר, וועל איך מיך פּאַטיידיקן, און איר וועט מיך מוזן דערהרגענען. איצט האָב איך שוין דאָס מייניקע אָפּגעטון.

און אַ שעה אַרום בין איך געזעסן אונטער פיר שלעסער אין אַ קאַמער פון דער אויספאָרשונגס־תּפיסה.

די מייז און די קעץ

IV

ס׳ערשטע מאָל האָב איך מיך געפונען אין אַ תּפיסה.

כ׳בין געווען אייבער אַליין צווישן אָט די הוילע ווענט און כ׳האָב צונויפגענומען די געדאַנקען. כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, וואָס ס׳הערט זיך מיט אַליין, אומזיסט האָבן זיך באַמיט די געדאַנקען צו צעברעכן דעם שטיינערנעם סוד. כ׳האָב אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז ס׳וועט זיך מיר קיין זאַך נישט איינגעבן אַרויסצוקוועטשן פון די טרוקענע, שוין באַקאַנטע געדאַנקען:

קיין זאַך, אַ חוץ די נאַקעטע פאַקטן, וועלכע ווערן פאַרזונקען אין דער השכּות.

ערשט איצט האָב איך דערפילט דעם גאַנצן כּוח פון דער ענדערונג, וועלכע איז אין איר פאָרגעקומען. דאָס איז נישט געווען די אַליאַ, וועלכע איך האָב געקענט. אָט די שטילע די אַנטשלאָסענע, די, וועלכע גייט אין געפאַר, ווי זי וואָלט געגאַנגען אין די שאַטנדיקע אַלעען פון טאָפּאָלעווקער גאָרטן.

אין דער טיר פלעגן זיך כּסדר באַווייזן אינם קליינעם פענצטערל אַ פּאָר אויגן מיט אַ משונהדיק טעמפּן אויסדרוק. ס׳האָט

מיר אויסגעזען, אַז די דאָזיקע אויגן געהערן נישט צו קיין שום מענטשלעכן באַשעפעניש, אַז זיי וואַקסן פשוט אַרויס פון אַט די ווענט, ווי עפעס. וואָס ס׳קוקט. זיי האָבן מיך געוועקט פון מיינע געדאַנקען און געריצט.

אין אַלגעמיין בין איך געווען רויִק און גלייכגילטיק.

די געשעענישן זענען געפאַסן איינע נאָך דער אַנדערער צו אים, און זיי האָבן מיך פּאַרטיזאַנס ערשט באַנאַכט האָב איך דערפילט די עקלדאַפטיקייט פון דער תפיסה. איך קען פונדאַנען נישט אַוועקגיין מיך האַלט אין דער האַנט דער אומזיניקער כּוח, וועלכן איך פּאַראַכט כ׳האָב דאָך געוווּסט, אַז פריִער צי שפּעטער וועט עס קומען אין ס׳כּוו קומען. איצט אָבער, בשעת דאָס איז שוין געשען האָט זיך אין מיר אַלץ געביטעוועט. די פילאָזאָפיע איז דאָ אַ קנאַפּע הילף. זאָגן זיך: עס האַנדלט זיך דאָך וועגן דעם, אַז מ׳זאָל וויפיל ס׳איז נאָר מעגלעך טון און וויסן, אַז פריִער צי שפּעטער וועט די דאָזיקע אַרבעט קומען צו אַ גרענעץ — דאָס אַלץ איז גוט אין דער טעאָריע, פון עפעס אַן אַסטראָנאָמיש אַבסטראַקטן שטאַנדפונקט. איבעריקנס, האָב איך לחלוטין נישט געהאַלטן באַ קאַפּיטולירן. די געדאַנקען האָבן פון ערשטן מאָמענט אָן אָנגעהויבן צו זוכן פּלענער ווי אַזוי צו אַנטלויפן. כ׳האָב געפילט, אַז אין אונדזער באַוועגונג דאַרף פאָרקומען אַן ענדערונג. זי האָט זיך באַגעגנט מיט דער מניעה פריִער, ווי מיר האָבן זיך דערויף גערעכנט.

פריִער צי שפּעטער וועט זי מוזן די דאָזיקע מניעה גובר זיין.

כ׳בין פון אָנהייב אָן געווען איבערגעצייגט, אַז די באַוועגונג מוז אָננעמען אַ פאָרם פון קאַמף אויף לעבן און טויט מיט דער רעגירונג. ס׳האָט זיך מער נישט געהאַנדלט אין דעם, אַז די גרויע מאַסע זאָל שוין ווי צום וויניקסטן זיין גרוי אין דעם דאָזיקן מאָמענט.

כ׳האָב זיך געטראַכט:

מ׳קען דאָך אונדז שוין אין אַזוי פיל דערפער, דערפלעך, שטעטלעך. איצט וועט אונדזער אונטערגאַנג נישט זיין פאַר די

מאַסן קיין אונטערגאַנג פון עפּעס פרעמדע, אומבאַקאַנטע, מי יודע פאַרוואָס קעמפנדיקע מענטשן. מ'רייסט אונדז פּשוט אַרויס פון די קרייזן, אין וועלכע מ'האָט זיך אויסגעלערנט אונדז אָפּצושאַצן. כ'וואָלט געוואָלט זיין אויף דער פרייהייט, כדי משפּיע צו זיין אויף דער מיינונג פון די חברים אינם זין פון גרעסערער קאָנצענטרירונג אין דער אַרבעט.

ווי תּמיד אין איינזאַמקייט האָבן מיר די געדאַנקען אויסגעזען אומגעווייניטלעך דורכזיכטיק, רייף, די אַרומגעגנטן זענען מיר פאַרגעקומען אומבאַשטרייטבאַר. כ'בין אַרומגעלאָפן אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער קאַמער. און אַזוי פלעגן דורכגיין טעג, מ'האָט מיך אין ערגעץ נישט גערופן, ס'זענען געפלאָסן די אַלטעגלעכע געשעענישן פונם תּפיסה-לעבן.

ס'איז אוועק אוודאי אַ טעג צען, כ'בין געזעסן פאַרטראַכט. פּלוצלינג האָט זיך געעפנט דער פאַרזקער אין דער טיר. כ'האָב עס געהערט און האָב זיך נישט אויסגעדרייט, כ'האָב נישט געקענט אָנקוקן דאָס דאָזיקע בילד. עמעץ האָט אַ קוק געטון און איז, ווי ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַוועקגעגאַנגען.

כ'האָב פאַרגעסן אָן דעם.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ הויך שעפּטשען הינטער די פּלייצעס:

— מיכאַיל אָקטאַוויאַנאָוויטש! הער קאַניאָווסקי!

כ'האָב מיך אומגעקוקט:

הינטער דער טיר האָט עמעץ געלאַכט.

— אַן אַלטער באַקאַנטער, ווי-זשע דען, אַ גוטער באַקאַנטער — דאָס האַרץ האָט דערפילט. צום ווידערזען זיך.

אויפן אַנדערן טאָג האָט מען מיך אַרויסגערופן אין קאַנצעלאַריע. דאָרט איז געזעסן בײַ אַ טישל דער פּראָקוראָר, אַן אָפיציר אין אַ בלויען מונדיר, דאָס דאָזיקע פּנים האָב איך שוין געמוזט אַמאָל זען — האָב איך אַ טראַכט געטון.

— איר דערקענט נישט — האָט געזאָגט דער אָפיציר. — נו, נו, נו, ס'איז קיין חידוש נישט. דאַמאָלס האָבן מיר זיך געטראָפן באַנאַכט — און איך בין נישט געווען אין מונדיר. איבעריקנס, די

יאָרן פּליסן, מיכאַיל אָקטאַוויאַנאָוויטש, — ער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ — ווי זענען בייגע האָר, די קרוין פון מיין קאָפּ. יאָ, יאָ. און איר האָט זיך דאַמאָלס מיט אונדז גאָר אויפן ענגלישן שטייגער, קען מען זאָגן, צעשיידט. איך און דער פּראָקוראָר, מיר האָבן נאָך יעצט באַוווּנדערט אייער סאַטירישן וויץ. טאַקע: יענער איז באַשטראָפט פאַר כאַבאַר, פאַר גנבה, און איך זיין שינעל! האַ, האַ, גאָר ווי בא גאָגאָלן.

כ'בין געזעסן אומבאַוועגלעך.

כ'האָב געזען, אַז ס'איז איינגאַנצן צילאָז צו באַהאַלטן די פאַמיליע. דאָס וואָלט בלויז נאָר געבראַכט צו אַ לענגערן דעביוט פון דעם פאַרשאָלטענעם זשאַנדאַרמס כוח הדבור.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט — מיין פאַמיליע רעדט איר אַרויס פולשטענדיק ריכטיק. כ'הייס טאַקע קאַניאַווסקי. מיכאַל אָקטאַוויאַנאָוויטש.

— אָט, מיט אַ קלוגן מענטש איז גוט צו האָבן צו טון. איך האָב תמיד דרך ארץ געהאַט פאַר אייער פּערזענלעכקייט — האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרם. שוין דאָס אַליין, וואָס איר זענט פריי פון פאָרורטיילן: אַ פּוילישער שלאַכציץ, אַן אַריסטאָקראַט, מיר האָבן אַריינגעקוקט אין יחוס-בריוו, סענאַטאָרן אָן אַ שיעור; ליבענקער, צוזאַמען מיט רוסישע סאָציאַליסטן, אָדער די קאָמונע. איך פאַרשטיי דעם יאוש פון אַ באָמבאַרדירטער שטאָט...

פּלוצלינג האָט מיר אַ בליץ געטון די השערה.

— איר! — האָב איך אויסגעשריגן — האָט זיך באַהאַלטן דאַמאָלס אין ציורייך אין ווינקל פון דער קאַרעטע. זיכער איר. איך האָב דערקענט די שטים „allez plus vite, plus vite” — זיכער.

דער זשאַנדאַרם האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען.

— און מיר איז אַפילו דאַמאָלס נישט איינגעפאַלן, אַז מיר האָבן זיך אַזוי נאָענט צונויפגעטראָפן. און איך וווּנדער מיך איצט אַפילו, וואָס פאַר אַ שייכות איר קענט האָבן צו ניעטשאַיעוון.

— פונדעסטוועגן האָט איר געפאָדערט, אַז מ'זאָל מיך אַרויסגעבן אַלס זיינעם אַ שיתוף...

— אַנדערע אומשטאַנדן, גנעדיקער הער, גאָר אַנדערע אומשטאַנדן. איצט האָבן מיר שוין נישט וואָס צו רעדן וועגן ניעטשייעוון, וואָס מיר ניעטשייעוו! אָט באַלכאָווסקי זעט איר, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש.

ס׳האָט שוין געקלעקט פאַר מיר. — הער פּראָקוראָר, — האָב איך געזאָגט — פאַרשרייבט אין פּראָטאָקאָל. כ׳הייס מיכאַל אָקטאַוויאַנאָוויטש קאַניאַווסקי, אַלט בין איך זיבן און צוואַנציק יאָר און קיין שום דערקלערונגען וועל איך נישט געבן, כ׳וויל אויף קיין שום פראַגן נישט ענטפערן.

דעם זשאַנדאַרמס שטימונג איז קאַליע געוואָרן.

— איר טוט שלעכט, זייער שלעכט, און איך האָב אייך גאָר געוואָלט איבערגעבן נייעס אינגאַנצן אומגעריכט. איר ווייסט, אין טולע...

כ׳האָב אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

דער זשאַנדאַרם איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— ער איז דאָרט געווען — האָט ער אַ געשריי געטון צום פּראָקוראָר. — איך האָב געזאָגט, אַז ער איז דאָרט געווען!

מ׳האָט מיך אָפּגעפירט אין מיין קאַמער.

אויפן אַנדערן טאָג האָט מען מיר געבראַכט אַ בויגן פּאַפּיר מיט פראַגן. כ׳האָב דורכגעשטודירט דעם דאָזיקן דאָקומענט. ס׳איז געווען קלאָר, אַז די רעגירונג באַמיט זיך פאָרצושטעלן די פאַר איר אומפאַרשטענדלעכע באַוועגונג אַלס אַ פאַרצווייגטע פאַרשווערונג. דאָס איז אָבער לחלוטין נישט געווען אַזוי. גאַנץ רוסלאַנד איז טאַקע געווען באַדעקט מיט קרייזן און קרייזלעך, וועלכע זענען געווען טיילווייז אין פאַרבינדונג, טיילווייז אָפּגעזונדערט. ציי איז אָבער די רעגירונג געווען ביכולת צו באַנעמען, צו פאַרשטיין, צוצולאָזן דעם געדאַנק אַליין פון אַ געוויסנס-באַוועגונג, איבעריקנס, צו וואָס זאָל מען פאַרוואַרפן טעמפּקייט דער רעגירונג? איז דען ביכולת די אַזוי גערופענע אייראָפּעיִשע עפנטלעכע מיינונג צו פאַרשטיין, אַז דאָס לעבן גופא רופט אַרויס קעגן זיך אַ ווידערשטאַנד. דער אויפגעקלערטער אייראָפּעער איז אומשטאַנד צו פאַר-

שטיין אַלץ, אַ חוץ דעם געוויסן, אַ חוץ דעם ווילן זיך אַריינצו־לאָזן אינם מענטשלעכן לעבן, אַ חוץ דעם קאַמף מיט אים. דער איינראָפּער, דער אויפגעקלערטער, וועט אויסגעצייכנט פאַרשטיין אַ תפיסה, אַ הויז פון אויסגעלאַסנקייט, ער וועט נישט באַנעמען קיינ־מאָל, ווי אַזוי קען מען עס פּראָסט און פּשוט נישט מסכים זיין מיטן אַרומיקן לעבן.

צוליב וואָס?

וואָס איז דער ציל?

גיין, סתם אָן שום אויסזיכט, צוליב אַ פּערזענלעכן נצחון אויף אַ זיכערן טויט.

כ'האָב מיך באַמיט אַריינצודרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די אַרומיקע מענטשן, פון די שומרים, זשאַנדאַרמען, אויספאָרשונגס־ריכטער. זיי זענען פּשוט נישט געווען ביכולת צו גלייבן אין דער ווירקלעכקייט, וועלכע זיי האָבן געהאַט פאַר זיך. זיי האָבן אונדז געמוזט פאַר זיך פאַרוואַנדלען, איבערזעצן אויף זייער לשון, מאַכן גלייבלעך פאַר זיך. כ'האָב אין אָנהייב געהאַט אַ גרויסע מעגלעכ־קייט צו באַאָבאַכטן. צום מערסטן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון איינער אַ יונגענקער, נאָר־וואָס פון דער אַריסטאָקראַטישער „פּראַוואָוויעדן"־שול אַרויסגעקומענער ריכטער.

כ'בין שוין דאַמאָלס געזעסן דעם דריטן חודש. כ'האָב נישט געהאַט קיין שום ידעות פון דער וועלט. קיינער האָט נישט גע־ענטפערט אויף מיינע פּרוּוון צו פאַרבינדן באַקאַטשאַפּט דורכן קלאַפּן. כ'בין געווען איבערצייגט, אַז די שכנותדיקע קאַמערן זענען ליידיק און אַז אַליין האָט מען געמוזט אַרעסטירן. מ'האָט מיר אויך נישט געגעבן קיין ביכער צו לייענען. כ'האָב אַ פרעג געטון דעם עלעגאַנטן יונגן הער מיט די הערלעך אויסגעהאָדעוועטע נעגל, וועלכער פּאַראַגראַף פונם רוסישן קאָדעקס עס פאַרמשפּט מענטשן ביסלעכווייז צו דערפירן זיי ביז משוגעת. ווייל אייגנטלעך איז דעם קייזער ניקאָלאַי געפעלן דעם ערשטן צו דערקלערן טשאַאַדאַיעוון פאַר אַ משוגענעם, אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ געוויסער מין נאָמינאַציע, דאָס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער אַמט, אַ נייע ראַנגע, וועלכע פּיאָטר דער גרויסער האָט נישט פאַרויסגעזען. אַ מענטש,

וועלכער טראַכט, האָט געהאַט אַזוי אַרום זיין אָרט, וועלכעס דער קייזער אַליין האָט פאַר אים באַשטימט.

צי האָט פון דאַמאָלס אָן די רוסישע געזעצגעבונג פּראָגרעסירט?

אויף יאָ, מוז איך מודה זיין, אַז די אַנגעווענדעטע מעטאָדן האָבן זייער ווירקונג.

— זאָל איך עס פאַרשרייבן? — האָט געפרעגט דער זשאַנדאַרם. — דער גנעדיקער הער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי פיל נישט גערעדט.

— ביטע, ביטע זייער — האָב איך געזאָגט.

— איך ווייס נישט — האָט געזאָגט דער אויספאָרשונגס־ריכטער — צי וועט אַזאַ מין פּראָטאָקאָלירן זיין אויפן אָרט, צי וועט עס זיין אין הסכם מיטן גייסט פון געזעץ.

כ׳האָב זיך צעלאַכט.

— דאָס לאָזט שוין איבער פאַרן ראַטמייסטער, דעם גייסט פון געזעץ קען ער אַ סך בעסער פאַר אייך. דער גייסט פון רוסישן געזעץ איז טאַקע אַזוי: אַלץ איז רעכט, דערלאָזבאַר קעגן אונדז.

— איר האָט אַ טעות — האָט געזאָגט דער יונגער באַאַמטער.

— ניין, דאָס האָט איר דעם טעות — און אויב ס׳איז אַזוי, איז מיר אַ רחמנות אויף אייך. איר רעדט זיך איין, אַז איר פירט דאָ אויס עפּעס אַ קולטורעלע פונקציע. איר פאַרטיידיקט בלויז די געוואַלטאַט, איר העלפט צו דערהרגענען מענטשן ביסלעכווייז, נידערטרעכטיק, דערפאַר, ווייל אין זיי האָט אויפגעוואַכט דאָס געוויסן.

— דאָס געוויסן באַפעלט צו אַכטן דאָס געזעץ און די מאַכט, וועלכע גאָט האָט איינגעפירט — האָט געזאָגט מיט מוסר דער ראַטמייסטער. — ס׳איז שווער צו גלייבן, ווי נאַריש זיי ווערן, בשעת זיי דאַרפן אָנהייבן טראַכטן.

כ׳האָב מיט קיינעם נישט גערעדט באַזונדערס לאַנג. כ׳האָב זיך צעהיצט. כ׳האָב געזאָגט, אַז יעדער טאָג, וואָס די רעגירונג

עקזיסטירט און ס׳ווערט געשטיצט דורך איר די געזעלשאפטלעכע אָרדנונג, איז אַ פאַרברעך.

— איר ווילט בלויז מאַכן אַ קאַריערע, האָבן בלויז אַ פאַמיליע, דערציִען קינדער, און אַלץ פון בלוט און טרערן. וויפיל מענטשן וועט איר נאָך העלפן פייניקן, איידער איר וועט דערגרייכן די דאָזיקע קאַריערע — האָב איך געזאָגט צום פּראָקוראָר.

— איר זאָלט אַנטשוויגן ווערן! — האָט אויסגעשריגן דער ראַטמייסטער.

כ׳בין בלאַס געוואָרן.

— כ׳וועל אייך בעטן — נישט שרייען. דאָס איז דאָס אייג־ציקע אָרט אין רוסלאַנד, וווּ מען מעג רעדן. וואָס קענט איר מיר טון? איר קענט נישט פאַרטראָגן דאָס בילד פון אַ מענטש, וועל־בער פאַראַכט אייך.

כ׳האָב געחלשט.

כ׳בין צו זיך געקומען אין אַ פינסטערן קאַרצער.

מ׳האָט מיך דאָ אָפּגעהאַלטן אַ וואָך.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען מיך אָוועקגעפירט אין אַן אַנ־דערער קאַמער. ווי נאָר איך בין דאָרט אַריין, האָב איך דערהערט אַ קלאַפּעריי.

איין אות נאָכן אַנדערן.

— ווער?

כ׳האָב אָפּגעקלאַפּט די פאַמיליע. איידער כ׳בין נאָך דערגאַנ־גען ביזן לעצטן אות, האָט מיר איבערגעריסן אַ האַסטיקן קלאַפּעריי, ווי מיט שמחה.

— טש-ע-ר-נ-אָ. . .

כ׳האָב איבערגעריסן.

— י-אַ-ש. . . — האָב איך אָנגעהויבן אויסקלאַפּן.

אַ קורצער, שנעלער: „יאָ״

מיר האָבן איצט אָנגעהויבן קלאַפּן גאַנצע אָוונטן און נעכט, ביז די הענט פלעגן נישט בלייבן אָן כוחות. יאַשקאַ האָט נישט געוווּסט קיין סך. מען האָט אים אַרעסטירט קורץ נאָכן צוריק־קומען.

— ווי לאַנג זיצסטו — האָב איך געפרעגט.
דעם פערצענטן חודש — האָט ער געענטפערט.
כ'האָב אויפגעציטערט.
„און איך האָב געוואָגט זיך צו באַקלאָגן !"
— זשעמטשוזשניקאָוו זיצט — האָט יאַשקאַ איבערגע־שלאָגן — טאַרוטינאַ, מאַרטינאָוו, באַלכאָווסקי זיצט, די גאַנצע וועלט זיצט.
ס'איז אַוועק עטלעכע טעג.
עפּעס אַ יונגער וואַכמייסטער, וועלכן כ'האָב נישט געזען ביז אַהער, האָט מיר אינדערפרי דערלאַנגט אַ זעמל און האָט מיט אַ מאָדנעם שמייכל געזאָגט:
— מ'דאַרף אויפברעכן אויפמערקזאַם, שטייענדיק מיטן רוקן צו דער טיר.
פון דער זעמל איז אַרויסגעפאַלן אַ רולאָן פּאַפּיר, וואָס איז געווען אַרומגעדרייט אַרום עפּעס אַ האַרטער זאַך.
כ'האָב דערקענט אַליעס האַנטשריפט.

„ענדלעך בין איך פריי און כ'בין דאָ, ווי פּאַרזיכטיק און זע צו האָבן כוחות, פאַר יעדן פּרייז מוזן מיר דיך פונדאַנען אַרויסרייסן, זיי רויק, וואַרט. היינט קענען מיר דיר נאָך נישט אָנווייזן דעם וועג, מיר זענען נישט זיכער. וואַלטשאַקן האָט מען פאַרנומען. די פּיר־פּיסיקע גרייטן אַ גרויסן פּראָצעס. אפשר וועט גע־לונגען צו צעשטערן זייערע פּלענער. באַמי דיך אויפ־צוהאַלטן דאָס געזונט, די כוחות און די רו. דעם בריוו פאַרניכט, דאָס פּאַפּיר און די בלייפעדער באַ־האַלט. מ'וועט דאַכט זיך קענען קאָרעספּאָנדירן דורכן אָפּגעבער."

פון דאַמאָלס אָן פלעג איך אַ ציטער טון יעדעס מאָל באַם זשאַנדאַרמס אַריינקומען. אין צוויי טעג אַרום האָט דער וואַכמייסטער זיך אויפגעהערט צו ווייזן: דערפאַר אָבער האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע אין אַלע קאַמערן. דער וואַכמייסטער, ווי ס'האָט זיך אַרויס־

געוויזן, האָט זיך איבערגעשראָקן און זיך אַליין אויסגעגעבן. כ'האָב געלעבט אין איינזאַמער אומרו, ווי אַזוי וועגן דעם מודיע צו זיין אַליען און די פריינט אויף דער פרייהייט, אַז זיי זאָלן נישט דורכ־פאַלן. כ'האָב געקלאַפּט וועגן דעם צו יאַשקען, אָבער ער האָט נישט געוווסט, אַז מ'האָט בכלל געקענט איינשטעלן עפּעס אַ פאַר־בינדונג מיט דער וועלט. כ'פלעג מיך איצט צוהערן גאַנצע אָוונטן און נעכט, אפשר וועל איך דערהערן אַ באַקאַנטע שטימע, אָבער אַלצדינג פלעגט פאַרפאַלן ווערן אין דער גרויסער צאָל רייען, וועל־כע דאָס אויער, וואָס איז אין דער שטילקייט אַזוי פילבאַר געוואָרן האָט זיך אויסגעלערנט אויפנעמען.

כ'האָב געפילט, אַז די נערוון צעשרויפן זיך מיר מוד־דיק.

איינמאָל באַנאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט.

— אויפשטיין, אָנטון זיך.

— צוואָס?

— איר וועט שוין זען.

מ'האָט מיך אַראָפּגעפירט אין קאַנצעלאַריע: דאָ האָבן גע־וואַרט צוויי זשאַנדאַרמען.

— איר זענט שוין אַמאָל אַנטלאָפן — האָט געזאָגט דער באַאַמטער. — מיר וועלן אָנטון קייטעלעך.

קיין פּראָטעס וואָלט נישט געהאָלפן.

— וווהין פירט מען מיך אַריבער?

— איר וועט שוין זען — האָב איך ווידער דערהערט.

ענדלעך האָט מען מיך אַריינגעזעצט שוין אַ געשמידטן אין אַ קאַרעטע. צוויי זשאַנדאַרמען האָבן זיך אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיט מיר, איינער אויף די קאָלעס.

די קאַרעטע איז געפאָרן גאַנץ לאַנג. ענדלעך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, מען האָט מיך אַרויסגעפירט. כ'האָב דערקענט דעם באַנהויף, מען האָט מיך אַריינגעפירט אין קאַנצעלאַריע פון דער זשאַנדאַרמעריע.

— איר פאָרט קיין פּעטערבורג. די דריטע אָפּטיילונג האָט געהייסן מ'זאָל אייך צושטעלן. זי האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט

אייך. איר האָט נאָך אַ שעה צייט, איר קענט נאָך עפּעס פאָדערן. כ'ראָט אייך, כ'ראָט אייך...

מ'האָט מיר דערלאַנגט עפּעס אַ ביפשטיק, אַ צעשניטענעם — עס איז מיר אַזוי אויך געווען שווער צו עסן.

דער אָפיציר איז אַרויס אויף אַ ווײַלע.

איינער פון די זשאַנדאַרמען, וועלכע זענען פאַרבליבן, האָט געזאָגט.

— ס'איז אייך אומבאַקוועם — און איינבייגנדיק זיך איבער מיר, האָט ער מיר פאַריכט דעם טעלער און אַ שעפּטשע געטון: — נאָך דער דריטער סטאַציע וועט זיין אַ וואַלד. אַכטונג געבן אין וואַלד.

כ'האָב אויפגעהויבן די אויגן, אָבער ער האָט שוין געקוקט פאַרויס מיט אַן אויסגעצייכנט הילצערנעם פּנים.

דעם וואַגאָן האָט מען צוגעפירט האַרט ביז צו דער טיר, אין אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין געווען אינעווייניק מיט מיינע מיטפאָרער.

איבער צען מינוט זענען אַוועק, און ס'האָט ווי געקריצט און געקלומפּערט עפּעס בײַ די האַלב־פאַרשטענדלעכע אויסגעשרייען און סיגנאַלן.

אין קאָפּ האָבן זיך מיר איינגעקריצט די ווערטער:

„נאָך דער דריטער סטאַציע וועט זיין אַ וואַלד".

געגעבן מיר אַן אָרט אין ווינקל, האָבן זיך די זשאַנדאַרמען אַזוי פונאַנדערגעזעצט, אַז זיי האָבן מיר פולשטענדיק מיט זייערע קערפּערס פאַרשטעלט דעם וועג צו דער טיר.

כ'האָב פאַרמאַכט די אויגן.

דער צוג האָט זיך שוין געשטעלט צוויי מאָל.

ער איז אָפּגעפאָרן; מיר זענען געפאָרן זייער לאַנג. די געדאַנקען האָבן זיך געמישט, איך האָב מורא געהאַט איינצושלאָפן. עס האָט מיר אויסגעזען, אַז מיר וועלן קיינמאָל נישט דערפאָרן צו דער דאָזיקער סטאַציע, אַז מען האָט דאָס אַלץ אַרויסגעגעבן, און דער צוג איז פאַרביינגעפאָרן נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעם באַשטימטן אָרט.

ענדלעך איז אָנגעקומען די דריטע סטאַציע.

מיר זענען געשטאַנען אַן ערך אַ פערטל שעה

דורך דעם פאַרקראַטעוועטן פענסטער האָב איך געזען דעם עלנטן, פאַרפרוינעם פעראָן, וועלכער איז באַדעקט מיט שניי. עס איז נישט קענטיק געווען קיין שום באַוועגונג.

דער צוג איז אָפּגעפאָרן.

מיר זענען געפאָרן איבער נאַקעטע, מיט שניי באַדעקטע פעלדער. אין ערגעץ האָט זיך נישט געזען קיין שום זאַך, וואָס זאָל ענלעך זיין אויף אַ וואַלד. ענדלעך. ענדלעך האָבן זיך געוויזן אין אָנהייב איינצעלע ביימער, דערנאָך וואָס אַמאָל געדיכטער, געדיכטער — גאַנצע משפחות, צום סוף שוין, ווי אַ גאַנצע אומויפהערלעכע וואַנט.

די זשאַנדאַרמען האָבן געדרעמלט.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ פייף, און דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ס'האָט מיר אָנגעהויבן האַקן אין האַרץ.

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך אויפגעכאַפּט. איינער פון זיי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער: עס איז עפּעס קאַליע געוואָרן, צי וואָס?

— עפּעס אַ שיכּורער האָט איבערגעלאָזט דעם שליטן אויף דער ליניע — האָב איך דערהערט אַ שטימע.

כ'בין געזעסן אומבאַוועגלעך. עס איז נישט פאַרגעקומען קיין זאַך. דאָס שטענדיקע קריצן פון די רעדע, דאָס פאַרריכטן אָדער אַראָפּרוקן דעם וואַגאָן: ער איז געווען דער פערטער פון סוף, נאָך אונדז איז געפאָרן אַ וואַגאָן פון דריטער קלאַס און דערנאָך צוויי פראַכט-וואַגאָנען.

די מאַשין האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַ פייף געטון.

ס'האָט מיר אויסגעזען, אַז מען פאָרט, עס האָט זיך געהערט דער געקלאַפּער פון די רעדער: מיר זענען געשטאַנען אויף אַן אָרט.

— וואָס איז דאָס, צום טייוול! — האָט אויסגעשריגן דער זשאַנדאַרם.

— דער צוג איז אַוועק אָן אונדז.

— מ'דאַרף אַ געשריי טון — האָט געזאָגט איינער פון די זשאַנדאַרמען — הייב זיך נאָר אויף, לוקיטש.

לוקיטש איז אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרם.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ שווערן קלאַפּ און אַ פאַרשטיקטס געשריי.

דער צווייטער זשאַנדאַרם האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם רעוואָלווער.

פון דער טיר האָט זיך דערהערט דער באַפעל.

— זיך אונטערגעבן, אָדער אַ קויל אין קאָפּ.

מיט אַ האַק האָט מען צעבראָכן די צווייטע טיר.

דער זשאַנדאַרם האָט אויסגעשאָסן. אין דער זעלבער רגע האָט אים עמעצנס קויל אַוועקגעלייגט אויפן אָרט.

— וואָס מאַכסטו, מיכאַל — האָט מיך עמעץ אַרומגענומען — דערקענסט נישט... געדענקסט וואָראָנסקין, הא...

ערשט איצט האָב איך דערקענט מיכאַילאָוון.

— אין וועג אַריין, אין וועג אַריין — האָט ער געיאָגט.

מיט אַן אייזערנער שטאַנג האָט מען צעבראָכן די קייטן.

פון וואַגאָן פון דער דריטער קלאַס איז אַרויסגעלאָפן אַ פרויען-געשטאַלט.

— אָליאַ! — האָב איך אויסגערופן.

— ע, מיין דאַמע — האָט מיכאַילאָוו געברומט. — לויטן מיליטערישן דין קומט אייך צו שיסן פאַר נישט אונטערוואַרפן זיך. איר האָט אַלץ געקענט קאַליע מאַכן. איצט אַוועק פון דאַנען, עס זאָל מיר דאָ אין פאַרלויף פון פינף מינוט קיינער נישט זיין.

— זיי קען מען דאָך אַזוי נישט לאָזן — האָט געזאָגט איינער פון די אָנפאַלער, ווייזנדיק אויפן פאַרוווּנדעטן זשאַנדאַרם. — דער אַנדערער האָט אויך געקרוגן, אָבער זיי לעבן דאָך.

נישט אָן מי איז געלונגען צו געפינען דעם איבערגעשראָקענעם קאָנדוקטאָר, וועלכן איינער פון די פאַרשווערער האָט אַנט-

װאָפּנט אינם ענטשיידונגס-מאָמענט. מ׳האָט איבערגעגעבן אונטער זײַן השגחה מײַנע שלימזלדיקע שומרים און אין אַ װײַלע אַרום האָבן מיר זיך אַװעקגעלאָזט אין צװײ שליטנס מיט װאַלד-װעגן. מיט מיר איז געזעסן מיכאַילאָװ און אַליאַ. אינם צװײטן גרעסערן שליטן פיר צי פינף מאַנסלײַט. אויף עפּעס אַ שײד-װעג האָט דער גרעסערער שליטן פאַרקערעװעט רעכטס. מיר האָבן זיך געלאָזט גלײַך מיטן װעג.

הערקלעס חלומות

V

מיר האָבן זיך געפונען ענדלעך אין עפּעס אַ ריינעם און וואַרעמען הייזעלע, וואָס איז געווען ווי באַהאַלטן אין אַ געדיכטן וועלדל.

מיכאַילאָוון האָט מען דאָ גוט געקענט.

— דאָ — האָט ער געזאָגט — זענען מיר אויסער דער געפאַר. נישט אמת? — האָט ער אַ שמייכל געטון.

דער בעל הבית האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

— זאָלן זיי אַלע יאַגד־הונט אָפּלאָזן; אַז מיר באַהאַלטן זיך, וועלן זיי שוין נישט געפינען.

— ראַסקאָלניקעס זענען עס — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו — סטאַראָוויערן, ווען ס'וואָלט זיי געקענט נעמען און אַ שטויס טון, וואָלט מען געקענט מיטאַמאָל שאַפן אַ קראַפט.

צווישן די סטאַראָוויערן האָט זיך שוין מיכאַילאָוו אַרומגע־דרייט אַ קנאַפּ יאָר.

— אָבער פאַרוואָס — האָב איך געפרעגט — האָט איר זיך באַמיט פונמיינעטוועגן?

— נו, דאָס — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו — האָסטו דער דריטער אָפּטיילונג צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיקן כבוד, זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט האָט באַוויליקט זיך פערזענלעך מיט דיר צו פאַראינטערעסירן און האָט געהייסן דיין ענין באַזונדער באַטראַכטן. מ'האָט געוואָלט געבן אַ גוטן ביישפיל. און דער פאַל איז פאַר זיי אַ גינסטיקער: אַ פּאָליאַק, מיט דיר, טייערינקער, באַוויליקט אַפילו אונדזער פאַטריאָטישע פובליציסטיק זיך צו פאַרנעמען.

מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט צוויי וואָכן אין אַבסאָלוטער שטילקייט. איינגעקריצט האָט זיך מיר אין זכרון די דאָזיקע צייט אַ דאַנק מיכאַילאָווס דערציילונגען. אין דער צייט האָט שוין קיינער פון אונדז נישט געקענט די גאַנצע באַוועגונג, קיינער האָט זי נישט געקענט אַזוי אויפפאַסן מיט איין בליק. מיכאַילאָוו האָט פאַרמאָגט עפּעס אַ געניאַלע אינטויציע אין הלכות דערקענען און דערפילן מענטשן. איצט פלעגן אין זיינע ווערטער זיך שאַפן, אויפשטיין פאַר די אויגן אַדעליקע, גרויסע געשטאַלטן.

דער דענקנדיקער מענטש פלעגט זיך דערציען אין רוסלאַנד שווער און קרענקלעך. שווער און בלוטיק זענען געווען זיינע ערשטע טריט, די פאַרצווייפלטע פרוון איינצושטעלן די אייגענע זעלבסטשטענדיקייט.

ניקאָלאַי דער I-טער האָט פאַרמשפט אויף אַ צוואַנג-מיליטערדינסט פּאָלעזשאַיעוון פאַר אַן עראָטישן שיר, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין שפאַס, און דאָס איז געווען פולשטענדיק לויטן סטיל, איינגאַנצן אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. אין דער צייט אָבער פון ניקאָלאַיען איז שוין אויסגעוואַקסן און זיך פאַרשטאַרקט דער זעלבסטשטענדיקער געדאַנק. — דו זאָגסט מיר — פלעגט טענהן מיכאַילאָוו — אַז מיר זענען אַ הייפעלע צווישן דעם ריזיקן, גלייכגילטיקן המון, טאָ גיב זשע אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ כוח האָט געשאַפן שוין ביעלינסקי אַליין. פאַרשטייסט? איין קראַנקער מענטש איז געוואָרן אַ קוואַל פון אַ מאָראַלישער קראַפט, אָן וועלכער מיר וואָלטן נישט געווען. און הערצען, און טשערנישעווסקי. אַ מענטש, וועלכער גייט אין דער ריכטונג פון דער לעבנס-אַנטוויקלונג איז אומגעהייער שטאַרק. און פון אונדז איז דאָך שוין דאָ אַ

פאַר טויזנט יונגע שטאַרקע פעיקע פרויען און מענער, מיר לעבן דאָך שוין נישט צווישן זיך, נישט אין דער אינטעליגענץ, נאָר אינם פאָלק גופא. און דערזעלבער כוח, וועלכער האָט אונדז אַרויסגעשיקט צום פאָלק, טרייבט דאָך און וועט נישט אויפהערן צו טרייבן. און אָט דער איינער דור קען זיך נאָך אויך נישט. קענסטו באַרצינאָ, די שוועסטער לובאַרטאָוויטש, די שוועסטער קאָכאַנאָוויטש, קענסט באָלכאָווסקין, האָסטו געזען טשייקאָווסקין אין זיין קרייז.

טשייקאָווסקיס קרייז האָט שוין אין יענער צייט נישט עקזיסטירט. עס האָט אָנגעהויבן שפּראָצן פון אים עפּעס אַ רעליגיעזע באַוועגונג. מיכאַילאָוו האָט מיר נישט דערלויבט צו דערזאָגן מיינע ספקות בנוגע דעם.

— מענטשן זוכן דעם אמת, פאַרשטייסט, דעם לעבעדיקן אמת, זיי זוכן זייער וועלט, אין וועלכער קיין זאַך זאָל נישט ווייטיקן זייער נשמה. ווי קען מען שטרענג משפטן אַזעלכע מענטשן. די זאָגסט מיסטיק. אָבער דו באַרעכן נאָר, וואָס אַ מענטש האָט געמוזט גובר זיין, איידער ער איז דאָ אַהער דערגאַנגען, וויפיל ער האָט זיך אָנגעבענקט און זיך געבראָכן. צי ווייסטו, אַז עס זענען דאָ מאָמענטן, ווען איך ליב אַלצדינג. אַלצדינג דערפאַר, ווייל איך לעב, ווייל איך בין גליקלעך, ווייל איך האָב געפונען דעם אמת.

— האָסט אים געפונען?...

— יאָ. — מיכאַילאָוו האָט גערעדט אינגאַנצן רויִק, אָן פייער.

— כ'פאַרמאָג אים — אין אים לעב איך, פאַרן מענטש איז דאָ בלויז אַרבעט. אָט דאָס איז מיין גאַנצער אמת, דערין ליגט אַלץ. פאַרשטייסט. איך זאָג נישט: די וועלט איז דאָס אָדער יענץ. די וועלט איז נישט מער נאָר דאָס, אין וועלכן איך אַרבעט, דאָס איז אונדזער הייליקע, מענטשלעכע דערוואַרבונג. און וואָס עס איז אויסער אונדז, ווייס איך נישט. איך קען נישט וויסן. איך ווייס נאָר דאָס, אַז ס'איז דאָ אָט דאָס עפּעס, אין וועלכן אונדזער אַרבעט קומט פאָר, ווי אין אַ קריסטאַל. און איך וויל דערפון גאָרנישט,

כ'פאָדער קיין זאַך נישט. איך ווייס, אַז דאָס וואָרט און קוקט אויף מיר; „אַרבעט!" מיר איז עס שוין איינגעפאַלן, בשעת ווראָנס־קי האָט פאַרן טויט וועגן מאַטעמאַטיק און בלויער שטילקייט גע־רעדט. איצט ווייס איך שוין ביזן גרונט, און כ'ווייס, אַז דאָס איז דער גאַנצער מענטשלעכער אמת, אַז אַ מענטש וועט קיין זין נישט האָבן אַ חוץ זיך, אויסער דעם, וואָס ער וועט אַליין באַשאַפן.

— און וואָס איז נאָכן טויט? — האָט געפרעגט אַליאַ.

— איר טראַכט, וואָס עס וועט זיין נאָכן טויט? — האָט גע־פרעגט מיכאַילאָוו. — איך מיין, אַז מ'דאַרף דאָ אַלץ אָוועקגעבן, און אויב ס'וועט עפּעס זיין, איז אַלץ אויפסניי אָנהייבן. אַבי נאָר קיין זאַך באַ די מענטשן נישט צוגנבענען.

— דער מענטש מוז איילן — פּלעגט ער זאָגן — ער מוז זיך איילן. ער איז געקומען צום שכל צו שפּעט און נאָך ווי שפּעט. היינט האָבן מיר צעקאַלעטשעטע נשמות. איך זע דאָ אין דער סעק־טאַנטישער וועלט אויף יעדן טריט און שריט די ווונדן אויפן מענטשלעכן געדאַנק. און אומעטום זענען זיי דאָ, אין אַלעם זע־נען זיי דאָ. דו זאָלסט דיך נישט חידושן אויף די טשייקאָווצעס, וואָס האָבן געלעבט בלויז מיט זיך אַליין נאָר אַזוי ווי נזירים. אַ מענטש קען מען נישט געטרויען. זאָג, אַליאַ, נאָר זאָג אויפריכ־טיק, צי קען אַ פרוי ליבן ווי אַ מענטש? דו פאַרשטייסט? — אַז די זאָל אין האַרץ, אין זיך איינגאַנצן נישט האָבן דאָס געפיל: כ'האָב געהערט צו אים.

— ניין — האָט שטיל אַליאַ געזאָגט.

— אָדער דו מיינסט, אַז אַ מאַנספּערשוין קען היינט ליבן? ניין, איינגאַנצן נישט. מיר וועקן זיך ערשט, און אין אונדז אַליין באַלעבאַטעוועט נאָך גאָט ווייסט ווער. פּעראָווסקאַיאַ פאַרטיידיקט תמיד די פרויען. און זיי איז אויך גאָר נישטאָ וואָס צו פאַר־טיידיקן. דער מענטש וועט נישט זיין פריי, כל זמן ער וועט זיך נישט אויסלערנען ליבן. פאַרשטייסט, מישוק.

— איך ווייס נאָך נישט — וואָס דו מיינסט מיט דעם.

— איך רעד, כ'וואַרף די זריעה אין דרערד אַריין, זי גייט אויף, ס'הייבט זיך אויף די גאָלדענע זון פון דער שוואַרצער ערד,

נייגט זיך פאַר מיר און זאָגט: דאָס ביסטו און איך, מיר װעלן דאָ. און כ'װײס דעמאָלט. דאָס איז דאָס, װאָס באַשיצט מײַן אַר־בעט. אָבער ליבע, דאָס איז נאָך מער. דאָס, פאַרשטײסטו מיך, זאָג איך: נאָר דו, און ס'ענטפערן מיר אויגן און זאָגן: נאָר דו. און דאָ בין איך עס טאַקע דאָס, װאָס עקזיסטירט. כ'דריק מיך אויס שלעכט, און האַנדלען האַנדלט זיך דאָך װעגן דעם, אַז זײ זאָלן זײַן שטענדיק צוזאַמען אין יעדן מאָמענט, אַז ס'זאָל אין איר נישט זײַן קײן זאַך אַ חוץ דיר און אין דיר קײן זאַך אַ חוץ איר. און דאָס װײס איך, אַ מענטש זאָל זיך מיט זײַן ליבע נישט שעמען, װײַל בלויז דעמאָלט איז עס מעגלעך און אמת, אַז די, װעלכע איך שעץ העכער פון אַלץ, שעצט מיך צום מערסטן. עס איז אָבער אַזוי: איך שטעל זי העכער פאַר אַלץ, קען זי מיך דעריבער נישט שעצן, באַגערן. האָב איך זי אַלזאָ נישט דער־פאַר, װײַל עס דאַרף אַזוי זײַן, נאָר איך האָב זי פשוט, װי אַ זאַך.

— און זי — האָט געזאָגט אַליאַ — טראַכט אפשר ערגעץ אין האַרץ: ענדלעך קען איך װערן זײַן זאַך.

אין אַליען האָט זיך אַנטװיקלט אַ דרײסטקייט און אַנט־שלאָסנקייט, אויף װעלכער איך האָב מיך בײַ איר קײנמאָל נישט גע־ריכט.

מיכאַילאָװ האָט פּלוצלינג געזאָגט:

— איר װײסט, אָלגאַ, דאָס האָט װעגן אײַך אָנגעשריבן אוס־פּיעסקי: זי איז האַלב פרוי און האַלב װענוס פון מילאָ. דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון אַ פרוי און אַ חבר צוזאַמען.

אַליאַ האָט זיך פאַרװיטלט.

— נײַן — האָט זי געזאָגט — כ'האָב צו װײניק כוחות. און נישט אַלעמאָל קען איך. בעשת מיר פלעגן באַנאַכט — בײַ־טאָג האָט מען נישט געקענט — גײן מיט װאָלטשאַקן אין די מע־נער־אַרבעטער־קאַזאַרמעס, פלעגט מען זי קײנמאָל נישט טשע־פּען, מיך אָבער גאַנצע צװײ מאָל. דאָס הײסט, אַז כ'קען נאָך נישט. מ'האָט אונדז נאָך דעמאָלט נישט געקענט. כאַזאַנאָװ האָט אונדז אַפילו מתרה געװען. מיר זענען געגאַנגען. װאָלטשאַק האָט

גזהאָס באַקאַנטע, מ׳זיצט, מ׳שמועסט. מיר גייען אריין; וויעראַן האָט עמעץ פאַרהאַלטן, מיר האָט זיך נישט געגלוסט זיך אומקערן אויפן הויף פיל איך, ווי עמעץ נעמט מיך אַרום. עס איז געווען אַ שיכורער. — כ׳האָב אים אַ שטופ געטון, און ער איז געפאַלן. פאַרוואָס־זשע האָט דאָס פּאַסירט מיט מיר. און דאָס אַנדערע מאָל, דאָס אַנדערע מאָל איז געווען אַנדערש.

— איך וועל נישט דערציילן וועגן דעם — האָט זי ענדלעך געזאָגט.

מיר האָבן זי נישט געבייט.

אָליאַ האָט אָבער אין אַ ווײַלע אַרום אָנגעהויבן ווידער:

— און איך וועל טאַקע דווקא יאָ דערציילן. ער איז געווען אַ יונג ייִנגל. דימיטרי. מיר פלעגן אים אַלע רופן מיטאַ. כ׳האָב געזען, אַז ער גייט מיר נאָך טריט בײַ טריט, לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ. וויעראַ האָט עס באַמערקט. כ׳האָב טאַקע געוואָלט יענעם אָוונט רעדן מיט איר. דאַמאָלס פלעגן מיר שוין גיין, ווי ס׳פלעגט זיין באַקוועמער, צוזאַמען אָדער איינציקווייז. ווען עמעצער וואָלט געוואָגט, האָט מען בלויז באַדאַרפט אַ געשריי טון, און די אַרבעטער וואָלטן אים אוודאי אויף שטיקער צעריסן. איך האָב געוווסט וועגן דעם. כ׳גיי אַריין אין הויז, ס׳ברענט אַ לעמפל ווי תמיד. ס׳איז פינסטער. כ׳זוך די טיר, עמעץ כאַפּט מיך — כ׳האָב געוואָלט אַ געשריי טון, אָבער כ׳האָב שוין נישט געקענט, כ׳פיל ליפּן, זיי קושן מיך. כ׳האָב דאַמאָלס געפונען אין זיך מער כוחות, ווי כ׳האָב דערוואַרט, איך ראַנגל מיך מיטן אָנפאַלער. איך טראַכט מיר — ס׳וועט זיין אַ שאַנדע זיך צו ווייזן, אויב כ׳וועל אַ געשריי טון. מ׳וועט זאָגן: אַ פרײַלין. ער האָט מיר נאָכאַמאָל און אַ צווייט מאָל אַ קוש געטון. — אָליאַ איז געווען פורפורוויט. — ענדלעך האָב איך מיך אַרויסגעריסן פון אים און האָלט שטאַרק זייבע הענט, כ׳וויל אים פירן.

— לאָז אָפּ — זאָגט ער — כ׳האָב דערקענט מיטיען.

— ווי שעמסטו דיך נישט — זאָג איך.

— דו זאָגסט: גלייכהייט — זאָגט ער — און ווי נאָר ס׳איז

צו שפעט געקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן — די פּאַניענקע. כ׳שוין נישט לעבן אָן דיר.

איך זע ער שווידערט, און כ׳זאָג אים: יואַרט צו; איך וועל גיין צוריק, וועל איך אַלץ דערציילן, וועסט מיך באַגלייטן.

אין אָוונט גייען מיר ווידער צוזאַמען. זאָג איך: זעסט, אַז איך האָב צו דיר צוטרוי. ביסט אויף מיר אַנגעפאַלן אין דער פינס־טער, און איך בעט דיך דו זאָלסט מיך אָפּפירן. איך האָב דיך גאָרנישט צו פיינט, אָבער איך האָב אַן אַנדערן גאַן — אַ גע־ליבטן.

כ׳זע, ער איז בלאַס געוואָרן.

ער זאָגט גאָרנישט.

צום סוף מאַכט ער.

— און דאָס איז אמת, אַז דו האָסט אַן אַנדערן?

— אמת — זאָג איך — און כ׳האָב אים דערלאַנגט די האַנט.

ער נעמט נישט די האַנט.

— און ווען דו וואָלסט אים נישט געהאַט, וואָלסטו מיך גע־קענט ליב קריגן?

— כ׳ווייס נישט, זאָג איך, אפשר יאָ און אפשר נישט.

— נעם נישט, זאָגט ער — מיין האַנט — איך האָב מיך היינט מיט דיר ווי אַ הונט געוואָלט באַגיין, און נאָך איצט קלער איך, איך גיי מיט דיר און קלער: איך וועל זי אַ וואָרף טון, גאַן ס׳וועט זיין, ווי איך וויל.

מיר זענען געווען שוין נישט פון דער היים.

— נישט אמת, — זאָג איך — מיטיאַ, דו וואָלסט עס נישט געקענט טון. און איך, ווייל כ׳האָב דיר גרויסע יסורים פאַרשאַפט, בעט איך דיך איבער, און זיי עס מיר מוחל. און איצט זעסטו, אַז איך האָב צוטרוי צו דיר, און זאָלסט מיך נישט דערמאַנען צום שלעכטן: — איך האָב אים אַרומגענומען און אַ קוש גע־טון.

איך בין אוועקגעלאָפן, ווייל איך הער, ער שלוכצט אויפן קול.

פֿאָ זאָגט-זשע מיר, וואָס איז דאָס אַלץ: וואָס בין איך. פֿאַרוואָס ליידט דאָס יינגל, אָדער פֿאַרוואָס האָט עס געקענט זיין אַזוי, ווען ער וואָלט טאַקע געווען שטאַרקע"... און איך וואָלט דאָך שוין דאָס נישט געקענט פֿאַרגעסן. פֿאַרוואָס קען מען אַ פֿרוי שטענדיק צוזאַמען מיט דער נשמה אין בלאָטע אַריינוואַרפֿן?

מיכאַילאָוו האָט זיך פֿאַרכמורעט:

— אַ מענטש, אַ מענטש, אָדער אַ פֿרוי מיר רעדן און נעמען זיך אַלס אַ ביישפּיל. אפֿער מיט מענטשן קומט דאָך הײַנט פֿאַר נישט בלויז דאָס. ס'איז דאָך אַ צופֿאַל, וואָס איך בין נישט געבוירן געוואָרן אַ כינעזער, וואָס מען שלאָגט מיך נישט אויפֿן מאַרק מיטן באַמבוק-שטעקן, וואָס מען פּייניקט מיך נישט אויפֿן מאַרק. און די פֿרוי. פֿרויען-ליבע איז אין דער גרעסטער טייל פֿון דער געשיכטע און נאָך איצט געווען און איז אַ סחורה אָדער אַ רויב, נאָך יעדן זיג זענען די פֿרויען פֿון דער באַזיגטער שטאָט גענומען געוואָרן ווי רויב. און באַם פֿולן געדאַנק און איר ווילט האָבן אַן אַנדערע נשמה. די מענטשלעכע נשמה איז אויסגעוואַקסן אונטער שטעקנס, די פֿרויען-נשמה אויפֿן מאַרק, ווו מ'האָט פֿאַרקויפֿט איר קערפּער, אין האַרעם, און אויב אַפֿילו אין דער פֿאַמיליע. ווערט געוויר, וואָס ס'האָט זיך געטון מיטן מענטשלעכן קערפּער אין פֿאַרלויף פֿון דער געשיכטע — און איר וועט פֿאַרשטיין, וואָס דער שׂכל דאַרף זיין.

יענעם טאָג האָט מיך אָבער אינטערעסירט עפּעס אַנדערש.

איך בין געבליבן אַליין מיט אַליען.

— אַליאַ — האָב איך געפֿרעגט — איך טו דיר שלעכטס?

— איצט שוין נישט — האָט זי געזאָגט.

— און פֿריִער?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: פֿריִער האָב איך מיר אַליין שלעכטס טון. כ'האָב געקלערט: ער האָט מיך געהאַט, ווען איך וואָלט אַוועק פֿון אים, וואָלט מען מיך שטענדיק פֿאַרפֿאָלגט. אָבער

איצט ווייס איך, אַז איך וואָלט געוואָלט אַליין זיין מיט דיר, און אַז איך וואָלט נישט געוואָלט, וואָלט איך געקענט נישט זיין.

איך ווייס, אַז אַן אַנדערן קען פּאַרקומען, אַז איך באַגיי אַ פאַרברעך, בשעת כ'פּאַרעפנטלעך די דאָזיקע פּערזענלעכע סודות פון אַליעס נשמה. איך טו עס מיט דער איבערצייגונג, אַז אַזוי דאַרף הײַנט פילן אַ פרוי. די פרוי מוז זיין פרייער פון איר געשל־כטלעכקייט, זי טאָר נישט אַריינלאָזן איר גאַנצע ווירדע אין דער איינער זאַך. איך האַלט די פאַראייניקונג פון מענטשן, וועלכע זענען מיט קיין זאַך נישט פאַרבונדן, אַפילו מיט זייערע אי־נערלעכע איבערצייגונגען נישט, פאַר דער איינציק מאָראַלישער פאַרבינדונג.

כ'האָב באַאָבאַכט אַ סך פאַלן, ווו די פרוי וואָלט אוועק פון איר געליבטן, ווען זי וואָלט געפונען אַ צווייטן. אָבער פילן זיך אַן אַזאַ סיבה פריי פון דער פאַרבינדונג, און וועלכער זי לעבט, פילן זיך באַרעכטיקט איבערצורייסן באַציונגען פשוט דערפאַר, ווייל זיי גיבן איר נישט דאָס גליק, וואָס איז אין ליבע דער יסוד פון מאָראַליטעט — דאָס וואָלט אויסגעזען נישט מאָראַליש. אַ פרוי מעג איבעררייסן מיט איין מאַנספּערשוין צוליב אַ צווייטן, אָבער א־בעררייסן אָן דער דאָזיקער סיבה, איבעררייסן צוליב אויסשליסלעך עראָטישע טעמים, הגם זיי זענען נישט פאַרבונדן מיט קיין שום נייער ליבע — דאָס וואָלט מען געהאַלטן פאַר נישט מאָראַליש.

אַליאַ האָט געמוזט קעמפן מיט זיך, כדי זי זאָל זיך נישט פילן דערנידעריקט, פאַראַכטונגסווערט דערפאַר שוין אַליין, וואָס ס'האָט איר אַן אַנדערער נישט מיט איר ווילן אַ קוש געטון. און מ'דאַרף באַמערקן, אַז די עוולה, וועלכע זי פילט, שטעקט נישט אין דעם, וואָס מ'האָט באַ איר צוגענומען די פריי־הייט, נאָר אינם קוש גופא. אַ פרוי, וועלכע מ'שלאָגט, איז נאָר אַ קרבן פון גראָב־קייט, אָדער נאָך ערגער — וועלכע מ'שענדעט, ווערט באַדעקט מיט חרפה. איך ווייס, אַז דאָ ליגט דער העכסטער סוד פונם פרויען־וועזן. די פרוי איז די, וועלכע שאַפט די ראַסע, אָבער צוליב דעם

אַליין דאַרף זי זיך ריכטן אין איר לעבן מיט אירע אייגענע ביז דער מדרגה פון אַ פרינציפּ פאַרפיינערטע-געשלעכטלעכע פאַרלאַנגען. נאָר אין די פאָדערונגען פון איר אייגענער געשלעכטלעכקייט קען די פּרוי געפינען פאַר זיך דעם מאָראַלישן גרונט. די זעלבסטבאַקענונג און זעלבסטבאַשטימונג פונם געשלעכט מוז דאָ זיין אונדזער אידעאַל. אָבער ווען דער קאָמישער פאַרטיידיקער פון דער מאָראַליטעט און פון דער פאַמיליע וועט וועבן חלומות וועגן דעם תענוג פון פרייער ליבע, טאָ זאָל ער זיך אוועקשטעלן אונטער דער סטאַטוע פון דער מעדיצעישער ווענוס, אָדער דער ווענוס פון מילאָ און זאָל ער אַ קלער טון, אַז אין זיין צייט האָט זי געהאַט און זי וועט האָבן נישט נאָר אָרעמס, נאָר אַפילו פויסטן. און וואָס שייך דער פרייער צוציונגסקראַפט, וואָלטן דאָך די שומרים פון דער מאָראַליטעט נישט געקענט רעכענען אויף דער פרייער צוציונגסקראַפט נישט נאָר באַ די איינוווינערינס פון די עפנטלעכע הייזער, נאָר אַפילו נישט באַ די מנישקעס, וואָס וועגן זיי שרייבט דער קלאַסיקער Labruyere, אַז זיי האָבן די ערשטע אין פראַנקרייך געמאַכט די אַנטדעקונג: „que le paysan est ausi un homme" *)

וווּנדערלעך, ווּנדערלעך שיין זענען געווען אָט די לאַנגע ווינטער-אָוונטן אין דעם דאָזיקן מקום מקלט אין די וועלדער.

אין אָוונט פלעגן מיר פונאַנדערלייגן אַ גרויס פייער אין אויוון און נישט אָנצינדנדיק קיין ליכט, פלעגן מיר זיצן אין דעם בין השמשות, באַלויכטן פון די רויטע שטרייפן, וואָס פלעגן אַרויסשפּריצן פון אויוון.

מיכאַילאָוו האָט אויסגעצייכנט געקענט רוסלאַנד, ער האָט עס אויסגעצייכנט געקענט ס׳רוב אַ דאַנק פערזענלעכע באַאָבאַכטונגען, ער פלעגט רעדן וועגן פאַרהעלטענישן אין פאַרשידענע פאַרוואָרפענע ווינקלען פון לאַנד מיט דער זיכערקייט פון אַ מענטש,

---

*) אַז אַ פּויער איז אויך אַ מאַן.

װעלכער קען זײ פֿון דער פּראַקטיק. דערין איז געװען זײן גרױ־סער כּוח:

— מיר האָבן אַרום זיך גאַר אַ פּראַקטישע געזעלשאַפֿט — פֿלעגט זאָגן מיכאַילאָװ — ס'איז בלױז נײטיק, אַז זי זאָל דער־פֿילן, אַז זי איז עס. ס'איז נײטיק, אַז די פּױערים זאָלן נישט חעלן מער לײדן. מ'זאָל אונדז גלײכער בעסער קענען. ס'זאָלן זײן צװישן אונדז מער אַזעלכע, װעלכע די פּױערים װאָלטן געקענט האַלטן פֿאַר אײגענע מענטשן. איר פֿאַרשטײט, װאָס דאָס װאָלט גע־װען פֿאַר אַ כּוח. מיר װאָלטן געװען דער אומאױפֿהערלעכער פּראָ־טעסט, דער געדאַנק, װעלכער לעבט תּמיד אין האַרץ פֿונם פֿאָלק און גלײכצײטיק דאָס פֿאָלק גופֿא.

— דו גלײבסט אין דעם נצחון? — האָב איך געפֿרעגט. — פֿאַרשטײסט — אין אונדזער גאַנצן נצחון?

— דער נצחון איז שטענדיק מעגלעך — פֿלעגט זאָגן מי־כאַילאָװ. עלעמענטן זײנע זענען שטענדיק פֿאַרהאַן. אָט דאָס איז טאַקע גרױזאַם און װוּנדערבאַר. די װעלט איז װי עפּעס אַ מין פֿאַרכּישופֿט לאַנד, װאָס איז אײנגעשלעפֿערט אונטערן שנײ. זאָל אַ הײסער װינט אָפּשװענקען דעם שנײ, זאָל אױף אײן אױגנ־בליק אַ נשמה אַרײנגײן אין אָט דעם ריזיקן גוף, און עס װעט שױן אַפֿילו קײן קאַמף כּמעט נישט זײן.

— װי װעט מען אָבער קענען לעבן.

— װי פּראַכטפֿול װעסטו אױסזען, אָלגאַ באַם שנײדן דאָס הײ אָדער די תּבֿואה? גריכנלאַנד, גריכנלאַנד — זאָגט מען. — איך פֿיל דאָ אַרום און אַרום די מעגלעכקײט פֿון אַ מער האַרמאָ־נישערע װעלט װי די גריכישע חלומות. די גריכישע געטער זענען אױך אַנטשטאַנען פֿון פֿעלד־אַרבעט, דערפֿאַר זענען זײ אַזױ פּרעכ־טיק. צװאָס גריכנלאַנד? שטעלט איר זיך פֿאָר די ריזיקע סטעפּן פֿאַרזײעט מיט רײנע װײסע דערפֿער, שטעלט איר אײך פֿאָר די רי־זיקע פֿעלדער, װאָס גיבן ברױט פֿאַר די אַרבעטנדיקע מענטשן, אין אַ העלן זומערדיקן אָװנט, בשעת אַלץ איז בלױ און ראָז. דער צוריקקערער צום דאָרף: װי קען נישט געשאַפֿן װערן שײ־

קייט אין אזא מאמענט. בלויז עטלעכע יאָר, קורצע עטלעכע יאָר, האַלטן מיר אין דער ערד אַריינגוואַקסן.

— ווּיפיל יאָר — האָב איך געפרעגט — האָט געדויערט ביז אַהער די לענגסטע אַרבעט אין דאָרף, וועלכע די רעגירונג האָט נישט איבערגעריסן?

— כמעט קיינמאָל נישט לענגער ווי אַ יאָר — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו — און דאָס אויך זעלטן, זייער זעלטן.

ער האָט זיך פאַרכמורעט: — ער זאָל זיך אונדז אײַנמיטן וועג נישט שטעלן, נישט שטעלן זאָל ער זיך אַנטקעגן דעם גליק פון פאָלק — ער, דער צאַר אַלעקסאַנדער. פון די אונדזעריקע זיצן שוין איצט ביז כּוויזנט מאַן אין די תּפיסות. אויב ס'וועט אויסקומען זיך איבערצוצייגן, אַז מ'קען נישט אַרבעטן, וועלן מיר זיך שאַפן אַן אָרט, וווּ צו אַרבעטן. זיי וועלן זיך אויסלערנען פאַר אונדז מורא האָבן. מיר דאַרפן נישט האָבן קיין כּוח און קיין בלוט, ווייל מיר גייען נישט שטערן קיין זאַך, אָבער קעגן אַ כּוח וועט מען שאַפן אַ כּוח. און הלוואַי וואָלט ער מיך געפאָלגט — אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש.

כ'האָב זיך צעלאַכט.

— דו מיינסט: איך קוק נישט מיט קיין ניכטערע אויגן אויף גאָטס וועלט? כ'זע אַלץ, ברודער. נאָר כ'זאָג אַזוי, ווי ס'איז. עס קענען עפּעס קומען, וואָס וועט פּלוצלינג אויפוועקן דאָס פאָלק און די זאַך וועט זיין פאַרענדיקט. און זאָלן מיר אַלע אומקומען, עפּעס וועט בלייבן פון אונדז. נייע געדאַנקען וועלן אַרויסשווימען, אויב נישט פון אונדז, איז פון אונדזערע ביינער. ווייזט אויס, מיר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין אמתע ווערטער; פאַרפאַלן גייט אָבער קיין זאַך נישט. ס'גייט נישט פאַרפאַלן קיין שום זשעסט, קיין שום וואָרט. דאָס פליסט אַלץ ערגעץ ווייט טייכלעכווייז. מען הערט וועגן דעם נישט, מען ווייסט נישט, ווו דאָס איז. און אויב אַפילו פון אונדזערע ביינער, פון אונדזער קברים זאָל זיך אַרויסרייסן אָט דער קרעפטיקער, פרישער ווינט, איז עס דען נישט? גוט.

יעדנס לעבן ענדיקט זיך דאָך. פאַרן לעבן וועסטו דאָך קיין

קאַן נישט אָפּהיטן. אַזוי, צי אַנדערש, ס'וועט צונעמען אַלץ; אַזוי וואַקסט לכל הפּחות פון דיין לעבן דאָס, וואָס דו ווילסט. הער אויס, קיין שום זאַך פון דיר וועט נישט אומקומען. צי איז דען נישט גוט אַזוי? דאָרט ערגעץ, דאָרט, איבער ווייטע פעלדער פליסט דער געדאַנק. און מיר דאַרפן בלויז דאָס טון: נישט אַריינפירן קיין שום זאַך נישט, אַ חוץ דעם, וואָס האָט רעכט צו לעבן, וואָס מוז לעבן. יעדער מענטש שטאַרבט דאָך אומאויפהערלעך. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז דו זאָלסט שטאַרבן ווי דו ווילסט, אַז דו זאָלסט וויסן, אויף וואָס דו גיטסט אָפּ דיין נשמה, אַז דאָס זאָל זיין פון דיר.

זיי קוקן אויף אונדז, וואָס מיר האָבן אַוועקגעוואָרפן די היים, די שטילקייט, די רו. צוואָס זענען זיי אַוועק, פאַרוואָס? די היימלאָזע נעוונדניקעס. מיר זענען די איינציקע, וואָס האָבן אַ היים, פון אונדז וואַקסט אַרויס דאָס, וואָס מיר ווילן, כּדי ס'זאָל וואַקסן דאָס, וואָס דאַרף וואַקסן און זיך פונאַנדערבליִען. מיר האָבן פאַרלאָזט די פוסטקייט, מיר האָבן אויסגעווײלט דאָס פולע לעבן. עס זענען נישט פאַראַן קיין גליקלעכערע מענטשן פון אונדז, וועלכע מ'רודפט. דאָס גרעסטע און דאָס איינציקע אומגליק איז, בשעת עפּעס באַגנבעט דיך אומאויפהערלעך, גנבעט דיך אַליין צו. יעדער טאָג אונדזערער, יעדע שעה אונדזערע, יעדער געדאַנק אונדזערער איז עפּעס, וואָס ווערט אַריינגעבראַכט אינם האַרץ פון דער מענטשהייט, עפּעס, וואָס וועט צאַפּלען אין אים, דויערן, וואָס וועט שוין מיט אים נישט אומקומען.

וויסן, אַז מ'וועט מיט קיין זאַך דאָס דאָזיקע הייליקע האַרץ נישט פאַרסמען, אַז עס וועט אַלץ אין זיך געטריי באַהאַלטן, אָט אַזוי לעבן. שרייבן אינם קאָסטבאַרן מעטאַל דיין צוקונפט, דעם אייגענעם ווילן, די אייגענע געדאַנקען, פילן, אַז מען בלייבט איבער, צי קען זיין אַ גרעסער גליק? קיינמאָל בין איך נישט אַליין, כ'וועל נישט זיין אַליין. קיינער אין דער וועלט האָט נישט געוווּסט הענן אַזאַ גליק, וועגן אַן אַרבעטזאַמען, טעטיקן גליק. דו

פרעגסט דיך אויף נצחון, פילסטו דען נישט, אַז מיר זענען מנצח אַלע רגע, אַז דער נצחון איז אין אונדז דאָס, וואָס וועט זיך אַנט־קעגנשטעלן קעגן אַלץ: דאָס שטענדיקע, אומפאַרענדערטע, גרוי־זע און פרייע גינגאָלדענע האַרץ פון דער מענטשהייט.

מ י ש ק י ן

VI

אַליאַ איז אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. זי האָט דאָרט גע־וואָלט איינאָרדנען דאָס אַנטלויפֿן פֿאַר עטלעכע מער קאָמפּראָמי־טירטע. טשערנאָווס ענין האָט אויך געוואָלט זיין גאָר ערנסט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו קומען מיט אים אין קאָנטאַקט, און אויב עס וועט זיך איינגעבן, אים צו באַפֿרייען.

מיך האָט מען דערווייל נאָך אָפּגערעדט זיך צו ווייזן אין מאָסקווע. דערפֿאַר האָבן מיר זיך געוואָלט באַגעגענען אין קאַזאַן אָדער אין אָרענבורג מיט מישקינען, וועלכער איז גע־פֿאָרן קיין סיביר מיט אַ פּלאַן צו באַפֿרייען טשערנישעווסקין.

— מיר וועלן נישט באַווייזן — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו — שלעכט...

מיר זענען גלייך אַרויסגעפֿאָרן.

פּעסער האָבן מיר געהאַט גוטע, געלט אויך גענוג.

מיכאַילאָוו האָט זיך געיאָגט אָן אַ אָפּהאַלט.

— מישקין וועט נישט וואַרטן — האָט ער געזאָגט.

מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַזאַן. דאָ האָט אויף אונדז באַלד געוואַרט אַן אַנטוישונג.

לערך אַ וואָך פֿאַר אונדזער אַהערקומען האָט זיך איבער דער שטאָט אַדורכגעטראָגן אַ פּאָליציייִשער שטורעם. די מענטשן, וועמענס אַדרעסן מיר האָבן געהאַט, זענען געווען אַרעסטירט, אַרויסגעפֿירט קיין מאָסקווע, פּעטערבורג.

די שטאָט האָט מיר אויסגעוויזן פּוסט, טויט. אין דער ערשטער נאַכט, וואָס כ'האָב דאָ פֿאַרבראַכט, האָב איך געזען און געפֿילט דייטלעך, וואָס פֿאַר אַ קליין הייפֿעלע מיר זענען אויף דעם פֿאַרגליווערטן רויִקן שטח. מען האָט דאָך זיי גענימען פֿון דאַנען, די ברידער אונדזערע, און וועגן דעם האָט קיינער נישט געוווּסט.

אין אַ פֿינסטערע נאַכט האָט מען אַרויסגעריסן בײַ דער שטאָט די נשמה און דאָס האַרץ, מען האָט איר אויסגעשטאָכן די אָדלער-אויגן, און די שטאָט האָט נישט באַמערקט.

איך האָב פֿאַרשטאַנען דעם גרויל און די שרעק פֿון די ערשטע פּוילישע גרושים, וועלכע מען האָט דאָ דורכגעפֿירט. און היינט נאָך, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, לייגט זיך דאָ אויף דער נשמה און אויף די געדאַנקען אַ טויטקייט.

ווען מיר זענען צוגעפֿאָרן צום האָטעל, האָט אונדז אויף דער גאַס פֿאַרהאַלטן אַ טאָטער, פֿאָרלייגנדיק אונדז צו קויפֿן בײַ אים אַ מיידל פֿאַר 20 רובל.

— אַ שיין, יונג מיידל — אַן אומשולדיק מיידל, גיב צו פֿאַרדינען אַ טאָטער, זאָל איך זי אַהערפֿירן?

סימנים פֿון וואַנדערלעבן האָט מען דאָ געזען אויף טריט און שריט:

זיי האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אונטער דער ביוראָקראַטישער קאָרע.

דאָ האָט זיך נאָך געפֿילט ניקאָלאַיס רוסלאַנד: דאָס גרויסע, קאַלטע לאַנד, איבער וועלכן ס'אָרן אַרום אין פֿאַרשידענע ריכטונגען טראָיקעס מיט באַאַמטע און באַפֿעלן. די פֿעדערן אין די קאַנצעלאַריעס סקריפּען. דאָס לעבן קריכט דורכן שניי, ווי ס'קען. דאָ

האָט מען נאָך געפּילט אַפילו אײנם טאָן פון רעדן און אין דער האַל־טונג, אַז מיט אַ מ[illegible]טש מעג מען טון אַלץ, נעמען אויף 35 יאָר אין מיליטער, דער[illegible]גען מיט קלעפּ פון שטעקנס. דער פּראָסט־קײט, די אָרימע [illegible]אַטור האָבן פאַרגליװערט דאָס רחמנות צו זיך אַלײן די מאכס האָט נישט צוגעלאָזט ס׳זאָל זיך אַנטװיקלען די זעלבסטװירדע אין אַזױ לעבן די מענטשן שטענדיק בעװלהט. עװלות רינגלען זײ אַרום פון אַלע זײטן, זײ װאַקסן אין זײ אַרײן, זײ װערן זײער נאַטור.

דער לאַקײ אין האָטעל, װען מיר האָבן אים געזאָגט װעגן דעם טאָטער, האָט אַ קװעטש געטון מיט די אַקסלען:

— עס איז טײער, בײַ זײ איז הײנט שלעכט. מען קען פאַר 15 און פאַר 10 רובל באַקומען, אָבער צװואָס אַזוי אַרום? אויב יאָ עפּעס? מײן שװעסטער איז אַ בײטאָרין אין מאָסקװע גע־װען, האָט די „bon ton” מאַגיערן; אויב יאָ עפּעס, קען זי אין יעדן מאָמענט קומען.

מיכאַילאָװ פלעגט זײן מאָדנע רויִק אין אַזעלכע פאַלן. ער פלעגט קענען אַרויספטרן אַזאַ מין פאַרמיטלער, אַפילו נישט אָנ־רירנדיק נישט אים, נישט זײן שװעסטער, װאָס באַזיצט דעם גוטן טאָן. דער אײגענער לאַקײ האָט אונדז אויפן אַנדערן טאָג נישט דערמאָנט אַפילו װעגן זײן שװעסטער, אָבער ער האָט זיך צו אונדז באַצױגן מיט אַ ספּעציעלער אײדלקײט, און עס איז נישט געלגן דער פאַרדינסט דערפון אין קײן שום ספּעציעלע שײנע װערטער. מיטן טאָן אַלײן, מיטן אַרט רעדן פלעגט מיכאַילאָװ געבן צו פילן, אַז ער פאַרשטײט אַלץ: ער האָט נישט געהאַט קײן רחמנות אויף דער שװעסטער דער פּראָסטיטוטקע, נישט אויפן ברודער, װעלכער פלעגט זי פאַרקויפן, ער האָט נישט געקלאָגט איבער זײער גע־פאַלנקײט, נאָר ער פלעגט פּראָסט און פּשוט, נישט באַמערקנדיק, באַציִען זיך צו זײ אַזױ, װי זײ זענען עס, אַלס מענטשן. כ׳האָב קײנמאָל נישט געזען קײן עקלהאַפטערע זאַך, װי די אַזױ גערופע־נע הומאַניטאַר־מאָראַלישע באַציִונג צו פּראָסטיטוטקעס. אַך, דו מוזסט זיך אַלײן פאַרקויפן? אַ קרבן פון דער געזעלשאַפט נעבעך, א. א. װ.

מיט איין וואָרט, דעמאָנסטרירנדיק די גרויסמוטיקע ריינקייט פונם אייגענעם מיטגעפיל, דערמאָנט מען אַ מענטש, אַז ער זינקט אין בלאָטע. און אויב עס האַנדלט זיך אין דעם, פאַרגיסט די בלאָטע אַלע.

איך האָב אַמאָל דערציילט מיכאַילאָוו מיינע פּאַרפאַלן אין אָסטס אורחים־הויז. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין מיינע געוויסנסביסן.

— איך פאַרשטיי נישט: אין וואָס באַשטייט דאָ די עוולה, וואָס דו האָסט ביילען געטון? זי איז דיר געפעלן, און דו איר. דו וואָלסט זי געוועון באַעוולט, ווען דו שטויסט זי אָפּ פון דיר און ווען דו גיסט איר צו פילן, אַז באַ אַזעלכע ווי זי ווערט ליבע בלויז געקויפט. כ'פאַרשטיי נישט.

און מיכאַילאָוו האָט אויף אַן אמתן נישט פאַרשטאַנען, חי אַזוי, מען איז דאָס אָפּהענגיק פון אַ פּאָראורטייל. זיין אין אַלעם אויפריכטיק און זיין מיט יעדן אַ מענטש — אָט דאָס איז אַלץ. און כ'בין איבערצייגט, אַז דער לאָקיי האָט אוודאי דערפילט, בשעת מיכאַילאָוו האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט און געלויבט די שיינקייט פון זיין שוועסטער, וועמענס פאָטאָגראַפיע ער האָט אונדז צומאָרגנס געוויזן, אָבער שוין אָן דער כוונה צוצוציען — ער האָט אוודאי דערפילט, אַז ער האָט צו טון מיט אַן אמת שיינעם און פיינעם מענטש.

אַמאָל, פלעגט זאָגן מיכאַילאָוו, דאַרף מען אַליין זינדיקן, בכדי דעם צווייטן נישט מצער צו זיין, נישט דערנידעריקן.

דעם גאַנצן אַנדערן טאָג האָבן מיר געזוכט אַ ידיעה וועגן מישקינען. עס איז אָבער אוממעגלעך געווען עפּעס געוווּיר צו ווערן. באַקאַנטע, וועלכע מיכאַילאָוו האָט דאָ ענדלעך געפונען — זענען נישט אומשטאַנד געווען אונדז צו געבן אַ וואָסערע נישט איז ידיעות.

אין אָרענבורג איז אונדז געגאַנגען נישט בעסער.

מיר האָבן שוין אויפגעהערט צו גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון וועלכן עס איז דערפאָלג, ווי פלוצלינג איז עפּעס איינמאָל מיכאַילאָוו שטיין געבליבן אויף דער גאַס, ווי אַ צוגעמויער־

טער צום אָרם. אַטקעגן אונדז איז געגאַנגען אַ יונגער הויכער מאַנס־פּערשוין אין אַ מונדיר פון אַ זשאַנדאַרמען־אָפיציר. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַ מערקווירדיקע ענערגיע. ער איז געגאַנגען שטייף, דרייסט, מ׳האָט אָפּגעטראָטן פאַר אים. מיכאַילאָוו האָט מיך אָנגע־כאַפּט בײַ דער האַנט;

— מישקין — האָט ער אַ שעפּטשע געטון.

און דאָס איז געווען היפּאָליט מישקין, איינער פון די מאַ־ראַליטעט־טיכטיקסטע מענטשן, וועלכע כ׳האָב געקענט.

מישקין איז אַ זון פון אַ פּויערטע און אַ זעלנער.

אַליין איז ער געווען אַ זעלנער. איינער פון זיינע נאַטשאַל־ניקעס האָט זיך מיט אים פּאַראינטערעסירט. מ׳האָט מישקינען אריינגענומען אין אַן אָפּטיילונג פון סטענאָגראַפיסטן. אַלס סטענאָגראַ־פיסט האָט מישקין געהאַט דעם כּבוד צו זען דעם צאַר אַלעק־סאַנדער און צו דעמאָנסטרירן אין זיין אָנוועזנהייט די נייסטע סטע־נאָגראַפישע מעטאָדן. זיין גאַנץ גייסטיק לעבן האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט אַן אומגעווייטלעך לאָגישער גראַדליניקייט אין דער אַנטוויקלונג. ער האָט געפירט אַ זעלנעריש לעבן, דאָס לעבן פון אַ רוסישן בעטרייען אונטערטאַן, גלייבנדיק אַז דאָס גאַנצע סיסטעם שטיצט זיך אויף עפּעס, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַליין אַ קראַפט און אַ ווערט.

איבעריקנס, האָט ער אוודאי נישט געקלערט אַפילו וועגן דעם. בשעת ער האָט דערזען דעם קייזער, בשעת ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז פּונקט אַזאַ געגעראַל, ווי די וועלכע ער קען, אַז פּונקט אַזוי, פאַרשטייט ער סך זאַכן נישט, האָט ער פאַר־שטאַנען דעם גאַנצן אומזין פון דער זעלבסטהערשאַפט.

מיר טרייסטן זיך כּסדר, אַז דאָס איז נאַיוויטעט. נאַיוו איז דער, וועלכער ווייס, פאַרשטייענדיק די גאַנצע אומגעלומפּערט־קייט פונם פאַקט: אַ צופעליקער באַגרענעצטער יחיד האָט אין זיין האַנט אַ מאַכט, וואָס קען אונטעריאָכן הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען געדאַנקען. נאַיוו איז ער, אויב ער וועט אַנדערקענען,

אַז אָט דער אימפּין, וועלכן ער האָט דערזען, איז אַן אַרגומענט קעגן דעם פֿאַקט גופֿא.

מיר ווייסן דאָך דאָס אַלע — טרייסטן זיך קלוגע מענטשן. קלוגע מענטשן מיינען, אַז זיי וואַרפֿן אַראָפּ דעם יאָך דערמיט, וואָס זיי פֿאַרשטייען אים מיטן גאַנצן ערנסט פֿון זייער שכל.

דער אונטערשיד צווישן מענטשן באַשטייט הויפּטזעכלעך דערין, צי זענען זיי בכוח זיך צו שטיצן אויף די אויספֿירן פֿון זייערע אייגענע געדאַנקען און געוויסן, צי זיי זענען בכוח, פֿאַרשטייענדיק, אַז עפּעס איז אַן אמת, צו לעבן בלויז מיט אים.

מישקין האָט געהאַט אין זיך אָט דעם אייזערנעם כוח. אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז בײַ אים דעטראָניזירט געוואָרן אין דעם מאָמענט.

ביסט אַ מענטש, אַזוי ווי איך — ווי־זשע קאָנסטו הערשן איבער מיר. ווער האָט דיר געגעבן די מאַכט?

די יונגע, דרייסטע געדאַנקען פֿלעגן נישט אויפֿהערן צו אַרבעטן. געדאַנקען, וועלכע שרעקן זיך פֿאַר קיין זאַך נישט, דאָס איז זייער אַ זעלטענע דערשיינונג, הגם מ'רעדט וועגן דעם אַזוי פֿיל.

סײַ אומבאַוווּסטזיניק, סײַ באַוווּסטזיניק ראָטן מיר זיי אויס אין זיך און אַרום זיך אומאויפֿהערלעך. דער געדאַנק אונדזערער איז ווי אַ דרעסירטער הונט. ער שפּירט נאָך און פֿלוג דאַכט זיך פֿריי, אין גרונט גענומען פֿאָרשט ער אָבער, צי איז דאָ פֿאַרבײַגעגאַנגען זײַן באַלעבאָס.

אַ פֿרייער געדאַנק, אָן אַ באַלעבאָס איבער זיך, אַ געדאַנק, וועלכער דאַגהט וועגן קיין זאַך נישט, וועלכער וויל נישט וויסן, וווהין ער וועט קומען, וועלכער שרעקט זיך פֿאַר קיין נישט, דאָס איז היינט עפּעס אַ זעלטנהייט.

דאָס אַליין, וואָס מיר עקזיסטירן, די איצטיקע געזעלשאַפֿט, אַזוי ווי זי איז, איז אַן אומאויפֿהערלעכער דערשטיקער פֿון דעם פֿאָרשערס פֿרייהייט. און דאָס איז שוין אומאָפּהענגיק פֿון די איבערצײַגונגען. אַ געוויסער מין פֿון אינסטינקטיווער סאָלידאַריטעט

הייסט אונדז נישט ווילנדיק אָננעמען. דערלאָזן עפּעס אַ שכל, אַ געדאַנק אין דעם אָרט לעבן און עקזיסטענץ, וועלכע עס האָבן אָנערקענט און אָנגענומען אַנדערע מענטשן. דער געדאַנק מאַטערט זיך און ברעכט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אָט דעם שכל נישט אויסגעפינען, נישט אַנטדעקן, דאָס הייסט ביז וואַנען ער וועט זיך צופּאַסן צו די עקזיסטירנדיקע פאָרמען.

יעדער פון אונדז, לעבנדיק אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, ווערט דורך איר דערצויגן, זאַפּט ביסלעכווייז זיך אַריין, דרינגט אַריין אין אונדז, אין אונדזער בלוט דער גאַנצער כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה און ביסלעכווייז געפינט יעדער איינציקער זיך אַליין אין דער געזעלשאַפט.

מיר דענקען מיטן גאַנצן גוף, מיר דענקען מיט דער פאַמיליע, מיטן ווילשטאַנד, מיטן גאַנצן וועזן אונדזערן; ווער עס איז פאַרבונדן דורך דער עקזיסטענץ זיינער מיט דער געזעלשאַפט, וועט פריער אָדער שפּעטער מקדש זיין, באַרעכטיקן די דאָזיקע פאַרבינדונג, אַזוי ווי דאָס וועט אַרויסטראָגן זיין שכל.

אָבער מישקין האָט געזען, ווי די דאָזיקע געזעלשאַפט דריקט צו צו דער ערד און דערשטיקט מיליאָנען גאַנצע, ער האָט געזען, אַז זי איז עפּעס, וואָס שלינגט איין שווייס, טרערן, בלוט.

ווער ביסטו עס, וואָס דו האָסט דאָס רעכט דאָס צו טון? וווּ איז די נשמה דיינע, דער אמת פון דיינע געדאַנקען?

מישקין אַליין איז געווען איינער פון די, וועלכע זענען בלויז אַ מאַטעריאַל פון דער געשיכטע. דער געדאַנק וועלכער איז אין אים אַנטשטאַנען, האָט געשטעלט די האַרטנעקיקע פראַגע: וואָס מאַכסטו פון דעם אַלעם, פון דעם עלנט, פון די טרערן? אייער אמת מוז זיין אומענדלעך הייליק, גרויס, שיין, אויב איר וואַגט אים צו שטיצן אויף גרענעצלאָזן פיין און ליידן.

אָט שטעלט זיך פאַר אייך פנים אל פנים דאָס לעבן, וואָס איר זענט זיין גאַנץ. גאָט מוז אָפּגעבן דין וחשבון דעם לעבן.

מישקין האָט געזען דעם קייזער, ער האָט דערנאָך געזען די יעניקע, וועלכע זענען דאָס זאַלץ פונם פאָלק, דער געדאַנק זיינער. ער איז געווען אַ סטענאָגראַף פון די ערדבאַזיצער-צוזאַמענפאָרן, און צו אים, דעם זעלנערישן זון, פלעגן קומען הערן מיט הויכע שטערנס און ווייסע הענט בעטן, ער זאָל אויסמעקן פונם סטענאָגראַפישן באַריכט אַ ליבעראַל וואָרט, אַן אָפּאָזיציאָנעלע פראַזע.

— דאָרט אין זאַל פלעגט מען זיי באַלויגען מיט אַפּלאָדיסמענטן — האָט מישקין דערציילט — אין דערנאָך אינם צימער פונם סטענאָגראַף פלעגן זיי ענדערן דעם טאָן, אָט די הערן. יעצט פלעגן זיי זיך דערמאָנען אָן געהאַלט, אָן אָרדענס, פרוי און קינדער. ס'איז נישט פאַרהאַן קיין שום געזעץ: ס'איז דאָ פּחדנות און שוואַכקייט. דאָס אַלץ שטיצט זיך אויף דער פינסטערקייט און פּאַסיוויטעט פון די מאַסן. בעת דאָס פאָלק וועט זיך אויפהייבן, וועט זיך פאַנאַנדערשווימען פאַר אים אַלץ ווי אַ נעפּל, ווי אַ זומפּ.

ס'זענען פאַרהאַן פאַרשידענע טיפּן רעוואָלוציאָנערן. ס'האָבן דורכגעשוועבט פאַר מיינע אויגן גאַנצע רייען אומפאַרמיידלעכע געשטאַלטן, מיט וועלכע כ'האָב זיך באַקאַנט. פאַר דער שקלאַפּעישער, צופרידענער וועלט איז אַ רעוואָלוציאָנער קיינמאָל נישט קיין רעאַלער מענטש, ער איז אָדער אַ וואַמפּיר, וועלכער לעכצט נאָך בלוט און טומל, אָדער אַ ריטער פון אַן אידעאַל, וועלכער איז פאַרגאַפט אין דעם איבערערדישן דמיון פון דער צוקונפט.

אַנדערש קען נישט אָט די וועלט, די אַלטעגלעכע וועלט פון אינטעליגענץ, וועלכע טראָגט אַריבער שקלאַפעריי און אונטערדריקונג, אַנדערש איז זי נישט ביכולת צו פאַרשטיין אָט די פאַר איר פרעמדע מענטשן, מיט וועלכע זי ווערט באַקאַנט אין קורצע, בליץ-שנעלע מאָמענטן. דערווייל איז אַ רעוואָלוציאָנער — אַן אמתער, נישט קיין אויסגעטראַכטער, אַן אויסגעוויינטלעך פאַרשידנאַרטיקער טיפּ. עס זענען פאַרהאַן אין די גרענעצן פון אָט דעם טיפּ יחידים, וועלכע פילן קודם כל די דיס-

האַרמאָניעס פונם איצטיקן לעבן. זיי זענען שטאַרק מיט זייער האַס, אָבער דאָס איז לחלוטין נישט דער שטאַרקסטער טיפ פון אַ רעוואָלוציאָנער.

צום פּראָטעסטאַרסטן איז די טעטיקייט פון אַנדערע נאַטורן: פון די, אין וועמענס נשמה עס לעבט דער שטאַרקער חוש פאַר אַ קלוג פריי לעבן פון דער מענטשהייט, נאַטורן, וועלכע זענען זיך נישט נוקם פאַר זייער צעשטערט לעבן, וואָס איז אין זיי, קעמפן זיי קעגן דעם, וואָס מאַכט זיי חרוב און קאַליעטשעט זיי.

מישקין איז געווען אַ מענטש, וועלכער פלעגט, האָבנדיק פאַרשטאַנען, האָבנדיק זיך איבערצייגט, נישט אָפּטרעטן פון זיין געדאַנק, האָבנדיק זיך אונטערגענומען — פלעגט ער אויספירן. קורץ נאָכן מיליטערדינסט, האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט עטלעכע יונגע בחורים פון אַ קרייזל, וועלכעס האָט געגרינדעט אין אַרכאַנגעלסק דער באַוווסטער שרייבער פלעראָווסקי, אָט זיי האָבן אים צוגעטראָגן דעם געדאַנק צו גרינדן אַן אומלעגאַלע דרוקעריי. זיי האָבן טאַקע געאַרבעט אין דער דרוקעריי-אָפּטיילונג, וועלכע מישקין האָט געגרינדעט בײַ זיין ליטאָגראַפיע אין מאָסקווע. די דרוקעריי, וועלכע איז געווען וווּנדערבאַר פאַרקאָנספּירירט, האָט לאַנג געאַרבעט אויף די אויגן פון דער פאָליצײַ. צום סוף האָבן זיי גענומען פאַרמערן די באַוואָרניקנדע סמנים, און מישקין האָט איינמאָל, גייענדיק אַהיים, באַמערקט אין טויער פאָליציי, איז פאַרבייגעגאַנגען נישט אומקוקנדיק זיך און איז נעלם געוואָרן פון מאָסקווע. איצט איז ער געקומען פון דער שווייץ, ווו ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצובאַקומען טשערנישעווסקין.

פּאָעטן און אידעאַליסטן קלאָגן זיך אויפן מאַנגל פון פּאָעזיע און אידעאַלער קראַפט אין אונדזער לעבן. זיי זענען בלויז נישט אַנטוויקלט געהעריק, בכדי צו באַמערקן יענע ריזיקע פּאָעזיע, וועלכע עס כאַראַקטעריזירט אונדזער מאָמענט. און שטייגט איבער מיט איר טיפקייט די פּאָעטישע מוסטערן און נאָרמען פון אַמאָליקע תקופות.

אַזוי איז עס.

מיר ווע̄לן זיך נישט צוריקקערן און מיר קענען זיך נישט צוריקקערן צו קיין באַזיגטן מאָמענט. יעדער מאָמענט פון מענטשלעכן לעבן האָט אין זיך פּאָעזיע. ער שאַפט זי. פּאָעזיע — דאָס הייסט ווערן דורכגענומען פון אַ מאָמענט. דער מענטש ווידער איז אַזאַ פיין און רייך באַשעפעניש, אַז ער לעבט אַלץ אויף. אויפן גרונט פון אַנטגילטיקער אונטערדריקונג געפינט ער נאָך די מעגלעכקייט צו ליבן עפּעס, צו לעבן אין עפּעס אַ פּיצל פרייהייט.

כ׳געדענק, ווי כ׳האָב טאַקע וועגן דעם שוין גערעדט אין שליסעלבורג מיט דעם זעלבן מישקינען, מסתּם בשעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאַראַלענקאָס עפּעס אַ דערציילונג. אָט דער פיינער רוסישער שרייבער פאַרמאָגט דעם כּוח אַרויסצוּוועבן און אויפצונעמען פּאָעזיע אין יעדער סביבה. מיר האָבן גערעדט וועגן יענער דערציילונג זיינער, וווּ ער שילדערט דאָס לעבן פון בעטלערס, וואָס לעבן אין קעלערן פון אַ חרובן ווייסרוסישן קלויסטערל. און אַפילו דאָ איז פאַרהאַן ע פּ ע ס, וואָס פאַרשענערט די מענטשן דאָס לעבן, עפּעס, פאַרוואָס זיי קענען אַפילו קעמפן. און אַזוי איז אומעטום בײַ קאָראָלענקאָן.

אין אַ מאָמענט פון פאַרביטערטקייט האָב איך אָנגעקלאַפּט צו מישקינען: אַ שלעפער איז אַ מענטש, ער האָט ליב אַפילו קייטן; ער האָט מיר געענטפערט. נישט די קייטן, דער מענטש האַלט זיך אַליין אויס אויף אַזאַ אויפן און באַשיצט זיך; תּמיד מוז ער האָבן אין זיך עפּעס, וואָס ער ליבט, נעם בײַ אים אַוועק די פּאָעזיע — און ער קומט אום. דאָס הייסט נישט באַצירן דעם יאָך, נאָר ראַטעווען די לעבעדיקע נשמה פאַרן טויט.

און מישקין איז גערעכט געווען, אָבער גערעכט בין איך אויך געווען, ווייל אַזוי וואַקסט אַריין די נשמה אין איר יאָך. איך — אַ פּאָלאַק, האָב געוווּסט וועגן דעם. מישקין האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, וואָס איז אַזוינס ראָמאַנטיזם. און פאַרוואָס, פאַרוואָס פילט נישט די מאָדערנע פּאָעזיע, אָט דעם נייעם יעצטיקן פּאַטאָס, וועל־

כער ווערט געבוירן אויף די הויכע שפּיצן פֿון לעבן, דאַן ווען עס איז שטאָלץ, פֿול, אויך אַן אמת מענטשלעך, מאָדערן. דער אידעאַליזם קומט אום: יאָ, דער מענטש דאַרף שוין נישט שטאַרבן, פֿאַרגיסן זיין בלוט פֿאַר קיין שום גאָט. ער דאַרף לעבן נאַר זיך, פֿאַרן מענטש.

קיין פּאָעזיע איז נישטאָ: — טאָ וואָס אַזוינס איז עס, אויב אַ מענטש לויפֿט דורך דער טויטער סיבירישער מדבר אַרויסצורייסן דעם שכל בײַ די קלאָען פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט? מוט און אָפּפֿערוויליקייט בכדי צו ראַטעווען דעם געדאַנק. פֿאַר וועמען? פֿאַר זיך, פֿאַר דער מענטשהייט.

יעדער שעה גנבעט דאָרט אַ געדאַנק פֿון אַ חכם: אַרויסרייסן אים פֿון דער קייט פֿון די אומזיסט אַדורכפֿליסנדיקע מאָמענטן. האָסט מיך געוואָלט פֿאַרשטיין, וועל איך זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ שטיין. דו וועסט פֿאַרשטיינערט ווערן אין דער קאַלטער פּוסטקייט — די געוואַלט האָט אַרויסגעטראָגן איר פּסק־דין איבער די געדאַנקען פֿון חכם. זי פּייניקט זיי און מאַטערט מיט אומעטיקייט יאָרן־לאַנג. ס'קומט אום צווישן וועלדער און שנייען אַן אוצר: דער ליכטיקער געדאַנק. און אַט לויפֿט איר צו הילף די משוגהדיקע דרייסטקייט.

מישקינס פּלאַן איז געווען אַ פּשוטער: ער האָט געהאַט בײַ זיך אַ פֿאַראָרדנונג, אונטערגעשריבן פֿון דעם נאַטשאַלניק פֿון דער דריטער אָפּטיילונג, וועלכע האָט אַנטהאַלטן אַ באַפֿעל תיכּף אַרויסצוגעבן טשערנישעווסקין דעם אַפּבערענגער פֿון בריוו. דאָס פּאַפּיר. איז געווען אויסגעצייכנט געפֿעלשט. מישקין האָט נישט געוואָלט הערן וועגן אונדזער אַנטייל. פֿאַר אַן איינצלנעם מענטש איז לייכטער פֿון אַלץ אַרויסצוקריכן. ענדלעך האָט זיך אונדז איינגעגעבן אים איבערצוצייגן, ער זאָל מיטנעמען איינעם פֿון אונדז — מיך פֿאַר אַ וואַכמייסטער.

פֿון מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ בריוו, ווו מ'האָט געפֿאָדערט הילף. מיכאַילאָוו האָט געוואָלט תיכּף פֿאָרן. עס האָט זיך אים נאָך איינגעגעבן צו באַקומען פֿאַר מיר פֿון ערגעץ־ווו אַ מונדיר, אַ שינעל, אַ שווערט און אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפֿט צו

האָבן, כדי געהעריק צו רעפּרעזענטירן די ראַנגע פון אַ וואַכ־מייסטער.

— וואָנסעס האָסטו בלויז צו קליינע — האָט ער מיר גע־זאָגט מיט אַ פאָרוואורף.

מיר זענען געפאָרן, איך מיט מישקינען, אָפּשטעלנדיק זיך כמעט בלויז אויף אַזוי פיל, וויפיל מ׳האָט באַדאַרפט אויף צו בייטן די פערד. איילעניש דאָס איז געווען איינע פון די באַדינגונגען פון דערפאָלג, און אין זכרון איז מיר בלויז פאַרבליבן די דערי־נערונג פון אַ משונהדיקן אומאויפהערלעכן לויף איבער אַ שניי׳קער מדבר, פון ווילדע אויסגעשרייען, מיט וועלכע די פורמאַנעס האָבן געמונטערט די האַלב־ווילדע פערד, וואָס זענען געווינט געווען צו יענעם משונהדיקן לויף.

כ׳געדענק בלויז איין עפּיזאָד, וועלכער דערמאָנט ממש בוכ־שטעבלעך „רעוויזאָר״. מיר זענען געזעסן אין אַ קליין שטעטל שוין אין שליטן, בשעת ס׳איז צו אונדז צוגעגאַנגען איינער אַ סוחר, דערציילנדיק וועגן עפּעס אַן אכזריות פונם אָרטיקן סאָטראַפּ. מיט אַ געוויין.

מישקין האָט זיך קיין רגע נישט געוואַקלט; ער האָט באַפוילן צו פאָרן אין קאַנצעלאַריע פונם באַאַמטן.

אַ ביסל צעטומלט, בין איך אַריין נאָך אים, אָבער מישקין האָט פון דער פּראַקטיק געקענט די פּסיכיק פון דער רוסישער מאַכט.

— די ביכער אייערע ווו זענען? — האָט ער אויסגע־שריגן נאָך אויף דער שוועל, נישט אויסטוענדיק דאָס היטל — איך וועל אייך ווייזן, ליבענקע, ווי אַזוי בירגערלעך געלט צו פאַרשווענדן.

ס׳איז נישט אַוועק קיין פינף מינוט, דער ענין איז געווען דערליידיקט און ווי דער באַאַמטער האָט זיך נישט געבעטן, האָט מישקין אַריינגעשריבן אין בוך אַ גרויזאַמע נאָטיץ. האָט עפּעס אַ מרוטש געטון וועגן קאַטאַרגע אויף אַ גאַנץ לייכטע אָנצוהערעניש וועגן כאַבאַר און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטון ווייטער. באַגלייט פון דער בשורה, אַז איבער סיביר פאָרט אַן אויסערגעוויינטלעכער

קאָמיסאַר, באַאַמטע פאַרקלאָגט ער אין געריכט. פון דאַמאָלס אָן האָבן שוין אומעטום געוואַרט אויף אונדז איינגעשפּאַנטע פערד, מען האָט געוואָלט פון אונדז פּטור ווערן ווי אַם שנעלסטן. נישט קוקנדיק דערויף, האָבן מיר געפירט ממש אַ פאַנטאַסטישע קאָלעקציע פון בקשות און מסירות. עס איז דאָרט געווען אַ מסירה אויף אַ פּאָליציימייסטער, אַז ער האָט צוגעגנבעט צוויי טראָטואַרן, אַ מסירה אויף אַ פּאָפּ, אַז ער האָט געגנבעט אַ גלאָק־טורעם, אַ מסירה אויף אַ פּריסטאַוו, אַז ער האָט בײַ אַ בירגער צוגענומען דאָס ווייב, יענעם אַרײַנגעשריבן אין דער רשימה פון געשטאָרבענע און דאָס ווייב האָט ער חתונה געמאַכט מיט אַן אַנדערן, יענעם ווידער האָט ער קיין אָפּטרעט־געלט פאַרן ווייב נישט באַצאָלט; דער געשטאָרבענער מאַן האָט פּראָטעסטירט קעגן די תביעות פונעם צווייטן, טענהענדיק, אַז בלויז ער האָט דאָס רעכט אויף דער באַלוינונג. עס איז דאָרט געווען אַ שרעקלעכע מסירה פון אַ מוטער אַן אַלמנה, בײַ וועלכער דער אָ טיקער ריכטער האָט צוגעגנבעט די טאָכטער און שפּעטער בשעתן פּראָצעס האָט ער דורך פּראָטעקציע אַרויסבאַקומען פאַר איר אַ געלן בילעט; און איצט, האָט געשריבן די מוטער, וויפיל מאָל דער איספּראַווניק אין אונדזער שטאָט טרינקט און שפּילט אין קאָרטן, אַזוי פיל מאָל הייסט ער מאַשען אַראָפּברענגען צו זיך, זאָגנדיק, אַז עס איז אויף אַ רעוויזיע, און מיר קענען אים נישט אָפּזאָגן, און דאָס לעצטע מאָל האָט ער דעם מיידל די פּלייצע און די פּיס צעבלוטיקט מיט זײַנע שפּאָרן, און ווען מיר האָבן די מסירה געשיקט, איז ער געקומען צו לויפן און ער האָט געדראָט, אַז טאָמער וואָס, וועט ער הייסן מ׳זאָל זי דאָ אין צאַ מין הויז פאַרמאַכן, ווייל קוים האָט זי אַ געלן בילעט, באַדאַרף זי דאָרט צו זײַן; טאָ זאָלשע דער הער קאָמיסאַר אַרויסגעבן זײַן משפּט.

דאָס גאַנצע סיבירישע לעבן איז געווען פאַר אונדז ווי אויף דער האַנט. עס איז דאָרט געווען אַ מסירה פון צוויי טעכטער, וועמענס פאָטער, דער אָרטיקער מיליטער־דאָקטאָר, מיטן פּאָליצייסטער האָבן אַרײַנגעזעצט אין שפּיטאָל, דערפאַר וואָס די עלטערע ווײַערע האָט נישט געוואָלט פאַרקויפן דעם סוחר אַבראַמאָוו

פאַר 50 רובל איר אומשולד. עס איז דאָרט געווען אַ מסירה פון אַ פּאָסט-באַאַמטן אויף דעם זעלבן אַבראַמאָוו, אַז ער האָט אים פאַר זיין ווייב, וועלכע ער האָט אים לויטן אָפּמאַך, האָט געשריבן דער באַאַמטער, צוגעשטעלט אַן אומשולדיקע, נישט אויסגעצאָלט 50 רובל, ווייל ער האָט קיין אומשולד נישט געפונען, און אויב אַזוי, איז דערין שולדיק דער אַקציזנער וויקטאָראָוו, וועלכער האָט מיין ווייב פאַר דער חתונה געקענט און ער דאַרף מיר דעם היזק אומקערן, ווייל איך געפין זיך אין גרויסער נויט, און מיין פרוי האָט געהאַט אַ צווילינג, און פון מיין שכירות קען איך זיי נישט אויסהאַלטן.

מישקין פלעגט בלאַס ווערן, לעזנדיק אָט די שוידערהאַפטע, שוין נישט מיט בלוט, נאָר מיט פאַרפוילטע מאַטעריע פון פוילנדיקע וווּנדן געשריבענע מענטשלעכע דאָקומענטן. דאָס איז געווען אַ זאַך, מיט וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט איינלעבן. דאָס געפיל פון מאַכטלאָזיקייט פון דער אוממעגלעכקייט צו באַקעמפן, אויסצוראָטן עפּעס, וואָס טאָר נישט טאָלערירט ווערן, אָ! דאָס געפיל פון אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן צושויער, וועלכער לעבט זיך אַזוי אויסגעצייכנט און אַנטוויקלט זיך בײַ דעם מאָדערנעם, קולטורעלן אייראָפּעער, דאָס איז געווען פאַר מישקינען אַ שונא, מיט וועלכן ער, לויט זיין נאַטור, האָט זיך נישט געקענט איינלעבן.

זיינע געדאַנקען האָבן געלעבט אויף דעם זעלבן געביט, ווו עס געפעלט זיי דער ווילן, זיי פלעגן געבוירן ווערן באַלד מיט אייזערנע מוסקולן פון מעשים. קיינמאָל נישט צו זיין גלייכגילטיק, נישט צו קענען יענע עקלהאַפטע שטעלונג פון שטילער שותפות מיט דער אומרעכט, וואָס צעבריכט דאָס לעבן פון מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס טרעט אין דר׳ערד אַריין בלוט און טרערן, נישט צו וויסן, וואָס עס איז אַזוינס אַלטעגלעכקייט, אין וועלכער עס טרינקט זיך, גיסט זיך צונויף, קומט אום אַלץ, פאַרברעך און קרבן, עוולה, געוואַלט, אומעט און תמיד און לגבי אַלץ צו זיין דער זעלבער, נישט צו קאַפּיטולירן פאַר קיין שום זאַך — דאָס זענען געווען די הויפּט-שטריכן פון אָט דער אָדלערישער נאַטור. יעדער

טאָג, וואָס כ'פּלעג מיט איִם פֿאַרברענגען, פּלעגט מיך אָנפּילן מיט התפּעלות פֿאַר אָט דער אייגנאַרטיקער שטאַלקייט. מיכאַילאָוו פּלעגט אויסזען ווי אַ טרוימער אין פֿאַרגלייך מיט אָט דער נשמה. און גלייכצייטיק האָט דאָס דאָזיקע שטאָל וויברירט, געציטערט בײַ יעדן צוזאַמענשטויס מיט דער וועלט פֿון עוולות און ליידן. כ'האָב געזען, ווי ס'פּלעגן זיך צעשפּרייטן אין אַזעלכע מאָמענטן מישקינס נאָזלעכער, ווי ער פּלעגט בלאַס ווערן, ווי ס'האָבן געפֿלאַקערט זיינע אויגן, ער איז געווען באַשאַפֿן צו זיין אַן אָנפֿירער פֿון אַ גרויסער רעוואָלוציע.

די געשיכטע פֿאַרשרייבט בלויז גליקלעכע. זי קען Garibaldy און זי שווייגט כמעט אינגאַנצן וועגן Pisacane. באַקונין זעהרשיינט אין איר בלויז, ווי אַן אייביקער צעשטערער. ווער ווייסט זיך נעמען צייט צו פֿאַרשטיין, וואָס ער איז געווען אין דער אמתן? ווער וועט רעזומירן די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, וועלכע ער האָט צעווייט אין דער גאַנצער וועלט פֿון מזרח און מערב. ווער וועט פֿאַרשטיין, וואָס מישקין האָט געקענט זיין, די ביסט נישט קיין געהאָרכזאַמער מעטאַל, די, שטיין פֿון דער געשיכטע, וועלכן ס'האָט מיט אַזאַ צוטרוי זיך אָפּגעגעבן מיכאַילאָוו. קיין זאַך בײַ מענטשן נישט צעצוגבבעגען, דאָס איז אַ חוב, — אָבער ווערן פֿון זיי אינגאַנצן געגומען דאָס איז אַ פֿאַרדינסט. געשיכטע דאָס איז אַ קאָלעקטיווע סאָלידאַרע זאַך — נישט נאָר ז י ך לעבן מיר איבער — מיר לעבן איבער אומאויפֿהערלעך אַנדערע.

צי ווייסט די וועלט, וויפֿיל חכמים, פֿאָטן זי נוצט אויס, נישט הערנדיק זיי, נישט לאָונדיק זיי ווערן דאָס, וואָס זיי זענען.

לעבן ווי אַם ברייטסטן, דאָס איז די איינפֿאַכע פֿליכט, יעדער אונדזערער פֿאַסיווער און פֿוסטער מאָמענט ד ע ר ה ר ג ע ט עפּעס, וואָס מחוץ אונדז אין אומבאַקאַנטע פֿאַר אונדז פֿרעמדע מענטשן. אונדזער עטיק איז פּונקט אַזוי צוריקגעשטאַנען, ווי אונדזער פּאָעזיע. דאַמאָלס, פֿאָרנדיק מיט מישקינען, האָב איך געוויגן די דאָזיקע געדאַנקען. איך האָב געפֿילט, אַז עס געפֿינט זיך לעבן מיר איינער פֿון די מענטשן, וועלכע פֿירן דורך זייערע

מעשים, אַז דאָס איז איינער פון די מענטשן, נאָך וועלכע עס לעכצן נישט איינמאָל מאָמענטן אין דער געשיכטע.

מיר האָבן אויסגעמיטן אירקוצק, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, און מיר האָבן זיך גענומען דערנענטערן צום ציל פון אונדזער רייזע. דאָס האַרץ האָט געטרוימט, צי איז אמת, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט מיט אונדז פאָרן דער, וועמען די רעגירונג האָט באַגראָבן, אַז ס׳וועט זיך אָפּרופן זיין שטים צווישן אונדז. כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט, וואָס ער וועט פילן און איך האָב נישט געוואָגט צו גלייבן, אַז דאָס וועט געשען.

די ווילדקייט און פרימיטיווקייט פון דעם לאַנדשאַפט האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם פאַנטאַסטיש אומוואַרשיינלעכן כאַראַקטער פון אונדזער נסיעה. אָט די נאַטור האָט קיין זאַך נישט געזאָגט וועגן רעכט, וועגן השפעה פון מענטשן, וועגן זיין קראַפט. מענטשלעכע געדאַנקען זענען דאָ געווען אַ צופאַל, וועלכער האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך אויסשליסלעך אַ דאַנק דער צונויפפלעכטונג פון אויסערגעוויינטלעכע אומשטאַנדן. סיביר אונטערדריקט שוין מיט זיין אויסזען גופא, צוליב דעם אַליין, וואָס מען מוז זיך אַנטקעגן שטעלן דער ווירקונג פון דער נאַטור.

די רוסישע רעגירונג האָט געוווסט, וואָס זי טוט, בשעת זי האָט פאַרמשפּט די צעבונטעוועטע געדאַנקען אויפן קאַמף מיט דער איינטאָניקייט און פראָסט. עס פלעגט צוריקקומען די נאָרמאַלע באַציונג. און דו ווייסט נישט, האָט זיך געדאַכט, ווי ער רופט צום שכל, אַז דו ביסט אויסגעהאָדעוועט אין אַן אָראַנזשעריע, זע, וואָס די וועלט איז און איבערצייג זיך.

לעבן ווילויסק ווערט דאָס לאַנדשאַפט קלעגלעך, אַזוי ווי אויף אייביק בלינד; מיר זענען פאַרבייגעפאָרן דאָס הויז, אין וועלכן טשערנישעווסקי איז באַגראָבן געווען. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן עפּעס, וואָס איז מער איינטאָניק, וואָס שעפּט אויס די נשמה מיט זיין אויסזען אַליין. אַן אָרים וועלדל האָט זיך געזען נישט ווייט פון הויז, חוץ דעם — גאָרנישט: אַ הויכע אויבערפלאַך, צווישן הילצערנע געביידעס, עפּעס אַ געפרוירענע קאַ-

לוזשע און אַ שטילקייט צום שטאַרבן, לאַנגווייליק צרום און אַרום.

— זיי האָבן אויסגעקליבן — האָט געזאָגט מישקין — נישטאָ וואָס צו רעדן — שוין איינמאָל אויסגעקליבן!

— צי שטעלסטו זיך פאָר — האָט ער געזאָגט — די קאַלט־בלוטיקייט; אָט דאָ צהער צו שיקן און הייסן לעבן — ניין, שטאַרבן יאָרנלאַנג. און זיי האָבן דאָך געוווסט, ווער ער איז. — ניין, אַ מענטש איז שלעכט, געמיין — שווער צו פאַר־טראָגן.

ענדלעך זענען מיר צוגעפאָרן צום נאַטשאַלניקס הויז. ער איז נישט געווען אינדערהיים, מיר האָבן געמוזט איבערנעכ־טיקן.

אויפן אַנדערן טאָג איז אַלץ קאַליע געוואָרן. דער נאַטשאַל־ניק האָט געהאַט אַ פּאַפּיר, ער זאָל קיין זאַך נישט אונטערנעמען וועגן טשערנישעווסקין אָן אַ באַזונדערער פאַראָרדנונג פון אירקוצ־קער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

— און ווי איר פאָרט דאָס אָן קאָזאַקן — האָט ער געזאָגט צו מישקינען. ער איז געווען דערביי אומגעוויינטלעך, באַזמרוזקנדיק העפלעך.

— מיר וועלן פּרוּוון מיט געוואַלט — האָב איך פאָרגע־לייגט.

מישקין האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס: דערפון איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן, מיר האָבן אַפילו געמוזט צוריקפאָרן, נישט געבנדיק אים אַפילו צו וויסן, אַז דאָס לעבן איז געווען בײַ דער טיר פון זיין קבר. מיר האָבן געמוזט אוועקפאָרן און אים איבערלאָזן אין דער מדבר. מישקין האָט געקוועטשט מיט די פּליי־צעס, אָבער מיט איין אויג האָט ער געקוקט אויפן רעוואָלווער. פאַר אים איז דערדאָזיקער דורכפאַל געווען אַ מאָראַלישע מפּלה. ער האָט זיך נישט געקענט פילן ווי אַ שקלאַף, וועלכער איז אַג־מעכטיק לגבי דער געוואַלט.

ער האָט דערקלערט דעם נאַטשאַלניק, אַז ער פאָרט צוריק קיין אירקוצק נאָך דער פאַראָרדנונג.

— כ'וועל אייך מיטגעבן צוויי קאָזאַקן — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק.

מישקין האָט געפרווווט זיך אָפּצוזאָגן, דאַנקענדיק פאַר דער העפליכקייט.

— נו — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק — דאָס איז דאָך מיין חוב. כ'וואָלט באַקומען דימיסיע, ווען כ'לאָז אייך אַזוי אָפּ.

דאָס איז שוין געווען אַ שפּיל אין אָפענע קאָרטן. מ'האָט זיך באַדאַרפט פרייען דערמיט, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט מורא געהאַט אויסצוטיילן פון זיינע קאָזאַקן מער ווי צוויי אויף אַ קאָנוואָי פאַר אונדז. אונדזערע פערספעקטיוון האָט געמילדערט נאָך דאָס, וואָס מיר האָבן באַקומען, ווי מישקין האָט געפאָדערט, רייטפערד, אָבער די קאָזאַקן האָבן געהאַט ביקסן, מיר ווידער רעוואָלווערן, מער נישט. דער נצחון איז געווען צווייפלהאַפט, ס'איז נישט שווער געווען צו באַמערקן לויטן אויסדרוק פון פנים בא די קאָזאַקן, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט, אַז זיי האָבן באַקומען באַם אַרויספאָרן עפּעס ספעציעלע אינסטרוקציעס. כ'האָב געהאַט אַן איינדרוק, אַז זיי היטן אונדז.

בשעת מישקין האָט אין וועג געהייסן איינעם פאָרן פאָרויס, חייל מיר האָבן מכלומרשט פאַרבלאָנדזשעט און מען דאַרף נאָכקוקן דעם וועג, האָט ער אויסגעפירט דעם באַפעל זייער אומגערן.

עטלעכע סטאַציעס זענען מיר דורכגעפאָרן רויִק.

ערשט אויפן אַנדערן טאָג האָבן מיר באַשלאָסן עפּעס צו טון, מיר האָבן געוואָלט פאַרבייפאָרן לעבן אַ קאָזאַקישער וואַך און מיר זענען נישט זיכער געווען, צי אונדזערע קאָזאַקן פירן נישט עפּעס אַ פאַראָרדענונג צום קאָמענדאַנט. ער האָט געקענט געפינען אַזאַ אָדער אַן אַנדערן תּירוץ און פאַרשטאַרקן דעם קאָנוואָי. אין וואַלד האָט זיך מישקין געווענדט צו די קאָזאַקן זאָגנדיק, אַז

ער האָט פֿאַרגעסן בײַם נאַטשאַלניק אַ פּאָרטפּעל מיט פּאַפּירן און באַפֿעלנדיק זײַ זיך אומצוקערן נאָך אים און ברענגען אים צו פֿירן.

די קאָזאַקן האָבן זיך אַנטגילטיק אָפּגעזאָגט: מען האָט אונדז באַפֿוילן פֿון אײַך נישט אָפּצוטרעטן. דער ייִנגערער פֿון זײ האָט געמאַכט אַ פֿאַרדעכטיקע באַוועגונג אין דער ריכטונג פֿון זײַן ביקס.

איך האָב אויסגעשאָסן אויף אים און אים לײַכט פֿאַרוווּנדעט, אין דער זעלבער רגע האָבן מיר אַ טרײַב געטון די פֿערד. די קאָזאַקן האָבן אויסגעשאָסן. אײן קויל האָט אַ ראַץ געטון מישקינען אין קאָפּ, נישט מאַכנדיק קײן ערנסטערע װוּנד, אָבער מײַן פֿערד איז געפֿאַלן — און איך האָב באַמערקט, אַז כ׳גײ אַלײן אויס פֿון בלוט און איך קען נישט אויפֿהײבן די לינקע האַנט.

די קאָזאַקן זענען צוגעלאָפֿן צו מיר. מישקין האָט זיך אַ רוק געטון פֿאָרויס און האָט מיט אַ שאָס דערהרגעט אײנעם פֿון זײ. דעמאָלט האָט דער צווײטער זיך פֿאַרקערעוועט אויף צוריק און אַ טרײַב געטון דאָס פֿערד.

— כאַפּ דאָס פֿערד! — האָב איך מישקינען נאָכגעשריגן. — אָבער דאָס פֿערד פֿונם דערהרגעטן קאָזאַק האָט אינם מאָמענט, בשעת מישקין האָט זיך צו אים דערנענטערט, פֿאַרקערעוועט אויף צוריק און האָט זיך אַ לאָז געטון נאָכן אַנטלאָפֿענעם קאָזאַק.

די לאַגע איז געווען אַ שווערע.

מיר זענען געווען טיף אין דער סיבירישער מדבר מיט אײן פֿערד, אָן עסנוואַרג, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף די זאָטלען בײַ די קאָזאַקן, זיכער אַז מ׳וועט אונדז נאָכיאָגן. איך בין דערצו נאָך געווען פֿאַרוווּנדעט.

מיר האָבן זיך אָבער נישט פֿאַרלוירן.

— מ׳דאַרף אָפּפֿאָרן אָן אַ זײַט — האָב איך געזאָגט — אפֿשר וועלן מיר אָנטרעפֿן אויף עפּעס אַ ישוב, וווּ מ׳וועט קענען קויפֿן אַ פֿערד.

דאָס פערד האָט קוים געשלעפּט די טאָפּלטע משא. מישקין איז אַראָפּ פון פערד און געגאַנגען לעבן פערד, אונטערהאַלטנדיק מיך אויפן זאָטל. מיר זענען געגאַנגען פּאַרויס אומגעהייער לאַנג־זאַם. ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיר זענען אַלץ געפאָרן דורכן ווילדן וואַלד.

ענדלעך האָט עפּעס ערגעץ אויף אַ פעלדל זיך אויסגעוויזן ווי אַ מענטשלעכער ישוב. ס׳איז אָבער דאָרט געווען איינגאַנצן איינסטער: די טיר איז געשטאַנען אָפן. די שטוב איז געווען פּוסט. בלויז אויף דער איינגעטראָטענער ערד איז געווען אַ סימן פון אַ לאַנג אויסגעלאָשענעם פייער: דאָס איז מסתּם געווען אַ מקום־מקלט פאַר יעגער, אָדער עפּעס פון דעם מין.

מיר האָבן אַריינגעפירט דאָס פערד, מישקין האָט געבראַכט צו שלעפּן צווייגן. מיר האָבן געמאַכט פייער, אָבער וואָס צו עסן איז נישט געווען. די וווּנד אויף דער האַנט האָט מיר ווידער נעגומען וויי טון און אינדערפרי האָב איך באַמערקט, אַז איך קען נישט מיט דער האַנט מאַכן קיין שום באַוועגונגען.

מישקין האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג: דאָס פערד האָט געהירזשעט, קייענדיק די צוגעוואָרפענע צווייגעלעך און אַ ביסל פאַרפרוירן גראָז. אַרום אונדז איז געווען אַ שטיינערנע אייז־שטיל־קייט. כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן די פאַרפרוירענע פייגל, וועלכע איך האָב געזען בײַ אונדז בשעת עפּעס זייער אַ שווערן ווינטער. מישקין איז געזעסן אַ פאַרכמורעטער; כ׳האָב געטראַכט וועגן דער איראָניע פון גורל, וועלכע לאָזט אונדז דאָ אומקומען אין די סיבירער וועלדער אין זשאַנדאַרמישע קליידער.

דו מוזסט פאָרן — האָב איך געזאָגט — אויב עס וועט זיך איינגעבן, וועסטו זיך אומקערן. דאָס איז די איינציקע עצה.

דאָס איז געווען קלאָר. עס וואָלט געווען אמת קינדיש צו זיצן דאָ צוזאַמען און אומצוקומען זאַלבענאַנד, וואַרטנדיק אויף אַ ישועה.

איך בין געבליבן איינער אַליין. פאַרן אָוועקפאָרן האָט מישקין אָנגעקליבן האָלץ און צווייגן: איך פלעג זיי איצט צווואַרפן

טוליענדיק זיך לעבן פייער, פילנדיק, אַז עס שווידערט מיך. כ׳בין געווען הונגעריק און דורשטיק. כ׳בין אַרויסגעגאַנגען עטלעכע מאָל אַראָפּשאַרן אַ ביסל שניי פון די ביימער. אויף אַזאַ אופן האָב איך געלאָשן דעם דורשט. דער קאָפּ האָט געפּלאַמט און די געדאַנקען האָבן זיך געמישט. אין משך פון דער נאַכט בין איך געווען אין אַן אומבאַוווסטזיניקן צושטאַנד; אַזוי איז אַריבער דער צווייטער טאָג.

ס׳האָט זיך מיר פסדר געחלומט, אַז כ׳פאַר ערגעץ, דאָס פערד גייט, פאַרטשעפּעט זיך אַלע ווײַלע, איך באַמי עס שטאַרק צו האַלטן פאַר דער צוים, אָבער עס פאַלט פסדר אויף די קני. ס׳האָט מיך אויפגעוועקט אין אָוונט פון צווייטן טאָג דאָס בילן פון הינט און די טועפּריי פון פערדישע קאָפּיטעס. מיט מי האָב איך צענויפגענומען די געדאַנקען און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף געבן צו וויסן, כ׳בין אַרויס אויף דער שוועל און כ׳האָב צוויי מאָל אויסגעשאָסן פון רעוואָלווער אינדערלופטן. כ׳האָב זיך צוגעהערט אַ ווײַלע, ס׳האָט זיך מיר שוין אויסגעדאַכט, אַז די שטימען ווערן אַנטשוויגן. עפּעס אַן אומקלאָרע דערינערונג וועגן Anhelli האָט זיך אַדורכגעטראָגן דורך מײַן פאַרמאַטערטן ווי מיט פאַרגליווערטע נאָדלען צוזאַמענגעשמידטן מוח. בלויז Eloe איז דאָ נישטאָ. כ׳האָב זיך געפילט זייער פרעמד צו אַלעם. אָבער פּלוצלינג האָב איך דערזען, דאָ ווי דער וועג פאַרקערעוועט זיך, פערדישע קעפּ: כ׳האָב זיי גענומען לויפן אַנטקעגן. כ׳האָב געמאַכט עטלעכע טריט און בין אַניידערגעפאַלן. כ׳בין צו זיך געקומען אין שטוב. ס׳האָט מיר עמעץ געגאָסן בראָנפן אין האַלז אַרײַן, מ׳האָט גערעדט פּויליש.

> כ׳האָב געעפנט די אויגן און אַ פרעג געטון:
>
> — ווו איז מישקין?
>
> ס׳האָט זיך איבער מיר אײַנגעבויגן עפּעס אַ פּנים מיט אָנגעשטעלטע, מיט אײַזליכטלעך באַדעקטע וואָנסעס
>
> — אַ פּאָליאַק? — האָט עס געפרעגט.
>
> כ׳האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.
>
> — אין אַזאַ אָמט?... — האָב איך דערהערט אַ פאַרחודערטע שמיטע.

— ווער זענט איר? — האָב איך געפרעגט.

— פאַרשיקטע... די וואָלסט דאָ פאַרפרוירן געהאָרן אויף טויט — וואָס האָסטו אויף דער האַנט.

— אַ קאָזאַק האָט אויסגעשאָסן.

— אין אַ זשאַנדאַרם האָט ער אויסגעשאָסן... וואָס איז דאָס, אַ בונט?

— מישקינען האָט איר נישט באַגעגנט? — האָב איך אַלץ געפרעגט אין אַ האַלב באַוווסטזיניקן צושטאַנד — איך בין ממש נישט געווען ביכולת צו פאַרשטיין, אַז פאַר עמעמצן קען זיין פרעמד און אומבאַוווסט עפּעס דערפון, וואָס מיך האָט אינטע- רעסירט.

— ווער איז דאָס מישקין? — האָט מען געפרעגט — ווו?

— נעכטן, ניין, אייערנעכטן האָבן מיר אויפן גרויסן וועג איין קאָזאַק דערשאָסן, דער צווייטער איז אַנטלאָפן, ער האָט מיר דערהרגעט דאָס פערד און אַט די האַנט — האָב איך דערציילט אָנווייזנדיק אויף מיין לינקער האַנט. וועלכע איז אַראָפּגעהאָנגען אָנמעכטיק. — ער האָט אונדז נישט געוואָלט גלייבן: טשערני- שעווסקי איז דאָרט געבליבן, ווי אין אַ קבר.

— וואַרט צו — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער מאַנספער- שוין מיט אַ שוואַרצער באָרד.

— איר זענט נישט קיין זשאַנדאַרם? — האָט ער גע- פרעגט.

כ׳האָב אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: ניין.

— איר האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען דעם אַרעסטאַנט טשער- נישעווסקין?

— יאָ...

— אַזוי גאָר. נעכטן איז געווען אַ ידיעה, אַז די יאַ- קוטן האָבן געכאַפּט אַ פאַלשן רעוויזאָר.

— מישקין! — האָב איך אויסגעשריגן.

— נו, דאַרף מען אייך פונדאַנען אַוועקנעמען וואָס שנע- לער — און איר זענט אַ פּאָליאַק?

כ׳האָב עס באַשטעטיקט.

— איצט איז נישט קיין צייט צו רעדן — האָט געזאָגט דער פֿלטערער — מ׳דאַרף אים אַרומוואַשן די ווונד, לאָזן צפּרוּוען, געבן עסן.

אין עטלעכע שעה אַרום בין איך געווען אין א וואַרעמער געמיטלעכער דירה בא הער ווידזשגאַ, אַזוי האָט געהייסן דער על־טערער.

— גוט וואָס ס׳איז נאַכט — האָט ער געזאָגט — און וואָס קיינער האָט אונדז נישט געזען, און איצט מוזט איר שוין דאָ שטיל דורכזיצן, ביז וואָס, ווען...

כ׳האָב נישט געענטפערט. אַלע ווײַלע פֿלעגן מיר די גע־דאַנקען פאַרשווונדן און זיך איבעררייסן. כ׳פֿלעג זיך כסדר אויפ־הייבן, כדי צו לויפן אַפּשלאָגן מישקינען. מ׳האָט מיר אַרומגעבונדן די ווונדן און כ׳בין איינגעשלאָפֿן.

דער איזקעלער

VII

די הערן ווידזשגאַ און קוליעשאַ האָבן געוווינט צוזאַמען. מיר האָבן קעגנזייטיק איינער באַם צווייטן נישט אויסגענומען, זיי זענען געווען גאַסטפריינדלעך און זיי האָבן נישט געפירט מיט מיר קיין וכּוחים, אָבער כ׳האָב באַמערקט, אַז כ׳דערוועק אין זיי מיט יעדן וואָרט מיינעם, מיט יעדן געדאַנק אַ פולשטענדיק סטיכישן שטאַרקן ווידערווילן. בשעת זיי פלעגן מיך פרעגן וועגן דער אייראָפּעיִשער פּאָליטיק — האָב איך גערעדט וועגן אינטערנאַציאָנאַל, זיי האָבן העפלעך געהערט, איינהאַלטנדיק דעם געגעץ און זיי האָבן זיך אינטערעסירט, ווי אַזוי ס׳באַציט זיך צו דער פּוילישער פראַגע דער פּויפּסט, זיי האָבן עפּעס געהאַט געהיימנישפולע האָפענונגען אויף דער קעניגין אויגעניאַ.

עס פלעגט זיי אָבער אינגאַנצן אַרויסברענגען פון די כּלים

דאָס, וואָס איך פּלעג רעדן וועגן דער באַוועגונג אין רוס־לאַנד.

זיי האָבן געהאַסט די עם־הארצים. זיי זענען אַלע ליבעראַלן אויף אַ פרעמדן חשבון.

מילוטין, טשערקאַסקי זענען אויך געווען ליבעראַלן. מוראַוו־יאָוו גאָר אַ גאַנצער רעוואָלוציאָנער. ס'איז אוממעגלעך געווען מיט זיי צו שמועסן אויף דער דאָזיקער טעמע. עטלעכע מאָל האָבן זיי מיט אומצופרידנקייט מיך געפרעגט: פון אַ וואָסערע? ווער האָט אים געבוירן? עס ווייזט אויס, אַז עס האָט זיך זיי בשום אופן נישט געלייגט אויפן שכל, אַז נישט קוקנדיק אויף דער עשירות און אויפן נאָמען, האָט די מגפה געקענט אַריין אין סענאַטאָריש בלוט.

— דער יאוש, דער יאוש האָט צו אַלץ געבראַכט — פלעגט זאָגן דער הער ווידזשגאַ. אַלץ פון פאַרצווייפלונג — אָט דאָ איז איינער אַן אָסאָלינסקי, פון די בכבודיקע אָסאָלינסקיס פאַר יאוש געוואָרן אַ קרעטשמער. נו, און איצט האָט ער אַלע קרעטשמערס אין דער גאַנצער אומגעגנט: געלט אָן אַ שיעור. און פאַרוואָס זאָל ער זיי שוינען, די קאַצאַפּן. גיט געלט אויף משכּנות. צי ווערט איר גלייבן, וואָס מענטשן פאַרזעצן דאָ אַלץ. אַן אַקציזנער באַאַמטער האָט פאַרזעצט זיין טאָכטער פאַר צווייהונדערט פופציק רובל. און איר רעדט נאָך וועגן זעלבסטווירדע בײַ אָט דעם פאָלק. איך זאָג אייך, טוט אַ שפּיי. זאָל זיי זייער אייגענע פאַרפוילטקייט אויפעסן, דאָרט אין די דערפער בײַ זיי גייט אַרום די פּראָגרעסיווי־שע קרענק, די זעלנערישע רופן זיי זי אָן. אויף צוויי פרויען איז איינע קראַנק אָט דאָס אַלץ האָט קיין שום צוקונפט נישט. אַ ריז מיט ליימענע פיס. מיר קענען קעמפן זיי מיט אונדזער שכל. אָט, הער איך, איינער פון אונדז קויפט אויף אין קאַווקאַז וועלדער, אין משך פון פינף יאָר האָט ער געמאַכט מיליאָנען. די קולטור, ליבינ־קער, דאַרפן מיר פאַרשפרייטן.

— ווי אָסאָלינסקי — האָב איך געזאָגט. — צי הענגט ער באַטש דאָרט אַרויס זיין הערב אויפזיין אַנשטאָלט מיט די טעכטער

פון די באַאמטע ער וואָלט עס באַדאַרפט טון, זאָל מען אונדז קע־נען.

דער הער קולעשאַ האָט זיך אויפגעהויבן.

— גנעדיקער הער, הלוואי זאָל איך נישט פאַרגעסן, אַז איר זענט באַ אונדז אַ גאַסט: מ׳קען מייגען, אַז נישט נאָר דעם מונדיר האָט איר, גנעדיקער הער, אָנגעטון אויף זיך.

זיי האָבן גאָר אויפריכטיק געהאַלטן פאַר אַ געוויסער בגידה צו אָנערקענען, וועלכע נישט איז גערעכטיקייט, וועלכע נישט איז גערעכטיקייט, וועלכע נישט איז רעכט באַ די פאָרשטייער פונם פאַרהאַסטן פאָלק. דאָס איז געווען אַ שונא — און אָט דאָס וואָרט האָט שוין אַלץ דערקלערט. פונקט אַזוי האָבן זיי געקוקט, טאָמער האָט מען קריטיקירט עמעצן פון די אייגענע מענטשן. האָט גע־הייסן „באַשמוצן די אייגענע נעסט".

כ׳האָב שוין געקענט אָט דעם טיפּ פון לאַנג, ער איז נישט געווען פאַר מיר ניי, איצט אָבער האָב איך געהאַט די מעגלעכ־קייט צו איבערצייגן זיך וועגן דעם, ווי גרויס עס איז געווען דער מהלך צווישן מיר און זיי. עס וואָלט געווען נישט ריכטיק, ווען איך וואָלט באַהאַלטן, אַז אויך מיר איז שווער געווען צו זיין אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט און כ׳האָב מיט פאַרדרוס געקלערט, אַז כ׳וועל זיך נאָך נייטיקן אין דער הילף פון די הערן ווידזשגאַ און קולעשאַ. וועלכע האָבן געקעמפט מיט שכל קעגן דעם רוסישן פויער, אָנטרינקנדיק אים מיט בראָנפן, נעמענדיק פרויען אַלס משכנות, איינקויפנדיק בחצי־חינם קירגיזישע ערד. כ׳האָב דערט־לעך געזען, וואָס פאַר אַ רויבערישע קלאָען, וואָס פאַר אַ וועל־פישער הונגער, וואָס פאַר אַ פוקסן־פאַלשקייט עס וואַקסט אַרויס און אַנטוויקלט זיך אונטער דער מאַרטירער־מאַסקע.

עס האָט זיך מיר אָבער געמאַכט אַ געלעגנהייט נישט אויס־צונוצן די העפלעכקייט פון מיינע „לאַנדסלייט". עס האָט זיך באַ־וויזן אַן ערך אין אַ צעג אַרום נאָך מיין אָנקומען אַ נייער גאַסט. דאָס איז געווען עפּעס אַן אָרימער שלאַכטשיץ, פאַרן אויפשטאַנד אַ קאָלאָניאַל־סוחר אין אַ קליין שטעטל, מאַרעק קאָריטקאָ. דאָס

איז געווען אַ קליין, עפּעס ווי אַ צונויפגעפּלעטשט געשטאַלט מיט בלויע פאַרווייניטע אויגן, מיט אַ רויטער נאָז, אויסגעקראָכענע וואָנסעס און מיט אַ פּליך. ער האָט זיך שטאַרק געניירט פאַר מיינע בעלי־בתּים און געהאַט מיט זיי עפּעס געשעפטן. דער גאַסט פּלעגט גערן אַריינקומען צו מיר אין צימער און פּלעגט נישט דרייסט זיך זעצן אויף אַ ברעג שטול. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ שטענדיקע הכנעה.

— מיט אַ מאָסקעווקע האָט ער חתונה געהאַט — האָט מיר דערציילט הער קולעשאַ: — זי טרינקט, פּאַטשט אים אין פּנים און ער האָט זיך אַליין אויך גענומען צום טרינקען.

איך בין געווען באַזונדערס העפלעך מיט קאַריטקאָ.

— אָט אַזוי איז עס — פּלעגט ער זאָגן — געוויין און פּוסטקייט — דאָס איז אַרום אונדז. ווי דו קערסט זיך און ווענדסט זיך — אַלץ פאַרעטער, רענעגאַטן. הער פּילפּ אָסאָלינסקי, דער גרויסער האַר און פּאַטריאָט, דערלויבט מיר נישט זיך צוצוזעצן באַ אים אין שטוב, ווייל די קינדער מיינע זענען איצט פּראַוואָסלאַוונע. און אין ערגעץ, אין ערגעץ איז נישטאָ קיין רו. איינער אַ הער סעווערין, אַ היילקיער מענטש, זאָגט, אַז דאָס איז גאָרנישט, אַבי די נשמה זאָל זיין ריין און ווי מיט זיין גלייכן רעדט ער מיט מיר, אָבער איך פיל אַליין לגבי אים מיין נישטיקייט און בגידה, אין זיינע אויגן די לויטערע וואַג איך נישט צו קוקן. איינמאָל, צוויי מאָל אויף דריי חדשים גיי איך אים הערן און מער נישט. אַבי צו וויסן בלויז: ביסטו נאָך נישט אינגאַנצן פאַרפאַלן, קאַריטקאָ, אויב מיצקעוויטשעס פריינט און תּלמיד הער סעווערין קאַניאַווסקי רעדט מיט דיר, ווי מיט אַ ברודער.

— ווער־זשע איז ער! — האָב איך נישט ווילנדיק אויסגעשריען — ער איז דאָך געווען אין אָרענבורגער גובערניע!

— מ'האָט אים אַהער אַריבערגעפירט אַן ערך מיט צוויי אָדער דריי יאָר צוריק, און כ'זע, דעם גנעדיקן הער איז די פאַמיליע באַקאַנט.

— כ׳בין אַ נאָנטער קרוב פון ה׳ סעמערין, ער איז מיין, פאַרטערט ברודער.

קאַריטקאָ האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט.

— טייערינקער, אָט וועט ער זיך דערפרייען דער אַלטיטשקער, די טויב אינדזערע... אפשר, ליבינקער, זאָלן מיר אים מודיע זיין, אָדער אפשר וואָלסטו גלייך צו אים געפאָרן. ער וווינט באַ איינעם אַ רוסישען סוחר, זיי האַלטן אים פאַר אַ הייליקן, זיי זענען ממש מתפלל פון אים, גרויס אָנשיי האָט מען פאַר אים. דער פּראָסטער המון אַפילו האָט פאַר אים יראת-הכבוד, טאָמער ווערט עמעץ קראַנק, אָדער עס געשעט עפּעס, קומט מען צו אים. מ׳ברענגט צו אים קראַנקע... כ׳האָב מיך צוגויפגערעדט מיטן הער קאַריטקאָ, געלט האָב איך געהאַט גענוג, כ׳האָב בלויז באַדאַרפט באַקומען קליידער, דינגען פערד און אַלץ אָן איבעריקן רעש שטילערהייט איינאָרדענען. דער וועג האָט געהאַלטן אַ צען מייל, אין שניי, אין אַ פראָסט, עס איז נישט איבעריק שווער געווען אים בייצוקומען.

אויפן אַנדערן טאָג האָב איך מיך אָפּגעזעגנט מיט מיינע בעלי-בתים און מיר זענען באַגינען אַרויסגעפאָרן.

די האַנט האָט מיר נאָך וויי געטון, אָבער איך האָב שוין אין אַ געוויסער מאָס געקענט באַוועגן מיט איר: די קויל האָט נישט אָנגערירט דעם ביין.

מיר זענען געפאָרן אַ גאַנצן טאָג, אין אָוונט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין עק פון עפּעס אַ דאָרף אָדער ישוב. דאָ איז געשטאַנען אַ שיין גרויס הויז, געבויט פון באַליעס. מיר זענען אונטערגעפאָרן צום גאַנעק. עס האָבן דורכגעשוועבט פאַרביי מיר עטלעכע פּרויען און מענער-געשטאַלטן. דעם הער קאַריטקאָס ווערטער: „הער סעווערינס אַ פּלעמעניק״ — האָבן אַרויסגערופן אויף אַלע פּנימער אַן אָנגענעמען שמייכל, מ׳האָט געזען, אַז ער מוז דאָ טאַקע זיין אַרומגערינגלט מיט אומגעוויינטלעכער פריינטשאַפט און יראת-הכבוד.

מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסער שטוב. זי איז געווען ליכטיק און ריין. באַ די ווענט איז געשטאַנען דעמבאָווע

שווער מעפּל, די גאַנצע איינריכטונג האָט געהאַט אויף זיך דעם שטעמפּל פון וווילשטאַנד, פון אַ געוויסער שטרענגקייט און ערנסט־קייט.

בשעת מיר זענען אריינגעגאַנגען, איז פון דער אַנטקעגנדי־קער טיר אַרויס אַ מאַנספּערשוין מיט אַ ווייסן קאָפּ, אַ ווייסע באָרד און מיט אַ ביסל אונטערגעשוירענע וואָנסעס. ער איז ענלעך גע־ווען צו מיין פאָטער, נאָר אַ ביסל העכער, און דאָס פּנים, בפרט די אויגן, האָבן געהאַט אַן אויסדרוק פון עפּעס אַן אינערלעכן איינקוקן זיך, פון עפּעס אַזוינס, וואָס לעבט אין דער נשמה שטיל און אייביק.

ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר און אויסגעשטרעקט די הענט:

— דעם ברודער אָקטאַוויאַנס זון. דער ברודער האָט מיר געשריבן וועגן דיר. איך פריי מיך, וואָס איך זע מיך מיט דיר, איך האָב מיך געוואָלט מיט דיר באַקענען.

איך בין אָפּגעווען צען טעג באַם פעטער אָקטאַוויאַן אין שטוב.

אים האָט דאָ אַרומגערינגלט אַן אַטמאָספער פון אמתן רע־ליגיעזן פאַרגעטערן. איך בין נישט איינמאָל געווען דערביי, ווי ס׳פלעגט קומען צו אים מיט פלעריי ענינים מיט פאַמיליען־קרי־גערייען אַפילו און ווי מען פלעגט זיך אונטערוואַרפן זיינע באַ־שלוסן.

„אַ הייליקער איז ער“, פלעגן זאָגן פרויען.

ס׳פלעגן אים אויך באַזוכן פאַרשטיקטע.

מען פלעגט דערציילן, אַז איינער אַן אַנטלאָפענער קאַ־טאָרזשניק איז אויפן וועג אריין זיך פאַרבייגן פאַרן זקן פון מערב. אַזוי פלעגט אים רופן די אָרטיקע באַפעלקערונג. באַ די פּאָלי־טישע פאַרשיקטע האָט מען נישט פאַרשטאַנען אָט די אומגעוויינט־לעכע נישט דורכשניטלעכע געשטאַלט.

ווי תמיד, האָבן זיך די פאַרשיקטע געטיילט און די פראַק־ציעס, העלכע זענען געווען אין אָנגעשטרענגטע און שאַרפע באַ־ציונגען איינע מיט די אַנדערע.

מ׳האָט געהאַלטן פאַר פאַלטשקייט אָדער כאַראַקטערלאָזיקייט דאָס, וואָס דער פעטער סעווערין פלעגט נישט באַמערקן די אַלע אונטערשידן גלייך. אַזוי האָבן אָבער געקענט אורטיילן נאָר די, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געזען פערזענלעך דעם זקן פון מערב. עס איז אָבער גענוג געווען זיך צו באַקענען מיט אים און דורכצושמועסן, בכדי צו פאַרשטיין, אַז ער איז נישט ביכולת קיינמאָל צו טון אַ באַוווסטזיניקן ליגן און, אַז ער רעכנט זיך קיינמאָל נישט מיט קיין שום פערזענלעכע אינטערעסן, אַז ער האָט נישט מורא קיינעם אָנצוגרייפן.

ווען ער פלעגט רעדן, האָט מען געהאַט אַן איינדרוק, אַז ער רעדט מיט עפּעס אַן אינערלעכער זאַך, וועלכע געהערט צו אים און איז אומאָפּהענגיק פון דער פּערזאָן פון צוהערער...

בײַ אַן אַנדערן וואָלט מיר אפשר פאָרגעקומען נישט אויפריכטיק אַזאַ מין איינהערן זיך אין יעדן אַרויסגערעדטן וואָרט, מ׳האָט געהאַט אַן איינדרוק, אַז ער האָט טיף אין האַרץ עפּעס אַ שווייגנדיקן אמת, און נישט ער אַליין רעדט אַזוי פיל, וויפיל ער צווינגט דעם אמת צו רעדן.

פּסיכאָלאָגיש קען איך עס אָנרופן אויטאָהיפּנאָז!

ס׳איז אָבער געווען דערין אַ פיינע אָנשטרענגונג צו האַנדלען און צו אורטיילן אין יעדן פאַל אַזוי, אַז די ווערטער און מעשים זאָלן זיין אַן אויסדרוק פון דער טיפסטער איבערצייגונג נישט צו רעדן און נישט צו טון אַנדערש, ווי אונטערן דרוק פון דעם אמת, וועלכן מ׳פאַרמאָגט.

יעצט האָט דער פעטער סעווערין געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ מענטש, וועלכער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אַן אומויפהערלעכער שטילער באַגייסטערונג, דאָס, וואָס איז געווען זיין איבערצייגונג, האָט אים אַזוי דורכגעדרונגען, אַז די אָנשטרענגונג פלעגט ממש אינגאַנצן פאַרשווונדן, פלעגט בלויז איבערבלייבן ווי אַ סימן פון קעמפן און ליידן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט.

גין די אָוונטן פלעגן מיר בלייבן אָפּט צוזאַמען, און די
מאָלט פלעגן מיר רעדן וועגן אַלגעמיינע ענינים. ס'איז מיר פּרעמ
געווען יעדער געדאַנק, וועלכער וואָלט געשטרעבט אים אַפילו צ
פאַרשיינען, צו באַהאַלטן פאַר אים אָדער מילדערן וואָס עס אי
פון מיינע איבערצייגונגען. איבעריקנס, האָב איך געהאַט דעם איי
דרוק, אַז ס'איז נישט געווען נישט נאָר צווישן אונזערע געדאַנק
און איבערצייגונגען, נאָר אפילו מעשים, אַזאַ גרויסע מחיצה, וועלכ
זאָל אויסזען אַזוי עקסטרעם אין דעם פעטער סעווערינס אויגן, און
וועלכע זאָל אינגאַנצן איבערייסן אונדזער מענטשלעכע קרובה־
שאַפט.

דער כשוף פון זיין געשטאַלט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז
אַפילו אַ מערדער, אַן אונטערדריקער, אַ פאַרברעכער וואָלט געמוזט
פילן אָט די קרובהשאַפט. ער וואָלט געמוזט פילן, אַז אָט די גאַנ־
צע ריינקייט און ליכטיקייט לאָזן זיך נישט אַראָפּ צו אים, נאָר
וואַקסן, דאַכט זיך, אַרויס פון אָט דעם בלאָטיקן, באַשפּיגענעם באָדן,
אויף וועלכן ער לעבט.

— דער אונטערשיד צווישן מענטשן — פלעגט זאָגן דער
פעטער סעווערין — איז אַזוי קליין, ער איז אַזוי גאָר נישטאָ,
בעת מ'טראַכט וועגן זיי אויפריכטיק און מיט ליבע.

קיינער האָט קיינמאָל נישט געקענט פילן, בעת ער האָט גע־
רעדט מיטן פעטער סעווערין, אַז ער איז אויסגעשלאָסן פון דער
וועלט פון אמת.

„ס'איז אַמאָל וויכטיק אויסצולערנען אַ מענטש, ער זאָל זיין
נאָכגיביק, ליבן, שעצן זיך אַליין. אַ מענטש דאַרף קיינמאָל זיך
אַליין נישט פאַראַכטן. מיר ווידער לערנען תמיד די מענטשן, וועל־
כע נייטיקן זיך אין אונדזער הילף, זיי זאָלן זיך אַליין פאַראַכטן,
זיי זאָלן זיך אַליין האַסן, זיי זאָלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס
זיי זענען, וואָס זיי האָבן אויפגעטון. אַ מענטש, וועלכער האָט זיך
באַפלעקט מיט וועלכער עס איז שולד, מוז זיך אויסלערנען פאַר־
געסן, כריסטוס פאַרגעסט, ער פאַרגעסט כסדר, און יעדער פון
אונדז איז אינערלעך אַ כריסטוס.

דו קענסט נישט, דו וועסט נישט אומשטאַנד זיין זיך אָפּצו־טיילן פון אים.

ער איז דאָס, וואָס דענקט אין דיר און וואָס װיל, וואָס ליבט און פילט.

ער איז יעדער געדאַנק, מיט וועלכן דו נעמסט זיך איבער. אַ מענטש וואָלט פון זיך אַליין נישט געקענט קיין זאַך אויפנעמען, אויף קיין זאַך זיך שטיצן. אונדזער דענקען איז אַן אומויפהער־לעכער נס. און מיר אַליין פילן עס אויסגעצייכנט. פאַר קיין זאַך שרעקן מיר זיך נישט אַזוי, ווי פאַר אונדזער אייגענעם משפט.

דער אייגענער משפט איז דער שרעקלעכסטער.

מיר פילן און זיך אַליין דעם אמת און מיר דערשטיקן אים.

מיט יעדן מענטשן בשעת דו רעדסט, מוזסטו רעדן אַזוי, ווי דו וואָלסט גערעדט מיט כריסטוסן, און טון מוזסטו אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען כריסטוס, און דאָס איז דער אמת.

אַזוי איז עס.

יעדער איינציקער איז כריסטוס, און אויב זיין אמת ווערט נישט דערשטיקט, וועט די ליכטיקייט אומעטום אַרויס־טרעטן.

איך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער און אמתער כוח.

אַ מענטש, וועלכער קען לעבן אויף אַזאַ אופן, וועלכער קלאַסיפיצירט נישט פאַרויס קיין מענטשן, האָט אין זיך אַ כוח, וועלכן ס'איז שווער אָפּצולאָזן.

„מיר זאָגן אויף מענטשן, אַז זיי זענען פאַרברעכער, כדי צו זיין קענען זיי פאַרברעכער. מיר פאַראַכטן זיי, כדי מיר זאָלן זיך קענען באַגיין מיט זיי אַזוי, אַז מיר זאָלן פאַרדינען פאַר־אַכטונג.

צום שווערסטן איז אויפצוּוועקן כריסטוסן אין אַ מענטש, וועלכער איז זיכער אין זיין צניעות.

כל־זמן אַ מענטש וועט נישט פאַרשטיין, אַז חשר עס איז געררעכט קעגן אַנדערע, איז שולדיק דערמיט, וואָס אַנדערע זע־נען נישט גערעכט קעגן אים — וועט זיין שווער צו לעבן אויף דער וועלט. היינט באַמיט זיך יעדער איינציקער צו באַקומען דאָס רעכט אַנדערע צו פּאַראַכטן. יעדער האַלט אויס זיין דרך אַרײַן צו זיך ווי אַ קאַפּיטאַל, כּדי ער זאָל דערנאָך קענען אַלץ אַרום זיך שטיקן. מיך האַלט מען דאָ פאַר אַ דעמאָראַליזאַטאָר, ווייל איך לעב מיט שיכּורים, מיט חברה־ניקעס, און זיי לעבן מיט מיר".

און איך האָב טאַקע געזען אין אמתן, ווי עס פלעגט קומען צום פעטער סטוועריין אַ באַאַמטער, וועלכער איז געווען באַוווּסט מיט זיין אַכזריות, גנבות און שיכּרות. איך האָב געזען, ווי ער איז אַרויס פון שטוב מיט אַ פּנים, וואָס האָט געשטראַלט, אַזוי ווי עס וואָלט יינגער געוואָרן, ווי יום־טובדיק.

דאָס — אַז פעטער פלעגן ווערן איידעלער — באַגייס־טערט, פאַרענדערט און יינגער, בשעת זיי פלעגן זיין מיטן פעטער סטוועריין, דאָס פלעג איך זען כּסדר און ווען אים אַליין וואָלט איך מיך אויך נישט געקענט אויסדריקן געניער, ווי — אַז אין געוויסע מאָמענטן האָט זיין פּנים נישט געהאַט קיין יאָרן. זיינע באַוועגונגען פלעגן ווערן טיילמאָל מאָדנע לייכט. איבעריקנס, פלעגט דער פעטער סטוועריין זען אין דער מ'אוסקיים, אין דער אומגעשיקטקייט פון באַוועגונגען און געשטאַלטן באַם גרעסטן טייל מענטשן אַ רעזולטאַט פון אינערלעכער צעבראָכנ־קייט.

אַ מענטש, וועלכער פאַראַכט זיך אַליין, אָדער האָט זיך בלויז נישט ליב אַפילו, איז נישט אומשטאַנד קיינמאָל קיין שום באַוועגונג צו מאַכן אָן עקל. יעדעס געשטאַלט, יעדע באַוועגונג האָבן זייער אינערלעכן, מאָראַלישן פּרצוף, און מ'קען יעדע פון זיי לכל־הפּחות אַזוי ענדערן, אַז אַ מענטש זאָל אין דער קראַנקהייט גופא נישט זיין קראַנק, עס זאָל אין אים זיין עפּעס אַזוינס, וואָס שפּייכלט. און דער נשמה אונדזערער וועלן מיר תמיד געגעבן

עפעס אזוינס, וואָס איז ענלעך אין יעדן פרט צו אונדזער קער־פער.

אויב מיר פאַראַכטן דעם קערפער, איז עס אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס מיר האָבן דערהרגעט דעם גייסט. אונדזער קער־פער איז אַ גרויסער סוד. איז מער אַ גייסט און ער איז גע־שטאַנען נענטער צו יעדן גרעסערן גייסטיקן קוואַל, ווי אונדזערע געדאַנקען.

בשעת מיר פאַראַכטן דעם קערפער — איז עס ווי די קעלט פון טויטע געדאַנקען. דער קערפער, דאָס איז דער געדאַנק, וועלכער איז געוואָרן אַ פולשטענדיקער גייסט. בשעת דער געדאַנק לעבט אין אונדז — איז ער טעטיק, בשעת ער איז טעטיק, ענדערט זיך דער קערפער און ווערט אַנדערש".

כ׳פלעג אים זאָגן, דעם אַלטן, ווי שטאַרק עס וווּנדערן מיך אָט די ווערטער, אַרויסגערעדט פון זיין מויל.

אָבער ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

כ׳האָב אים דערציילט וועגן אַלץ, וועגן פייערבאַכס פילאָ־זאָפיע, וועגן באַקונינען, וועגן אונדזער באַוועגונג.

ער האָט זיך צוגעהערט צו די זאַכן, וועלכע האָבן אים באַ־דאַרפט זיין פרעמד, מיט טיפער התלהבות.

בעת כ׳האָב אים דערציילט וועגן אינטערנאַציאָנאַל, וועגן אַלדיק, וועגן די פאַריזער אַרבעטער בשעת דער קאָמונע, האָט ער געוויינט, דער פעטער סעוועריג, געוויינט אָן ווייטיק, מיט ריינע טרערן פון פרייד.

אַ מענטש איז הייליק, אַ מענטש איז ריין.

כריסטוס אַרבעט טיף אין די הערצער.

ס׳פלעגן אים נישט רירן קיין ליידן און פיין. דער טויט האָט נישט עקזיסטירט אָט פאַר דעם זקן פון מערב, זיין געדאַנק האָט געלעבט אין ביידע עולמות. נישט דאָס, וואָס מענטשן פלעגן שטאַרבן, פלעגט אים רירן, נאָר דער אינהאַלט פון זייער לעבן.

כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען אַזאַ עכטע הייליקע ליבע צו מענטשן.

כ׳האָב פאַרשטאַנען דאַמאָלס, וואָס פאַר אַ לויטערער, הייליקער שטראָם ס׳איז דורכגעפלאָסן דורך אונדזער געדאַנק מיטן טאַ־ר׳אַניזם. מיר האָט זיך נישט איינגעגעבן צו באַקענען זיך מיט זיין תורה, איבעריקנס, רעכן איך אַז דאָס וואָלט נישט געהאַט קיין באַ־דייטונג. קיין זאַך וואָלט שוין נישט געקענט טיפער מאַכן די ידיעות וועלכע ס׳האָט געגעבן די געשטאַלט פונם זקן פון מערב.

ער האָט גערעדט וועגן דער פאַרזיוער עמיגראַציע. ער האָט גערעדט וועגן גייסטיקן צושטאַנד פון די מענטשן, וועלכע האָבן, לעבנדיק יאָרנלאַנג אינם טומל פון אַ פרעמדן לעבן, געפילט, ווי עס פאַלט אויף זיי אַראָפּ אַ האָגל פון געשעענישן און פאַקטן געדאַנקען, וועלכע זענען אַלעמאָל גלייכגילטיק געווען צו דעם, וואָס ס׳איז געווען דער תוך פון זייער האַרץ, פון זייער גלויבן. וואָס אַ טאָג, פלעגט זיך זיי אַלץ מער דאַכטן, אַז פוילן איז פאַר־לוירן. אָט, ס׳האָט זיך געחלומט אַ ריזיקער חלום וועגן אַ פאָלק, וואָס מוז אויפשטיין.

פאַרוואָס מוז עס אויפשטיין?

מען האָט באַדאַרפט דערויף זוכן אַ תשובה.

עס האָט געמוזט זיין עמעץ אַ מעכטיקער און גרויסער, וואָס זאָל זיין וואַך באַם לאַנד, אַז עס זאָל נישט אומקומען אין דעם רעשיקן טומלדיקן שטויב־נעפל.

אויב מענטשן און פעלקער זענען אַזוי ווי שטויב, וואָס שיט זיך פון אַ בלינדער האַנט, אויב קיינער קוקט נישט, אויב עס איז נישטאָ אין וועלטאַל קיין האַרץ, קיין געדאַנק, אויב דער אמת איז אינם רעש פון דער ערד און אין קאַלטן שווייגן פון די שטערן, דאַמאָלס איז אַלץ פאַרפאַלן.

זיי אַליין האָבן זיך וואָס אַמאָל מער געפילט פאַר איבעריק אויף דער וועלט. זיי פלעגן אַרומגיין און קוקן איינער דעם אַנ־דערן אין די אויגן, זוכנדיק קעגנזייטיק איינער באַם אַנדערן בטחון, זיי פלעגן זיך צוהערן צו זייער האַרצקלאַפּעניש, זיי האָבן געפילט,

אַז אַלע הערצער זענען אין אַ גלייכער מאָס אויסגעמאַטערט און קראַנק, אַז זיי אַלע שטיקט אין דער זעלבער מאָס אַן אימה.

„מיר האָבן געפילט — פלעגט זאָגן דער פעטער סעוועריין, — אַז אויב עמעץ וועט אונדז נישט קענען געבן קיין איבערמענטשלעכן כּוח, אויב עמעץ וועט אונדז נישט געבן דעם כּוח זיך צו דער־הייבן איבער דער וועלט — וועלן מיר אומקומען. מיר האָבן גע־פילט, אַז מיר מוזן באַווייזן אַ נס, אַז מיר מוזן איבערשטייגן אונד־זער אייגענעם שׂכל, דיווירקלעכקייט, כּדי אַריבערצוטראָגן, כּדי צו גלייבן.

צי ווייסטו, וואָס עס איז אַזוינס בטחון?

וועסט זיך אפשר דערוויסן.

עס וועט דיך אַמאָל אויסלערנען דאָס לעבן, אַז מען קען אַ מענטש אין זיין אינערלעכער וועלט דערהרגענען אָדער ראַטעווען. שאַף דעם בטחון, וועלכער קען ב'יקומען די פּיין, און דו וועסט זען, ווי אַ מענטש איז אויף דער תּליה אַ גבור. מענטשן ווייסן נישט, וואָס פאַר אַ כּוח זיי האָבן אין זיך, וואָס פאַר אַן אומפאַרגלייכלעכן כּוח עס פאַרמאָגט יעדער פון אונדז, ער זאָל נאָר וואָגן, ער זאָל זיך נאָר אויסלערנען נישט מורא האָבן.

כּל־זמן אַ מענטש האָט מורא — קען ער נישט דעם גייסט. ער ווייסט נישט, אַז ער און דער גייסט, דאָס איז איינס, אַז אומעטום איז ער אַליין, אַז אין ערגעץ וועט ער קיין זאַך אַ חוץ זיך אַליין נישט געפינען.

כּל זמן מ'קען אַ מענטש דערשרעקן, ווייסט ער נישט פון דער געטלעכער וועלט, וועלכע איז דאָ אין אים. ער קריכט איבער דער פאַרפרוירענער ערד־שאָל און פילט נישט, אַז ס'רינגלט אים אַרום פון אַלע זייטן דאָס לעבן. בשעת מענטשן קומען אום, און ס'דערהרגעט זיי די פּוסטקייט פון לעבן, די טויטקייט און די שרעק! בשעת זיי פילן, אַז זיי זענען גאָרנישט, דאַרף מען פון זיי פאָדערן, אַז זיי זאָלן ווערן אַלץ. וואָס גרעסער די ירידה, אַלץ העכער מוז זיין דער שוווּנג, כּדי ער זאָל קענען מיטרייסן. מיר האָבן דאַמאָלט פאַרשטאַנען אַ דאַנק אים, דעם געטרייען דינער

פון דער זאך, אז מיר, ווען מען די וועלט האט דערהרגעט, מוזן די וועלט באלעבן, אז כל־זמן ס׳וועט זיך נישט אומוואנדלען אין הארץ דאס, וואס איז היינט שטיין, וועלן מיר זיך נישט רירן פון קבר, וועלכעס עס היט דער שטיין. ווי פעלזנשטיין האבן זיך מענטשן אוועקגעלייגט אויף אונדזערע הערצער, מיר זענען געוועזן לעבעדיק אונטער דעם שטיין, מיר מוזן אויפוועקן די, וואס דריקן אונדז צו.״

ער פלעגט מיר דערציילן וועגן דעם, ווי מ׳איז געווארן אויפגעבראכט דארט צווישן די עמיגראנטן, בעת סאוויאנסקיס אנהענגער האבן אים ארויסגעשיקט מיט א בריוו צום רוסישן קייזער, מיט דער ערקלערונג, אז זיי ווילן אויספירן אין דער באציונג צו אים זייערע פליכטן פון אונטערטאנען און די פליכט פון אן אונטערטאן איז צו באפרייען די מאכט פון זינד זיין פליכט איז אויפצוהויבן תחית המתים די מאכטאין פולשטענדיקער פרייהייט אזוי, אז ס׳זאל דורך איר לעבן און זיין טעטיק די פרייהייט פון דער וועלט.

כ׳האב גערעדט מיט אים וועגן מיין באציונג צו דער פרייער פראגע. הער סעווערין האט זיך צוגעהערט ערנסט, קנייטשנדיק דעם שטערן, צום סוף האט ער געזאגט.

— און אויב דו האסט א טעות?

— וואס זענט איר אויסן, פעטער?

— איר מיינט אזוי. אלץ, וואס ס׳איז ביז אהער פארגעקומען — איז פארגעקומען אן דעם אנטייל פון מענטש אליין. דו זאגסט, אז מיט זיין ארבעט שאפט דער מענטש די יסודות פון לעבן. דאס איז ריכטיק. נישט פאר א גייסט, נאר פאר א מענטש האט דיך גאט באשאפן: נישט מיט געדאנקען, נאר מיטן קערפער דארפסטו אים אנקלאפן אין הארץ. מ׳דארף רעדן מיטן לשון, וועלכן ס׳קען און ס׳הערט ער, וואס טראכט מיט דער זון, מיט דער ערד, מיט אלץ, וואס ס׳איז דא.

די ערד איז מער גייסט פאר אונדזער געדאנק. שטערן, זונען, דאס זענען אלץ גייסטער, און אונדזער קערפער איז א גייסט. ארבעט דאס איז די באהעפטונג פון גייסטער. א מענטש, וועלכער

ארבעט נישט, איז פרעמד פאַר גאָט, ער זאָל אפילו דאַוועגען און פאַסטן. א געדאַנק, וועלכן עס האָט נישט דורכגעפירט דער קערפּער, וועלכן דער קערפּער קען נישט, איז קיין געדאַנק נישט. ער איז א חלום און א איליוזיע. אָבער דו זאָגסט ווייטער: א מענטש מוז זיך אַליין רירן פון אָרט.

— יאָ — האָב איך איבערגעחזרט.

— גאָט וועט פאַר אים נישט טון זיין אַרבעט, דאָס ווייסן מיר אַלע. גאָט האָט זיך אים אָפּגעגעבן אין אים אַליין, און ער לעבט נישט אין ערגעץ א חוץ אין אים און נאָר דורך אים — אָבער ג אָ ט ל ע ב ט.

— כ׳פאַרשטיי נישט דעם אונטערשיד.

— גאָטס אויג זען מיר אין דער טיפעניש, זיין געדאַנק לעבט אין אונדז בלינדערהייט, זיין אָטעם באַוועגט די בלעטער פון דיביימער. דאָס אַלץ רעדט.

— א מענטש מוז בייקומען זיין עבר, אויב ער וויל נישט שטאַרבן.

— גאָט שטאַרבט נישט, נאָר ער וואַרט, א מענטש קען אָפּ־שטעלן זיין אַרבעט, פאַרציִען זי, ער קען אויסציִען דעם וועג אָן א שיעור.

— איך פאַרשטיי שוין איצט דעם אונטערשיד: דו, פעטער, פאַרשטייסט נישט, דו אָנערקענסט נישט, אַז ס׳איז מעגלעך די מפּלה.

— מ׳קען אָוועקגיין פון גאָט — האָט געזאָגט דער פעטער סעוועריך. — א לאַנגע צייט בין איך נישט אומשטאַנד געווען צו גלייבן אין דעם, און איצט ווייס איך: ס׳איז מעגלעך אַן אייביקער טרויער. מ׳קען אָנהייבן גלייבן אין דעם, אַז מ׳איז גאָר־נישט, אין א האָפענונגסלאָזער אומפּרוכטבאַרקייט, אין אַן אומשיפּ־הערלעכער איינזאַמקייט — און דאָס איז טאַקע דער שטן: דער גייסט, וואָס איז אומענדלעך טרויעריק.

— דו גלייבסט אין דעם?

— דער שטן קען דעם תּהום, וואָס עפנט זיך אין גאָט גופא.

— כ׳פאַרשטיי נישט, כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס אַזוינס עס איז דיין גאָט.

— דו ווייסט עס נישט קענען פאַרשטיין: דאָרט, ווו עס ענדיקט זיך אַלץ, וואָס ס׳איז דיינס, דיין גאַנצע נאַטור, וועלכע דו קענסט נישט, די, וועלכע איז געווען פאַר דיין געדאַנק — דער קערפּער דיינער — דאָרט הייבט ער זיך אָן.

דאָס איז געווען אַ מערקווירדיק גלייבן. איך בין נישט געווען אומשטאַנד אַרומצונעמען זיינע האָרינזאָגנטן.

ווען איך פלעג אים שטעלן אויפן וועג אַ מניעה, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, נישט בייצוקומען, פלעגט ער זיך פאַרנעמען טיפער. קערפּער און אַרבעט זענען געווען פאַר אים גייסטיקער, נענטער צום גייסט, ווי געדאַנקען, התפעלות, עקסטאַז.

„נישט מיטן נאַקעטן געדאַנק, נאָר מיט דער זריעה, וואָס רייסט דורך די שויס פון דר׳ערד האָט זיך דער מענטש באַהאָפטן מיט גאָט. איך בין דו, זאָגט דער מענטש, ווען ער אַרבעט, און דו ביסט איך — און מיר און דו — מיר זענען איינס. אַרבעט, דאָס איז אַ צייכן פון פאַראייניקונג, אַ מענטש וואַרפט זיך אין גאָטס גרויסן האַרץ אַריין, אין דער שויס פון אומענדלעכן גייסט מיטן בטחון, אַז ער וועט זיך אין אים געפינען און ער גייט אַרויס פון גאָטס האַרץ אַזוי, ווי ער איז“.

דער פעטער סעווערין האָט לחלוטין נישט געהאַט בדעה מיך אַריבערצוציִען אויף זיין זייט.

„טו מייַנע מעשים און רוף נישט אָן מיין נאָמען“.

ווען איך האָב געהאַלטן באַ אָוועקפאָרן, שוין נאָכדעם, ווי איך האָב באַקומען אַ נייעם פּאַס און געהאַט דערליידיקט אַנדערע הכנות, האָט ער מיך לאַנג פאַרהאַלטן באַ זיך אין אָוונט.

כ׳האָב מיך שוין געזעגנט מיט אים, ווען ער האָט מיך פאַרהאַלטן נאָכאַמאָל און קוקנדיק מיר אין די אויגן אַריין, געפרעגט:

— צי גלייבסטו אין פוילן.

— אין די פוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

— ניין, צי גלייבסטו, אַז גאָט קען נישט זיין גאָט אָן פּאָליאַקן, אַז זיי זענען אַן אומבאַדינגטער טאָן אין זיין האַרץ.

כ׳האָב איינגעבויגן דעם קאָפּ...

— דו ווייסט, פעטער, אַז איך גלייב אין קיין זאַך נישט, אַ חוץ אין דעם מענטש.

— איז מעגלעך, הייסט עס, אַז פוילן זאָל אומקו־מען?

— אַלץ, וואָס איז אַ געוויסע לעבנספאָרם — קען אומקו־מען. בלויז דאָס פאַרבלייבט, וואָס ס׳איז אומבאַדינגט נייטיק פאַרן מענטש, דאָס אָן וועלכן דער מענטש קען נישט לעבן.

— וואָס פאַר אַ מענטש?

— דער, וועלכער קען זיך אַנטקעגנשטעלן דער נאַטור.

— אַ מענטש, וואָס איז באַהעפט מיט גאָט.

— אַ מענטש, וואָס הערשט איבער דער וועלט דורך אַר־בעט.

— ער קען נישט זיין אָן פוילן.

כ׳האָב געשוויגן.

— כ׳וואָלט נישט געקענט לעבן, ווען כ׳וואָלט נישט געגלייבט, אַז דאָס איז אַ וואָרט, וואָס איז אויפגעשריבן אויפן גרונט פון גאָטס געזעצן: פוילן. אָ, דו לאַנד מיינס, דו לאַנד פון שמייכלענ־דיקע עבירות. דו — ווו מענטשן האָבן זיך מיט זייער ליכטיקייט פאַרלוירן! דו, וואָס האָסט געגלייבט אין אַ גייסט אָן דערשיינונגען! לאַנד מיינס, דו טויב, דו, דער ריכטער פון גאָט, דו — רעגנ־בויגן איבערן בלוטיקן תהום.

מיר האָבן זיך צעשיידט, איך מיטן פעטער סעוועריָן, ווי די בעסטע פריינט. ער האָט מיך נאָך צווייטמאָל אַרומגע־נומען.

ווען איך בין געזעסן אין שליטן, געטראָגן זיך איבער די שנייִיקע פעלדער, וועלדער, אין וועלכע דיביימער האָבן זיך געבראָכן אונטער דער לאַסט פון שניי און אייז, אין דער שטילקייט, וועלכע ליגט זיך ווי אַ לאַסט אויף יעדער לעבעדיק באַשעפעניש, און זי דערמאַנט אים, אַז עס איז גאָרנישט, האָב איך געטראַכט וועגן אונדזער און וועגן זיין גלויבן.

צי צווייפלט ער — קיינמאָל נישט?

פונוואַנען האָט זיך גענומען צו אים דער גלויבן, אַז ס'איז דאָ אַ טרויעריקער גייסט.

ער האָט געזאָגט אגב אורחא: דער שטן דאָס איז אַ מעגלעכקייט פון גאָט, דאָס איז דער ראַנד, אויף וועלכן גאָט האָט זיך אַליין פאַרגעסן. כ'האָב געטראַכט, אַז אָט דאָס גלויבן איז איינס פון די שטאַרקסטע זאַכן, וועלכע דער מענטשלעכער גייסט האָט אויפגעטון. כ'האָב געטראַכט, אַז ער קען גובר זיין די שטאַרקסטע פאַרטיפונג און באַגרינדונג פון אַ מאָדערנעם געדאַנק. איך האָב געפילט, אַז כ'בין קליין און, אַז ס'פליסט דורך איבער מיר אַ ריינע וועלט, פון וועלכער עס רופט מיך עמעץ מיט טרערן.

און כ'האָב געפרעגט בײַ זיך אַליין, צי וואָלט איך געקענט אַזוי זאָגן פון טיפן האַרץ.

איך האָב געפילט, אַז איך בין נישט אומשטאַנד עס צו טון. און איך האָב געפילט, אַז דאָס איז, ווי עפעס אַן אומרייִקייט.

אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס דו ביסט, דו, ווייסט [illegible] און דו, שטראַלנדער הימל, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס פאַר אַ גורל איר גרייט פאַר מיר, וויל איך זיין דאָס, וואָס איך בין, נאָר דאָס, וואָס איך בין, פאָלגן בלויז מיינע געדאַנקען און טון בלויז דאָס, וואָס איך וועל וועלן...

עס האָט מיך דערוואַרט, נאָך איין אומגעריכטע באַגעגעניש.

ווען איך האָב געוואַרט אין איינעם אַ טיבירישן דאָרף אויף פערד, האָב איך דערזען בײַ אַ צען, צוואַנציק מענטשן, וועלכע

זענען געגאַנגען נאָך אַן אָרון. מ׳האָט אים געפירט אויף אַ געווײנט־לעכן שליטן, פון די שליטנס, וועלכע מ׳נוצט דאָ אויף צו פירן האָלץ.

— וועמען פירט מען עס? — האָב איך געפרעגט באַם פורמאַן.

— איינער אַ פאַרשיקטער איז געשטאָרבן. אַ גוטער העָר געווען. מיטן פּאַפּ האָט ער זיך צעקריגט פאַרן טויט. אַ סטאַראָ־ווייער — אַ פּנים.

— אַ פאַרמאַזאָן איז עס געווען — האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס אַ פאַרבייגייענדיקע פרוי, דעם דיאַקס ווייב, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן.

— אַ רעפּובליקאַנער – צי ווייס איך דאָרט ווי, פלעגט ער זיך תמיד אָנרופן. אַ רוימער; ער האָט געוווינט באַ אונדז, נו, איז האָבן מיר זיך אָנגעהערט וועגן די רוימער — די גריכנלענדער. בלויז געצנדינערישע נעמען האָט ער אָנגערופן פאַרן טויט. די הייליקע האָט ער געהייסן אַרויסטראָגן פון שטוב, באַגראָבט מען אים טאַקע איצט ווי אַן אומגלויביקן קירגיז אָדער אַ בוריאַט, אָן אַ גלח, אָן אַ תּפילה; מ׳האָט אין קיין גלעקער נישט געקלונגען. ס׳איז נישט אָנגענעם אַפילו. די שכנטע זאָגט: ער וועט שרעקן — אָבער איך מיין, אַז נישט, אַ מענטש אַ שטילער, ביכער פלעגט ער לייענען, נאָר בראָנפן האָט ער געטרונקען, אָבער דאָך אַ רויקער איז ער געווען. נישט מער, ער פלעגט רעדן טיילמאָל אַזוינע זאַכן, אַז ס׳האָט זיך אָנגעכאַפּט אי אַ שאַנד, אי אַ געלעכטער, הערנ־דיק.

— ווי האָט געהייסן דער פאַרשטאָרבענער? — האָב איך געפרעגט.

— פּאָפּאָוו — פּאָפּאָוו האָט ער געהייסן... אַ שרייבער איז ער געווען, אַ מאָסקווער, אין צייטונגען פלעגט ער שרייבן; אַ יאָר זיבן צי אַכט איז ער אין קאַטאָרגע געווען.

אָט דער האָט [illegible] געבליבן [illegible] אין בלייערנעם הימל און אין שניי.

כּריסטוס אַרבעט, האָט זיך מיר דער פּעטער דערמאָנט:
און פּלוצלינג האָב איך אויף איין קורצער ווײַלע מיט אַ פרעמדן
בליק געזען, אַז עס צעגייט, ס׳לײַטערט זיך אויס דער הימל, די
ערד, דאָס האַרץ. גייסטער זענען עס...

אין באַרג־טאָל

דאָס וואָלט געהייסן פּשוט אָפּנאַרן זיך אַליין, ווען מיר וואָלטן ווייטער זיך באַמיט זיך אַליין איבערצייגן, אַז דער כאַראַקטער פון אונדזער טעטיקייט קען פאַרבלייבן דער זעלבער, אַז קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט.

עס האָט זיך געענדערט די גאַנצע פּרינציפּיעלע שטימונג: די אינערלעכע סטרוקטור פון דער נשמה.

ס'איז גענוג געווען זיך אויבערפלעכלעך צו באַקענען מיט אונדזערע קרייזן, כּדי זיך איבערצוצייגן, אַז אומעטום קומט פאָר דער זעלבער פּראָצעס. ס'וואַקסט די איבערצייגונג, אַז ס'איז אוממעגלעך אַריבערצוטראָגן אָן אַן אויפהער, נישט שטעלנדיק קיין ווידערשטאַנד, דעם פאַקט, ווי עס ווערט צעטראָטן דאָס מענטשלעכע רעכט אין דיר גופא. דאָס וואָלט געווען איבער אונדזערע כּוחות, ווען מ'וואָלט עס געקענט דערקלערן ווי אַ פּונקט פון אונדזער פּראָגראַם אָדער טאַקטיק.

אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט נאָך וועגן אַן אַנדער זאַך.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום רעכט צו שאַפן פאַר פּאָ־סיוויסטעט, מיר האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו שאַפן ביישפּילן פון אַ „קריסטלעך אַריבערטראָגן עוולות". און ווען די געדאַנקען פלעגן זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון דעם, פלעגט ווערן קלאָר, אַז אויפן ערשטן פּלאַן דאַרף ווערן אַרויסגערוקט דער קאַמף מיט דער אומרעכט, מיט דעם שרעקלעכן פאַקט, וועלכער באַליידיקט דעם באַגריף פון מענטשלעכע זעלבסטווירדע, מיט דעם פאַקט, אַז אַ מענטש, רעכט, געדאַנקען, דאָס אַלץ קען זיין אַ שפּילכל פון צו־פאַל. און בשעת מ'האָט שוין דאָס פאַרשטאַנען — האָט אַלץ אָנ־גענומען אַן אַנדערן כאַראַקטער.

ס'האָט זיך שוין נישט געהאַנדלט וועגן איינציקע פאַלן פון בונט, נקמה, וועגן ריזיקאַלישע נסיעות, כדי אַרויסצוקריגן אַ חבר: ניין, ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז ס'זאָל באַשאַפן ווערן אַ גרויזאַמער כּוח פאַר דער דענקונגס־קראַפט און מאָראַלישער קראַפט, וועלכע איז געווען אין אונדז.

און דאָ האָט שוין נישט געקענט זיין קיין אויסוואַל.

בשעת דער געדאַנק האָט זיך קלאָר אויסגעשטעלט די פראַ־גע און געגעבן אַ תשובה, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן מיטן גאַנצן אמת, אַז מיר און דער גרויזאַמער כּוח, וועלכן ס'האָט אויפגעהאָ־דעוועט די רוסישע געשיכטע, אַז מיר קעמפן פאַר דער נשמה און דער צוקונפט פון צעגויפגעשמידטע פעלקער — האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן צוריקקער. מ'קען נישט לעבן און נישט טראַכטן, ווען מ'פילט זיך ווי אַ שקלאַף. ווען מיר וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון קאַמף פאַר די רעכט, וועלכע מ'האָט צעטראָטן אין אונדז, וואָלט זיך צעקראָכן אונדזער איינציקער כּח: די מאָראַלישע קראַפט, דער דרך ארץ פאַר זיך אַליין.

איך האָב געפילט, אַז דאָס איז אומפאַרמיידלעך און אַז עס דערנענטערט זיך די אַנטגילטיקע, אַנטשיידנדיקע תקופה.

אונדזערע ציימונגען האָבן אָנגענומען אַ קריגערישן כאַראַקטער, וועלכער האָט גערופן צום קאַמף פאַר דער פרייהייט. סיעווערצאָוו האָט געשאַפן אַ גאַנצע טעאָריע פון אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף, אַ סיס־טעמאַטישן און אומאויפהערלעכן: אין אָדעס האָבן זיך באַוויזן

מענטשן, וועלכע האָבן געשמועסט וועגן אַ פאַרשווערונג, וואָס זאָל פירן צו דער צעשטערונג פון דער עקזיסטירנדיקער מאַכט און שאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג.

עס איז אָבער קלאָר געווען, אַז דאָס פרינציפּיעלע איז אַן אַנדערע זאַך.

דאָס געפיל און די פאָדערונגען פון דער זעלבסטווירדע און די זיכערקייט, אַז די מאַסן וועלן קיינמאָל נישט ווערן פריי, כּל-זמן זיי וועלן זיך נישט אויסלערנען צו צעברעכן דאָס אומרעכט, צו צעברעכן דעם יאָך און צו שאַפן די פרייהייט מיט אייגענע מעשים.

לאָמיר זיך נישט אָפּרייסן פון די מאַסן! — פלעגן זאָגן די קעגנער פון דער נייער רעגירונג.

— מיר זענען אויך די מאַסן — פלעגט ענטפערן מיכאַילאָוו — און מיר שאַפן די פאָלקס-טראַדיציע, די טראַדיציע פון קאַמף פאַר רעכט. דאָס פאָלק האָט שוין געהאַט צופיל ביישפּילן פון פאַסיוויטעט און שקלאַפישן אָפּטרעטן פאַר מאַכט.

איבעריקנס, האָט אונדז דאָס לעבן דערוויזן גאַר גיך, אַז דער ענין איז שוין אַריבערגעוואַקסן דעם גבול פון טעאָרעטישע וכּוחים.

קיין פּעטערבורג איז געקומען אַלעקסאַנדער סאָלאָוויאָוו און האָט דערקלערט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויפן קייזער.

ער האָט זיך געווענדט צו אונדז דורך מיכאַילאָווס פאַרמיטלונג, בעטנדיק הילף.

סאָלאָוויאָוו, דאָס איז געווען אַן אומגעוויינטלעכע געשטאַלט. און טאַקע זיין כאַראַקטער, דער אופן, ווי אַזוי ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ פראַגע, האָט געבראַכט דערצו, אַז די פראַגע האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט מיטאַמאָל אין דער טיפסטער פאָרם.

בײַ אונדז האָט געוווינט גאָלדענבערג אין דער צייט, ווען קיין פּעטערבורג איז געקומען סאָלאָוויאָוו, וועלכן מיכאַילאָוו האָט דעם זעלבן טאָג אין אָוונט געבראַכט צו פירן צו מיר.

מיט גאָלדענבערגן צו לעבן איז געווען שווער.

עס האָט אים געפּייניקט אַן אומאויפהערלעכער אומרו.

אָן אַ געהעריקער לעבנס-צוגרייטונג, אָן בילדונג און גייסטיקער אויסגעאַרבעטקייט איז ער אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלעך פון דעם רעוואָלוציאָנערן לעבן און געאָטעמט מיט זיין ברענענדיקער אַטמאָספער. דאָס רעכט פון דער רעוואָלוציע, דאָס הייליקע רעכט פון דער געשטיקטער מענטשלעכער פרייהייט האָט זיך אין זיין מוח איבערגעאַרבעט אין עפּעס אַ מין ספּעציעלן זכות פאַר די רעוואָלוציאָנערן — זיי מעגן אַלץ, ווייל זיי וואַגן! זיי שרעקן זיך פאַר קיין זאַך נישט, זיי גלייבן נישט אין קיין כיטרע אויס-טראַכטענישן פון דער רעליגיע און געזעץ, און דערפאַר קענען זיי אַרבעטן און קעמפן פאַרן גורל פון מענטשן.

ער פלעגט זיך אַליין כסדר באַוווּנדערן אין אָט דער ראָלע, און אין תוך גענומען, האָט ער נישט געקענט גלייבן אין איר אינערלעך.

ער האָט זיך אַליין כסדר געמוזט דערמאָנען, אַז דאָס האָט ער דאָך דערהרגעט אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר און אַז ער וועט קענען דורכפירן אַלץ, וואָס ער וועט וועלן.

ס'איז אוממעגלעך געווען אים איבערצוצייגן, אַז אין אונדזער טעטיקייט עקזיסטירט נישט קיין פּערזענלעכע לאָגיק, נישט קיין פּערזענלעכע רעכט. גאָלדענבערג האָט עס פאַרשטאַנען — אָבער אַז: די רעוואָלוציאָנערן שאַפן אַליין אַלע רעכט, אָדער ער פלעגט סתּם זידלען די רעאַקציע.

דאָס איז געווען זיין באַליבטע טעמע.

אַלץ, וואָס פלעגט נישט זיין אין הסכּם מיט זיין קינדיש-שרייענדיקן און קינדיש-אויבערפלעכלעכן אויפן אויפפאַסן זאַכן, איז געווען רעאַקציע. רעאַקציאָנער איז געווען אַלץ, וואָס פלעגט אים צווינגען זיך צו רעכנען מיט עפּעס אַ ווירקלעכקייט, וועלכע איז אומאָפּהענגיק פון זיין ווילקיר.

קירסאַנאָוו האָט געעפנט ברייט דאָס מויל, ווען גאָלדענבערג האָט ערקלערט, אַז דער פּרינציפּ איינצוהאַלטן אין זיך די ענערגיע דאָס איז בלויז אַ שפּיצל פון דער רעאַקציע, ווייל דער איינציק פּראָגרעסיווער פּרינציפּ איז — צו גאַזיגן די ענערגיע מיטן ווילן.

— ווער בין איך געווען? — האָט ער געפרעגט.

איך בין געווען אַ פּראָסט ייִדל, איך האָב געקענט ווערן אַ בּיכהאַלטער, אַ סוחר, אַ באַנקיר און פּטור.

אָבער ווער בין איך אַצינד?

גזשעגאָזש גאָלדנבערג בין איך.

פאַרוואָס-זשע?!

ווער האָט מיך געמאַכט פאַר אַזעלכן.

דער ווילן האָט עס געמאַכט. — טאָ וואָס-זשע פאַר אַן איינגעהאַלטנקייט איז דאָ געווען? אַלץ איז ניי.

קירסאַנאָוו האָט זיך אומזיסט פאַרופן אויף פיזישע עקספּערימענטן, אויף אויסרעכנונגען, אויף רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפט. גאָלדענבערג האָט זיך פיינטלעך באַצויגן אַפילו צו די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון לאָגיק, אויב עמעץ פלעגט אים זיי אַנטקעגנשטעלן אַלס אַרגומענטן. קירסאַנאָוו איז פּשוט נישט אומשטאַנד געווען זיך איינצולעבן מיט אַ מוח, וועלכער האָט באַנוצט באַגריפן און טערמינען, וואָס זענען גאַנגבאַר אין אונדזער וועלט, וועלכער האָט אָבער געלעבט הינטער די מויערן פון וועלכער נישט איז וויסנשאַפטלעכער טראַדיציע.

די עלעמענטאַרסטע פאָדערונגען פון וויסנשאַפטלעכן דענקען זענען פאַר גאָלדענבערגן געווען אינגאַנצן פרעמד.

ער האָט געהאַלטן, אַז מ׳קען דאָרט אַזוי פריי אויסוויילן. ווי אין געזעצלעכע און געזעלשאַפטלעכע באַשלוסן. ער האָט זיי געהאַלטן פשוט פאַר אַ פועל יוצא פון מאַנגל אין דרייסטקייט. מיכאַילאָווסקיס אַרטיקל וועגן דעם באַטירלעכן גאַנג פון געשעענישן, וועלכעס ער האָט פאַרשטאַנען אויף זיין שטייגער, האָט אים אַנטגילטיק נאָך איבערצייגט אין זיינע אָנשויונגען. פאַרשטייט זיך, עס זענען פאַרבליבן אויסער דער גרענעץ פון זיינע געדאַנקען אַלע ברייטע באַגרינדונגען פונם אַרטיקל, זיין באַגריפן-הינטערגרונט. דאָס איז געווען באַ אים פשוט מיכאַילאָווסקיס נישט אויסגעהאַלטנקייט, זיין שוואַכקייט און מאַנגל אין דרייסטקייט באַם מאַכן אויספירונגען.

מיכאַילאָווסקי האָט צופיל געשוינט אָט די שעלמישע נאַטור,

צו פיל הנחות האָט ער איר געמאַכט, ער האָט זיך געשראָקן, האָט גערדרייט, גאָלדענבערג האָט אַפּילו אויסגעאַרבעט זיינס אַן אייגענעם אויסדרוק:

דינער פון דער נאַטורוויסנשאַפט.

קירסאַנאָוו פלעגט ער רופן — דער שאַמבעלאַן פון וויסנשאַפט. אַלץ ווייסט ער, ווי אַזוי ס'באַדאַרף צו זיין. ער היט אָפּ די עטיקעט.

קירסאַנאָוו ווידער האָט טריומפירט:

אַט, ווהין עס פירט די מיכאַילאָווטשינע. אַט, ווי מיר שטייגן עס איבער אייראָפּע. און ער פלעגט בכיוון זיך רייצן מיט גאָלדענבערגן:

— נו, איז ווי זשע — אָנערקענט מען טאַקע נישט דעם מיטעבוירענעם גאַנג פון אַלצדינג?

— מיר וועלן זיך וועטן, — פלעגט זאָגן אַ ביסל געפאַלן באַ זיך גאָלדענבערג — ווער וועמען עס וועט בייקומען — ער מיך, צי איך אים. מיר וועלן זען.

— די אַסטראָנאָמיע וועלן מיר לאָזן אויף אירע אַלטע יסודות, צי מיר וועלן זי אויך אריינפירן אין דער תקופה פון סוביעקטיוון אַנטראָפּאָצענטריזם — האָט קירסאַנאָוו געשפּאָסט — אַ שיינע זאַך וועט דאָס זיין. איך למשל הייב איצט אָן צו לערנען געאָלאָגיע. און כ'ווייס נישט, צי ס'איז שוין כדאי?

— הער אויף, — האָט מיכאַילאָוו זיך פאַרקרומט.

מיכאַילאָוו האָט געקענט שעהן לאַנג רעדן מיט גאָלדענבערגן אויף אַזאַ אופן, אַז ער פלעגט זיך אַנטוויקלען און בילדן, נישט פּילנדיק קיין שום דערנידעריקונג, נישט פילנדיק אַפילו, אַז ער וואַקסט גייסטיק, אַז ס'פאַלן אַראָפּ פון אים די שיפן פון פאַראורטיילן. דאָס איז שוין געווען אַלעקסאַנדר מיכאַילאָוויס קונסט: אַ פּועל יוצא פון זיין גרויסער ליבע צו יעדערן, ווער ס'פלעגט אריינטרעטן אין אונדזערע רייען.

דאָס, וואָס ס'אַנטשטייען מענטשן פון אַזאַ גייסטיקן מין ווי גאָלדענבערג, דאָס איז נישט קיין צופאַל.

כ'בין גיכער געניגט צו זען אין דעם אַ געוויס געזעץ, וואָס

פירט אָן מיט דער אַנטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט דאַרף, כּדי צו זיין געזונט, זיך שטיצן אויף אַ פּאָזיטיוון אינהאַלט, וועלכן ס׳ברענגט אַריין אין לעבן אַ נייער, זיך אָרגאַניזירטער דור. אָט דער אינהאַלט, די וועלט באַשוווּנג, די פאָדערונגען און צילן, שאַפן פון זיך, בעת זיי טרעפן אָן אַ ווידערשטאַנד אין דעם האַרטן שטיין פון דער וועלט — דעם כּוח צו קעמפן. דער דאָזיקער מוז שטיצט זיך אָבער כּסדר אויף דעם דאָזיקן פּאָזיטיוון יסוד, פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואַקסן, די רייכקייט פון אָט דעם יסוד איז אַ דעצידירנדיקער פּאַקטאָר בנוגע דער צוקונפט, דער דויערהאַפטקייט און קראַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַ רעוואָלוציאָנער קעמפט אין נאָמען פון זיין ווירקלעכקייט, וועלכע עקזיסטירט שוין אין די געדאַנקען, וועלכע איז רייכער פון דער, אַנטקעגן וועלכער ער טרעט אַרויס. ביסלעכווייז אָבער שאַפט זיך די אַטמאָספער פון בלויזן קאַמף, פון בלויזן לייקענען, פון אינהאַלטסלאָזער פריי־הייט, — דאַמאָלס טראָגט זי זיך שוין, די רעוואָלוציאָנערע וועלט, זי לעבט בלויז מיטן כּוח פון איר אימפּעט. ס׳ווערט געבוירן אַ דור פון עפּיגאָנען מיט פּוסטקייט אין די קעפּ און מיט גרויס חוצפּה. רעוואָלוציאָנערע חוצפּה קען גיין האַנט בא האַנט מיט דער פולשטענדיקער אָרימקייט פון רעוואָלוציאָנערן אידעאַל.

ווען עס האָט זיך שוין געשאַפן אָט דער טיפּ פון די פּאַך־רעוואָלוציאָנערן, ווען ער האָט שוין איבערגענומען דעם רודער, קען מען זאָגן, נישט גענאַרט, אַז די איצטיקע באַוועגונג, די איצ־טיקע ריכטונג האָט זיך שוין אויסגעשעפּט, אַז איצט מוז אָנקומען מצד דעס לעבן אַ נייע כוואַליע.

די כוואַליע וועט זיך אָבער טרעפן אויף איר וועג מיט אַ ספּעציפישן ווידערשטאַנד: פונם רעוואָלוציאָנערן קאָנסערוואַ־טיזם.

די פאַרגליווערטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דער שאַפנדיקער געדאַנק האָט פאַרלאָזט, הערשן אויף דער אויבערפלאַך פון לעבן, שטעלן טויזנטער מאָראַלישע און מאַטעריעלע מניעות באם שאַפן זיך פון נייע אָרגאַניזאַציעס.

ס׳רוב דאַרף קומען אַ גרויסער היסטאָרישער קריזיס, כדי אַרויסצוברענגען אויף דער אויבערפלאַך אַט די טיף פאַרבאָרגענע כוחות.

איך האָב אַן איינדרוק, אַז איצט ליידט אין גאַנץ אייראָפּע די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג טאַקע צוליב דעם, וואָס שוין צו לאַנג האָבן געהערשט אַט די פאַרשטיינערטע רעוואָלוציאָנערע פאָרמען. דאָס גייט האַנט בײַ האַנט מיט דער איבעראַשנדיקער געדאַנקען־פלאַכקייט, וועלכע ווערט פאַרשפּרייט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן וויסנשאַפטלעכקייט און דענקען, אַ רייכע און אָביעקטיווע וועלטאַנשויונג ווערן אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט אַ זעלטנהייט. מען קען דאָס צום מערסטן טרעפן בײַ די פאַריער פון דער רעוואָלוציאָנערער וועלט; בײַ סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון פאַרשידענע שאַטירונגען פּראָגרעסירט די גייסטיקע טעמפּקייט אומגעהויער.

אויף די העכסטע שפּיצן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך, איטאַליען, דייטשלאַנד באַגעגנט מען אַזעלכע ביישפּילן פון פלאַכקייט און עם־הארצות, אַז אַנטקעגן זיי ווערט בלאַס אַזאַ גאָלדענבערג, וואָס קעמפט מיט נאַטור־געזעצן.

גאָלדענבערגן איז, איבעריקנס, פּרעמד געווען אַט די זאַטע צופרידנהייט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די רענטיערן פון דעם אייראָפּעישן סאָציאַליזם

זעלטן ווו מען קען באַגעגענען אַזעלכע ממש אידעאַלע עקזעמפּלאַרן פון פיליסטעריע און מאָראַלישער באַגרענעצטקייט, ווי צווישן די שמערן פונם אייראָפּעישן סאָציאַליזם.

איך האָב דאָס טאַקע געזאָגט קירסאַנאָוון, ווען ער האָט גערעדט מיט זיין ספּעציפישער איראָניע וועגן מיכאַילאָווסקין אָדער באַקונין, וועלכער איז געווען פאַר אים די פאַרקערפּערונג פו עם־הארצות.

קירסאַנאָוו איז געווען פאַרבלענדט.

מען האָט באַדאַרפט בכיוון פאַרמאַכן די אויגן, נישט צו זען, אַז באַקונין וואַקסט מיט זיין שכל און עטיק איבער אומפאַרגלייכלעך — אַפילו די עפּיגאָנען פונם דאָגמאַטישן סאָציאַליזם.

גאָלדענבערג האָט זיך צוגעהערט מיט אַ שמייכל.

— לאָז צורו, מישוק, וועסט נישט איבערציינן. ווי קומט עס, דו קענסט נישט די עטיקעט.

— אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ טיפער זאַך.

— ווייסטו — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו — פאַרוואָס ס׳ווערן קלענער אין אונדזערע אויגן און אפשר אויך אין אמתן טאַקע די מענטשן פון די נייע דורות איירע אָפּגעשטאַנענע רעוואָלוציאָנערן?

דאָס איז דערפאַר, וואָס אין תוך גענומען האָבן זיי אָביעקטיוו וואָס אַמאָל אַ קלענערע באַדייטונג, ס׳ווערט וואָס אַמאָל גלייכגילטיקער, ווער זיי זענען אינדיווידועל. זייער פּערזענלעכקייט טרעט אָפּ אויפן צווייטן פּלאַן. דער גרויסער זין פון געשעענישן איז אויסער זיי. זיי זענען בלויז די אָרגאַנען פון אַנוואַקסן איניציאַטיוו און באַוווסטזיין בײַ די מאַסן. די מאַסן וואַקסן און פאַרשטעלן אונדז די פּראָטאַגאָניסטן. קיין פּראָטאַגאָניסטן זענען שוין נישטאָ. ס׳איז דאָ בלויז דאָס כסדרדיקע געבוירן ווערן פון אַ נייער וועלט. אַן אינדיווידואַליטעט, וועלכע צייכנט זיך היינט אויס. איז בלויז אַ רעזולטאַט פון גליקלעכע באַדינגונגען. ווען אָט די גליקלעכע אומשטענדן וועלן ווערן אַלגעמיינע — וועלן די אויסנאַמס-יחידים פאַרשווינדן, אַלץ וועט זיין אויסגעמלעך.

— דאַרפן מיר, הייסט עס — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו — זיך באַפרידיקן מיט דעם, וואָס מיר ווייסן, אַז די רעגנווערעם שאַפן אומאויפהערלעך דעם שוואַרצן באָדן.

— טון דיין אַרבעט מיט אַלע כוחות — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו — אָבער וויסן, אַז ווען דו זאָלסט אַפילו זיין באַנאַפּאַרט, וועסטו נישט אויפטון מער, ווי רעגנווערעם.

— אין דעם שטעקט עפּעס אַ געפערלעכער טעות — האָט מיכאַילאָוו ווייטער געזאָגט, אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווייל גאָלדענבערג האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— און אין גרונט גענומען, זענט איר, קירסאַנאָוו, טאַקע דער גרעסטער אַריסטאָקראַט. איר זאָגט: ס׳זענען נישטאָ קיין אויסערגעוויינטלעכע יחידים, און קלערן — קלערט איר: אַ חוץ מיר. ווייל איר האָט צו זיך אַליין באַקומען אַזאַ צוטרוי, אַז ס׳טוט אַלץ

גיין לויט אייערע אויסרעכענונגען — אַט אַזוי לויטן פּראָגראַם. אַזאַ און אַזאַ באָדן, אַזוי פיל און אַזוי פיל מענטשלעכע באַמיסטיקונג — און אַזאַ היסטאָרישע פּלאַרע. אַלס רעזולטאַט. ווידער מיסט און ווידער אַן אַנדערע פּלאַרע. איר טראַכט אייך אַזוי וועגן אַלץ, ווי איר וואָלט געווען גאָט.

— די וויסנשאַפט — האָט קירסאַנאָוו געזאָגט.

— כ'שפּיי אויף אייער וויסנשאַפט; זי וועט מיך פּאַלמעסן נאָכן טויט, זי וועט מיך פאַרקלאַסיפיצירן: אַזאַ און אַזאַ מענטשלעך ווערעמל. כ'לעב נאָך, כ'לעב נאָך...

— כ'פאַרשטיי נישט, און וואָס עס גייט אייך — האָט קירסאַנאָוו געזאָגט — וואָס זענט איר אויפגערעגט? כ'פאַרשטיי אייך נישט.

— ס'וועט קיין זאַך נישט בלייבן פון מענטשן, קיין זאַך וועט נישט בלייבן. אַזוי פיל און אַזוי פיל פּראָגרעסיוו מיסט פאַרן באָדן פון דער צוקונפט. און ווו יועל איך בלייבן, טאַקע איך, גאָלדענבערג. איך מיט מיין נשמה. איך בין איצט דאָ, און כ'ווייס, אַז באַ מיר אינדערהיים וויינט די מוטער מיינע און שילט מיך. צי ווייסט איר ווי אַזוי די פּאָליציי האָט מיך געזוכט, דאָס גאַנצע געוועלב חרוב געמאכט. ס'איז ווערט געווען אפשר הונדערט רובל — דאָס געוועלב. אָבער דערפון האָט די פאַמיליע געלעבט.

מיין זיידע האָט זיך געקענט — ער איז פּאַראַליזירט — זיצן רויק אין פאָטערשטול אַ ריינער, און אַרומגעוואַשענער. איצט חייס איך. איצט לויפט מיין מוטער ארום מיט אַ קויש איבער דער שטאָט. זיי וווינען שוין נישט אין קיין ליכטיקער שטוב, נאָר אין אַ קעלער. דעם אַלטן זענען פון פייכטקייט די פיס אויסגעקרומט געוואָרן. ער קען באַנאַכט נישט שלאָפן, ווייל די ווייטיק רייסט, ער וויינט. ער ווייסט, אַז דאָס איז צוליב מיר. ער ווייסט, אַז דאָס האָט גושעגאָוש געמאכט. ער האָט אַזוי געוואָלט.

ער האָט נישט געפאָלגט קיין עלטערע, ער איז אַוועק פון דער פאַמיליע. ער האָט נישט ליב געהאַט נישט דעם זיידן, נישט די מוטער, ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז ער האָט די גאַנצע פאַמיליע חרוב געמאַכט.

און די מוטער, בשעת זי וואַנדערט מיט די קויבערס, בשעת זי וואַרט אונטערן פענסטער, צי וועט זי עמעץ אַ רוף טון. בשעת מ׳שטויסט זי אין די ק כן, אין די פּאָדערצימערן, קלערט זי:

אַזוי האָט ער עס געטון, דער זון, דער שלעכטער זון, דער אומדאַנקבאַרער זון.

און איך ווייס — דאָס האָב איך געטון. דאָס בין איך שול-דיק. און איצט קלער איך, אויב נישט איך שאַף עס אָפּ די צו-קונפט, נישט איך קעמף, נישט איך וויל, נאָר עפּעס אַזוינס, טאָ צוואָס האָב איך דאָס געטון? טאָ זאָל עס דאָס עפּעס אַנדערש האָבן געטון, זאָל עס זיך האָבן געטון אַליין, אָן מיר.

צוואָס האָב איך צוגענומען דאָס גלאָז קאַווע מיט מילך בײַ מײַן ז״דן?

אויף מיסט פאַר געשיכטע?

דאָס וועט שוין סיי ווי זײַן אָן דער קאַווע.

איך זאָג אײַך, אַז נישט דאָס איז עס. אויב איך בין אַוועק, הייסט עס, אַז כ׳האָב געמוזט, כ׳האָב געמוזט וועלן. און כ׳מוז מיר זאָגן:

אָן דיר וואָלט מען זיך נישט באַגאַנגען.

— איז, הייסט עס, אָן גזשעגאָזש גאָלדענבערגן וואָלט זיך נישט באַגאַנגען די געשיכטע — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו, — איצט ווייניקסטנס, ווייסן מיר, ווי מיר האַלטן, אָן אַכילעסן קען טראָיע נישט אײַנגענומען ווערן.

— לאָז צורו, יור. — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט. — דו ביסט נישט גערעכט. אַ מענטש מוז דאָס וויסן: אָן אים וואָלט מען זיך נישט באַגאַנגען.

— די אַמביציע פאָדערט עס — האָט קירסאַנאָוו חוזק גע-מאַכט.

— ניין, יור, דאָס איז נאָר דער אמת. ס׳איז נישט גוט אויסצושטעלן אויף וואָס ס׳זאָל נישט זײַן, אפילו אויפן מוז.

— דער מוז, טייערינקער, וועט דיך נישט אָפּנאַרן. דער מוז האָט אײַזערנע מוסקולן. קיין איבעראַשונגען קענען דאָ נישט גע-מאַלט ווערן. דאָס איז, טייערינקער, נישט קיין קאַפּריז, נישט קיין

באַגייסטערונג. דאָ איז שוין נישט אָנבאַלאַנגט אָן דעם, צי אַכי־לעס, דאָס הייסט, אַנטשולדיקט, גזשעגאָזש גאָלדענבערג וויל איינ־נעמען טראָיע אָדער נישט. איך וויל בעסער זיין אָפּהענגיק פון מוז, ווי פון אַכילעסן איז אין קאָפּ אַמאָר געלעגן און ער האָט באַוויליקט זיך צו קרומען, צוליב אַ קליידל. בעסער שוין דער מוז. צוואָס זאָל איך דאָס גאַנצע לעבן טראַכטן, דאָס איז דע פּאַר, ווייל גאָלדענבערגס זיידע טרינקט נישט קיין קאַווע. מיין זיידע טרינקט דאָרט אפשר אויך נישט. דיינער אויך — אָט האָסטו אַ גאַנצע רשימה...

— איר, קירסאַנאָוו — האָט גאָלדענבערג געזאָגט — הילט יענעם שטענדיק אָנשפּייען אין דער נשמה אַריין. איר קלערט־נאָר בלויז וועגן דעם, ווי אַזוי צו האָבן שטענדיק אַזאַ מעגלעכ־קייט.

— גאָלדענבערג! — האָט זיך מיכאַילאָוו שאַרף אָנגע־רופן.

— לאָזט צורו — האָט קירסאַנאָוו איראָניזירט — מיר פאַר־שטיין זיך אויסגעצייכנט, מיר באַליידיקן זיך נישט, ווי קומט עס. מיר זענען נישט אומשטאַנד אויפצופּאַסן אָט די דערהויבנקייט. מיר האָבן געמיינט, אַז יעדער אַרבעטער, וועלכער שטעלט זיך אפילו נישט פּאַר, אַז זיין פּאַראַליזירטער זיידע וואָלט געקענט נישט שטאַרבן פון הונגער, איז אויך אַזוי פיל ווערט, אָבער דאָס איז אַ טעות. די געשיכטע וואָרט בפירוש אויף גזשעגאָזש גאָלדע־נבערגס העלדישקייט.

— איין וואָרט — האָט געזאָגט גאָלדענבערג — צי וואָלט די געשיכטע געווען די זעלבע, אויב איך וואָלט דאָרט גע־בליבן?...

קירסאַנאָוו האָט נישט געקוקט אויף אים.

— קען יעדער, הייסט עס, זיין אַ זשוליק?

— נו יאָ. נאָר בלויז מיט דער קאָנסעקווענץ, אַז ער וועט אַ זשוליק. ס'איז נישט אָנגענעם איבערצוחזרן דעם אלף־בית. נישט די געשיכטע ליידט, אויב מיר דערזערטירן, נאָר מיר אַליין, אויב מיר פאַרשטייען נישט די געשיכטע.

— דאָס הייסט, אַז איך אַליין וועל מיך נישט שעצן — האָט געזאָגט גאָלדענבערג.

— און ווען אפילו אַזוי.

— איז דאָס נישט ווערט קיין מוטערלעכע טרערן.

— לאָוט צורו גזשעגאָזש — האָט אָליאַ געזאָגט — ווען איר וואָלט נישט געווען אין דער אַרבעט, וואָלט עפּעס געפעלט אין איר, עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר איר אַליין קענט געבן. יעדער, וואָס אַרבעט, ברענגט אַריין עפּעס זיינס, עפּעס אַזוינס, וואָס עס וואָלט נישט געווען אָן אים און וואָס ער טאָר נישט באַהאַלטן פון זיך.

גאָלדענבערג איז געזעסן אין ווינקל אַ פאַרכמורעטער און זיך שוין נישט אָפּגערופן אין פאַרלויף פון גאַנצן אָוונט.

פונט צימער, ווו גאָלדענבערג האָט געוווינט, האָב איך געהערט עפּעס אַ מאָדנע געוויש אָדער זיפץ.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— אייך איז אפשר נישט גוט — האָב איך געפרעגט.

— ניין.

אָבער זיין שטימע האָט געקלונגען מאָדנע.

כ׳בין אַריין אין צימער.

גאָלדענבערג איז געזעסן אויפן בעט איינגעבויגן איבער אַ פּערטל פּאַפּיר, וואָס איז געווען פאַרשריבן מיט יידיש כּתב.

איבער זיין אויסגעדאַרטן פּנים האָבן געפלאָסן טרערן.

— וואָס איז אייך? — האָב איך געפרעגט.

— כ׳בין אַן אומגליקלעכער — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטימע, וועלכע כ׳האָב קיינמאָל באַ אים נישט געהערט — זייער אַן אומגליקלעכער. די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך מיר אַזוי און ס׳האַרץ טוט מיר וויי. צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז אַזוינס, ווען דאָס האַרץ בייסט פונקט ווי אַ הונט און רייסט די ברוסט. כ׳טראַכט און כ׳קען נישט געפינען דאָס, אין וועלכן איך גלייב. צו וואָס איז דאָס אַלץ?

— וואָס — צו וואָס?

— אָט מיר, מיר אַלע. צו וואָס קעמפן מיר, מאַטערן זיך,

ליידן אַליין און פּייניקן אַנדערע — צו וואָס? צי איז נישט בעסער געווען צו שטאַרבן? נו, זאָל זיין, קלער איך מיר: ס׳איז שלעכט. מיר איז שלעכט און זיי איז שלעכט. איצט איז נישט בעסער, נישט מיר, נישט זיי. זיי איז ערגער, און מיר? איך זאָג: אָן מיר וואָלט נישט געווען קיין זאַך. דאָס איז — כדי דאָס האַרץ אָפּצונאַרן, אָבער דאָס האַרץ גלייבט נישט, ס׳זאָגט: דאָס איז באַרימעריי, אַמביציע! דו האָסט געוואָלט מ׳זאָל דיך באַוואונדערן, דו אַליין זאָלסט קלערן וועגן זיך; אַי אַ העלד! און מער גאָרנישט. און די מוטער, דער זיידע? און אפשר האָב איך בלויז נישט געוואָלט אַרבעטן. אַזוי איז עס: ס׳האָט זיך נישט געגלוסט. ס׳האָט זיך מיר קיינמאָל נישט געגלוסט קיין זאַך, וואָס מ׳האָט דאָרט געדאַרפט. כ׳האָב מיך אָפּגעלייגט אויף זיי. כ׳האָב געלייענט ביכער און מער גאָרנישט. דער לאַנגווייל איז געווען דער שטויס. איצט קלער אַ גאַנצן טאָג; רעוואָלוציע, רעוואָלוציע; אייגנטלעך, אָבער — וואָס איז עס? דאָס איז נאָר בלויז אַזוי, ווי כ׳וואָלט געזאָגט: דער קלוגער, גרויסער, גוטער, דרייסטער גזשעגאָזש גאָלדענבערג.

און דאָס האַרץ גלייבט נישט.

דאָס האַרץ ווייסט.

איך האָב דאָרט געוווינט און בין קיינמאָל נישט געווען צופרידן פון זיך.

דער מוטער האָב איך געוווּסט ווי אַזוי צו ענטפערן, ווען זי פלעגט שרייען: „אַרבעט״. זי, די צונג מיינע, האָט גערעדט, אין האַרץ אָבער האָב איך געוווּסט:

זי איז גערעכט, זי.

איך רעד מיר דאָ איין, אַז איך, אָבער כ׳ווייס, אַז זי איז עס געווען. כ׳קלער, צי וואָס בין איך דאָ? נו גוט, כ׳לעב, כ׳לעב, כ׳האָב דערהרגעט קראָפּאָטקינען, כ׳וועל דערהרגענען נאָך עמעצן, כ׳וועל נאָך עפּעס אויפטון, כ׳וועל עפּעס אויסטראַכטן פאַרן מענטשלעכן גליק. און גוט. זי וועט שטאַרבן און איך וועל שטאַרבן און אַלע, וועמען איך קען. ס׳וועלן קומען אַנדערע מענטשן, זיי וועלן זיין גליקלעך — נו — און וואָס?

צי וועלן זיי דאָס זאָגן מיין זיידן?

נייך, ער וועט ביזן סוף אַריין קלערן, אַז זיין אייניקל איז אַ זשוליק, זאָגט מיר, קאַניאַווסקי, — צו וואָס בין איך דאָ?

— צי וואָלט איר זיך געקענט אומקערן? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, אָבער פאַרוואָס נישט? נו, כ'ווייס, ס'וואָלט געווען לעכערלעך. קירסאַנאָוו וואָלט געלאַכט, איך אַליין אויך. איבעריקנס, זיי שענקען מיר דאָך סיי ווי נישט דעם קראָפּאָטקינען. זיי ווייסן וועך, ווייל זיי האָבן דאָך פאַר מיין קאָפּ אַ לוין באַשטימט. דער קייזער האָט געוואָלט, אַז ער קען נישט שלאָפן רויק. כל־זמן ס'דרייט זיך אַרום איבער דער וועלט גזשעגאָזש גאָלדענבערג. איר ווייסט דאָך?

וועבן און פאַרשפּרייטן די פאַנטאַסטישסטע ידיעות וועגן זיך אַליין, וועגן דער באַדייטונג, וועלכע די רעגירונג שרייבט צו זיין פּערזאָן, וועגן דער שרעק, וועלכע ער דערוועקט — דאָס האָט געהערט צו גאָלדענבערגס אייגנשאַפטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך שוין באַוויזן איינצולעבן. באַזונדערס אַצינד האָב איך מיך נישט געוואָלט שפּאַרן מיט אים, זעענדיק דייטלעך, אַז ערליידט און מאַטערט זיך.

— איך ווייס, אַז פאַר מיר איז פאַרמאַכט דער וועג צוריק — אָבער איך וואָלט געוואָלט פאַרשטיין. איך וואָלט געוואָלט וויסן, האָבן די זיכערקייט.

איך האָב געמיינט, עס וועט קומען אַזאַ טאָג, ווען איך וועל שוין נישט זיין, און אַ טאָג, אין וועלכן די מאַסן וועלן טריומפירן, דאַמאָלס וועט מען זיך אויך דערמאָנען אָן גאָלדענבערגס מוטער. צווינגט דעם שטאָף ער זאָל אים דינען.

אָט איז גאָלדענבערגס מוטער.

און זי וועט גיין איבער די גאַסן אַ פאַרוויטלטע, מיט טרערן אין די אויגן, און זי וועט וויינען, ביז וואַנען מען וועט זי אַוועקפירן אויפן בית־עולם און דאָרט שטעלן אַ מצבה.

איך האָב מיר פּשוט קיין אָרט נישט געקענט געפינען, הערנדיק אָט די קינדישע באַוויטעט.

— אפשר — האָב איך געזאָגט — וועט אייער מוטער זיך

אין אמתן איבערצייגן, אַז איר האָט זיך פאַרדינט ליבע און דרך-ארץ בײַ מענטשן.

באָלדענבערג האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— איך טראַכט און טראַכט, וואָס דאָס איז אַזוינס דאָס מענטשלעכע לעבן. אַמאָל האָב איך געמיינט: גאָט. דאָס איז געווען אַ פאָראורטייל. עס איז געווען אַ צייט, ווען אויך איך בין געשטאַנען אויף דעם טעאָלאָגישן שטאַפּל פון אַנטוויקלונג. דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס עקזיסטירט בלויז די פּערמענטאַציע פון שטאָפן.

פון וואַנען איז אַנטשטאַנען דער מענטש? — פון אַ צופאַל און ער האָט נישט געפונען קיין פּאַרטיקע זאַכן פאַר זיך. דאָס לעבן פון דער וועלט פליסט אַזוי, ווי עס וואָלט קיין מענטש נישט געווען. קעמפט דער מענטש דעריבער: ער צווינגט דעם שטאָף ער זאָל אים דינען.

יאָ, אָבער ווארט נאָר.

איצט רעד איך מיט אייך, איך בין דאָ, כ'לייד, איך טראַכט — און פּלוצלינג גאָרנישט, גאָרנישט. איך וועל נישט זיין. איך וועל קיין זאַך נישט זען, איך וועל נישט וויסן, איך קען נישט פאַרנעמען. איך וויל אַנטלויפן — אָבער עס לויפט מיר נאָך און איז אומעטום דאָ:

ווערסט נישט אַנטלויפן, איך וועל דיך שטענדיק דעריאָגן און וועל פאַרלעשן דיינע אויגן, איך וועל דערשטיקן דיינע געדאַנקען. מען קען נישט אַנטלויפן פון טויט.

אָבער צי קען מען לעבן, פילנדיק, אַז מען וועט שטאַרבן, אַז מען וועט פאַרפאַלן ווערן אין אָט דעם שרעקלעכן און שוואַרצן. הערט, איר קענט דאָך דענקען? וואָס איז דאָס אַזוינס? איר ווייסט, אַז מיר וועלן נישט זיין?

— מיר וועלן נישט זיין — האָב איך געזאָגט.

— אין ערגעץ, אין ערגעץ נישט — נישט איר, נישט אייער ווייב.

— ניין.

— טאָ צו וואָס איז דאָס אַלץ? פאַרוואָס לייד איך איצט

דאָס האָט דאָך קיין זין נישט. דאָס קען דאָך נישט זיין אַזוי. וואָס איז דאָס אַלץ? צי איז אייך נישט אַ רחמנות אויף זיך אַליין, אויף אייער שיינער פרוי, אויף יעדע רגע, ווען איר זענט נישט גליק־לעך.

דאָס וועט דאָך אַלץ נעלם ווערן.

ס'וועט קיין זאַך נישט בלייבן.

וועל איך דען קומען צו מיין מוטערס טויטן קערפּער און זאָגן: אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין?

וועט זי דען פאַרשטיין?

ניין.

זי וועט דען זיין ערגעץ, ווו מ'וועט קענען זען און הערן?

ניין, זי וועט נעלם ווערן. צוזאַמען מיט איר ווייטיק וועט זי נעלם ווערן, מיט איר קלאָגן זיך, אַז איך בין אַ שלעכטער זון.

איך וועל אויך אַמאָל אַזוי ליגן, אָן פאַרשטאַנד.

דאָס איז שרעקלעך.

איז דען כדאי צו לעבן?

כ'האָב נישט געוווּסט, וואָס ס'איז אַזוינס דער טויט. כ'האָב געוווּסט, אַז כ'וועל שטאַרבן, אָבער כ'האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס איז עס. צי איז אייך נישט אַ רחמנות אויף זיך אַליין, צי איז אייך נישט אַ רחמנות אויף מענטשן.

— אַ מענטש מוז אַריבערטראָגן אָט דעם געדאַנק — האָב איך געזאָגט — דאָס איז אַ מוז. דער שטאָלץ דערלויבט נישט מורא צו האָבן דערפאַר, וואָס מיר וועלן שטאַרבן.

— איך האָב מורא — האָט געזאָגט גאָלדענבערג — ניין, איך פיל אַן עקל צום טויט... הערט... ווען עמעץ וואָלט מיך אַזוי דערהרגעט, בעת כ'וועל שלאָפן, — וואָלט גוט געווען...

כ'וואָלט נישט געוווּסט...

ס'וואָלט גוט געווען.

איך קען נישט אַריבערטראָגן.

ס'זיצט זיך אַן אַלטע ייִדענע אין אַן ענגער, שמוציקער,

פייכטער שטוב און חיינט. דער זון האָט זי בדלות געשטעלט. דער זון, אויף וועלכן זי האָט שווער געהאָרעוועט.

זי זיצט און טרייסלט זיך און אַזוי וועט שוין תּמיד זיין.

און דער זון גייט זיך אַרום איבער די גרויסע שטעט און טראַכט: אַ העלד: גלעט זיך איבערן קאָפּ. ער לעבט אַזוי, אַז אַנדערע מענטשן זאָלן אַמאָל נישט זיין הונגעריק.

און אָט קומט ער מיט זיינע געדאַנקען אַהיים און געפינט אַ מת, וועלכער איז געווען הונגעריק באַם שטאַרבן. און ער אַליין וועט אויך שטאַרבן. און די ערד וועט זיך אָפּקילן. דאָס אַלץ איז לעכערלעך, לעכערלעך.

— און אויב דאָס אַלץ איז אַ טעות? — האָט ער געזאָגט אין אַ ווילע אַרום.

— וואָס? — האָב איך געפרעגט?

— דאָס, וואָס מיר קלערן. אויב ס'איז יאָ דאָ אַ גאָט...

אָבער אין אַ ווילע אַרום האָט ער זיך צעלאַכט:

— אויב ער איז יאָ דאָ, בין איך גערעכט: וואָלט ער נישט געדאַרפט אונדז אַזוי באַשאַפן. אָבער ער איז נישטאָ, ס'איז קיין זאַך נישטאָ...

און גאָלדענבערג האָט זיך אָנגעהויבן שלאָגן דעם קאָפּ אָן וואַנט — שרייענדיק: כ'וויל נישט, כ'וויל נישט, שטיקנדיק זיך פון ספּאַזמען.

אויפן אַנדערן טאָג איז ער געקומען מיט אַ ידיעה, אַז ס'שפּירן אים נאָך צוועלף שפּיאָנען.

דער קייזער האָט געהייסן אַרויסשיקן צוועלף שפּיאָנען אָפּ-צוהיטן דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער גאָלדענבערג.

— ער ווייסט, אַז איך קען אַלץ טון, אַז איך האָב נישט מורא פאַרן טויט. וואָס טוט מען מיט אַ מענטש, וועלכער האָט נישט מורא פאַרן טויט, וועלכער ווייסט, אַז ער וועט סיי ווי שטאַרבן? קעגן אַזאַ מענטש איז קיין שום עצה נישטאָ. די נאַטור האָט באַ-שטימט דעם טויט, אַז אַ מענטש זאָל מורא האָבן און זיין דאָס, וואָס ער איז. שווער איז צו באַזיגן די שרעק פאַרן טויט. אָבע-

איך ווייס — פּלעגט גאָלדענבערג זאָגן — אַז ס׳איז אַלץ איינס. היינט צי מאָרגן. מיך עקלט פון דעם לעבן, וואָס עס האָט באַשאַפן דער אומגעלומפּערטער שטאַף. און מיר וועלן זען, ווער וועמען ס׳וועט בייקומען.

אַ גאַנצן טאָג איז גאָלדענבערג געווען אין אַ געהויבענער שטימונג און אַלץ געשאַפן נייע פּראָיעקטן.

„מ׳דאַרף פאַרעפנטלעכן, אַז ס׳ווערן בטול אַלע געזעצן — ציווילע, מלוכהשע, קרימינעלע, אַז יעדער אייגנטימער, יעדער קאַפּיטאַליסט, יעדער באַאַמטער געפינט זיך אויסער דעם געזעץ, אַ יעדער זעלנער, וועלכער וועט דערהרגענען אַן אָפיציר, וועט צוריק אַהיימקומען און וועט באַקומען ערד.“

אָדער ער האָט ווידער פּראָיעקטירט, אַז מ׳זאָל איבער אונדזערס אַן אָפּטיילונג אין גוואַרדיע-מונדירן און אַרעסטירן אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ דעם קייזער מיט די מיניסטאָרן. דערנאָך וועמען אַרויסגעבן אַ מאַניפעסט.

טאַקע דעם אָוונט האָט מיכאַילאָוו געבראַכט צו פירן סאָלאָוויאָוון.

באַלד אויפן ערשטן קוק פּלעגט זיך וואַרפן אין די אויגן עפּעס אַ גרויסער איינגעשלאָסענער כוח פון דעם דאָזיקן מענטש. ער איז געווען, ווי איינער, מיט וועלכן ס׳קען שוין קיין שום זאַך נישט פּאַסירן, וואָס האָט שוין זיינע חשבונות מיטן לעבן אָפּגעשלאָסן אויז שטייט קעגן אַלץ, וואָס דאָס לעבן קען נאָך ברענגען, אַן אומבאַזיגטער.

מיכאַילאָוו האָט אונדז צו וויסן געגעבן פריער, אַז סאָלאָוויאָוו קומט מיט עפּעס אַ וויכטיקער זאַך, מיר זענען געווען אַלע אייגענע מענטשן.

סאָלאָוויאָוו האָט געזאָגט שטיל:

— כ׳האָב באַשלאָסן צו דערהרגענען דעם קייזער אַלעקסאַנדר דעם II-טן. דערלויבט — האָט ער ווייטער געצויגן — דערלויבט, כ׳זאָל אַלץ אַרויסזאָגן. כ׳האָב באַטראַכט דעם דאָזיקן פּלאַן לאַנג. לאַנג האָב איך פונאַנדערגעקליבן אַלע ספקות. דאָס

איז געוואָרן פאַר מיר אַ מאָראַלישער מוז. כ'קען אַנדערש נישט טון. כ'ווייס, אַז מיין פּלאַן קען מען פאַרשיידן אָפּשאַצן. מ'קען זאָגן, אַז ער איז נישט טאַקטיש, אַז ער וועט ברענגען צו נייע רדיפות און נייע שוועריקייטן, נייע מניעות פאַר די מאַסן. איך מיין, אַז וויכטיקער פאַר אַלע אויסערלעכע מניעות איז דער מאָראַלישער כוח פון די מאַסן. דער כוח פון דער איבערצייגונגס-עכטקייט. מ'קען נישט אַריבערטראָגן אַ צושטאַנד, קעגן וועלכן עס בונטעוועט זיך אונדזער גאַנץ וועזן. איך קען נישט בלייבן דאָס, וואָס איך בין, אויב כ'וועל אויפהערן זיך צו שעצן. כ'האָב אַלץ נאָכגעטראַכט. מיין געדאַנק האָט אומעטום אָנגעטראָפן אויף דער שטאַרקסטער אויסגעהאַלטנקייט.

דו און דיינע מעשים, דיין איך, דער גורל פון דיינע געדאַנקען זיינען אָפּהענגיק פון איין מענטש דער ווילן פון איין מענטש קען חרוב מאַכן אַלץ, אין וואָס דו גלייבסט. איך קען נישט אַריבערטראָגן אַזאַ צושטאַנד. אַלעקסאַנדער דער צווייטער פאַרשטייט נישט רוסלאַנד, ער פאַרשטייט נישט די מאַסן, ער איז געוואָרן אַ שונא און אַ קאַט פון די געדאַנקען. איך זע דאָס און קען נישט זיין אַט דעם מענטשנס שותף. זינט כ'פאַרשטיי דאָס, וואָלט יעדער נייער פאַרברעך, וועלכן מ'באַגייט דאָרט, מיך געהאַט פאַר אַ שותף. ווען דאָס וואָלט מעגלעך געווען, וואָלט איך געגאַנגען צום קייזער און וואָלט געזאָגט: כ'לייג פאַר דיר אַוועק דאָס געווער. און איצט לאָמיר זיך דורכשמועסן פנים אל פנים מיטן טויט. אויב דיין געוויסן וועט דיר זאָגן, אַז איך האָב אַ טעות און דו ביסט גערעכט, אויב דו וועסט געפינען דעם געדאַנק — דעם אמת, וועלכן דו ווייסט, פאַר וועלכן כ'וועל איינבייגן דעם קאָפּ און זאָגן, אַז דו ביסט גערעכט געווען, טועדיק אַזוי, ווי דו טוסט — וועל איך אומקומען. כ'וועל אומקומען און וועל עפנטלעך זאָגן, אַז דו האָסט מנצח געווען. אויב נישט — וועט דיין געוויסן אַרויסטראָגן אויף דיר דעם אורטייל. ווען דו וואָלסט אומשטאַנד געווען צו וויסן און צו פאַרשטיין, וואָלסטו געוווּסט, אַז בעסער וואָלסטו נישט געבוירן געוואָרן, אַלרוסישער קייזער.

אָבער דאָס איז אוממעגלעך.

איך גיי דעריבער, פאַרמשפּט צום טויט, און טראַג דעם טויט.

כ'האָב פאַראורטיילט דעם קייזער פון רוסלאַנד, כ'האָב אַרויסגעטראָגן אויף אים אַ פּסק־דין. מיין געוויסן וועט מיך נישט לאָזן רוען, אויב כ'וועל ווייטער דערלויבן אָט דעם מענטש צו פאַרגיסן בלוט און אומגליקלעך מאַכן דאָס פאָלק, אויב כ'וועל אים דערלויבן צו זיין דער מערדער פון זיין אייגן פאָלק.

נאָכאַמאָל חזר איך איבער:

כ'קען נישט אַנדערש.

כ'קען מיך נישט אָפּזאָגן פון מיין פּלאַן.

מיין געוויסן האָט אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן פּסק־דין.

איך טאָר מער נישט אַריבערטראָגן די מאַכט פון אַלעקסאַנדער דעם II־טן.

צי ווילט איר מיר העלפן?

פּערזענלעך זענען מיר אַלע גרייט געווען. עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין דעם, וואָס עס וועט זאָגן דערויף די אָרגאַניזאַציע.

— אויף אונדזער הילף קענסטו יעדנפאַלס רעכענען — האָב איך געזאָגט.

סאָלאָוויאָוו איז פאַרבליבן בא אונדז. כ'האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט זיין הערלעכער נשמה.

סאָלאָוויאָוו איז געווען אַ געבוירענער ריטער. אַ ריטער, אַ נזיר פון אַ מיטלאַלטערלעכער לעגענדע. פון אַזעלכע מענטשן ווייסט נישט און קען נישט וויסן די מאָדערנע וועלט.

זי איז בלינד פאַר זיי.

זיי שטייגן אַריבער איר פעיקייט צו גלייבן.

מיר זען אייגנטלעך בלויז דאָס, אין וועלכן מיר זענען פעיק צו גלייבן. בלויז דאָס, וואָס טרעט נישט אַריבער צופיל די גרענעצן פון אונדזערע פּערזענלעכע נייגונגען. בלויז דאָס געזען מאַכט קלאָר, אַז די וויסנשאַפט און די ליטעראַטור בלייבן אַזוי

שרעקלעך הינטערשטעליק בנוגע דעם מאָראַלישן ווערט פון לעבן.

רופט מיר אָן, איך בעט אייך, אַ מאָדערנעם שרייבער, וועלכער זאָל שאַפן אַזעלכע געשטאַלטן, ווי: Pisacano, Mazzini, Worcell, Sierakowski Traugut, Orsini. סיי אין דערהויבענע, סיי אין עקלהאַפטע אייגנשאַפטן איז די קונסט נישט אומשטאַנד זיך אויסצוגלייכן מיט די סתירות און קאָנטראַסטן, וועלכע ס'שאַפט דער כוח פונם מאָדערנעם לעבן. מוראַוויאָוו, Thiers מאָנען נאָך אַלץ כסדר אַ פעדער, וועלכע וואָלט געקענט מאָלן עקל און פאַראַכטונג.

די קונסט באַנאַליזירט אונדז.

מיר דאַרפן זיך היטן פאַר זאַטע קונסט. די געשטאַלטן פון טורגעניעווס דערציילונגען האָבן אַ שם פון דער העכסטער דערגרייכונג אין קינסטלערישער פסיכאָלאָגיע, פאַרן העכסטן שטאַפל פון אידעאַליזירטער שיינקייט. זייער מחבר האָט זיך קונה שם געווען מיט דער טרעפלעכקייט, מיט וועלכער ער פלעגט אויפפאַסן און באַווייזן דעם קאָנקרעטן אַדל פון אַ מענטשלעכער נשמה.

אַזעלכע מענטשן ווי סאָלאָוויאָוו ווייזן די ליגנט פונם גאַנצן מאָדערנעם אידעאַליזם.

— איינמאָל, — האָט ער דערציילט — האָב איך געוווינט בײַ דער וואָלגע איינער אַליין. כ'האָב געטראַכט בײַם טייך אונטערן פרייען הימל. אויף דער נאַטור איז דאָס טראַכטן קלאָרער, פולער. אין אַ צימער, אין די ד' אמות זענען מיר זיך מחיה מיט אונדזערע געדאַנקען. די ווענט טיילן אונדז אָפּ פון דער וועלט. די געדאַנקען שאַפן אַרום אונדז זייער אייגענע אַטמאָספער און צום סוף זען מיר קיין זאַך נישט אַ חוץ זיי, מיר הערן קיין זאַך נישט א חוץ זיי. אונטערן פרייען הימל מוזן די געדאַנקען זיך דערהייבן צו דער זון, זיי מוזן זיך אָפּשטיין בײַם גערויש פון טייך, בײַם גריניקס פון גראָז. דאָ מוזן זיי זיין וואָרהאַפטיק אַזוי, ווי דאָס אַלץ אַרום. אַ מענטש מוז דאָ טאַקע איבערלעבן אַ געדאַנק, כדי צו גלייבן אין אים.

און אַזוי האָב איך איבערגעלעבט אָט דעם געדאַנק מײ־נעם.

שוין אַ יאָר צייט, ווי ער גייט מיר נאָך. כ׳האָב מיך צו־זאַמענגעלעבט מיט אים, צוזאַמענגעוואַקסן געוואָרן.

כ׳וואָלט געקענט קומען צו אים זאָגן, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין:

כ׳קום דיך דערהרגענען — און ער אַליין וואָלט אין מיינע אויגן נישט געפונען קיין האַס.

ס׳איז געווען אַ צייט, ווען כ׳האָב אים געהאַסט, כ׳האָב אים געהאַסט פון גאַנצן האַרצן. איצט שוין נישט. איצט ווייס איך בלויז, אַז דאָס געוויסן קען עס נישט אַריבערטראָגן, ער זאָל לעבן. נישט מיין געוויסן. יעדעס געוויסן, וואָס וועט נאָר פאַרשטיין. ווען איך האָב מיך איינגעהערט אין די בורלאַצקע לידער, בשעת אַ קאַלטער ווינט האָט געפייפט איבערן הויז און געהוליעט אין קוימען, אָדער בשעת אַ שטילקייט האָט געהערשט און נאָר די ביימער אויפן ווינט האָבן געשאַרכט, וויינענדיק אין אַ לבנה-נאַכט באַם טייך, אינדערפרי, ווען איך פלעג מיך אויפכאַפּן מיט דעם צוויטשע־ריי — פון די פייגעלעך — תמיד האָב איך געפילט דאָס זעל־בע:

מ׳טאָר נישט לאָזן די מאכט איבער לעבן און טויט, איבער די געדאַנקען און דער צוקונפט פון די מאַסן אין די הענט פון איין מענטש.

שולדיק איז יעדער, ווער ס׳דערלאָזט עס,

דער טייך האָט גערוישט, פרעגנדיק:

איך טראָג טרערן, פאַרוואָס דערלויבסטו מיר צו טראָגן טרערן, מענטשלעכע טרערן?

די פייגעלעך האָבן געצוויטשערט און געבעטן מיין האַרץ אין באַגינען:

פאַרוואָס זענען מענטשן אומגליקלעך? איך בין געווען גליק־לעך, כ׳בין געווען זייער גליקלעך, כ׳האָב געליבט און כ׳בין גע־ליבט געווען. זי בלייבט אויף שטענדיק אין מיין האַרץ מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, אויף די ליפּן, וואָס האָבן געציטערט; מיט אַן אויס־

דרוק אין די אויגן, וועלכן עס האָבן נאָר מאַדאָנעס אויף די בילדער אַזעלכע איז זי געווען דאַמאָלס, ווען איך האָב איר געזאָגט:

מיר וועלן קיינמאָל קיין מאַן און ווייב נישט זיין. ווען כ'האָב איר געזאָגט, אַז כ'האָב מיך באַהאַפטן מיט רוסלאַנד.

גליקלעך און שטאָלץ בין איך געווען.

מיר האָט קיין שום שלעכטס נישט געטון אַלעקסאַנדער דער II-טער. איך גיי מיך נישט נוקם זיין אָן אים פאַר מיין עוולה. כ'האָב מיר נישט געגלייבט, ווען כ'האָב אים געוואָלט דערהרגען אין צאָרן, כ'האָב נישט געגלייבט, ווען ס'האָט אים פאַראורטיילט דער שכל, אָבער איצט ווייס איך:

נישט דער טויט איז דאָס ערגסטע פאַר אַ מענטש.

ערגער [פאַרן טויט איז, ווען ער לעבט אין שרעק מיט פאַלשקייט אין האַרץ.

אַליאַ האָט פאַרשריבן די שמועסן סאָלאָוויאָווס נאָך זיין טויט, ווען ס'האָט זיך נאָך געצאַפּלט דער טרויער, וועלכן ס'פּלעגן אַרויסרופן זיינע דערציילונגען:

„ס'רינגלען דיך אַרום, קייזער, שטאַרקע מויערן, ס'רינגלען דיך אַרום באַוואָפנטע חילות, ס'פאַרשטעלט דעם צוטריט אַ מויער פון מענטשן. קענן אמת בלאַנקען די ביקסן. פנים באַ פנים, האַנט באַ האַנט רינגלט אַרום דעם קייזערלעכן פּאַלאַץ אַ מויער פון זעלנערישע ברוסטן. ס'הייבן אין די בוזעמס הינטישע, בלינדע הערצער. מעכטיקער קייזער, פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלאַס? דאָך בלויז איין מענטש נאָר גייט צו דיר איבערן פּלאַץ, איבער די גאַסן פון דער שטאָט. פאַרוואָס, קייזער, ווערסטו בלאַס, ווען דו זעסט איין מענטש נאָר? די זעלנער שטייען האַנט באַ האַנט, די פיקעס גלאַנצן קעגן אמת. ליכטיקער קייזער, ס'וועט דיך נישט ראַטעווען דער דאָזיקער כוח. רוף מיר אָן דיין געדאַנק, זאָגט דער מענטש. דעם געדאַנק רוף מיר אָן פון דיין צאַרישער נשמה. דעם געדאַנק, וואָס דו גלייבסט אין אים. אויב דו וועסט אים אָנרופן, וועסטו מנצח זיין דעם מענטש, וועלכער גייט. ער גייט איבערן פּלאַץ, אין דער האַנט, וועלכע ס'ציטערט נישט, טראָגט ער דיין געוויסן.

ווך, פאַרש, רוף אָן דיין געדאַנק, און דאָס געוויסן וועט אָנט־שוויבן ווערן, דאָס געוויסן קען נישט קיין אַנדערע מאַכט. די האַנט הייבט דאָס געווער: דו קוק אין די אויגן פון דעם, וואָס צילט. זיי קוקן אומעטיק, ווי דיין געדאַנק. זיי זענען געגאַנגען נאָך דיר, ווי ס׳איז דיר נישט נאָכגעגאַנגען דיין מוטער, ווען דו ביסט יונג געווען. ס׳זענען דיר נאָכגעגאַנגען אויגן און זיי האָבן געזוכט, וואָס ס׳טוט זיך מיטן מענטש אין דיר. זיי זענען דיר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ נישט דערוועקטער געדאַנק. זיי האָבן געזוכט אַ געדאַנק אין דיין האַרץ.

מעכטיקער האַר, דעם געדאַנק רוף אָן, און ס׳וועט זיך אַראָפּ־לאָזן די האַנט.

די פּיקעס גלאַנצן, צי וועסטו דערהרגענען מיט זיי דאָס געוויסן?

ער וועט אומקומען, אָט דער מענטש, דו ווייסט, ער וועט אומקומען און דו וועסט אים זען אַ טויטן. צי וועסטו אומשטאַנד זיין, קוקנדיק דעם געשאָרבענעם אין די אויגן אַריין, אָנצו־רופן דעם געדאַנק, אַז ער זאָל סוף כל סוף גלייבן?

אָט שטעלט ער זיך אַוועק, דער מענטש, פאַר דיר דעם מענטש.

ער ברענגט דיר דאָס גלויבן זיינס.

דו קענסט עס.

ס׳רעדן צו דיר וועגן אים די ליפּן פון די, וועלכער דו פלעגסט פאַרמשפּטן צום טויט, וועלכע דו פלעגסט באַגראָבן אין סיבירישן שניי.

קייזער, קייזער, — עס הייבן זיך אויף די הענט אין די קייטן, ווען אָט דער מענטש רעדט. זיי זאָגן עדות וועגן זיין גלויבן.

אַרום און אַרום גלאַנצן פּיקעס.

בעט גאָט, בעט דעם גאָט פון דיין נשמה.

אַ וואָרט זאָג, ער איז אַ האַרץ, וואָס הערט אויס הערצער...

דאָס האַרץ זוכסטו; דאָס האַרץ קלאַפּט באַ דיר נישט.
פּיקעס היטן אַ מת. בלויז דער טויטער קערפּער דייגער זיצט אויפן טראָן.
קייזער, קייזער — דו האָסט דיך אַליין דערהרגעט
סאָלאָוויאָוו — דאָס איז געווען Bayard פון אונדזער רעוואָלוציע.
„צו דער ליכטיקער זון, צו דער וואָלגע — דעם טייך — האָב איך דיך אַרויסגערופן, קייזער, צו משפט.
מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען דורך דערפער.
שוואַרצע, אויסגעדאַרטע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן צו דיר מיט רוף. מיר זענען געגאַנגען דורך דערפער, וועלכע האָבן זיך געשטיקט פון הונגער. מיר האָבן געהערט איניינעם דאָס געוויין פון קינדער.
מיר האָבן זיך געזעצט הינטערן דאָרף באַם טייך און איך האָב דיך געפרעגט.
— פאַרוואָס שטאַרבן קינדער?
דו האָסט איינגעבויגן דעם קאָפּ און האָסט געזאָגט:
— איך ווייס נישט.
כ'האָב באַ דיר געפרעגט:
— וואָס קומט פאַר מיט דער גאָלדענער זריעה, פאַרוואָס זענען שוואַרץ און פאַרטרוקנט די ליפּן פון די, וועלכע באַאַרבעטן די ערד מיט שוויס.
דיין נשמה האָט געענטפערט:
— איך ווייס נישט.
כ'האָב דיך אויפגעשטעלט אויפן דאָרפישן בית עולם, וווּ ס'ליגן אַנטאַנאָווס קערפּער און די קערפּערס פון זיינע חברים, וועלכע דו האָסט געשענקט דעם טויט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געגלייבט, אַז דו ביסט דער קייזער פון די פויערים.
ס'האָבן געשוויגן די קברים.
און איך האָב דיך געפרעגט:
זאָג דיין צאַריש וואָרט די מתים פון די פויערים.

דיין נשמה, קייזער, האָט געוויינט.
ווי אַ דורכגייער ביסטו צוגעגאַנגען צו מיר, פרעגנדיק מיך ווו צו גיין...
פיר אַרויס אַ פאַרבלאָנדזשעטן פון זומפ —
ליכטיקער קייזער, כ'נעם דיך אָן בײַ דער האַנט.
דיין נשמה פיר איך אַרויס פון דער פינסטערניש.
איך האָב געזוכט איך האָב געזוכט בײַם קייזער הארץ.
איך האָב קיין זאַך נישט געפונען, אַ חוץ דעם אויסדרוק פון לאַנגווייל.
די רוסישע פאָלקסמאַסן זענען איבער דיר און איבער מיר.
איך, אַ שטערבלעכער, ברענג דיר דעם טויט.
איך און דו — מיר האָבן געהערט דעם זיפץ און דאָס כאָרכלען פון קינדער, וועלכע זענען געשטאָרבן הונגעריקע, כאָטש ס'האָבן זיך געגילדט צעוויגטע פעלדער.
מיך און דיך רינגלט אַרום דער געקלימפּער פון קייטן.
מיך און דיך רינגלט אַרום דאָס געזאַנג פון די ראָבן שוואַרצע, שוואַרצע שוועבן איבער דער ערד.
איך און דו — מיר האָבן אַריבערגעטראָגן די פּיין פון פאָלק.
קייזער, קייזער, — אָט איז די פרייהייט.
דיין הארץ האָט געזאָגט:
— טויט.
דיין נשמה האָט געזאָגט:
— טויט.
דעם טויט ברענג איך דיר, ער וועט דיך אויסלייזן.
ער גייט שוין איבער די טרעפּ פון פּאַלאַץ; ער גייט, רופט די נשמה.
ער גייט שוין: ער זעצט זיך אויפן טראָן.
ער רעגירט.

פאַר אים שטייען מיר די אָנגעקלאָגטע.

דאָס לעבן גיב איך, דו זאָלסט גלייבן, ווען כ'שרײַ אויס:

— קייזער — רוף אָן דאָס וואָרט, עס זאָל אַוועקגיין דער טויט.

מיט דיר איניינעם לאָז איך אים איבער, קייזער.

זאָל דײַן הארץ דיך משפּטן."

סאָלאָוויאָוו איז נישט ענלעך געווען צו קיין איינעם פון די אַלע, וועלכע האָבן ווען עס איז אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ טי־ראַן. ער איז געגאַנגען בפירוש פירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט צוליב דעם אינערלעכן אמת. דער חוש פאַר אמת האָט גע־לעבט אין אים טיף. ווען ס'האָבן אויפן אַנדערן טאָג גאָלדענבערג און נאָך אייניקער אַן אַרבעטער, אַ פּאָליאַק, קאָבילאַנסקי, פאָרגע־לייגט אָנטיילנעמען אין דער פאַרשווערונג, אָדער איבערצונע־מען זי אויף אייגענע הענט, האָט סאָלאָוויאָוו, בשעת אַנדערע האָבן אַרויסגערוקט טאַקטישע אַרגומענטן, קורץ געזאָגט:

— כ'צווייפל, צי ווער פון אײַך פילט זיך גענוג באַפולמעכ־טיקט צו דער זאַך.

— ס'דערהרגעט די קויל, נישט דאָס רעכט — האָט גאָל־דענבערג געזאָגט.

— מ'דאַרף, אַז דערהרגענען זאָל דאָס רעכט. און ס'איז נישט אמת, אַז מ'וועט דאָס נישט דערפילן, און אויב אַפילו יאָ, איז נייטיק, אַז מיר זאָלן אין זיך אַליין, פאַר זיך אַליין וויסן, אַז אַזוי איז עס. ס'איז נישטאָ קיין געמאַכטער אמת, און אַלץ לאָזט איבער פאָלגן. אַ טאַט, וועלכער איז נישט געווען פולשטענדיק, אין וועלכן ס'האָט געפעלט דער גלויבן אין אינערלעכער זיכערקייט, איז זיך נוקם אין די, וואָס זענען אים באַגאַנגען, ווי אַ פאַרברעך. איך קעמף מיטן קייזער אַלעקסאַנדער פאַר אַן אמת. בלויז דאַן אַלס וועט דער טויט זײַנער נישט זײַן קיין מאָרד, ווען אונדזער גע־דאַנק וועט אים דערהרגענען, ווען אונדזער געוויסן וועט מנצח זײַן זײַן גלויבן, זײַן איבערצייגונג.

— דאָס איז שוין פאַר אים אַלץ איינס — האָט זיך גע־

האַלטן באַ דאָס זייניקע גאָלדענבערג.

— מ׳טאָר זיך אַזוי צו אַ מענטש נישט באַציִען. דערמיט וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ מענטש, געהערט ער צו דער מענטש־הייט, און איבער אים הערשט דער געדאַנק, כאָטש ער ווייסט נישט וועגן דעם.

זיין געדאַנק טאָר מען נישט דערהרגענען, אַנדערש ווי מיט אַ געדאַנק.

— לויט אייך געהערט אַלעקסאַנדר צו דער געזעלשאַפט.

— צו דער מענטשהייט — יאָ. יעדער געהערט צו דער מענטשהייט — האָט סאָלאָוויאָוו ערנסט געזאָגט.

— זיי זענען אַזוי, ווי ווילדע חיות. ווער ס׳פּאַרשטייט נישט קיין פרייהייט א״ז אַזוי, ווי אַ ווילדע חיה. דער מענטש האָט אויס־געראָטן די ווילדע חיות. פונקט אַזאַ רעכט האָבן מיר אין דער באַציִונג צו זיי. איר דאַרפט אויף אים נישט אויפהייבן קיין האַנט, אויב אַזוי — איז ער אייך אַ ברודער.

— זיין און מיין געוויסן גיי איך באַפרייען פון דעם פאַר־ברעך, וועלכער ליגט מיט זיין לאַסט אויף אונדז; מיר זענען פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַרן רוסישן לעבן...

— איר זענט אַלעקסאַנדרס פריינט.

— יאָ — האָט קורץ געענטפערט סאָלאָוויאָוו — זיין איינ־ציקער פריינט.

דאָס איז נישט געווען קיין פראַזע.

סאָלאָוויאָווס נשמה איז געווען אַזעלכע.

— ס׳זענען דאָך פאַרהאַן פאַלן, ווען מיר גיבן די נאָנטסטע פריינט דאָס געווער אין דער האַנט אַריין, כ׳פיל נישט, כ׳זאָל אַלס מענטש טון אַן עוולה אַלעקסאַנדר דעם צווייטן, דעם מענטש. אויב ער וואָלט דאָס געוואָלט, וואָלט איך מיך דערהרגעט צוזאַמען מיט אים.

— צוואָס?

כדי עס זאָל ווערן אַן אמת, אַז עס איז נישט באַרעכ־טיקט, לויט דעם מענטשלעכן געוויסן דאָס עקזיסטירן פון רו־סישן קייזער.

— גאָר אַ נייעס — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו. מיר רוסן [illegible] [illegible]ען שטענדיק אייראָפּע.

— Gromwell — האָט סאָלאָוויאָוו געזאָגט, — Orsini. מ'טאָר נישט פאַרטראָגן קיין שקלאַפעריי.

— דעריבער, קאָנסטיטוציע, magna charta, און פרייע אַנטוויקלונג פון די רוסישע באַרייסער — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו — און דערפאַר דאַרפן מיר אַראָפּ פון אונדזער וועג. —

ס'האָט אויסגעזען, אַז ס'וועט זיך אַנטוויקלען אַ הייסער און ליידנשאַפטלעכער וכוח.

קירסאַנאָוו איז געווען בלאַס. זיידענמאַן האָט אַלע ווײַלע עפּעס געשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. מיכאַילאָוו איז געווען רויִק און אַנטשלאָסן. סאָלאָוויאָוו האָט מיט אומרו געקוקט אויף קירסאַנאָוון, וועלכן ער האָט זייער ליב געהאַט. אָליאַ איז געווען געריירט אַזוי, ווי איך האָב זי שוין נישט געזען, זינט דעם משפּט איבער וויערא זאַסוליטש.

די אַטמאָספער איז געווען אַ שווערע.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן רעדן זיידענמאַן.

נישט וואַרטנדיק אויף סאָלאָוויאָווס ענטפער, האָט ער אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף דער נייער ריכטונג. אין דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, אויף דער ריכטונג, וועלכע איז בולט אַרויסגעטרעטן אין דעם אופן, ווי אַזוי מען האָט געפירט די צייטונג.

— מיר גייען אַוועק פון אונדזער אייגנציקער שליחות. [illegible] דער שליחות צו שאַפן אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג — מיר הייבן אָן אַ געווייטלעכן פּאָליטישן קאַמף אויף אונדזער חשבון. די פאָלקסמאַסן וועלן אים נישט פאַרשטיין, און זיי וועלן זיין גערעכט. ווייל יעדער פּאָליטישער קאַמף, וועלכן ס'פירט די אָדער יעדע גרופּע, וואָס איז אָפּגעריסן פון פאָלק, קען ברענגען נאָר צו אַ געענדערטער פאָרם פון אונטערדריקונג. ער קען ברענגען דערצו, ס'זאָל זיך שאַפן אויף די פּלייצעס פון די פאָלקסמאַסן און איבערן קאָפּ זייערן אַ פולשטענדיק פּרעמיע, אויף [illegible] צוואַנגס־אָרגאַניזאַציע.

מ'דאַרף קלאָר פאַרשטיין:

צי בויען מיר יסודות פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג אין רוסלאַנד, צי ווילן מיר בלויז אַ קאָנסטיטוציע, כדי צו פאַרזיכערן און אויסגלייכן דעם באָדן פאַר דער טעטיקייט פון רוסישן קאַפּיטאַליזם.

זיידענמאַן האָט גערעדט לאָגיש און מיט אינערלעכער התלהבות. די שטימע זיינע האָט געציטערט, ווען ער האָט אויסגעשריגן, אַז נישט מיר האָבן באַשאַפן אונדזער אידעע, אַז ס'האָט זי אויסגעאַרבעט דאָס גאַנצע מאַרטירער־לעבן פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

אונדזער כוח איז געווען און איז — דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום אַנדערע שטרעבונגען אַ חוץ די, וועלכע לעבן פון זיך אַליין אין הארץ פון די פאָלקסמאַסן.

אויב מיר וועלן ווערן פאַרשטייער בלויז פון אייגענע רעכט, וועלן מיר אומקומען.

זיידענמאַנען האָט אָפּגעענטפערט סעוויעראָוו.

ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז ס'איז נישט אמת דאָס, אַז די אידעע פון קאַמף זאָל פרעמד זיין די פאָלקסמאַסן.

ס'איז לחלוטין נישט אַזוי.

אפילו בא דער הייניקער שרעקלעכער ביוראָקראַטישער אָרדנונג איז פאַר די פאָלקסמאַסן נישט פרעמד די אידעע פון קאַמף פאַר רעכט. די אידעע לעבט, ס'פעלט איר נאָר דער ווילן און דער קאָפּ, וועלכער זאָל זי איר אַליין קלאָר מאַכן.

די רעגירונג פלעגט פאַרניכטן אַלע נאַטירלעכע פאַרבינדונגען צווישן מענטשלעכע גרופּן. די פּאָליציייִש שטייער-נעץ איז געוואָרן דאָס איינציקע פאַרבינדונגס־מיטל. די פּאַסיווע מאַסע — דאָס איז נישט קיין נאַטירלעכער צושטאַנד: זי איז אַ פּראָדוקט פון דער כסדרדיקער מערדערישער טעטיקייט פון דער רעגירונג. די אומצופרידנהייט לעבט שטענדיק און אומעטום: זי ברעכט אויס דאָ און דאָרט מיט קליינע שרפות. אָבער איין אויפרייס ווייסט נישט פון צווייטן. יעדעס דאָרף איז הפקר, בשעת ס'ברעכט אויס

קאָנפליקט ערגעץ, שאַפט די רעגירונג אַרום דעם אָרט אַ טויטן שטרייף, דורך וועלכן ס'וועט זיך שוין קיין איין לעבעדיקער גרויס ביים דורכגליטשן. די טעלעגראַפן טראָגן פונאַנדער אָט די איינ־ציקע בשורה:

שיקן זעלנער, מער זעלנער.

און דערנאָך:

שוין, זיי גייען שוין, זיי גייען, גייען.

און פאַר יעדער דאָרף, פאַר יעדער קהילה אין די איבעריקע טייל פון לאַנד אַ טויטע מדבר, דורך וועלכער ס'גייט בלויז שטענ־דיק אַ פיינדלעכער כוח, וועלכער איז גרייט איינצוזעצן, שלאָגן, בינדן, דערהגענען און ברענען. אַזוי־ערנאָך שאַפט זיך דער גע־געדאַנק וועגן פּאַסיוויטעט. ער לייגט זיך אויף דער פאָלקס־נשמה מיט אַ שווערער לאַסט פון אייז־בערג און שנייִיקע מדבר.

יעדעס דאָרף איז גאַנץ אַליין. און אָט די בינען־קעמערלעך, אָט די אָפּגעשטאָרבענע פאַעשטיינערטע דערפער פאַלן אויף דער־פער — לעבעדיקע — מיט דער לאַסט פון תפיסה־שטיינער. אין יעדן באַזונדער איז אַ בונט, אַלע צוזאַמען זענען טויט און טויב.

— דעריבער! — האָט געפרעגט קירסאַנאָוו. — דאַרף מען שאַפן אַ קאָלעקטיווע כוואַליע פון בונט.

זאָל יעדעס דאָרף וויסן, אַז מיטן וועג צו זיי קענען גיין נישט נאָר קאָזאַקן, נישט נאָר דער גובערנאַטאָר מיט די זעלנער, נאָר אויך די, וואָס וועלן זיך נוקם זיין פאַר זייערע עוולות. אַז אין לאַנד איז שוין דאָ אַ כוח, וואָס שענקט נישט, אַז דער דאָזי־קער כוח וועט זיך אָנהייבן פונאַנדערגיסן איבערן לאַנד, טריפן שטראָמענווייז, ווי בלוט.

— איך פאַרשטיי נישט — האָט קירסאַנאָוו געזאָגט, — אויפהייבנדיק די ברעמען.

— דאָס איז קלאָר — האָט געזאָגט סעוויעראָוו. — לאָמיר נאָר נישט שאַפן קיין טעאָריעס, וועלכע פאַרטיידיקן פאַסיוויטעט. די פאָלקסמאַסן חזרן שוין לאַנג איבער: ערד און פרייהייט, און

לאָמיר זיין מיט זיי. לאָמיר זיך אויסלערנען דערגרייכן און נע־מען.

מיכאַילאָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין ווינקל און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ קלאָרער און שטאַרקער שטימע:

— מיר חעלן זיך אָפּרייסן פון דער מאַסע, די פאָלקסמאַסן וועלן אונדז אויפהערן צו באַטראַכטן פאַר זייערע מענטשן, זאָגט זיידענמאַן. איך מיין, אַז דאָס איז טאַקע היינט אַזוי. מיר זען, ווי די פאָלקסמאַסן קומען אום און שטייען אומעטיק. דאָס גרעס־טע וואָס מיר טון איז — מיר שרייען: זע, מיר קומען אויך אום. מיר זענען דעריבער אָדער גלייכגילטיק, אָדער שוואַך. צי וועלן די פאָלקסמאַסן פאַרשטיין די טעאָריע, וועלכע פאַרטיידיקט אונד־זער פאַסיוויטעט? ניין, מען דאַרף אויף אייך רחמנות האָבן, וועלן זיי זאָגן, וואָס איר שטאַרבט אַזוי, אייגער גאָכן אַנדערן און וואָס עס קומען אַלץ נייע פון אייך און שטאַרבן ווידער. אַ רחמנות גע־בען אויף אייך, גאָטס יתומים. און דאָס איז אַלץ. קאַלעקעס קען שוין דאָס פאָלק אַ סך, לאָמיר נישט שאַפן קיין נייע, וועלכע גייען צוזאַמען מיט אים אונטער די שמיץ.

קירסאַנאָוו פלעגט תמיד רעדן וועגן טעאָרעטיש באַוווּסטע זאַכן. ער האָט גערעדט וועגן געזעץ, וואָס פירט אָן מיטן געזעל־שאַפטלעכן לעבן, וועגן דער כסדרדיקער טעטיקייט פון קליינינקע סיבות, וועגן דעם עצם פון געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס, וועלכער שאַפט אַליין און דערציט כּוחות, וואָס זענען נייטיק אויף אויסצו־פירן די אָדער יענע אויפגאַבע. געשיכטע דאָס איז נישט עפּעס אַ זאַך, וואָס איז פרעמד דעם מענטש, דאָס איז ער אַליין, אַזוי ווי ער איז עס. ווען עס קען דורכגעפירט ווערן עפּעס אַ זאַך, זענען שוין פאַרטיק די מיטלען, ווייל איינע און די זעלבע זאַך שטעלט די אויפגאַבע און שאַפט כּוחות, וועלכע זענען נייטיק זיי אויס־צופירן.

כּל־זמן די כּוחות וואַקסן ערשט, וועט עס קיין זאַך נישט העלפן די יחידים, וועלכע פאַרשטייען דעם כאַראַקטער פון דער גאַנסטער פאָזע, וואָס דאַרף קומען, אויב זיי וועלן זיך באַמיען

אריבערשפּרינגען זיך אַליין, זייער צייט. זיי דאַרפֿן זיך פֿילן אַלס דאָס, וואָס זיי זענען: אַ פּערמענט און אַן אָרגאַן פֿון דער מאַסע, איר באַוווּסטזיין.

סאָלאָוויאָוו האָט געזאָגט רויִק: צו ווילסטו איינאַימפּן די פֿאָלקסמאַסן בלוט, וואָס דו ווייסט, אַז עס איז פֿאַרפֿוילט?

— די מאַסן קען מען אויסערלעך גאָרנישט איינאַימפּן. די מאַסן טראַכטן אויפֿריכטיק, אַזוי ווי זיי מוזן.

— יאָ, אַזוי ווי זיי מוזן. אָבער מיר מוזן וויסן. וועג מיר זענען פֿאַר די מאַסן. איך פֿיל מיך ווי אַן עדות פֿון זייערע ליידן, פֿאַר אַ שיתּוף פֿון אָט די גרוילעכע פֿאַרברעכנס, וועלכע שטייגן איבער אַלע ווערטער, פֿאַרברעכנס, וועלכע מ׳באַגייט קעגן זיי. כ׳מוז גלייבן אין זיך, כּדי איך זאָל וואַגן צו טראַכטן פֿאַר די פֿאָלקס־מאַסן...

— דעריבער...

— אויב כ׳וועל נישט דורכפֿירן דאָס, וואָס כ׳האָב באַשלאָסן, וועל איך נישט קענען שעצן זיך אַליין.

— דאָס איז דיין זאַך.

— ניין, איך פֿאַרטיידיק נישט די ליגנט, איך קען נישט זיין קיין יעזויִט פֿון דער אַנטוויקלונג, זאָגן ליגנט דער נשמה מייַנער צוליב די געזעצן פֿון עוואָלוציע.

קירסאַנאָוו איז בלאַס געוואָרן.

— ס׳איז פֿאַרהאַן — האָט ער געזאָגט — אַן עפּיקורעיִזם פֿון טויט. פּעטשאָרין לעבט אין אונדז אַלעמען.

— לאָז צורו, יעזשי — האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו. — דו גלייבסט אַזוי, און איך אַנדערש. דו האָסט דאָס רעכט, דאָס שווע־רע רעכט צו לעבן. דיין געדאַנק האָט אַרויסגעגעבן אויף דיר דעם שווערן פּסק־דין. און דו וועסט מוזן איבערוואַרטן דאָס סקריפּן פֿון תּליות, די נעכט, אין וועלכע ס׳ווערן ווייס די האָר. אַ שווערן גורל האָט פֿאַר דיר צוגעטראַכט דיין אמת. דו טאָרסט נישט שטאַרבן. ווייל אַזוי גלייבסטו און פֿילסט. דו פֿילסט, אַז דו ביסט אַזוי אָרום בייטיק.

מיר זענען נישט אָפּהענגיק פון אונדזערע נייגונגען.

— מאָרגן גיי איך דערהרגענען אַלעקסאַנדרן — האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו: — זאָל אייער געוויסן אייך זאָגן, וואָס מ'דאַרף טון.

— קיינער האָט קיין רעכט נישט צוליב זיין געדאַנק, צוליב זיינע אָן איבערצייגונג צו שטעלן אין סכנה די גאַנצע זאַך — האָט געזאָגט זיידענמאַן.

— די גאַנצע, די אַלגעמיינע זאַך — האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו — האַלטן זיך אויף אונדזערע איבערצייגונגען; אויב מיר גלייבן נישט אין זיך, אויב מיר גלייבן זיך נישט, איז נישטאָ באַ אונדז קיין שום אַלגעמיינער ענין. די אַכטונג צו זיך אַליין, דער גלויבן אין דעם אייגענעם אמת איז אַ סוד, וועלכער האַלט אַלץ. ווען ס'וועט זיך אַ וואַקל טון אָט די זייל — וועט אַלץ איינפאַלן. . .

— וואָס באַדייט דער טויט פון איין מענטש — האָט געפרעגט זיידענמאַן. — כ'פרעג אייך, צי מאַכט איר זיך די אילוזיע, אַז ער לעבט בלויז דאָרט אינם ווינטערשלאָס, און ס'איז גענוג אַריינצולאָזן אים אַ קויל אין קאָפּ אַריין — ער זאָל פאַרשווינדן, ער לעבט אין מיליאָנען הערצער און געדאַנקען.

— יאָ — האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו — יאָ, ער לעבט, דער אומבאַרירלעכער האַר פון נשמות און מזלות. עס איז אַ שרעק אַ טראַכט צו טון, עס איז משוגע צו ווערן פונם געדאַנק:

מיליאָנען מענטשן לעבן טראַכטנדיק:

עס איז דאָ אַזאַ מענטש, וועלכער האָט דאָס רעכט צו טון, וואָס ער וויל מיט מיר, מיט מיין לעבן, מיט מיין בלוט, מיטן גאַנצן מזל מיינעם; מיטן געדאַנק, אַז זיי שטאַרבן, נישט האָבנדיק קיין זאַך געזעגנאָסן פון לעבן; מען קען נישט אַנדערש, ער וויל אַזוי.

יאָ!

זיין מזבח שטייט אין אַלע רוסישע כאַטעס און דאָרט דאַרף מען אים צעשטערן. מען דאַרף, אַז די פאָלקסמאַסן זאָלן פאַרשטיין.

אַז זיין געדאַנק קען דערהרגענען און משפּטן: אַז זיי זאָלן גלייבן אין זייער געדאַנק.

סעווערעאָוו האָט אויסגעשטעלט די פֿראַגע אויפֿן שפּיץ מעסער:

— די פֿראַגע איז קלאָר. סאָלאָוויאָוו האָט אונדז פֿאָרגעשטעלט זיין פּלאַן. דעם דאָזיקן פּלאַן וועט ער אויספֿירן אומאָפּהענגיק פֿון דעם, ווי מיר וועלן דערויף קוקן. צי ווילט איר זיין בלויז שטומע עדות, קוקן ווי ער גייט — און זאָגן: אַ משוגענער, ער פֿאַרשטייט נישט אונדזער רויִקע חכמה, וועלכע דערלויבט אונדז אין די געדאַנקען ווי אין אַ באַלאָן זיך אויפֿצוהייבן איבער דעם, ווי מען דערהרגעט כּסדר די מענטשלעכע זעלבסטווירדע, דעם גלויבן אין פֿרייהייט באַם אייגענעם פֿאָלק.

אַזוי איז עס!

מיר וועלן קוקן פֿון אונדזער הויך אַראָפּ אויף זיין תּליה, און זיין טויט וועלן מיר אַריינשרייבן אין דער לאַנגער רשימה פֿון די, וואָס האָבן אַדעליק געבלאָנדזשעט, וואָס האָבן אויסגעגלייכט אונדזערע שטעגלעך. אָבער דאָס וועט שוין זיין נישט אויסגעהאַלטן. עס איז ווייניק צו זיין גלייכגילטיק, מען דאַרף שטערן.

— יאָ, האָט געזאָגט זיידענמאַן, מיר טאָרן נישט זיין קיין גלייכגילטיקע עדות. סעווערעאָוו איז געוועכט. איך טראָג אַריין אַ פֿאָרשלאַג, וואָס פֿאַראורטיילט אַלס ציל'אָז און שעדלעך יעדן אַטענטאַט אויפֿן קייזערס לעבן.

— איך טראָג אַריין אַ פֿאָרשלאַג — האָט געזאָגט סעווערעאָוו מיט אַ ציטער — אַז מען זאָל דעם נאָמען פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע ענדערן: זאָל זי אָנשטאָט „ערד און פֿרייהייט" הייסן פֿון איצט אָן: די חבֿרה אויפֿן נאָמען פֿון קאָמיסאַראָוו*).

— אַזעלכע זאַכן פֿאַרגעסט מען נישט — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו.

— דו ביסט נישט גערעכט, סעווערעאָוו — האָט געזאָגט

---

*) קאָמיסאַראָוו האָט בעראַטעוועט דאָס לעבן אַלעקסאַנדר דעם 2-טן בשעתן אַטענטאַט פֿון קאַראַקאָזאָוו, וועלכן ער האָט געכאַפּט בײַ דער האַנט.

טאָלאָוויאָוו. — ווער פון אונדז עס קלויבט אויס דאָס לעבן, קלויבט אויס אַ שווערערן גורל.

— נישט אין דעם גייט עס — האָט געזאָגט סעוויעראָוו — איצט שטייט בײַ אונדז די פּרינציפּיעלע פראַגע. צי זענען מיר די דעמאָראַליזאַטאָרן פון פאָלק, צי זייגע וועקער.

— די פּאָלקסמאַסן קוקן נישט אויף אייך — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו — זיי פאַרשטייען נישט אייך, נישט אייערע תּליות, זיי ווילן אַרבעט און יושר.

— ווער עס איז אַ זאַך, האָט נישט קיין רעכט צו ווערן, מיר אַלע זענען אַלעקסאַנדער דעם II-טנס אייגנטום. אַ דענקענדיק אייגנטום — שקלאַפן.

— בלויז די ענדערונג פון לעבנספאָרמען שאַפט נייע בשמות.

— שקלאַפערײַ, וועלכע ווערט פּאַסיוו אַריבערטראָגן איז סם, און זי שאַפט סאָפּיסטן פון צאַראַט.

— דאַכט זיך, אַז די פראַגע שטייט טאַקע פּרינציפּיעל — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו. — צוזאַמען קענען מיר נישט פאַרבלייבן אין דער אָרגאַניזאַציע.

— מיר שטימען אָפּ זיידענמאַנס פאָרשלאַג — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו.

פאַרן פאָרשלאַג האָבן זיך אויפגעהויבן דריי הענט.

— ערד און פרייהייט פאַראורטיילט נישט דעם אַטנטאַט.

קירסאַנאָוו האָט געוואָלט עפּעס זאָגן.

מיכאַילאָוו איז צוגעגאַנגען צו אים.

— לאָז צורו, יור. געדענק וואָס דו אַליין זאָגסט: מ׳טאָר קיין אַלגעמיינעם ענין נישט אונטערוואַרפן אפילו די טיפסטע פערזענלעכע איבערצייגונגען.

— ס׳מוז אָנהייבן הערשן אַ קלאָרקייט — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו.

אָליאַ האָט געבעטן אַ וואָרט.

זי האָט זעלטן גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען, אָבער מ׳האָט זיך גערעכנט מיט איר.

— כ'האָב אַן איינדרוק — האָט זי געזאָגט, — אַז מיר זעבען בלינד. מאָרגן גייט אונדזער ברודער אויפן טויט פאַר אונדזער זאַך. ווי מיר זאָלן נישט קוקן דערויף — דער רעזולטאַט איז איינער און דער זעלבער. מיר האָבן זיך שוין אַלע לאַנג געזעגנט מיטן פּערזענלעכן לעבן. מיר לעבן שוין בלויז ווי מאָמענטן פון דער געשיכטע. אַ מענטש שאַפט געשיכטע איינדערפינסטער. מיר וואָלטן געוואָלט לעבן ווי זעענדיקע. און דעריבער איז נישטאָ און ס'קען נישט זיין בא אונדז קיין זאַך אַ חוץ דעם כסדרדיקן פאַרברענען זיך אין שיין פון דער צוקונפט. מיר זענען צוזאַמען, דאָס איז די איינציקע מענטשלעכע זייט פון אונדזער זיין. מיר אַליין פאַרטרעטן זיך אַלץ; דאָס גליק, דאָס לעבן און די גאַנצע וועלט איז פאַר יעדן פון אונדז — אונדזער געזינדל, דאָ לעבט יעדער פון אונדז נישט ווי אַ קאַטאָרזשניק פונעם מאָרגן, נאָר ווי אַ מענטש. דאָ רוט ער אָפּ. היינט שטאַרבט ער און דאָס איז דאָס לעצטע. סאָלאָוויאָוו גייט אויפן טויט, אַזוי ווי ער וואָלט געוועזן איינער אַליין. אַזוי ווי ער וואָלט אַליין געגאַנגען דורך אַ מחנה מענטשן, וואָס קענען אים נישט. מיר משפּטן אים היינט בלויז. און ער שטייט דאָ פאַר אונדז נישט ווי אַ ברודער פאַר ברודער, נאָר ווי פאַר ריכטער, מיר האָבן אויסגעפּרוווט זיין האַרץ...

— לאָז צורו, אָלגאַ — האָט שטיל געזאָגט סאָלאָוויאָוו — איך קוק אַריין ביזן גרונט פון די נשמות. איך פאַרשטיי. מאָרגן וועל איך גיין אויפן טויט. און איר וועט פאַרבלייבן. איך בין גליקלעכער פאַר אייך.

— אויב ס'איז דאָ צווישן אייך עמעצער, וואָס וועט פאָדערן איך זאָל אים איבערגעבן אָט דעם טאָג, וועל איך אים איבערגעבן. אָבער ער מוז זיך פילן מער איבערצייגט, ווי איך.

אַ גאַנץ יאָר האָב איך געקלערט וועגן אָט דעם טאָג.

מיט מיין גאַנצן וועזן האָב איך זיך איינגעלעבט אין אים. קיין זאַך וועט זיך אין מיר קיין וואַקל נישט טון, קיין איין ביטער וועט נישט זיין אין מיר, וואָס זאָל פרעמד זיין דעם טאָג.

— לאָמיר וואַרפן גורל — האָט געזאָגט גאָלדענבערג.

סאָלאָוויאָוו האָט אַ קוק געטון אויף אים.

ער איז צוגעגאַנגען און האָט אים צוויי מאָל אַ קוש געטון אין די ליפּן.

— ברודער — ניין — האָט ער געזאָגט — דו ווייסט אַליין, אַז ניין.

גאָלדענבערג האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ.

— אויב דיר וועט נישט געלונגען — האָט ער געזאָגט — וועל איך גיין נקמה נעמען פאַר דיר.

— מיר האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו — מיר וועלן זיי קיין זאַך נישט טון. ווען ס'איז געגאַנגען אין די אַמאָליקע יאָרן אַ ריטער אין לאַנד פון זיינע שונאים, האָט ער זיך אָפּגעגעבן דעם טויט. ער האָט זיך אַליין מיט דער גאַנצער נשמה געלערנט שטאַרבן אין די לאַנגע איינזאַמע אָוונטן און פרימאָרגנס. און אַ ער איז שוין געווען איינגאַנצן ווי איינגעטונקען אין ד'עם שוואַרצן טייך, איז ער געגאַנגען. ער איז געווען אומבאַרירלעך. ס'האָט אים נישט געקענט דערהרגענען קיינער נישט, קיינער האָט בא אים נישט געקענט צונעמען די פרייהייט. דאָס אַלץ האָט שוין געהאָט אויסגעפירט איבער זיך ער אַליין. און ער האָט געקענט שטיין אין פיין און שפּאָט, ווי אַ גייסט אַ ריינער און רויקער.

מ'האָט זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדערגיין.

קירסאַנאָוו איז צוגעגאַנגען צו סאָלאָוויאָוון און האָט אים אַרומגענומען. מיר האָבן זיך אָפּגערוקט. מיר האָבן געהערט אַ שלוכצן.

קירסאַנאָוו האָט געוויינט.

— ס'איז מיר שווער — האָט ער געזאָגט. אַוועקגיין וועט איר אַזוי אַלע, אַלע וועט איר אַזוי גיין איינער נאָכן אנדערן, און איך וועל דאָ בלייבן אויף אייערע קברים. איבערצייג מיך, אַ איך האָב דאָס רעכט צו שטאַרבן,

— ניין — האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו — דו וועסט לעבן ווייל דו ביסט אַוועק מיט דיינע געדאַנקען איבער אונדז. דו מוזט אויסטראָגן דיין אייגענעם געדאַנק.

— כ'וואָלט געוואלט בעסער גיין מיט דיר.

— כ'ווייס, יורי, דו ביסט אַ שטאַרקער. דו האָסט אַ שטאַרקן און געזונטן געדאַנק. דו וועסט דורכהאַלטן. ס'איז נייטיק, דו זאָלסט זיין, ס'זאָל זיין עמעצער אַ חוץ דער נאַכט איבער די מתים, אַז דער געדאַנק זאָל פאַרבלייבן אין דער טיפעניש און ער זאָל שמידן, אָן אַן אויפהער שמידן.

— און אייער בלוט וועט פליסן אין די גרובן. ס'וועט רופן דאָס בלוט אייערס: דו גראָבסט, דו לעבסט, מוילוורף.

— שטאַרבנדיק וועל איך קלערן: מען שמידט דעם געדאַנק באַהאַלטענערהייט, אונדזער געדאַנק. יורי, זיי דער שמידער פונם אייזערנעם געדאַנק פון די רוסישע פּאָלקסמאַסן. דיר לאָזן מיר איבער אונדזער אָנדענק, ווי אַ האַמער. דעם שטאָלערנעם כוח פון געדאַנקען שמיד אויס טיף אין די שקלאַפערישע נשמות. אַזעלכן שמיד, אַז מ'זאָל אים נישט קענען איינהאַלטן, ווי כוחות, וועלכע אַ מענטש רופט אַרויס זיי זאָלן אים דינען. שמיד דעם שטאַרקן געדאַנק, דעם געדאַנק, וואָס איז דער באַלעבאָס איבער דיר, דעם געדאַנק, וואָס ווערט נישט שוואַך.

— גיב מיר נאָך אַ קוש און זיי מיר מוחל — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו.

— מיר, זיידענמאַנען זיי מוחל. ס'איז אַ שווערע זאַך צו לעבן אויף אַ קבר.

— דאָס דאַרפט איר מיר מוחל זיין — האָט געזאָגט אָליאַ — הערלעכע מענטשן זענט איר, הערלעכע, הערלעכע. כ'האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין.

מיר האָבן געצווונגען סעוויעראָוו און קירסאַנאָוון זיי זאָלן זיך אַרומנעמען. ס'איז געווען אַ הערלעכער מאָמענט,

— ווי דער אַלטער מנהג איז, — האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו — לאָמיר זיך אַנידערזעצן.

מיר האָבן זיך געזעצט שווייגנדיק.

סאָלאָוויאָוו איז אויפגעשטאַנען און האָט, לייכט טרייסלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— אין אייערע הענט גיב איך אָפּ „די ערד און פרייהייט" אַלץ וואָס איך פאַרמאָג אויף דער וועלט.

און ער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען צו יעדן פֿון אונדז, קושנדיק יעדן דריי מאָל.

גאָלדנבערג האָט געשלוכצט אויפֿן קול.

— איך בין אַ קליינער מענטש, אַ שלעכטער מענטש, איך קלער נאָר וועגן מיר שטענדיק, איר דאַרפֿט נישט לעבן מיט מיר.

— כ'וועל מאָרגן טראַכטן וועגן דיר — האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו.

ד ע ר ח ת ן

IX

אין דער פּוילישער געשיכטע איז מיר תּמיד געווען טייער די געשטאַלט פון וואַרנעטשיקן. עד היום הענגט איבער אונדז די געשיכטע ווי אַ קללה. אָבער דריי געשטאַלטן האָב איך ליב: וואַרנעטשיקן — באַטאָרין — זשולקיעווסקין. — אפשר האָב איך אַ טעות און איך פאַרשטיי זיי נישט. אָבער וואַרנעטשיק האָט אין זיך אַ יוגנטלעכקייט, וועלכע גיט זיך איבער דעם טויט און שוועבט אַ הערלעכע, אַן איינגעליבטע אין איר אייביקן בונד מיטן רום. וועגן וואַרנעטשיקן טראַכט איך שטענדיק, ווען כ׳דערמאָן מיך אָן אַלעקסאַנדר סאָלאָוויאָוון.

ער האָט אונדז געבראַכט אויף די פעלדער, וווּ נאָר דער טויט איז באַלעבאָס, ער האָט אונדז געפירט אויפן גרויסן קאַמף פון גייסטער. נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ וואָ ל י אַ, דער ריז, און וועמענס ברוסט עס האָבן געקלאַפּט הונדערטער נישט דערשראָקענע הערצער, וועלכער האָט געקוקט אין דער צוקונפט אַריין מיט פלאַמענדיקע אויגן, וועלכער האָט געטראַכט מיט הונדערט קעפּ, און וועלכע עס זענען נישט געווען קיין פערזענלעכע אויסרעכענונגען. די נאַראָד-

נאיאַ וואַליאַ — וואָס האָט געקעמפּט פאַר דער צוקונפט פון פאָלק, איז געבוירן געוואָרן אין שאָטן פון דער דאָזיקער געשטאַלט.

אַ זילבערנעם ריטער — זע איך אים, ווי ער שטייט אויף דער וואַך פון פינסטערן פּאַלאַץ, וווּ ס׳האָט זיך באַזעצט די אומגערעכטיקייט.

דאָ האָט אים אַוועקגעשטעלט דער געדאַנק.

דער זילבערנער העלד שטייט אויף דער וואַך פון דער צוקונפט.

אויף דער וואַך האָט ער זיך געשטעלט פון דער פינסטערער געשיכטע — ער — דאָס באַוואָפנטע געוויסן.

ס׳וועט שוין קיינער גישט אַרויסגיין פון פינסטערן פּאַלאַץ.

איבערן טראָן שטייט ער, און אונטער אים זיצן, רעגירן — מתים.

ווער וועט בייקומען דער זילבערנעם ריטער?

ער שרעקט זיך נישט פאַר זעלנערישע פּיקעס.

צו זיין האַרץ וועט נישט דערגרייכן דאָס שטאָל, ס׳שיצט אים דאָס שטיינערנע קבר: די פינסטערניש פון קבר האָט איינגעשלונגען דעם גוף: דער זכרון בלויז האָט זיך געשטיצט אויף אַ שווערט.

אָבער אינם פאָלקס־געדאַנק שטייט ער אין גלאַנץ, וועלכער לייכט, ווען ס׳לעשן זיך די זון און די שטערן און ווען ס׳לעבט נאָר בלויז דער רום, וואָס גייט פון דור צו דור. אין זכרון האָט ער אויסגעשמידט די געשטאַלט פון גרויסקייט.

אויפן גרונט פון געוויסנס שטייט ער מיט אַ שמייכל אַן אומבאַזיגטער.

ווו נאָר ס׳וועט אַריינדרינגען אַ געדאַנק, וועט ער אָנהייבן ווייגען און אויפשטיין אַ באַוואָפנטער.

אַזאַ ליכטיקער און גליקלעכער איז ער געווען אין אָט דעם לעצטן אָוונט. ער האָט געוואָלט מ׳זאָל אים קויפן בלומען, מ׳האָט אים דערלאַנגט נעקראַסאָווס לידער. ער האָט געלייענט הויך דאָס

ליד „די מוטער", דערנאָך יענץ צווייטע, דאָס פּיינלעכע, אין וועלכן עס קלאָגט זיך דער פּאָעט און בעט זיך: פּאַרן טראָפּן בלוט, וואָס איך האָב געהאַט בשותּפות מיטן פּאָלק. זיי מיר מוחל, מיין פּאָטערלאַנד, מיין שולד.

מיר זענען געזעסן זאַלבעפינף: אַליאַ, מיכאַילאָוו, איך, ער, גאָלדענבערג.

סאָלאָוויאָוו האָט נישט דערמאַנט וועגן טויט, נישט וועגן מאָרגנדיקן טאָג. ער איז נאָר געווען אַזאַ ליכטיקער, אַז איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ פּראַכטפולע פרייד.

זיין פּנים האָט געלויכטן און געשטראַלט מיט עפּעס אַן איבערלעכער שטילער, אומויפהערלעכער שטאַרקער שיין. די שטים האָט געקלונגען מיט אַזאַ גרויס גליק, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי אַ געזאַנג, ער האָט אַליין געמוזט פילן, אַז עפּעס באַפליגלט יעדן געדאַנק זיינעם.

עס זענען געווען מאָמענטן, ווען עס האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער זיין פּנים עפּעס ווי אַ פאַרוואונדערונג, ווי אַ התפּעלות, אַז אַזאַ שמחה, אַזאַ גליק זאָל גאָר קענען עקזיסטירן.

אַליאַ איז געזעסן לעבן אים. פאַרקוקט אויף אים צוהערנדיק זיך, האָט זי אויסגעזען, ווי זי וואָלט מיט זיך אַליין געפירט אַ שמועס.

זי פלעגט אַליין שפּעטער זאָגן:

ער האָט מיך אַרויפגעפירט אויף אַ שנייאיקן באַרג־שפּיץ, ווו ס'איז געווען אַ שטילקייט, איבערן קאָפּ האָבן געלויכטן גאָלדענע שטערן, באַ די פיס אַ דורכזיכטיקע אָזערע, ווי דער מענטשלעכער געדאַנק; כ'בין געשטאַנען אין אָט דער שטילקייט. און טיף אין האַרץ איז געווען אַ חלום: „דאָס ביסטו". ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז כ'האָב מיך אויג אין אויג געטראָפן אויפן שנייאיקן באַרג־שפּיץ מיט מיין נשמה. און כ'האָב זי געזען, ווי זי זעט אויס, ווי אַזוי זי איז פאַר זיך אַליין. כ'האָב מיך געפרייט, ווי אַ קינד, ווי דער הימל באַם זונאויפגאַנג. איך קען מיך, וואָס איך האָב מיך געזען פאַר דער שעה פון טויט.

— ביז דער לעצטער רגע — האָט ער געזאָגט, — זעט מען דאָס, וואָס מען איז, וואָס מען שאַפֿט, און וואָס וועט עס שוין זיין ..ויף אייביק.

— ווו ?

— אין אָט דעם לעצטן דמיון.

— און שפּעטער, — האָט אַליאַ געפרעגט, — צי קען נישט זיין אויך עפּעס שפּעטער ?

— ס'איז נישטאָ אַזאַ כּוח. וועלכער זאָל זיין אומשטאַנד צו מאַכן, אַז איך זאָל נישט זיין איך. דעריבער ווייס איך נישט און פרעג שוין נישט, וואָס ס'איז שפּעטער. איבעריקנס, איז דען נישט אַלץ איינס, ווי לאַנג דאָס געדויערט. איז דען נישט גענוג צו זען זיך אַזוי, צו זען, ווי מען שטייט אין דעם אמת גופא, ווי ער רינגלט אונדז אַרום מיט שטערן און שטילקייט...

וואָס זענען אַזוינס שטערן, וואָס איז אַזוינס ים... — האָט אַליאַ געטראַכט אויפן קול. דער שטח. צי איז ער נישט אין מיר, אין אונדז. האָט דען נישט געלעבט דער מענטש, וועלכער האָט געקענט פאַרלעשן אָט דעם געדאַנק און צי איז ער דען נישט געשטאַנען אָן אים, איבער אים אין שיין פון עפּעס, וואָס לעבט, ווען ער פאַרלעשט זיך. האָט דען נישט געלעבט און נישט געדענקט קאָנט ? האָט ער דען אונדז נישט געבראַכט די בשורה, אַז ער איז געוווען אויפן איינזאַמען שפּיץ־באַרג פון דער נשמה ? דאָרט ווו זי קוקט אַריין אין זיך אַליין, קען זיך.

— כ'ווייס נישט, — האָט געזאָגט סאָלאָוויאָוו, — כ'בין נישט קיין פילאָזאָף.

— איך מיין, — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו, — אַז ס'רינגלט אונדז אַרום אַן אומענדלעכע וועלט, אַז דער מענטש וועקט זיך כסדר: גייט ווידער אויף אַ נייער שלאַכט און קאַמף.

דאָס, וואָס איך בין, וועט מיר קיינער נישט צונעמען. כ'גיי אויפן טויט, אַזוי ווי כ'גיי אַריין באַנאַכט אין וואַלד. די לבנה זילבערט זיך ווי נאָדלביימער. די ביימער פליסטערן, ס'ציטערן די בלעטער.

ווער ביסטו, ווער ביסטו!
שאָטנס לויפן איבער די שטאַמען.
איך גיי.
ס'פאַלן בלעטער פון דיביימער.
כ'גיי, כ'גיי אין דער ליכטיקייט, וועלכע ציטערט.
די ביימער וועלן פליסטערן און פרעגן.

ווער ס'האָט פאַר דער אייגענער נשמה נישט קיין מורא, האָט פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא. נאָר דער ציטערט, ווער ס'זעט באַ זיך טיף אין האַרץ עפּעס אַזוינס, וואָס קוקט אים אין די אויגן אַריין מיט שפּאָט: און מיך קענסטו נישט... איך בין דו. איך וועל שוין נישט באַגעגענען קיין שפּאָטנדיק פּנים. די גאַנצע נשמה האָב איך אין זיך: פאַר מיר איז די וועלט, און איך וועל גיין אַזוי לאַנג ביז וואַנען ס'וועט זיך נישט ענדיקן מיין א י ך.

צי דאָ, צי דאָרט לעשן זיך די שטערן — דאָס איז אַלץ איינס. ביזן סוף וועל איך זיין א י ך, כ'וועל מ י ך האָבן, און אויב ס'וועט זיך אָנהייבן אַ גרויסער שאָטן — וועט דער שווייגנ-דיקער וואַלד צוטוליען דעם ריטער, דער שווייגנדיקער וואַלד. דער גרויסער שאָטן פון שטילקייט, די זון שלאָגט מיט איר שיין אין פאַנצער, דער ריטער שלאָפט, ס'וועט אים נישט אויפוועקן דער שלאָף, ס'וועט נישט אויפוועקן דער זוניקער טאָג דעם רי-טער; ס'וועט אים נישט אויפוועקן די שטילקייט און די נאַכט, קיינער וועט נישט רירן פון אָרט די זילבערנע שפּיז, ס'האָט זי אויסגעשמידט די קראַפט פון דער אייגענער נשמה.

ווער עס שטאַרבט אַזוי, ווי דער וואַלט געוואָלט צונויפגע-וואַקסן איינעם מיט דער נשמה; ווער עס לעבט אַזוי אַליין איבער אַלץ, דער ווייסט שוין נישט וואָס ס'איז אַזוינס לעבן און טויט.

דעם לאַזונג ווערסטו געבן — דו, וועלכער גייט.

כּל זמן איך לעב וועל איך נישט איינבייגן מיין פאַנצער-הוט, ס'גלאַנצט מיין וואָפן אין דער שטילקייט, ווי אַ באַרג-שפּיץ, ווען ער שפּיגלט זיך אין אַן אָזערע. ווו בין איך דער אמתער:

דאָ צי דאָרט? דאָ און דאָרט איז שטילקייט. איך ווייס נישט,
ווי מען קען גלייבן אין טויט. עס איז נישטאָ קיין טויט.
ס'איז דאָ דער אייביקער איד.

„אומזיסט קלאַפט די שטילקייט אין פאַנצער,
ער וועט נישט אָפּקלינגען.
ס'וועט נישט אויפוועקן דעם ריטער
אַפילו דער טויט.
ער גייט אריין אין דער שטילקייט
פון אייביקן וואַלד.
ס'פאַלט קיין בלאַט פון אַ בוים נישט,
ס'וועקט אים נישט קיין גערויש,
ס'וועקט אים נישט אויף דאָס געזאַנג
פון די פרימאָרגן-פייגל.

אַפילו נישט די שטילקייט, וואָס ליגט אויפן גרונט.
די וואַלד-רוחות גייען ארום
מיט לייכטע טריט איבערן מאָך.
טויען רוישן. זיי בעטן זיך עפּעס.
מיר איז פרעמד ליבע און שרעק.

זאָג אַ וואָרט, די נשמה זאָל דיך קענען,
בלויז דאָס וואָרט האָט די קראַפט צו צעטרעטן
דעם פאַנצער, געשמידט
פון געדאַנק.

דער טויט איז דאָ געווען באַ דער אַרבעט,
געשמידט אַ פאַנצער נישט פון זילבער, נישט פון גאָלד,
געשמידט מיטן האַמער אין מענטשלעכן געוויסן,

שטילע שטערן הזבן געקוקט פון הימל,
די בארג-שפּיצן האָבן זיך אין שטילקייט באַהאַלטן".

אַרום האַלבע נאַכט האָבן מיר זיך צעשיידט.

סאַלאָוויאָוו האָט געמוזט פאַרנעמען זיין דירה אין האָטעל, פון וועלכן ער האָט געזאָלט אַרויסגיין מאָרגן. טרעפן זיך מיט אים האָבן מיר געזאָלט אויפן פלאַץ. ריכטיקער, האָבן מיר בלויז געזאָלט זיין אין רעזערוו, אויפן יעדן פאַל, אויב ס'וואָלט מעגלעך געווען צו אַנטלויפן. אָבער וועגן דעם איז שווער געווען אַפילו צו קלערן. דער קייזער פלעגט אַרויסגיין אויף זיין אינדער-פריערדיקן שפּאַציר, אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער סטאַדע שפּיאָנען און איבערגעטועטע פּאָליציאַנטן — מיר האָבן גערעדט — איך און אָליאַ ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אויפן אַנדערן טאָג אינדערפרי בין איך געווען אויפן פלאַץ. כ'האָב געזען, ווי דער קייזער איז אַרויס אין אַן אָפיציר-שינעל. ס'איז געווען אַ העלער פרילינגס-פרימאָרגן. אין אָנהייב האָב איך אין ערגעץ נישט געזען סאַלאָוויאָוון.

פּלוצלינג האָב איך אים דערזען.

ער איז געגאַנגען אַנטקעגן דעם קייזער. כ'האָב געזען, ווי אַלעקסאַנדער דער II-טער האָט אויפגעהויבן די האַנט.

ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס.

דער קייזער איז געלאָפן צום פלאַץ אין אַ געבויגענער, זיג-זאַגיקער ליניע, וועלנדיק אַזוי מטרעפלעכער מאַכן די שאָסן.

סאַלאָוויאָוו האָט אויסגעשאָסן אַ צווייט און אַ דריט מאָל.

אַלעקסאַנדער איז אומגעפאַלן און געקראָכן אויף אַלע פיר.

סאַלאָוויאָוון האָט אַרומגערינגלט אַ גאַנצע כמארע מענטשן. ער איז אונדז בעלם געוואָרן פון די אויגן, צעהאַקט-צעשלייערט גע-וואָרן אויף דר'ערד.

ווען כ'בין געקומען אַהיים און דערציילט אָליען — איז זי בלאַס געוואָרן פונם געדאַנק, אַז ער איז אין זייערע הענט.

— פאַרוואָס-זשע האָט ער נישט דערהרגעט זיך אַליין. דאָס

איז שרעקלעך, וואָס זיי האָבן אים אין זייערע נידערטרעכטיקע בלוטזייגערישע קלאָען.

און דאָס איז טאַקע געווען שרעקלעך.

ס'איז שווער געווען זיך איינצולעבן מיטן געדאַנק, אַז אָט די פֿײַנע נשמה מוז אירע לעצטע טעג אָפּלעבן אין אַ סביבה פֿון חילדרויבערישער נידערטרעכטיקייט.

מיר האָבן אָפּגעדרוקט אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע מיט אַן ערקלערונג, וועלכע האָט געהאַט פֿאָלגנדיקן אינהאַלט.

„ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז קאַראַקאָזאָוון האָט מען געפּייניקט בשעת דער אויספֿאָרשונג. אויב עמעצן וואָלט איינגעפֿאַלן דאָס זעלבע צו טון מיט סאָלאָוויאָוון, זאָל ער געדענקען, אַז מיר וועלן באַווייזן צוצוקומען צו אים און אים פֿאַרמשפּטן, אַז מיט זיין נידערטרעכטיקייט וועט ער זיך אַליין פֿאַרמשפּטן אויף אַ זיכערן טויט.“

— נישט מער ווי דאָס קענען מיר טון פֿאַר אים, — האָב איך געזאָגט צו אַליען.

— און וואָס וועט זיין מיט זיין געדאַנק, — האָט אַליאַ געפֿרעגט.

— אַלעקסאַנדער דער II-טער וועט אומקומען — האָט ערנסט געזאָגט מיכאַילאָוו.

ה ע ק א ט ע

X

אין אַ צען טעג אַרום נאָכן קאַמף צווישן סאָלאָוויאָוון מיט אַלעקסאַנדער דעם II-טן איז געקומען צו אונדז אין ווינוצע אַריין ציפּריאַנאָוו.

מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, ווען מיר האָבן אים דערזען.

ער איז געזעסן אין דער קיעווער תּפיסה, און זיין עבין האָט בעזאָלט זיין זייער ערנסט. אין דרום פּלעגט ערנסט זיין יעדער עבין.

דער גורל פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט זיך געפונען אין די הענט פון סטרעלניקאָוון — אַ מיליטערישן פּראָקוראָר.

ווען מיין שוועסטער איז געווען בא אים מיט עפּעס אַ בקשה, האָט ציפּריאַנאָוו דערציילט, האָט ער איר געוויזן, ווי אַזוי איך וועל כריפּען און אַרויסשטעקן די צונג אויף דער תּליה. ב'זאָג אייך פּינקטלעך, ווי אַזוי דאָס איז געווען: ער האָט אין אויפנאַמס-זאַל אין קעגנוואַרט פון צוואַנציק פּערזאָן, וואָס אַ העלפּט

פון זיי האָבן געהאַט זין אָדער ברידער אין דער תפיסה, אַרעס־טירטע פאַר פּאָליטישע ענינים, נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי עס כאָרכלט דער גוסס, ווען ס׳שטיקט אים די פּעטלע און ווי אַזוי ס׳רוקט זיך אַרויס די צונג באַם דערשטיקטן פון מויל.

ער האָט, איבעריקנס, נישט געדאַרפט אונדז באַזונדער וועגן דעם פאַרזיכערן.

סטרעלניקאָוו איז געווען באַוווסט אומעטום.

יעדע טעטיקייט שאַפט אירע פּאָעטן און קינסטלער, וועלכע פירן זי דורך מיט ליבע און התלהבות. סטרעלניקאָוו איז געווען אַ פּאָעט אין הלכות קאַט. פילן זיין מאַכט איבער הערצער, קוקן אין פּנימער, וועלכע ווערן בלאַס פאַר יסורים און יאוש — דאָס איז געווען זיין ספּאָרט און זיין פאַרגעניגן.

ער איז נישט געווען קיין מאָנסטרום.

אין די באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געלעבט, אין די באַדינגונגען, אין וועלכע די אכזריותן, סיסטעמאַטישע און אַבסאָ־לוטע אין דער באַציִונג צו די אַזוי גערופענע פּאָליטישע פאַר־ברעכער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ וועג צו אַ קאַריערע, מוזן אַנטשטיין אַזעלכע מענטשן ווי סטרעלניקאָוו. יעדער מענטש מוז אויף אַ וואָסערן נישט איז אופן באַפרידיקן די באַדערפענישן פון זיין שטאָלץ און אייגנליבע.

ווען סטרעלניקאָוו האָט נאָכגעמאַכט פאַר דער שוועסטער פון אַרעסטאַנט, ווי אַזוי ס׳וועט כאָרכלען און זיך קרימען דאָס פּנים פון אָט דעם אַרעסטאַנט, ווען ער וועט אויסגיין — האָט ער זיך אוודאי אין דעם מאָמענט געפילט צום מינדסטן אַ״ס אַ מענטש. ער האָט זיך שטאַרק געקוויקט מיט אָט דער טעטיקייט זיינער, ער פלעגט זיך שוין נישט באַגרענעצן מיטן אויספירן בלויזע טרוקענע פונקציעס, וועלכע דאָס געזעץ שרייבט פאָר; ער פלעגט שאַפן. סטרעלניקאָוו פלעגט משוגע ווערן, ער האָט איבערגעלעבט זיין לירישע תקופה דאָרט אין דרום.

ער פלעגט הענגען מענטשן, קעגן וועלכע ער האָט נישט געהאַט קיין שום ערנסטערע און באַשטעטיקטע מאָטיוון פון באַ־שולדיקונג.

מען האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך געוועט אין אָפיצירישן קלוב מיטן דאָרטיקן גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַז ער וועט באַקומען דעם טויט-אורטייל אויף ליזאָגובן און אַז ער וועט באַלד דעם אורטייל אויספירן.

— אויב איר וועט קינגען אַזאַ אורטייל אַרויסטראָגן, אויב איר וועט געפינען אַזאַ געריכט, וואָס וועט אים פאַרמשפּטן, וועל איך אים נישט באַגנעדיקן, — האָט געזאָגט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר.

— האָב איך אייער וואָרט? — האָט געפרעגט סטרעלניקאָוו.

— מיין וואָרט.

ליזאָגובס איינציקער חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיין גאַנץ באַדייטנדיק פאַרמעגן אָוועקגעגעבן אויף רעוואָלוציאָנערע צוועקן. ער האָט עס נאָך נישט באַוויזן אַפילו איבערצוגעבן, ווייל ער האָט עס נישט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן. זיין אייגענער אַדמיניסטראַטאָר דריגאָ האָט אים געמסרט. קיין שום אַנדערע באַשולדיקונגען קעגן ליזאָגובן זענען נישט געווען אַ חוץ איינער אַפשר.

דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַזאַ מאַכט און ריינקייט פון כאַראַקטער, אַז דאָס האָט געמוזט דערשרעקן די אויספאָרשונגס-מאַכט.

— ער איז פונקט ווי כריסטאָס, — האָט געזאָגט סטרעלניקאָוו. די רעוואָלוציע טאָר נישט האָבן כריסטאָסן, דאָס איז צו געפערלעך.

ליזאָגוב איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

מיכאַילאָוו האָט געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש, ער האָט געוויינט, ווען ער האָט געהערט די דערציילונג.

און דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט:

מען האָט ליזאָגובן אויפגעהאָנגען.

אָבער סטרעלניקאָוון האָט מען איבערגעשטיגן.

אמת, ער האָט אויפגעהאָנגען ליזאָגובן, אָבער די דריטע אָפּ-

טיילונג האָט אויפגעהאָנגען דריגאָן. דריגאָן האָט מען געהאַט צוגעזאָגט אַ לוין פאַר דער מסירה. אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן איז ער אָבער געפערלעך געווען פאַר דער פּאָליציי, און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר האָבן באַציִונגען מיט די רעוואָלוציאָנערן.

— ליזאָגוב! ליזאָגוב! — האָט מיכאַילאָוו איבערגעחזרט — דער מענטש פּלעגט זיך נישט קויפן קיין מאַנטל, האָט נישט געהייצט דעם אויוון, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רייכערן, פּלעגט פאָרן אין עפּעס אַן אַלטן ראָק, כדי נישט צו פאַרנוצן קיין גראָשן פאַר זיך. ער האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער באַוועגונג, כדי די רעגירונג זאָל נישט האָבן קיין תירוץ אויף צו קאָנפיסקירן זיין פאַרמעגן, אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגן זאָל קענען גיין לטובת דער זאַך. ער האָט געמיינט, אַז זיי וועלן דאַרפן האָבן עפּעס באַווייזן, אַז זיי וועלן זיך מיט אונדז אין יורידישע צערעמאָניעס שפּילן. ער האָט נישט געוווסט, אַז אונדז מעג מען הרגענען, ווי אַזוי מען וויל און ווען מען וויל.

— מ׳דאַרף אפילו נישט קיין צייגניש, אַז מ׳קען אויפהענגען — האָט ציפּריאַנאָוו דערציילט. — דער קאַט, וועלכער האָט געהאָנגען אָשינסקין, האָט דאָס געטון דאָס ערשטע מאָל, און ער האָט צוויי מאָל פאַרוואָרפן די פּעטלע. אָשינסקי האָט זיך נאָך געקאָרטשעט אַ שעה נאָכן הענגען. דער זשאַנדאַרמישער גענעראַל האָט באַוויליקט אומרויִק צו זיין.

וואָס זאָל דאָס באַטייטן, וואָס דער שונא פון פּאָטערלאַנד האָט אַזאַ האַרט לעבן און ער האָט דעם קאַט אַ פּאַטש דערלאַנגט, אָבער יענער — אַ פּשוטער בשר־ודם — האָט געזאָגט:

— ער וועט סיי ווי שטאַרבן, הער גענעראַל. ער וועט סיי ווי שטאַרבן.

— מיר וועלן סיי־ווי־סיי שטאַרבן. אָט דעם דאָזיקן סיי־ווי־סיי דאַרף דער הער סטרעלניקאָוו מאַכן פאַר אַ motto פון זיינע זכרונות, אויב ער שרייבט זיי.

אָשינסקי איז געווען אונדזער ליבלינג.

שיין, פול התפעלות, האָט ער צוגעשמידט צו זיך הערצער

און מוחות. דאָס איז געווען איינער פון די מענטשן, וועלכע מאַכן מיט זייער געשטאַלט שוין אַליין, מיט זייערע באַוועגונגען, מיט דער שטימע אַן אויסגעוויינלעכן רושם.

דער מוח זיינער האָט אומאויפהערלעך געאַרבעט, דער ווילן איז קיינמאָל נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אָשינסקי איז אין יענע צייט געווען איינער פון די אַקטיוויס-טע געשטאַלטן אין דער באַוועגונג.

בשעתן פּראָצעס פון 193 איז ער אַנטגילטיק רייף געוואָרן, און פון דאַמאָלס אָן איז זיין לעבן געוואָרן אַ סיסטעמאַטישער קאַמף מיטן צאַראַט. ער איז דער ערשטער אפשר אַוועק באַוווסט-זיניק אויף די וועגן פון אומרחמניותדיקן סיסטעמאַטישן קאַמף מיט דער אונטערדריקונג.

ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן סיסטעמאַטיזירן די דערשיינונג פון דער קריגערישער שטימונג, וועלכע האָט זיך אָנ-געהויבן וועקן, ער פלעגט שאַפן פאַר איר ברייטערע און טיפערע אידעאַלישע יסודות און האָט קודם-כל געשאַפן דעם כאַראַקטער פון שטענדיקער געפּלאַנטער טעטיקייט אין דער באַוועגונג, מאַכנ-דיק פון דעם קאַמף אַן אָביעקט פון זיין אייגענעם ווילן, וועלכער ווייסט נישט פון קיין מידקייט. אזעלכער איז ער געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן, אַן אייביק פרישער, פול מיט איינפאַלן, אַן אום-דערמידלעכער. ער האָט געקענט נישט שלאָפן אפילו זיבן נעכט נאָכאַנאַנד, און מען האָט נישט געקענט באַמערקן אין אים קיין מידקייט. עס האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַט דאָס יונגע לעבן איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

ציפּריאַנאָוו האָט דערציילט:

— ווי לאַנג איך וועל לעבן — וועל איך נישט פאַרגעסן אַט די נאַכט.

עס איז געווען אַזוי וואַרעם, ווי אין מאַי. אַ נאַכטיגאַל האָט ערגעץ געזונגען זייער נאָענט פון דער תפיסה, דורכן פענסטער אין אריינגעדרונגען אַ ווייכע וואַרעמע לופט, דופּטיק ווי אַ טרוים.

עס האָט זיך געאָטעמט מאָדנע זיס און לייכט.

איך בין געלעגן אין מיין קאַמער און האָב געוואָלט פאַר-

געסן, אַז דאָרט אין צווייטן עק וואַרטן זיי זאַלבעפערט אויפן טויט, אַז דאָס פּליסן זייערע לעצטע ווײַלעס, און דערנאָך וועט זיי אַרומנעמען די נאַכט.

כ׳האָב געקוקט אין די שטערן און זיך אײַנגעהערט אין געזאַנג פון נאַכטיגאַל, און כ׳האָב געטראַכט, ווי גוט דאָס וואָלט געווען צו שווימען אין אַ שיפל איבערן ברייטן גרויסן דניעפּר.

און פּלוצלינג איז אין דער שטילקייט אַרײַנגעפאַלן אַ שטימע:

— וואַלעריאַן!

דאָס האָט סאָפיאַ גערופן — און אין אַ ווײַלע אַרום האָט איר געענטפערט זיין שטימע:

— סאָניאַ!

אַזוי האָבן זיי גערעדט איינער מיטן אַנדערן אין די לעצטע נעכט.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן גערופן איינער דעם אַנדערן די שטימע: זיי האָבן גערעדט איינער צו דער אַנדערער: מיר לעבן נאָך, מיר לעבן, מיר קענען נאָך רעדן, מיר פאַרשטיין נאָך איינער דעם אַנדערן.

— וואַלעריאַן — האָט זי גערופן — און דאָס האָט געהייסן: שטאַרבן! דו וועסט שטאַרבן, וועסט שטאַרבן, וועסט שטאַרבן! דיך קען מען דערהר׳גענען!

און זיין ענטפער: סאָניאַ, האָט געקלונגען ווי: האַלט דיך בלייב געזונט, איך גיי.

קיינער האָט נישט געקלערט וועגן שלאָף אין יענער נאַכט אין דער גאַנצער תּפיסה.

און די צייט איז געפלאָסן מיט עפּעס אַ שרעקלעכער שנעלקייט.

די שטימען האָבן אַלץ גערופן.

— וואַלעריאַן! — האָט זי אויסגערופן מיט שרעקלעכן יאוש.

און ער פלעגט ענטפערן ווייך, שטיל:

— סאָניאַ.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט.

מ'האָט געעפנט די קאַמער.

— נישט אַרויסגיין פון די קאַמערן, שטיין בײַ דער טיר — האָט זיך דערהערט אַ באַפעל.

און זיי האָט מען געפירט דורך אונדזער קאָרידאָר צווישן צוויי שורות זעלנער.

ווען זיי זענען געשטאַנען פאַר סאָניעס קאַמער, איז זי אַרויסגעגאַנגען און האָט מיט אַ שערעלע אָפּגעשוירן אַ זשמוך האָר פון איינעם, דעם צווייטן, דריטן, פערטן קאָפּ.

איך האָב געקוקט אויפן פּנים פון דעם זעלנער, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר. עס זענען געפלאָסן דעריבער טרערן.

— אין די קאַמערן האָט זיך דערהערט אַ שלוכצן.

מען האָט זיי אַרויסגעפירט.

עס האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ טראַסק די טיר.

סאָניע האָט געחלשט.

מיכאַילאָוו האָט זיך אויפגעהויבן.

ס'וועט שוין גישט דורכפליסן אומבאַשטראָפט קיין איין טראָפּן בלוט. נישט מיר האָבן געוואָלט אַרויסרופן אָט דעם קאַמף. דאָס בלוט האָט אַרויסגערופן פון אונטער דר'ערד די פינסטערע געטער פון שטראָף, פון נקמה. מיר וועלן שאַפן אַ כּוח, פאַר וועלכן ס'וועט ציטערן די געוואַלט. רעכץ און געדאַנקען וועלן אויך אין רוסלאַנד האָבן אַ שווערט. אַ שווערט, וואָס וועט שלאָגן איבער די גרעסטע קעפּ.

דאַמאָלס האָט אונדז ציפּריאַנאָוו געגעבן איבערצולייענען אָשינסקיס לעצטן בריוו, אין וועלכן ער האָט אונדז באַשווירן, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין תּל פון אונדזערע כּוחות, אַז מיר זאָלן פּלענער באַטראַכטן ווי ווייט מעגלעך ניכטער, אַז מיר זאָלן שאַפן אַן אָרגאַניזירטן רעוואָלוציאָנערן כּוח.

אָליאַ איז געווען אַ בלאַסע.

ווען מיר זענען געבליבן אַליין, איז זי צוגעגאַנגען צו מיר:

— סאָלאָוויאָוון האָט מען אַ וואָרף געטון אויף די שטיי-

גער, מען האָט אים געשלאָגן מיט די פויסט און מיט די פיס איבערן קאָפּ, איבערן פּנים. מישוק, דאָס קען מען נישט אַריבער־טראָגן. מען קען נישט אַריבערטראָגן, מען זאָל אַזוי טרעטן מענטשן. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעבויגן צו מיר אויפן האַרץ און געזאָגט: געדענק, מיך וועלן זיי נישט נעמען לעבעדיקערהייט.

דער טויט באַם רודער

XI

כ׳בין אָנגעקומען קיין פּעטערבורג אינגאַנצן דערשעפּט. די צוויישאָכעדיקע אַרבעט באַם אונטערגראָבן, אומויפהערלעכע גער־ווזע אָנשטרענגונג, ענדלעך די לעצטע שעהן פון דערוואַרטונג, דער מאָמענט פון שרעקלעכער אויפטרייסלונג, ווען ס׳האָט אונדז פאַרטויבט דער קנאַל, שפּעטער דאָס אַנטלויפן, דאָס אַלץ האָט מיך אַרייגעבראַכט אין אַ באַרוישטן צושטאַנד. כ׳האָב נישט איינמאָל געהאַט דעם איינדרוק, אַז מ׳קען אין דער אייגענער נשמה פאַר־בלאָנדזשען.

עפּעס אַזויגס, וואָס לאָזט זיך נישט באַמערקן, עפּעס אַ מאָמענ־טאַלער איינדרוק, אַ שיין פון דער זון, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף אַ ספּעציעלן אופן, אַ ריח, עפּעס אַ נאָטקע פון אַ לידל רופן אַרויס די דערנערונג פון אַ לאַנג פאַרלוירענעם מאָמענט און מאַכן, אַז ער זאָל אויפלעבן פאַר אונדז. די קעגנוואַרט ווערט פאַר־שווינדן, ריכטיקער בעזאָגט, יענער מאָמענט ווערט די קעגנ־וואַרט.

יעצט האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז כ׳בין ווידער

איבער פעלדער פון יענעם וואַלד, וווּ ס'ליגט אַ רויב פאַר די קראָען — אַדאַש. כ'גיי און וועל ווידער אַנקלאַפּן אין אונדזער פענסטער, ס'וועט מיר עפענען אַזאַ נאַנט און אַזאַ מערקווירדיק ווייט מיידל. כוועל ווידער דערהערן טריט, וועלכע כ'וואָלט דערקענט צווישן טויזנט. ס'גייען צו מיר די אויגן, די אַלטע, קלוגע, בענקענדיקע, שטאָלצע אויגן, וועלכע ווילן נישט ווייגען.

כ'האָב באַשלאָסן, אַז כ'מוז דאָרט אַהינפאָרן.

זאָל ער זיך דערפרייען דער אַלטעטשקער.

אָליאַ וועט זען דער מוטערס קבר.

כ'האָב געטראַכט, צי זי וועט קענען, צי זי וועט וועלן פאָרן. מ'וועט איר דאַרפן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אויף אַ געוויסער צייט די דרוקעריי. זי איז שוין נישט אַרויס אין גאַס אוודאי דעם זיבעטן חודש. כ'בין אַרויסגעשפּרונגען פון טראַמוואַי און געקויפט אַ בינטל נאַרציזן און פיילכען. כ'האָב מיך קיינמאָל נישט געקענט אויף קיין בלומען און כ'פלעג מיך שטענדיק טועה זיין אין זייערע נעמען.

נאָך איינע, נאָך די צווייטע גאַס כ'האָב מיך דערמאָנט אָן מיכאַילאָוון און באַשלאָסן אים צוליב צו טון. כ'בין אַריבער אויף דער אַנדערער זייט זען, צי די פאָרהאַנג איז אויפגעהויבן אין דריטן פענסטער אַלס אַ סימן.

— אַלץ איז אין אָרדנונג.

פּלוצלינג האָב איך דערפילט, אַז די פיס וואַקלען זיך אונטער מיר: אין די פענסטער זענען אויסגעהאַקט געווען די שויבן און זיי האָבן אויסגעזען אַזעלכע שרעקלעכע, שוואַרצע, צעבראָכענע.

„איצט דאַרף מען נישט דורכפאַלן, האָב איך געטראַכט אינסטינקטיוו אָליאַ וועט מיך דאַרפן. כ'טאָר נישט דורכפאַלן“.

כ'האָב אַרויסגענומען דאָס בינטעלע פיילכען און עס אָנגעהויבן אַריינשטעקן אין לאַץ אַריין.

ס'האַרץ האָט געגאָגט.

כ'האָב דערפֿילט אויף זיך עמעצנס אַ בליק אַן עקלהאַפֿטער בליק פֿון אַ שפּיאָן.

איך האָב געזען, אַז ער קוקט אויף מיר ווי מיט אומצו־טרוי. איך בין פֿאַרבייגעגאַנגען לעבן אים מיט אַ לייכטן שמייכל. כ'האָב געמוזט אָפּגיין אַ פֿינפֿהונדערט טריט.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט הינטער זיך טריט. איך האָב מיך געמאַכט, ווי איך פֿאַריכט מיר כּלומרשט עפּעס באַם שיך און איך האָב מיך אומגעדרייט. דער שפּיאָן איז מיר נאָכגעגאַנגען, קוקנדיק אויפֿן אַנדערן טראָטואַר; אויף יענער זייט איז געגאַנ־גען אַראָן פֿאָגעל, וועלכן איך האָב שוין צו גוט געקענט.

דאָס איז שוין געווען כּמעט אַן אַבלאַווע.

איך וועל מיך נישט לאָזן, איך וועל מיך נישט לאָזן, האָב איך מיך געעקשנט, באַשלאָסן זיך צו פֿאַרטיידיקן. אַליאַ דאַרף מיך איצט האָבן.

כ'האָב מיך באַמיט צו גיין, נישט איבעריק געאײַלט זיך. איך האָב נישט געטראָפֿן קיין איין דראָזשקע — ענדלעך האָב איך אויפֿן ראָג באַמערקט אַ טראַמוויי. כ'האָב מיך אַרײַנגעכאַפּט, כ'האָב אָבער באַמערקט, אַז אַראָן האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט פֿון דער אַנ־דערער זייט.

מיר זענען געשטאַנען אויף צוויי אַנטקעגנדיקע פּלאַט־פֿאָרמעס.

כ'האָב געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט.

פּלוצלינג האָב איך אויפֿן טראָטואַר באַמערקט מיכאַי־לאָוון.

כ'בין געווען אַ געראַטעוועטער.

מיכאַילאָוו וועט מיר העלפֿן צו פֿאַרווישן די טריט.

כ'בין אַרויסגעשפּרונגען.

כ'האָב נישט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן, וואָס ס'איז מיט אַראָנען. כ'האָב דעריאָגט מיכאַילאָוון און, נישט אָפּש־על־דיק זיך, אים אַ שעפּטשע געטון:

— מ׳יאָגט מיך.

מיכאַילאָוו האָט אין איין אָטעם געזאָגט:

גיי אַריין אין נר. 73 — דאָרט איז דאָ אַ צווייטער אַרויס-גאַנג. וועסט אַרויסגיין אויף פּאָנטאַנקאַ נר. 11. דאָרט זענען אויך דאָ צוויי אַרויסגענג. אויפן הויף וועל איך דיך באַגעגענען.

אין עטלעכע מינוט איז אַלץ געטון געוואָרן.

מיכאַילאָוו איז געשטאַנען מאָדנע בלאַס.

ווען איך האָב דערזען אַט די בלאַסקייט, האָבן די פיס אָנגעהויבן ציטערן אונטער מיר. דאָס האַרץ האָט זיך געקאָרשטעט, זאָל ער גאָרנישט רעדן.

— קום — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט.

איך האָב אים נישט געזאָגט, אַז איך בין דאָרט געווען, אָבער איך האָב געזען, אַז ער קוקט אויף מיר מיט עפּעס אַן אימה.

— געראַטעוועט — האָב איך געזאָגט.

— דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו.

ווען מיר זענען אַריינגעגאַנגען, האָט מיר געעפנט וואָלטשאָק. ווען זי האָט מיך באַמערקט, איז זי שטיין געבליבן אַ פאַרשטיינערטע. פּלוצלונג האָט דער קין בײַ איר אָנגעהויבן ציטערן. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך דערהערט אַ געוויין — וויעראַ האָט געשלוכצט.

— וואָלטשאָק! — האָט מיכאַילאָוו אַ געשריי געטון.

איך האָב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט — כ׳האָב געשוויגן.

מיכאַילאָוו האָט מיר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

— מישוק, ברודער...

— זי לעבט שוין נישט? — האָב איך געפרעגט.

ס׳איז אַריבער אַ לאַנגע ווײַלע, איידער איך האָב דערהערט: ניין.

כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט.

איך האָב אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פינגער איבערן טיש.

— מישוק — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט — טייערער ברו־דער מיינער, עס איז דאָך אַזוי בעסער, בעסער, ווי לאַנגע יאָרן צו מאַטערן זיך אין דער תפיסה.

מ'האָט די דרוקערײ געגומען באַנאַכט, די חברים האָבן גע־שטעלט אַ ווידערשטאַנד. מ'האָט אָנגעהויבן שיסן אין דער טיר. איין קויל האָט געטראָפן אַליען. זיי האָבן זי אַוועקגעלייגט אין לעצטן צימער און האָבן זיך ווייטער פאַרטיידיקט. ס'איז אומגע־קומען זשעמטשוזשניקאָוו, ס'איז אומגעקומען ליבאַ קאָכאַנאָוויטש, בײַ דער טיר פון אַליעס צימער האָט מען דערשאָסן מיטיען, ער האָט פאַרטיידיקט דעם אַרײַנגאַנג, אַנטגייענדיק אין בלוט. שוין טויט פאַרווונדעט, האָט ער דערהרגעט אַן אָפיציר, האָט אים אַרויסגעריסן די שווערט און זיך פאַרטיידיקט, ביז מען האָט אים נישט דערשאָסן. מען האָט אַליען גענומען אין אַן אומבאַסטזיניקן צושטאַנד.

זי איז געשטאָרבן אין דרײַ טעג אַרום אין שפּיטאָל פון דער תפיסה.

כ'בין געזעסן אומבאַוועגלעך, געקוקט פאַר זיך און קיין זאַך נישט געזען.

דאָס האַרץ איז אַוועק אויף שנייִקע, ווײַטע פעלדער. די געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן ווי פייגל און זענען געפאַלן אויפן שניי מיט פאַרפרוירענע פליגל. ס'איז דאָך מיר נישט פרעמד גע־ווען דער דאָזיקער מאָמענט. די געדאַנקען האָבן אים געקענט און נישט איינמאָל געוויגן זיין לאַכט, זיי האָבן מיט דער קאַלטער שאַרף פון ווייטיק געזוכט דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ. כ'האָב דאָך גע־קענט דעם מאָמענט, ווען כ'וועל דערהערן, אַז ס'איז שוין אַריבער דאָס לעבן, ס'האָט זיך שוין געענדיקט, ס'האָט אויסגעוועבט זײַנע פעדעם די אַלטע פאַרקאַ דערלאַנגט מיר אין דער האַנט אַריין דאָס קנײַלעכל: ענדיק אַליין. דער טויט שניידט מײַנע פעלדער. ס'פאַרשפּרייט זיך די איינזאַמקייט און קעלט, כ'וועל בלײַבן איי־נער אַליין אונטער די שטערן.

כ'האָב אַ קוק געטון אויף מיכאַילאָוון און געזאָגט:

— ניין, אַלטער פריינט, מ'דאַרף דאָס אונדזעריקע דער־לעבן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט, ווען דער טויט איז געווען די שטענדיקע אַטמאָספער, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט. כ'האָב געקוקט לעבעדיקע מענטשן אין די אויגן אַריין און געוווּסט, אַז זיי וועלן פאַלן. כ'האָב געטראַכט: דאָס וועט דאָך אַלץ אומקומען. יעדער מענטש, זאָל ער נאָר באַטראַכטן זיך אַליין מיט זיינע געדאַנקען, ליגט ער דען שוין נישט אין קבר און בלויז זיין שאָטן נאָר דרייט זיך אַרום איבער דער וועלט. ס'פלעגט אָפּט אַריינקומען צו מיר זעלמאַן, און מיר פלעגן אָפּזיצן אָפּטמאָל רעדנדיק אָדער שווייגנדיק איינער לעבן אַנדערן גאַנצע נעכט.

אַ זילבערנע ליכטיקייט האָט אָנגעפילט די גאַסן. דער טומל פלעגט אויפהערן. נישט קוקנדיק אויף מיכאַילאָווס וואַרענען פלעגן מיר גיין איבער דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט. און אַזוי גייענדיק צווישן די שווייגנדיקע הייזער אין אָט דער שטיינערנער שטילקייט האָבן מיר געטרוימט, אַז ס'גייט אונדז נאָך דער טויט און דער משפט.

זעלמאַנען האָט געמאַטערט אַ קראַנקהייט.

אין אָוונט פלעגט ער קריגן היץ, און פלעגט רעדן, רעדן אָן אַ שיעור, אָדער גאָר שוויגן אַ דערשעפּטער. ער איז מיר געווען אין יענעם מאָמענט נענטער, ווי אַן אַנדערער, ער האָט געלעבט מיט די באַנאַכטיקע געדאַנקען פון שטילקייט און טויט. עס זענען אים נאָכגעגאַנגען מיינע געדאַנקען, אויסהערנדיק זיינע ווערטער, ווי אין עפּעס אַ שטילן שאָטן, וואָס מאַכט פאַרגעסן. כ'בין שטענדיק געווען איבערצייגט, אַז אין זעלמאַנען גייט פאַרלוירן אַ פּאָעט. אַז דאָס, וואָס ער האָט אויסגעזונגען, איז בלויז אַ טיילעכל פון זיין נשמה, דאָס טיילעכל, וואָס טיילט זיך אָפּ פון איר לייבט, ווי דער ריח פון בלומען, אָבער אונטער אָט דער אויבערפלאַך זענען געווען אַנדערע וועלטן.

— אָדלערס, וואָס פליִען אויפן טויט — האָט ער גערעדט ווען אונדזערע חברים — ווי שיין איר זענט, איר, וואָס ווייסט נישט פון קיין שרעק.

זיין פיין איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער האָט נישט גע־קענט די דאָזיקע שיינקייט אַרויסזאָגן.

זיי מוזן לעבן, זיי מוזן פאַרבלייבן אין וואָרט. באַלאַדן און עפּאָפּייען מוז וועגן זיי זינגען דאָס פאָלק, דאָס פאָלק וועגן זיי־נע העלדן.

זיי מוזן בלייבן.

דאָס איז דאָך זייער גרעסטער כוח.

די לאַנגזאַמע אַרבעט, וועלכע וועט זיך אָנהייבן, ווען די צייט וועט אַריבער און ס'וועט בלייבן דער אָנדענק פון די, וועלכע האָבן געוואָגט מיט זייער טויט צו בויען די גערעכטיקייט.

מיכאַילאָוון האָט באַאומרויקט זעלמאַנס גייסטיקער צושטאַנד.

נאָר נישט צופיל געטרוימט, נאָר נישט צופיל געטרוימט, נישט געטראַכט, ווי אַזוי ס'וועט טראַכטן וועגן אונדז די וועלט נאָכן טויט. אויף קיין איין רגע נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן לעבן.

מיכאַילאָוו האָט שוין נישט געוווּסט וועגן קיין אַנדער לעבן אַחוץ דער נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ וואָ ל י אַ.

אויף אַלץ האָט ער געקוקט בלויז מיט אירע אויגן. דער יחיד איז אַן און פאַר זיך גאָרנישט, ער איז כמעט הילפסלאָז. ער שטאַרבט צו גיך, ער לעבט צו קורץ, אַז ער זאָל קענען זיין איי־גענעם געדאַנק רעאַליזירן. אונדזער געדאַנק פאָדערט אַ דויער־האַפטיקן עלעמענט, ווי אונדזער אייגן לעבן. שאַפן אַזאַ עלעמענט, שאַפן אַ קאָלעקטיווע גאַנצקייט, אין וועלכער ס'גייט קיין זאַך נישט פאַרלוירן, אין וועלכער ס'בלייבט יעדער געדאַנק און אַרבעט ווייטער.

לעבן מיר דען נישט מיט די געדאַנקען פון די, וואָס זע־נען אויסגעשטאָרבן, לעבן דען נישט אין אונדז די הייליקע זכרונות פון דער דערפאַרונג, דער גאַנצער ווילן, וועלכן זיי האָבן רעאַ־ליזירט.

די נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ וואָ ל י אַ איז טאַקע דאָס, אָט די פאַרבינדונג פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, פון דער פאַרגאַנגענער, פון דער צוזאַמענגעפּענטעטער, פון דער לע־בעדיקער.

ער איז מער ווי ווען עס איז געווען פאַרזיכטיק.
מ'טאָר נישט שטאַרבן אָן נוצן.
ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ כוחות מיר וועלן דאַרפן האָבן.
מ'פלעגט רעדן אַמאָל וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין ווען...
עס וועט אַ קנאַל טון דער דונער.
און דאָס שווייגן וועט מיט אַ פאַרבלוטיקטער ברוסט בלייבן זיצן אויפן רוסישן טראָן.
ווען ס'וועט אַוועק אַ בשורה איבער דער גאַנצער שוואַרצער ערד,
אַז אומגעקומען איז דער קייזער,
אַז דער ערדישער גאָט איז געפאַלן אַ באַזיגטער,
אַז העכער ווי גאָט איז דער געדאַנק.
דער געדאַנק פירט אָן.
דער הייליקער געדאַנק. — דאָס צעטראָטענע רעכט.
מיכאַילאָוו האָט נישט ליב געהאַט די זאַכן.

לאָמיר פירן די אַרבעט מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג דאָ און דאָרטן. מיר וועלן הערן, וואָס ס'וועט פאָרקומען אין דער פאָלקס-נשמה, אַז זי וועט דאָס דערהערן, מיר וועלן גיין אין די ערשטע רייען פון יעדן אויסברוך. וועט מען דאַרפן און קענען, וועלן מיר ווידער גיין אין די מאַסן אַריין, ווי אַ ל אַ וו ע. מיר וועלן טרעפן אַ נייע שוועל — וועלן מיר זי צעברעכן, און אַזוי וועלן מיר לעבן, שאַפנדיק די פרייהייט און ברעכנדיק דעם געוואַלט.

אין די קרייזלעך פלעגן פאָרקומען וכּוחים, צי די אָרגאַניזאַציע דאַרף שטרעבן צו דער מאַכט, צי אויסנוצן די באַוועגונג פון די ליבעראַלן, אָדער וואַרטן אויף אַ פאָלקס-אויפשטאַנד.

— דער עיקר איז, — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט — צו בלייבן אַ מאַכט, וועלכע גלייבט אין זיך. מ'האָט אונדז פאַרצוימט אַלע וועגן, מיר האָבן דערזען, אַז אין די באַדינגונגען שטאַרבן מיר צו גיך. כדי עפּעס אויפצוטון, האָבן מיר זיך געמוזט נעמען צום געווער און שאַפן אַ מאַכט, וואָס מיר זאָלן אַליין פילן, אַז זי באַ-

שיצט אונדז, דאָס איז געווען וויכטיקער ווי אַן אַנדערע זאַך.

אונטער דער שוץ פון אָט דער מאַכט הערן מיר אַליין און אויך אונדזערע חברים אויף צו פילן זיך ווי איינזאַמע יחידים. הייבן מיר אָן צו פילן אין זיך, איבער זיך אַן ערנסטן כוח. רעוואָלוציאָנערן דאַרפן קענען זיך אַליין דערציִען, זיי דאַרפן אין זיך שאַפן דעם אייגענעם כוח. קודם כל האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, אַז מיר זאָלן זען, אַז מיר זאָלן פילן דעם כוח. דאָס האַרץ הייבט אָן אַנדערש קלאַפן, דער געדאַנק אַנדערש אַרבעטן. דאָס איז נישט קיין נקמה, אַפילו קיין זעלבסטשוץ נישט, דאָס איז אַ מוז. מ׳דאַרף דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד געבן דאָס געפיל פון כוח, מ׳דאַרף דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד זאָל וויסן, אַז זיין שווערט דערהרגעט, דאַמאָלט וועט עס זיך אויסלערנען דענקען אַזוי ווי דער, וואָס האַלט די שווערט.

דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק און ענערגיע וועלן פאַרלירן גיין, אויב זיי וועלן אויפהערן צו פילן דאָס געווער אין די הענט, זיי מוזן זען זייער כוח, אויב נישט, איבערוועגט די שקלאַפישע פסיכיק, די פסיכיק פון איבערלעך פראָטעסטירנדיקע הילפלאָזע מענטשן. מיר מוזן פילן אין אונדזערע הענט דעם גורל.

— אָנפירן מיט טויט — פלעגט זאָגן זעלמאַן.

— פאַרוואָס מיט טויט, מיט כוח — פלעגט זאָגן מיכאַלאָח.

זעלמאַן האָט זיך נישט געשפאָרט, ער פלעגט וועבן זיינע חלומות:

דו האָסט אַרויסגערופן דעם טויט און אָט האָט ער פונאַנדערגעעפנט זיין טויער.

עס איז פוסט און שטיל:

עס ציטערן אָרימע בלעטער.

עס שטייט אין זילבערגער שיין פון די שטערן — דאָס פאַלטיז טויער פון טויט.

מיר און דו זענען שוין געשטאָרבן.

דו מעכטיקער שרה, דו, וואָס האָסט געוואָגט מיטן הויך פון טויט צו שאַפן דאָס געזעץ פון לעבן — אָט זע!

עס איז אָפן דאָס שטילע קעניגרייך. בלויז דאָס אַליין טראַכט. באַקען דיך מיטן כוח. עס איז געווען זיין מאַכט, היינט לייגט ער דיר די האַנט אויפן אַקסל.

עס איז קיין זאַך נישטאָ —

טויט, טויט אויפן טראָן.

איך געדענק, ווי מיכאַילאָוו פלעגט זיך שרעקן פאַר אַזעלכע פסיכישע סימפטאָמען. אין אים איז אַנטוויקלט געווען ביזן העכסטן גראַד דער שטריק, וועלכער איז אַזוי זעלטן און ווערטפול אין דעד רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: דאָס געפיל, אַז אַלע מאָמענטן פון אַרבעט זענען איין גאַנצע זאַך, אַז זיי זענען אָפּהענגיק איינער פון אַנדערן.

ווען איינער פון זיי פלעגט, אָפּטיילנדיק זיך פון אַנדערע, אויפוואַקסן צו הויך, און אָנהייב אויסשליסלעך הערשן, פלעגט ער עס פילן, ווי עס וואָלט פאַרקלענערט געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער כוח, ווי עס וואָלט קלענער געוואָרן די טיפקייט פון דער רעוואָלוציע.

יעדע איינזייטיקייט מוז נקמה נעמען, ווייל דאָס, וואָס מען פאַרלאָזט, וואַקסט אויס, ווי אַ שונא.

ער פלעגט אויסגעצייכנט זיך קענען אויף יעדן אינדיווידואום און ער האָט זיי געקענט קעגנזייטיק דערגענצן. ווען אָבער אין עמעצנס שטימונג פלעגט זיך באַווייזן אַ שטריק, וועלכער האָט געדראָט דעם צוזאַמענלעבן גופא, פלעגט ער עס פילן, ווי אַ געפאַר.

מיכאַילאָוו איז געווען דער לעבעדיקער געדאַנק פון דער אָרגאַניזאַציע, ער האָט געפילט און געטראַכט אַלעמאָל פאַרן כלל.

אין יענער צייט בין איך נישט אומשטאַנד געווען אים צו פאַרשטיין. איך בין נישט אומשטאַנד געווען צו זען און צו פילן די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב געלעבט, אַנדערש ווי פון שטאַנדפונקט פון מיין שטימונג. צו מיין שטימונג ווידער איז געווען

אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט זעלמאַנס שטאַנדפּונקט, זיינע דמיונות וועגן די אויסדערוויילטע פון טויט. אויב נישט דער געדאַנק, איז דאָס האַרץ מיינס — האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם, אַז יעדער פון די, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט, איך אַליין, מיר אַלע לעבן אומאויפהערלעך אונטער דער דראָונג פון טויט, אַז יעדן טאָג קען נעלם ווערן פון אונדזער קרייז אויף שטענדיק איינער פון די, וואָס איז נאָך היינט צווישן אונדז. דאָס האַרץ האָט זיך שוין נישט גע־בונטעוועט קעגן דעם, די נשמה האָט געקוקט אויף אַלץ מיט אַ קאַלטן בליק.

כ׳געדענק אויסגעצייכנט, אַז אין יענער צייט פלעגט מיך נישט איבעראַשן, אפילו נישט רירן קיינעמס טויט.

כ׳האָב מיך אַזוי איינגעלעבט מיט דעם, אַז כ׳האָב נישט גע־קענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מ׳קען דעם צושרייבן וועלכע עס איז באַ־דייטונג. כ׳שרייב זייער פּינקטלעך: כ׳האָב נישט געקענט פאַרשטיין און קען עד־היום נישט פאַרשטיין, ווי מען קען דעם טויט באַ־טראַכטן פאַר אַן אומגליק.

כ׳קען אויך נישט זאָגן, אַז כ׳זאָל האָבן אין יענער צייט שטאַרק געליטן.

ס׳האָט מיך באַהערשט אַן אַבסאָלוטע גלייכגילטיקייט צו אַלע מיינע אייגענע געפילן. די ווייטיק איז געווען ערגעץ אונטער דער פאַרפרוירענער אויבערפלאַך, אָבער דער באַוווסטזיניקער געדאַנק האָט געלעבט אין אַ וועלט פון קאַלטער פּוסטקייט, דאָס איז געווען עפּעס אַ מין אינערלעכע פאַרפרירונג, אַ פאַרגליווערונג פון דער פערזענלעכקייט.

מיט גרויס פּינקטלעכקייט פלעג איך דאַמאָלס אויספירן די געפערלעכסטע שליחותן.

מיכאַילאָוו איז געווען אַנטציקט פון מיין אויטאָמאַטישער קאָנספּיראַטיווקייט. טיכאָנראַוואָוו, וועלכער האָט אין יענער צייט זיך דערנענטערט צו מיר נישט אויף לאַנג און וועלכער איז תמיד באַהערשט געווען פון שרעק פאַר שפּיאָנען, וועלכע ער פלעגט וועלן אָפּנאַרן מיט זיין גלייכגילטיק לאַנגווייליקן אויסזען, פלעגט מיט הנאה זאָגן:

— ער גייט איצט אַרום איבער פעטערבורג ווי אַ לונאַטיקער.

כ'האָב געהאַט אין יענער צייט אַ מעגלעכקייט צו אימפּאָנירן — ווי ער האָט עס מיר אַליין שפּעטער געזאָגט, אַרעסטירנדיק מיך — אַראָן פֿאָגעלן.

כ'בין צוריק געפֿאָרן פון מאָסקווע. אין טשעמאָדאַן האָב איך געהאַט איבער צען פונט אויפרייס-מאַטעריאַל, בּאַ זיך אַ מאַסע פּאַפּירן. ווען כ'בין צוגעפֿאָרן, האָב איך בּאַמערקט דורכן פענסטער אַז דער פּעראָן ווימלט מיט שפּיאָנען. אַראָן פֿאָגעל האָט אָנגעפירט, מאַכנדיק דעם אָנייטעל פון אַ גלייכגילטיקן צושויער, איבערגייענדיק פון איין גרופּע צו דער צווייטער. כ'האָב געזען, ווי זיין בּליק האָט אַ גלעט געטון מיין פּנים און זיך אָפּגעשטעלט. איך בין געווען שטאַרק פאַרענדערט, איך האָב מיר געהאַט אָפּגעגאָלט די בּאָרד, קורץ אונטערגעשוירן די וואָנסעס, איך האָב געהאַט בּריין אויף דער נאָז. דערצו נאָך האָט מיך אָנגעטון מיכאַילאָוו אַליין, בּאמיִענדיק זיך צוצופּאַסן די קליידער צום כאַראַקטער פון פּ. ז. ס., וועלכער איז געווען אַרויסגעגעבן אויפן נאָמען פון עפּעס אַ קורלענדישן בּאַראָן. מיכאַילאָוו האָט געהאַלטן פאַר בּאַזונדערס וויכטיק עפּעס אַ זעקעלע אויף פּאַפּיראָסן פון געלע געברענטע לעדער. דאָס זעקעלע האָט ער מיר אָנגעהאָנגען איבערן אַקסל. לויט זיין מיינונג איז דאָס געווען אַזאַ זאַך, וואָס, אַ דאַנק איר, האָט געמוזט פאַרשווינדן יעדער חשד פון אַן אַגענט. ער האָט מיר אויך אַריינגערוקט אין דער האַנט עפּעס אַ שטעקן מיט אַ הערב און אַ קרוין אויפן הענטל. זעלמאַן האָט זיך צוגעקוקט דערצו און האָט געשמייכלט. — דאָס מאָל האָט מיין עלעגאַנץ, ווייזט אויס, איבעראַשט פֿאָגעלן, זיין מאַניע איז געווען נישט צו מאַכן קיין פעלערן. איך האָב אָבער געזען, אַז ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיין פּנים. איך בין געווען אַזוי גלייכגילטיק, אַז איך האָב געפילט, איך וועל די פּאַרטיע געווינען. איך בין געגאַנגען אין דער ריכטונג צו אים, נישט קוקנדיק אויף אים. אין ערב פינף טריט פון אים, האָב איך אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און צוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן אויף דער ערד. „אַך גאָט

מיינער" — און, אויפגעהויבן דעם טשעמאָדאַן, בין איך צוגעגאַנגען צום עלטערן זשאַנדאַרם. היט נאָר דאָס אַ ווײַלע, האָב איך געזאָגט, עמעץ האָט מיר דעם פּאָרטפּעל אַרויסגעגנבעט, אַ קליינעם פּאָרטפּעל. דעם גרעסערן האָט מען מיר איבערגעלאָזט, דעם קלענערן צוגענומען. דאָרט געפינט זיך דער יחוס-בריוו פון מיין קלאַטשע, איצט וועט מען מיר איבערטוישן דאָס פערד. נו, ווער פאַרנעמט זיך דאָ מיט עפּעס? פינף אָדער צען מינוט האָב איך פאַרנומען דעם זשאַנדאַרם און עפּעס אַ הויכן באַן-באַאַמ:ן מיטן פּאָרטפעל. כ'בין אַרויסגעגאַנגען, צוזאָגנדיק אַ גרויסע באַלוינונג. דער זשאַנדאַרם האָט מיר נאָכגעטראָגן דעם טשעמאָדאַן אין דער קאַרעטע אַריין. כ'האָב באַמערקט ווי פאַרבייגייענדיק, אַז די קלאַטשע האָט טאַקע געיאָלט קויפן זיין קייזערלעכע הויכגעבוירנקייט, דער גרויספירשט אַלעקסעי ניקאָלאַיעוויטש.

דער זשאַנדאַרם איז געשטאַנען אויסגעצויגן, ער האָט נישט געוואַגט צו אָטעמען.

כ'בין פאַרבייגעגאַנגען פאָגעלן פאַר דער נאָז און געזאָגט צום באַאַמטן:

— דאָ דרייען זיך אַזוי פיל פאַרדעכטיקע געשטאַלטן, אָט גיט אַ קוק דער, למשל — האָב איך געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף פאָגעלן — כ'בין אייך ערוב, אַז דאָס איז אַ גנב.

דער באַאַמטער האָט אַ קוק געטון און האָט זיך איינגעבויגן צו מיר.

— פונקט פאַרקערט, גנעדיקער, דאָס איז... און ער האָט מיר אַריינגעשעפּ:שעט אין אויער אַריין:

— אַ געהיים-אַגענט. זיי האָבן דאָ עמעצן געזוכט, אָבער ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן, ווי ס'ווייזט אויס, אַ שרעקלעכע צייט, הער באַראָן, אַ שרעקלעכע צייט.

כ'האָב מיך אַריינגעזעצט אין דער דראָזשקע און אָוועקגעפאָרן.

פאָגעל האָט זיך שוין נישט פאַרנומען מיט מיר אַ רעכטע ווײַלע.

ווען כ'בין געקומען צו פאַרן, האָט מיכאַילאָוו נישט געוווסט וואָס צו טון פאַר שמחה.

— מיר האָבן געמיינט, אַז דו ביסט פאַרלוירן. עס איז גע־ווען אַ מסירה. קלעטאָטשניקאָוו האָט זיך שוין צו שפּעט דערוווסט און האָט אונדז מתרה געווען, ווען ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען. פּאַגעל האָט אייגעאָרדנט די אַבלאַווע.

אין יענער צייט פלעג איך באמת ווי דורכריינען דער פּאָ־ליציי צווישן די פינגער. טיכאָנראַוואָוו איז אין אמתן געדערכט גע־ווען, דאָס איז בעווען ווי אַ לונאַטישער חלום.

מיכאַילאָוו האָט מיך אויפמערקזאַם אָבסערווירט.

ער פלעגט זיך מיט מיר אין יענער צייט באַגיין מיט ווייב־לעכער גוטסקייט. ער פלעגט מאַכן גאַנצע פאַרשווערונגען, כדי מיר צו פאַרשאַפן עפּעס אַ פאַרגעניגן. זיין טרוים איז געווען — איך זאָל אַוועקפאָרן. דו מוזסט דיך אָפּרוען. דער געדאַנק אַליין, אַז איך וועל מיך אַרויסרייסן פון אַט דער סביבה, האָט מיך גע־שראָקן. נאָר דאָ איז געווען פאַרשטענדלעך און מעגלעך אַריבער־צוטראָגן אַט די פוסטקייט פון אַ קבר. דאָ, אין דער אַטמאָספער פון קאַמף און טויט האָט דאָס האַרץ נישט געוואַגט צו בענקען. כ'האָב דאָס געזאָגט מיכאַילאָוון. ער האָט פאַרשטאַנען. פון דאַמאָלס אָן איז ער שוין נישט צוגעשטאַנען מער צו מיר. אין אָוונט פלעגט קומען צו מיר טיכאָנראַוואָוו.

דאָס איז געווען אַן אויסער־געווייגטלעכער שאַרפער מוח. ער האָט געדאַרפט בלייבן נאָר אַ שרייבער, אַ טעאָרעטיקער, אַ דענ־קער. אין יענער צייט איז ער געווען אויסגעמאַטערט און האָט געזוכט. מ'האָט קלאָר געזען, ווי ס'מאַטערט זיך זיין געדאַנק, זוכנ־דיק אַרגומענטן. דער ווילן האָט נאָך געהאַלטן אין צוים די גע־דאַנקען און די געפילן, אָבער ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַנטוויק־לען דער בלאַסער אומגלויבן. דער געדאַנק האָט געאַרבעט אין דער ריכטונג, וועלכע ס'האָט אָנגעוויזן דער מאָמענט. אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין פולע התלהבות. ער האָט זיך שוין נישט געקענט פאַרטיפן אין קיין שום געדאַנק, פילן, אַז ער איז דער געדאַנק גופא. דאָס איז תמיד געווען זיין געדאַנק, און די

אויסגעמאַטערטע נשמה האָט בלויז געזוכט די צופעליקייט פון די אַרגו־מענטן, פון די איבערצייגונגען. און ווייטער איז זי געווען איינזאַם און קאַלט.

ער האָט געלייענט אין יענער צייט האַרטמאַנען, האָט זיך פאַרנומען מיט דער באַקענונגס־טעאָריע און האָט וואָס אַמאָל מער פאַרצווייפלט, וואָס אַמאָל שמעלערע קרייזן געמאַכט אין זיך, ווי אַ היפּנאָטיזירטער פויגל.

אַ מענטש דאַרף וויסן אַז פילאָזאָפיע, געדאַנקען, ליטעראַ־טור זענען נישט אומשטאַנד אים צו ענדערן. אַז ער גייט אַרויס פון זיי אַזוי, ווי ער איז. דער עיקר איז דעם מענטשס באַציִונג צום לעבן, — דאָס, וואָס ער איז אין דער באַציִונג צו לעבעדיקע מענטשן, צו דער רעאַלער, מאַטעריעלער וועלט, צו זיך אַליין. מיכאַילאָוו האָט דאָס געוווּסט. און דערפאַר טאַקע האָט ער גע־פילט די געפאַר, ווי נאָר עמעץ פלעגט אָנהייבן זיך אַליין גייסטיק איבערצואַנדערשן. מיך האָט ער געהאַלטן פאַר אַ קראַנקן, און ער האָט מיך געשעצט פאַר דעם כוח, מיט וועלכן איך צוים זיך אַליין. אויף טיכאָנראַוואָוון האָט ער געקוקט מיט אומרו און מיטגעפיל.

— וואַרף אַוועק, טיגריטש, — פלעגט ער זאָגן, — וואַרף אַוועק. רו זיך אָפּ. וואַרף אַלץ אַוועק. דו האָסט זיך פאַרמאַ־טערט.

אָבער טיכאָנראַוואָוו האָט נישט געקענט אַוועקוואַרפן. ער האָט נישט געקענט אַוועקגיין אָן אַ זייט. ווייל ער האָט נישט גע־ווּסט, צי ער וועט צוריקקומען, ער האָט נישט געוווּסט בכלל, ווו זיך צו באַהאַלטן. ער האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן דעם געפיל פון צוועקלאָזיקייט. ער האָט זיך פאַרטיידיקט, ווי ער האָט נאָר געקענט, און מיר האָבן געקוקט דערויף, נישט קענענדיק אים העלפן.

מיט מיר האָט ער גערעדט וועגן טויט.

מיר האָבן נישט געשטימט איינער מיטן אַנדערן. איך האָב געלעבט בלויז מיטן גלויבן אין טויט, אין דעם, אַז מ׳קען זיך פאַר אים נישט פאַרהיטן. טיכאָנראַוואָוו האָט געזוכט און האָט זיך גע־

שלאָגן מיטן געדאַנק, צו עפּנס זיך דאָרט נישט עפּעס אַ נייער וועג, וועלכער פירט צו אומבאַקאַנטע קוואַלן.

דער טויט איז פאַר מיר געווען אַ געוואַלטיק גרויסער הינ־טערגרונט, אויף וועלכן כ'האָב נאָך געקענט האָבן געדאַנקען. דאָ איז דאָס לעבן געווען פאַרפאַלן, דאָרט פלעגט אויסוואַקסן אַ וועלט פון געדאַנקען, נאָר פון געדאַנקען, אָבער דער געדאַנק האָט נאָר אין יענער וועלט געקענט לעבן.

זעלמאַן האָט פילאָזאָפירט.

אַ מענטש שטאַרבט שטענדיק. ער שטאַרבט, כאָטש ער ווייסט עס נישט. בעסער איז צו שטאַרבן, אַז מען ווייסט. שאַפן אַליין דאָס אייגענע בילד אַזוי, ווי ס'וועט זיין. שאַפן דאָס, וואָס וועט פאַרבלייבן אין אונדז: די גרויזאַמע, אייזערנע לעגענדע פון קראַפט און צעשטערונג.

— שאַפן אַ בילד, ווו? — האָט געפרעגט טיכאָנראַוואָ.

— אין די געדאַנקען פון דורות, מיר וועלן לעבן אין זיין ווי געטער. מ'דאַרף לעבן אַזוי, אַז אונדזער ווירקונג נאָכן טויט זאָל זיין אַזעלכע, ווי מיר ווילן.

— אָבער פאַר אונדז — פלעגט טיכאָנראַוואָ זאָגן, — אָבער פאַר אונדז?

זעלמאַן פלעגט קוועטשן מיט די אַקסלען, ער האָט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע אַליין, וואָס מ'פלעגט שטעלן אויף אַזאַ אופן.

— פאַרשטייסט — פלעגט ער זאָגן — מיר וועלן לעבן אין געדאַנקען, געדאַנקען פון דורות וועלן לעבן פאַרקוקט אויף אונדז און וועלן פון אונדז שעפּן דעם ווילן. וואָס־זשע איז אונדזער טויט? אָט דער מאַרמאָר, דאָס אייז, דער קריסטאַל, פון וועלכן מיר האַקן אויס אונדזערע אייגענע פיגורן. אין טויט זענען מיר אייביק. אַזעלכע ווי מיר וועלן שטיין אין זיין שיין, אַזעלכע וועלן מיר לעבן. מ'דאַרף, אַז יעדער טאַט אונדזערער זאָל זיין אַ טאַט, וואָס שטורמט אויף די נשמה, וועלכע וועט אונדז דערמאָנען. מיר זענען אַריין אין אַ לאַנד, ווו ס'שאַפט זיך די צוקונפט. לאָמיר נע־

מען די האַמבו"ס און לאָמיר שמידן ווייטער ווי די צייט איז, ווייטער ווי מיר זענען, לאָמיר שמידן די נשמה פון פאָלק. מ׳וועט פירן אָן מיט די געדאַנקען פון לעבעדיקע. ס׳איז נייטיק, אַז מיר זאָלן קענען שטאַרבן אַזוי, אַז אונדזער טויט זאָל אָנפירן אַזוי, ווי מיר ווילן עס.

— פאַרוואָס דער טויט? — פלעגט פרעגן מיכאַילאָוו. — אין אַ סך זאַכן ביסטו גערעכט, אָבער פאַרוואָס שרייבסטו צו דעם טויט דאָס, וואָס עס איז לעבן? מיר האָבן געמוזט אָנווייזן די פאָלקס־מאַסן, אַז זיי האָבן אַ ווילן, אַז זיי האָבן רעכט, אַז זיי מוזן וועלן און וואַגן — און דאָס איז אַלץ.

זעלמאַן האָט ליבלעך געשמייכלט:

— איך ווייס, אַז איך שטאַרב, אַלעקסאַנדר, אָבער אַלעמאָל האָב איך אין מיר געהאַט אַ שטילן שונא: דעם טרוים. איך קען קיין זאַך נישט טון, נישט טרוימענדיק. ס׳באַגלייט מיך נישט דער טאַט, איך מוז זען. כ׳מוז זען יעדע רגע און זאָגן איר: זי איז גוט. איך מוז איצט זען אייער טויט און מיין אייגענעם און מוז מיך אויסלערנען אים ליבן.

— זיי מיר מוחל — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט.

— האָסט מיר נישט פאַרשאַפט קיין שום אומאָנגענעמלעכ־קייט — האָט געזאָגט זעלמאַן, נישט אַרויסלאָזנדיק זיין האַנט — איך שטאַרב נישט מיט מיין אייגענעם ווילן, נאָר מיטן ווילן פון יענע פינסטערע כוחות, וועלכע וועבן דאָס לעבן, די געדאַנקען און דעם טויט. איך גיי אַראָפּ אין נאַכט און פיל איבער מיר דעם מ ו ז. מ׳טאָר זיך נישט אונטערגעבן דעם מ ו ז, און איך מוז ליבן דעם טויט אַזוי, ווי כ׳האָב געליבט דעם ים, ליבע, געלעכטער, אַזוי, ווי כ׳האָב אייך געליבט קודם כּל, ווייל אייך האָב איך גע־ליבט צום שטאַרקסטן. איך בין אַ ייד. און דאָס איז נישט קיין צופאַל — איך ליב מיין יידישקייט. כ׳ליב עס אַפילו אַזוי ווי עס איז. איר זאָלט נישט מיינען, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין פּאָעזיע; ווען דאָס וואָלט דאָרט נישט געווען, וואָלט נישט געווען קיין לעבן. די פּאָעזיע איז דאָרט בלויז צעטראָטן: עס זעט זי קיינער נישט

איך האָב, לעבנדיק מיט אייך, געקענט זיך פילן אַלס אַ ייד און לעבן ווי אַ מענטש. איבעריקנס, נישט דערפאַר ליב איך אייך. איך ליב אייך דערפאַר, וואָס איר זענט דאָ, און ווען איך וועל האַלטן באַם שטאַרבן, וועל איך זיבגען דעם טויט אַ ליד וועגן אייך.

ער האָט גערעדט מיט התלהבות, מיט טרערן אין די אויגן.

„נישט דערפאַר ליב איך דעם טויט, ווייל ער מאַכט צו אַש דעם שטאָלץ פון מאכטהאָבער, נישט דערפאַר ווייל ער לייכט ווי אַ האַק און טרעפט ווי אַ קויל, וואָס סוויסטשעט, ארויסגעלאָזט פון בויגן, אין דעם האַרץ, ווו ס'לעבט — די נשמה, וואָס פאַר־סמט דורות — די עוולה.

נאָר דערפאַר ליב איך אים, ווייל ער האָט די מאַכט אי־בער נשמות. ווי די לבנה איבער די כוואַליעס פון ים, וועלכע רוישן און לויפן געהאָרכזאַם צו איר, אַזוי היטן איצט אייערע נשמות די פאָלקס־כוואַליעס, און זיי וועלן זיי נישט לאָזן איינ־שלאָפן. איר האָט די שליטה איבערן גערויש פון פאָלקס־ים, איר וועט בלייבן די פירער פון אים, איר דער פּאָלאַרער שטערן, איר וועט פון דער שטילקייט פון טויט, פונם שווייגען ארויס אָנפירן; פון אונטער די שטיינער וועלן אויפשטיין אייערע פלאַ־מענדיקע נעמען און זיי וועלן בליצן אין דער אייביקער שטיל־קייט.

פון דאַן אָן וועט ציטערן דער טיראַן; אַ סוף איז געקומען צו דער מאַכט, איר פירט אַן פון דער אייביקער הויכקייט פון טויט, איר שטייט מיט די דונערן, און אייער טויט קוקט אַראָפּ פון די שטערן אין דעם פאָלקס־ים אַריין, ער וועט שוין נישט איינשלאָפן דער בלוטיקער שטורעם. ווי אַ דונער וועט איר אויפ־העכגען איבערן פאָלק דעם רום.

אָ, באַגראָבט מיך אין דער גרויסער סטעפּ, דער ווינט זאָל ארויסרופן איבער מיין קאָפּ אייער ליד פון נקמה־נעמער, ווייל פון יעצט אָן, ווי עס הערט זיך איין אין דער לבנה דער

אומשטערבלעכער ים, אזוי איז אויך אייערע די געהיימע באַ־ װעגונג פון די כוואַליעס, וועלכע רוישן אין פאָלק".

מיר האָבן זיך צוגעהערט, שווייגנדיק.

איך האָב געקוקט אין קאַלטן הימל אַריין און קיין זאַך נישט געזען: אומזיסט, אומזיסט האָב איך געבעטן דעם זכרון, ער זאָל מיר אויפוועקן אַליעס געלעכטער, איך האָב אַליין די ערשטע צייט פאַרוואָרפן דעם זכרון מיט שטיינער פון שווערע פינסטערע ליידן.

מיכאַילאָוו האָט אַ קוק געטון אויף מיר:

איך האָב געזען, אַז ער לייענט מיין געדאַנק, איך האָב געוואָלט אין דעם מאָמענט אַרויסגיין אויף עפּעס אַ ליי־ דיקן פּלאַץ. די האַנט האָט שוין געדריקט דעם רעוואָלווער. כ'האָב געזען די האַנט, וואָס הייבט זיך אויף. כ'האָב געוואָלט אויפ־ שטיין.

מיכאַילאָוו איז צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט:

— כ'וויל דיר עפּעס זאָגן. וואָלטשאָק האָט געפונען אַליעס פאָטאָגראַפיע און איר נאָטיץ־ביכל מיט עפּעס פּאַפּירן, האָר, וועל־ כע זי האָט אַמאָל אויף אַ געלעכטער געהייסן באַהאַלטן פאַר דיר, און נאָך אַ זאַך: קלעטאָטשניקאָוו האָט געהייסן איבערגעבן, אַז זי האָט, שטאַרבנדיק, געזאָגט צו דער פרוי, וועלכע האָט זי גע־ היטן:

„כ'בין געווען זייער גליקלעך און וואָלט געוואָלט דאַנקען אים"...

כ'האָב געפילט, אַז דאָס האַרץ ווערט מיר פאַרקלעמט.

— מער גאָרנישט — האָב איך אַ פרעג געטון.

— ס'איז דאָ אַליעס אַ בריוו, איצט קענסטו הערן בלויז עטלעכע ווערטער.

„חברים, ברידער. כ'פריי מיך, וואָס כ'האָב געלעבט, כ'פריי מיך, וואָס כ'האָב געהאַט אַזוי פיל, אַזוי פיל גליק; כ'שטאַרב אַ רויקע, אַז כ'האָב, דאַכט זיך, קיין זאַך באַ קיינעם נישט צוגענו־ מען. מיטיאַ איז נעבעך געשטאָרבן. מ'האָט מיך נישט געלאָזט זיך

מיט אים געזעגענען. די האָט טרייסלט זיך מיר... די גאַ־
דאַנקען זענען אַרויס פון עפּעס אַ לאַנגער נאַכט און זיי ווייסן, אַז
זיי וועלן זיך אויסלעשן — נישטאָ קיין כוח. איך דאַנק דיר מי־
כאַל, כ׳דאַנק דיר, מיכאַל, פאַרן לעבן. לאָזט אים נישט ליידן,
ברידער, כ׳בעט אייך. כ׳נעם אייך אַלע אַרום. כ׳קוק אין דיינע
אויגן, מיכאַל, און כ׳וויל שלאָפן. וויין נישט... וויין נישט... מיר
איז געווען אַזוי גוט. אין דיינע אויגן קוק איך און שלאָף איין.
מײַן מיכאַל.״

כ׳האָב געוויינט, כ׳האָב מיר געהאַקט דעם קאָפּ אָן דער
וואַנט. ווען כ׳האָב מיך צוגעהערט.

מיכאַילאָוו האָט מיך אַרומגענומען: וויין... וויין... איצט
וועסטו לעבן.

אָפּטמאָל פלעגט מען האָבן דעם איינדרוק, אַז מיכאַילאָוו
האָט אונדז אַלע ליב געהאַט מיט עפּעס אַ מוטערלעך געפיל. מיר
זענען דאָך אַלע געווען קינדער פון זיין נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ.

צוויי טעג נאָך דעם אָוונט איז ער געקומען אַ בלאַסער און
פאַרענדערטער. מ׳האָט אַרעסטירט קוויאַטקאָווסקין, פּרעסניאַקאָוון.
ס׳האָט זיי געדראָט טויט־שטראָף. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז גאָל־
דענבערג איז משוגע געוואָרן, אָדער האָט זיך פשוט געלאָזט אָפּ־
נאַרן. מ׳האָט אים איינגערעדט, אַז די רעגירונג וויל מיט אים אונ־
טערהאַנדלען. גאָלדענבערג, וועלנדיק געבן צו פילן דעם כוח פון
דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ, אין נאָמען פון וועלכער ער האָט
געזאָלט אַרויסשטעלן באַדינגונגען, האָט געגעבן אינגאַנצן גענויע
ענטפערן. די רעגירונג האָט איצט געקענט אַלעמען און האָט גע־
קענט איבערצײַלן. אין קוויאַטקאָווסקיס פאַפּירן האָט מען געפונען
אַ פּלאַן פון ווינטער־שלאָס. דאָס עס־צימער איז געווען באַצייכנט
מיט אַ רויטן צלם. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אומרו, וועלכער האָט
זיך אַריבערגעטראָגן אין דער פּרעסע. זשעלאַבאָוו האָט מיך פונ־
דעסטוועגן אין עטלעכע טעג אַרום געטראָפן און געזאָגט: דער
אויפוואורף איז געבליבן און גראָבט. דער ווינטער־שלאָס האָט אין
אָוונט ווי געפלאַקערט פון דער באַלייכטונג. אין זיינע קעלערן האָט

געלויערט דער טויט, וואַרטנדיק אויף זיין שעה. שוין צוויי וואָכן צייט האָט אין דער וווינונג פון די הויף-משרתים אין קעלער געלייגט אַלע אָוונט זיין מידן און אָנגעווייטיקטן קאָפּ כאַלטורין אויף אַ זעקעלע דינאַמיט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אונטערן קישן.

ד ע ר ב ױ ג ן - ש י ס ע ר

XII

כאַלטורין איז געווען אַן אַרבעטער. כ׳האָב מיך באַגעגנט מיט אים דאַמאָלס. ווען ער פלעגט זיך אַרויסגנבֿענען פון פּאַלאַץ און פלעגט קומען אין אָוונט נאָך אַ נײַעם טראַנספּאָרט דינאַמיט. ער האָט געקענט איבערטראָגן דעם דינאַמיט נאָר ביסלעכווייז, ווייל אין פּאַלאַץ האָט מען פאַרשטאַרקט די וואַך. אינאָוונט פלעגט ער שלאָפן, אונטערגעלייגט דעם דינאַמיט אונטערן קישן: די גיפּ־טיקע גאַזן, וועלכע פלעגן אַרויסגיין פון זעקל, פלעגן אַרויסרופן שרעקלעכע קאָפּשמערצן. ער פלעגט דאַרער ווערן פון טאָג צו טאָג און אַלץ בלאַסער ווערן. די אויגן זענען אים געוואָרן טיף אײַנגעפאַלן, וואָס אַמאָל גרויזאַמער. זײַן פּנים האָט געהאַט אַן אויסדרוק פון אַ האַרטנעקיקן פאַרעקשנטן, ווילן.

דאָס איז געווען אײנער פון די מענטשן, וועמענס גײַסטיקן צושטאַנד ס׳פאַרשטייט נישט עד היום אַ דורכשניטלעכער, קולטו־רעלער אײראָפּעער.

מיטן פולן באַוווסטזיין, אײַנזאַם, וויסנדיק, אַז ער וועט שטאַרבן, אַז ער וועט אײנמאָל פאַר אַלעמאָל אומקומען, איז ער

באַגאַנגען מיטן וועג פון טויט, גלייכגילטיק, אַז ער בויט דאָס לעבן פון דער קינפטיקער מענשהייט. דער קולטורעלער געדאַנק פון די באַזיצנדיקע קלאַסן קען זיך נאָך נישט איינלעבן מיט דער פסיכאָלאָגיע פון אַט דער באַוווסטזיניקער בויענדיקער געשיכטע. ער קען זיך אַלץ נישט איינלעבן מיט דעם שטענדיקן פאַקט, אַז אַ מענטש האָט אויפגעהערט צו זיין דער פּאַסיווער מאַטעריאַל, עפּעס אַזוינס, פון וועלכן מען שמידט אויס מלוכות, פעלקער, קולטורן. ווי קאָמיש עס איז די צוויטשעריי וועגן דעם „אַז עס ווערט בטול דער אינדיווידועלער חוש, וועגן דעם „ביוועלירנדיקן אָטעם פון די מאַסן“, אין אַזאַ צייט, וואָס איר כאַראַקטעריסטישער שטריך איז די דערוואַכונג, די אומגעהויערע פאַרשטאַרקונג פון דער אינדיווידואַליטעט.

דאָרט, ווו עס איז געווען ביז אַהער דער פּאַסיווער טויטער שטאָף פון געשיכטע, דאָרט לעבט איצט דער מענטשלעכער געדאַנק.

קלוגע אויגן קוקן אַרויס פון אָט די מחנות, אין וועלכע דער אָנפירנדיקער געדאַנק איז געווינט צו זען בלויז שטויב, בלויז אַ באָדן און אַ נאָמען.

אָט דאָס קלאָגן זיך, אַז עס איז פאַרלוירן געגאַנגען די אינדיווידואַליטעט, דאָס איז אין תּוך גענומען אַ קלאָגן זיך, וואָס מען האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרלוירן די אָנפירונג. עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל אָנפירן. דער המון הערט אויף צו זיין אַ פּאַסיווער און דאַנקבאַרער עלעמענט פאַר השפּעה. דער געדאַנק דרינגט אַריין אין פאַרשטיינערטן גוף. די אינדיווידואַליטעט הערט אויף צו זיין אַ זכות. צי איז דען נישט צו לאַכן פון אָט די טענות, אַז עס גייט פאַרלוירן די פערזענלעכע איניציאַטיוו פון דער מענשהייט אין דער צייט, ווען אַזוינע כאַלטורינס ווערן געבוירן אין די טויזנטער און הונדערטער טויזנטער.

און וואָס איז נאָך דער אונטערשיד.

אָט די נייע אינדיווידואַליטעט פאָדערט נישט פאַר קיין הינטערגרונט קיינעמס פּאַסיוויטעט. זי פאַרבינדט זיך אַליין מיט אַנדערע, ענלעכע צו איר. זי פאָדערט נישט פון קיינעם מ׳זאָל זיך אָפּ-

זאָגן פון זעלבסטשטענדיקייט, זי שטיצט זיך בכלל אויף קיין זאַך נישט, אַ חוץ אויף זיך אַליין. זי שרעקט זיך נישט. אַז, אויב ס'וועלן פאַרשווינדן די פאָרמען, וועלכער דער געזעלשאַפטלעכער עבר האָט געשאַפן, וועט זי פאַרלירן אין זיי איר גרונט, איר אָנשפאַר. זי שטיצט זיך בלויז אויף זיך אליין. זי זוכט נישט קיין שום לוין. זי שפּאַלט זיך נישט און טרעט נישט אָפּ פון איר אַרבעט. זי איז אין זיך אליין און באַגנוגנט זיך דערמיט, וואָס זי האָט באַוווּסטזיניק געלעבט, וואָס זי האָט באַוווּסטזיניק אַריינגעבראַכט אין אָרגאַניזם, אין בלוט פון דער מענטשהייט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט אַריינברענגען.

כאַלטורין איז געווען אַ מענטש מיט ווייניק בילדונג, אָבער מיט קלאָרע געדאַנקען. און די געדאַנקען זענען געווען ריכטיקע.

ער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון קאַמף, וואָס איז געווענדט געווען קעגן דעם העכסטן פאָרשטייער פון געוואַלט, קעגן איר פולסטער פאַרקערפּערונג, און ער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג, און האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג, וועלכע ליגט באַהאַלטן אינם פאַקט, אַז מיט זיינער, דעם אַרבעטערס האַנט, וועט דערהרגעט ווערן דער קייזער: דער ערדישער גאָט פון פאָלק.

דאָס לעבן אין פּאַלאַץ, דאָס באַהאַלטן זיך, די פּרעסנדיקע ווירקונג פון די גאַזן פלעגט אים צעשרויפן און אַריינברענגען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד.

דערווייל איז אויבן פאָרגעקומען אַן אומאויפהערלעך געיעג. מען האָט אַרעסטירט קלעטאָטשניקאָוון; און עס איז אונדז שווער געווען פאַרויסצוזען די קלעפּ. מיט שוידער פלעגן מיר קלערן וועגן דער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אָט דער מוטיקער מענטש אין די נעגל פון זיינע שונאים, וועלכע האָבן אים געמוזט פאַרהאַסן, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן פאַראַליזירט זייער אַטענטאַט. עטלעכע יאָר האָט ער געוווינט אין דער הייל פון בגידה און פלעגט אַרויסרייסן בּאַ די שלאַנגען די גיפטיקע ציין.

קלעטאָטשניקאָוו, דאָס איז געווען איינע פון די געזעלשאַפט

לעכע דערשיינונגען, וועלכע עס וואָלט געקענט דערפילן בלויז אַ באַלזאַק.

אַ קליינער באַאַמטער, אָן גרויסער בילדונג, זיך באַגעגנט מיטן געדאַנק, באַטראַכטנדיק זיך וועגן אַרומיקן לעבן, וועגן דער געשיכטע פון די לעצטע צענדליקער יאָרן אין רוסלאַנד, וועגן דער אינסטיטוציע פון דער אַזוי גערופענער דריטער אָפּטיילונג פון דער קאַנצעלאַריע פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט. דאָס איז דאָס אָרט פון וואַנען עס שטאַמען אַלע אומגליקן. דאָ נעמט מען צו די פרייהייט בײַ די געדאַנקען און מען הרגעט אַוועק ביסלעכווייז דאָס לעבן אין זיינע פיינסטע דערשיינונגען.

קלעטאָטשניקאָוו קלערט וועגן דעם, און אין האַרץ גייט בײַ אים אויף דער געדאַנק פון קאַמף מיט דער שרעקלעכער חיה. ווער עס ווייסט, וואָס עס איז אַזוינס פּאָליציי אין אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד, ווער עס ווייסט, וואָס פאַר אַ גרויל זי טראָגט מיט זיך, דער וועט פאַרשטיין די העלדישקייט פון אָט דעם באַשלוס. זיך אָפּגעבן אין רשות פון געשפּענסט און אין זיין אייגענער שטוב מאכן אַ פאַרשווערונג קעגן אים, אָפּנאַרן כסדר זיינע אַלץ־זעענדיקע אויגן. קלעטאָטשניקאָוו האָט געוווסט, וואָס אים דערוואַרט. ער האָט געוווסט, אַז די נקמה וועט דאָ זיין קאַלט, אומרחמנותדיק, דורכגעטריבן. ער האָט זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון יענער לעבנס־ספערע, ווו עס האָט נאָך די ממשלה כאָטש אַ שוואַכער שאָטן פון געזעץ. ווער וועט אונטערזוכן די הינטער־קוליסן־ענינים פון דער געהיים־פּאָליציי? און פאַר דער גוזעלשאַפט וועט ער דאָך זיין אַ געהיים־אַגענט, אַזעלכער, וועמענס גורל עס גייט קיינעם נישט אָן. אַ געהיים־אַגענט איז באַגאַנגען אַ בגידה קעגן זיין מאכט, דער ענין איז דערליידיקט. ער געהערט צו דער ספערע פון מענטשלעכן לעבן, ווו די מענטשן־ווערעם עסן אויף איינער דעם אַנדערן אָן ליכט, אָן גערויש.

ווער וועט אומשטאַנד זיין אָפּצושאַצן אָט דעם מוט, וועלכער האָט געשטעקט אין קלעטאָטשניקאָווס טאַט, אין זיין לעבן ב׳האָב אים געקענט. דאָס איז געווען אַ מענטש פון דאָסטאָיעווסקיס וועלט. אַ מענטש, וועלכער האָט נישט אָפּגעשאַצט זיין לעבן, זיין

שרעקלעכע העלדישקייט: און ער פלעגט עס דורכפירן טאָג-איין טאָג-אויס, ווי ס'האָט באַפוילן זיין מזל.

מיר האָבן געלעבט אויף אַן איבערפלאַך, וועלכע איז געווען באַלויכטן פון דער זון, מיר זענען איבעריקנס, געווען איין גרויסע משפחה, פאַרבינדן מיט פריינטשאַפט-פעדעם. ער האָט געלעבט אַליין אונטער דער גרויזאַמער מאַסקע אין אַ וועלט פון ווערעם. איצט איז ער געווען באַ זיי אין די הענט און מ'האָט געקענט פאָרויס-זען, וואָס פאַר אַ מאָראַלישע, אויב נישט פיזישע ליידן ס'וועט האָבן אויסצושטיין דער הילפלאָזער קרבן.

דאָס האָט טאַקע געהייסן אַריינוואַרפן זיך אין אַ שלאַנגען-גרוב.

און אַ מענטש האָט מיט זיין גוטן ווילן אַרויסגעקליבן אָט דעם גורל, האַבנדיק באַטראַכט, איבערגעוווגן. אַ מענטש, וועלכער האָט געוווּסט, אַז ער האָט קיין זאַך נישט אַ חוץ אָט דעם לעבן זיינעם, וואָס ווערעם וועלן אויפפרעסן, אַז ווען די ווערעם וועלן עס אים אַרויסרייסן, וועלן אפילו נישט בלייבן קיין זכרונות, אין וועלכע ס'קען זיך אָפּרוען די נשמה. זיין איינציקע פרייד, דאָס זענען געווען די מאָמענטן, ווען ס'לעגט זיך אים איינגעבן עמעצן מתרה צו זיין אָדער ראַטעווען. דאַמאָלס פלעגט זיין פּנים זיך אויסלייטערן און, בשעת ער פלעגט זיך ווישן די ברילן, האָט מען געזען אַ פרייד אין זיינע פאַרנעפּלטע, טונקעלע אויגן.

— ווען זיי וואָלטן געקענט פאַרשטיין אָט דעם סימפּטאָם — פלעגט זאָגן מיכאַילאָוו, — וואָלט זיי קלעטאָטשניקאָוו באַדאַרפט מער דערשרעקן, ווי אַלע אַטענטאַטן. קען מען דען קעמפן קעגן אַ שטראָם, וועלכער שאַפט אַזעלכע מענטשן, אַזעלכע כּוחות.

כאַלטורין האָט זיך געפונען ווי אין אַ היץ-צושטאַנד. ער האָט געציילט די שעהן און די מינוטן. ער האָט נאָר גערעדט וועגן דעם מאָמענט, ווען ס'וועט חרוב ווערן דאָס, וואָס שטיצט דעם געוואַלט. דערווייל האָט ער געהאַט גענוג דינאַמיט, איצט האָט מען באַדאַרפט וואַרטן אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט קענען אונטערמינעווען.

איך האָב גערוואָרט מיט זשעלאַבאָוון לעבן פּאַלאַץ. ער איז צוגעקומען צו אונדז אַ פאַרביטערטער: נאָך נישט הײַנט.

און ס'זענען ווידער אַריבער צוויי לאַנגע טעג.

צוויי טעג האָבן מיר אומזיסט געוואַרט אויף כאַלטורינען און מיר האָבן זיך שוין געשראָקן, צי האָט מען אים נישט געכאַפּט. זשעלאַבאָוו האָט געקנײַטשט די ברעמען. מ'האָט זיך גערדאַרפט גע־מען אויפסניי. דאָס איז געווען זשעלאַבאָווס כּח. ער פלעגט אויפ־נעמען יעדער לאַגע און זיין ווילן פלעגט נאָך יעדער מפּלה ווידער אָנהייבן אַרבעטן אין דער זעלבער ריכטונג. ער איז געווען אין אמתן פון דעם מין מענטשן, וועלכע כאַפּן די שטערן אין זייער לויף און פאַרהאַלטן זיי.

ווען מיר האָבן שוין געזאָלט אַוועקגיין, האָט זיך כאַלטורין מיט אונדז צונויפגעשטויסן:

— שוין, — האָט ער געזאָגט.

ער איז געגאַנגען אין דער באַהעלטעניש, וועלכע איז שוין פון פריער געווען צוגעגרייט. ער איז געווען דערשעפּט, ער האָט געציטערט, דער קאָפּ האָט געפלאַמט, ער האָט נישט געקענט וואַרטן. מיר האָבן אים באַגלייט. און מיר זענען געגאַנגען צוריק.

פּלוצלינג האָט אונדז אויפגעטרייסלט אַ שרעקלעכער קנאַל.

אינם ווינטער־שלאָס האָט זיך דאָס פייער אין די פענסטער פאַרלאָשן. דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ ראָסט־פייער, און ער איז געוואָרן אין אַ ווילדע אַרום שוואַרץ־געל. עס האָט זיך אויפ־געהויבן אַ שרעקלעכע מהומה, טייל זענען אַנטלאָפן, אַנדערע ביי־געריקט האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן. דער פּלאַץ פאַרן פּאַ־לאַץ איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון מיליטער. מיט רעש זע־נען געלאָפן די פייערלעשער און רייטער־אָפּטיילונג. מיר האָבן געוואַרט מיט האַרצקלאַפּעניש, צוהערנדיק זיך צו די שטימען פון המון. מען האָט שוין גערעדט, אַז עס איז אומגעקומען דער קייזער מיט דער גאַנצער פאַמיליע, ווי פּלוצלינג האָבן זיך פון פּלאַץ דער־הערט אויסגעשרייען: הורא!

— ווידער געבליבן גאַנץ — האָט געזאָגט זשעלאַבאָוו.

און ער האָט זיך אין דעם מאָמענט געווענדט צום פינס־טערן בנין:

— און דאָך וועסטו אומקומען.

כאַלטורין האָט געוויינט פאַר כעס, ווען מיר האָבן אים געזאָגט, אַז דער קייזער איז גאַנץ, אַז עס האָט אים גאָרנישט געשאַדט.

פאַרמאַכט אין זיין מקום מקלט האָט ער געמאַכט אַן איינ־דרוק פון אַ פאַרווונדערטער וואַלד־חיה, וועלכע גרייט זיך צו איר לעצטן קאַמף: ער האָט דערוואַרט פאָליציי און האָט דאָס אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון רעוואָלווער און דער אָנגעגרייטער באָמ־בע. ער האָט פאַר קיין פרייז נישט געוואָלט מען זאָל אים נעמען אַ לעבעדיקן.

ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי ער האָט געהאַט די מעג־לעכקייט צו דערהרגענען דעם קייזער אין פאַלאַץ אין זיין אייגע־נעם קאַבינעט.

ער האָט געאַרבעט אַלס סטאָליער, און ער איז גראָד גע־ווען אין צימער, ווו ער האָט פאַרענדיקט עפּעס אַן אַרבעט, ווען עס איז אַריינגעגאַנגען דער קייזער. ער האָט מיר אויסגעזען פאַר־טרוימט פון ווייַן און עפּעס אַזוי ווי אומעטיק. ער האָט זיך שווער באַוועגט און האָט אויף מיר געקוקט מיט פאַרמאַטערטע אויגן. איך האָב אים נישט געקענט דערהרגענען דאַמאָלס. כ'האָב אים גע־קענט אַריינזעצן די שאַרף פון אַ דלוטע אין האַרץ, אָדער דעם קאָפּ צעשפּאַלטן מיט אַ שווערן האַמער, אָבער דאָס איז מיר נישט איינגעפאַלן. — עפּעס אַ נעפּל האָט מיך אַרומגענומען, און עס האָט זיך מיר געדאַכט שפּעטער, אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט ער־גער אויף זומפּן אין אַ רעגן־צייט, חלומות פּלעג איך האָבן כסדר אומקלאָרע און פּלאָנטערנדיקע פון קאָפּווייטיק, וועלכע פּלעגט מיר אומאויפהערלעך שפּאַלטן דעם קאָפּ.

עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז כ'בין געגאַנגען מיט אים איבער זומפּן. סיי אים, סיי מיך שלעפּט אַריין דער זומפּ, און ער האָט מיר אויסגעזען ווי אַ שיכורער פּויער, וועלכער איז בלויז איבער־געטון אין אַט דעם מונדיר און אָרדנס.

כ'האָב אים נישט געקענט אַזוי דערהרגענען.

אָבער איצט, ווען איך ווייס, אַז ער לעבט דאָרט אין די חורבות — דאַכט זיך מיר, אַז איך וואָלט אַהינגעלאָפֿן און אים מיט די אייגענע הענט דערשטיקט. אַ מאָדנע זאַך, דאַמאָלס האָב איך רחמנות געהאַט אויף אים. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס איז פּאַרטויבט פֿון עפּעס. און אפשר וואָלט איך אים אויך איצט, ווען ער ווייזט זיך מיר ווידער פּאַר די אויגן, נישט אָנגע־רירט. אָבער אין געדאַנק האָב איך אים שוין הונדערט מאָל דער־הרגעט.

— איצט איז שוין גענוג, — האָט געזאָגט זשעלאַבאָוו — מער וועלן מיר שוין קיין דורכפאַל נישט האָבן.

זשעלאַבאָוון האָט כאַראַקטעריזירט דאָס, וואָס ער פֿלעגט גיין גלייך צום ציל. די תקופה, וועלכע האָט זיך איצט אָנגעהויבן, האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ קאַלטע התלהבות פּאַר איין געדאַנק: נישט דורכפאַלן.

דער ווילן פֿון עטלעכע צענדליק מענטשן האָט זיך אוועק־געשטעלט איבערן קאָפּ פֿון איין מענטש ווי אַ האַק.

און ס'איז געוועזן עפּעס אַ שרעק — אין אָט דעם באַוווּסט־זיניקן, קלאָרן אומאויפהערלעכן שאַרפֿן די האַק. זשעלאַבאָוו שטייגט אויף אין מיין זכרון פֿון יענער צייט ווי אַ בויגן־שיסער, וועלכער, ציט אָן די שנור פֿון בויגן — לאַנג, פּאַמעלעך, אַנטשלאָסן. דער שיסער איז געפֿאַלן, אָבער די פֿייל אינדערלופֿטן זומט, שניידט דורך די לופֿט, עס פֿילט זיך, אַז זי וועט טרעפֿן.

אין דער צייט איז אונדזער גייסטיק לעבן אַריין אין אַ נייער תקופה. עס איז געוואָרן קאַלט, אומרחמנותדיק, ווי שטאָל.

— ווען זיי וואָלטן געהאַט אויערן — פֿלעגט זשעלאַבאָוו זאָגן, — וואָלטן זיי געהערט, ווי עס וואַקסט די גילאָטינע.

זשעלאַבאָוו האָט געהאַט אין זיך די מאַטעמאַטישע קעלט פֿון אַן אָנפֿירער. ער האָט געהערט צו די, וואָס, אַז זיי שטעלן זיך איינמאָל עפּעס פּאַר אַ ציל, מוזן זיי עס דורכפֿירן און זיי

קוקן אויף דער גאַנצער וועלט פון שטאַנדפּונקט פון זייער אומגעענדערטן ווילן.

אַלעקסאַנדער סאָלאָוויאָוו איז געגאַנגען אויף אַ שרעקלעכן קאַמף מיטן קייזער. זיין לעבן האָט ער שוין פריִער געהאַט מקריב געווען דעם גורל, און ער איז געגאַנגען ווי דער טויט אַליין. כאַלטורין איז געווען ווי דער תהום פון מענטשלעכע עוולות, וועלכער עפנט זיך אונטער די פיס פון דער געוואַלט. זשעליאַבאָוו איז געווען רויִק און קאַלט. שטאַרק באַ זיך און זיכער, אַז ער איז גערעכט: אַפּאָלאָס בויגן-שיסער, וועלכער דערהרגעט די חיות רעות. צווישן אים און אַלעקסאַנדער דעם צווייטן איז שוין נישט געווען קיין שום מאָראַלישע ספקות, ס'איז שוין נישט געווען קיין שום פראַגן פון רעכט. די געוואַלט איז געווען פאַרמשפּט און זיך געמוזט אונטערגעבן. זשעליאַבאָוו האָט געהאַט אין זיך אָט די פולשטענדיקע קלאָרקייט פון אַן אַנטשיידענעם, אַנטשלאָסענעם ווילן. ער איז געגאַנגען פאָרויס, נישט בייטיקנדיק זיך אין קיין עקזאַלטאַציע, התלהבות. ער איז געגאַנגען נאָך זיין רויִק, ווי דאָס מזל. נישט ווילנדיק פלעגט זיך שאַפן אַן אַבערגלויביש פאַרגעפיל: איצט וועט ער שוין נישט ניצול ווערן, ער קען נישט ניצול ווערן.

קיינמאָל איז זשעליאַבאָוו נישט געווען אַזוי אינגאַנצן דער, ווי ער איז עס געווען אין אָט דער צייט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און איז אויסגעוואַקסן. דאָס איז געווען די צייט פון זיין ליבע צו פּעראָווסקאַיאַן. ווי לייבן פלעגן זיי שטאַרק ווערן פון אָט דעם צוזאַמענזיין. די רויִקייט, די ליכטיקע פרייִלעכקייט פון סאָניאַ פּעראָווסקאַיאַן איז איצט געוואָרן דער שטאָלץ פון פּאַלאַדע, באַוואָפנט אין מעש. זיי האָבן אויסגעזען איינער לעבן אַנדערן, ווי עפּעס געשטאַלטן פון אַן עפּאָפּעיע. אַרום זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט נשמות, פאַרהאַרטעוועטע, אויסגעפּרוּווטע, פאַראייניקטע אין יענעם מאָמענט דורך איין געדאַנק.

ווי ווייט איז שוין געווען די צייט, ווען זיי זענען געגאַנגען מיטן גלויבן, אַז ס'עקזיסטירט אַ פּאַטערלאַנד פון אמת, פרייהייט, און עס איז גענוג צו ווערן זיין געדאַנק. דערנאָך זענען

געגאַנגען יאָרן פון תּפיסות, תּליות, פּיין, צעשיידונג, און אומאויפ־הערלעך קריצן פון קייטן האָט זיך געטראָגן פון אונטער דער ערד, ס׳האָט פאַרגליווערט דאָס שרעקלעכע געשריי פון די, וואָס זענען געווען פאַרמויערט לעבעדיקערהייט אין דער צענטראַלער באַרקאָווער תּפיסה: די נשמות פלעגן זיך באַוואָפענען, ס׳האָבן זיך געהויבן הענט קעגן די פינסטערע נעכט, וואָס וואַרפן דונערן אויף די איידעלע הילפסלאָזע קעפּ. איצט זענען זיי שוין געשטאַנען איי־נער קעגן אַנדערן פּנים צו פּנים: דער קייזער אויפן וואַקלדיקן, מיט בלוט פאַרגאָסענעם, טראָן, אַרומגערינגלט מיט גאַנצע מחנות שפּיאָנען און שומרים — און דאָס לייבן־הייפעלע.

דער ווילן פון צעטראָטענע, באַוואָלטע פאָלקסמאַסן, וועל־כער איז געוואָרן אַ לעבעדיקע זאַך.

דער הויך פון אַ לייב איז געווען אין דעם אַלעם.

אונטער די אַראָפּגעלאָזטע וויעס, הינטערן בלאַסן, אויסגע־מאַטערטן פּנים ווי וואַקס האָט געאַרבעט אומ..ויפהערלעך דער גע־דאַנק פון קיבאַלטשיצן. די דונערן האָבן דאָ באַדאַרפט האָבן די מאַטעמאַטישע זיכערקייט פון געדאַנק, ס׳איז דאָ געווען זעלמאַן פאַרטיפט מיט דער נשמה אין די ריזיקע נשמות פון די קעמפער: מיכאַילאָוו אַלעקסאַנדר. מיכאַילאָוו טימאָפיי, שטיל איבערגעגעבן דעם אמת, ווייך. ס׳איז דאָ געווען פלאָרענקאָ, אַ העלדישע נשמה, אַ האַרץ פון אַ קינד. ס׳איז דאָ געווען וויעראַ פיגנער — אַנטיגאָ־נאַ — מיט אַ מעשענעם האַרץ — ס׳איז געווען אָלגאַ לובאַרטאָ־וויטש, טיכאָנראַוואָוו מיט אַ פאַרגליווערט האַרץ און מיטן געדאַנק, וועלכער האָט געזוכט צו נקמה. ס׳איז דאָ געווען סעווערקאָוו אַ פּאָעט, אַ חכם, אַ נביא, סאַבלין — האַמלעט, אַ ווייכע נשמה און אַ מענטש האַרץ. ס׳איז דאָ געווען העסע העלפמאַן, וועלכע מ׳האָט נישט געקענט נישט ליב קריגן. ס׳איז דאָ געווען לאָפּאַטין, פאַר וועלכן ס׳האָבן זיך געבויגן מיט דרך ארץ גרויע קעפּ פון זקנים. ס׳איז געווען אין דער שווייץ, אָבער מיט דער נשמה תּמיד מיט אונדז, דער ריטער און העלד סטעפּניאַק. ס׳זענען געווען מיט אונדז אַלע די ריינע הערצער, פון וועלכע ס׳איז שוין אַזוי פיל געהאַט אומ־געקומען.

די שאַטנס פון ליזאָגוב, מאַלינקאַ, דראָביאַזגין, דאָס העל־דישע געשטאַלט פון אָשינסקין, דער גאַנצער עבר אונדזערער, אונ־דזערע קדושים, וואָס גוסן אין די קייטן, אַלץ איז געווען מיט אונדז.

צי קען מען זיך וווּנדערן, וואָס מ׳האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו זאָגן, אַז ער האַלט דעם זיכערן בויגן פון זונען־גאַט.

ס׳האָבן אָנגעצויגן די שנור פון דעם בויגן די פינסטערע ליידן, די געדאַנקען האָבן געשאַרפט די זיכערע פיילן, געבענטשט האָבן זיי די ליכטיקע, קלוגע אויגן. איר וועט נישט פאַרבייפליען, זוניקע פיילן: דעם וועג האָט אייך אָנגעצייכנט דער געדאַנק פון מוטיקע הערצער, פון נשמות אָן זעלבסטליבע. זיי האָבן געזוכט דעם קוואַל פון עוולות און מניעות און זענען געגאַנגען איבער אַלע סטעזשקעס דאָרט אַהין, ווו ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ פונם גע־שפּענסט.

און צוואָס, ליכטיקער צאַר, פאַרמאַטערטער, אָרימער מענטש, לעבט דאָס האַרץ אין דיין בוזעם?

צוואָס האָסטו מיט שווערן אומעטיקן בלוט געשפּייזט די גופים פון שרצים, וואָס זענען אַריינגעפּלאָנטן אין קערפּער פון אויסגייענדיקן פאָלק?

פאַרוואָס האָסטו מסכים געווען צו זיין דער קאָפּ, וואָס לעבט אויפן קערפּער פון דער חיה רעה...

ווערסט דעם אַראָפּהאַקן, וועל איך האָבן אַ נייעם — זאָגט די חיה רעה... מיין גאַנץ לייב איז געפּאַשעט מיט טרערן, מיט בלוט, איז אין שלאַנגען־גיפט געטונקען.

עס סווישטשעט אינדערלופטן די זיכערע פייל, ס׳בענטשט זי דער לויטערער געדאַנק, דער אומבאַזיגבאַרער געדאַנק.

פאַרוואָס האָבן זיך צעלאַכט באַ גליעב אוספּיענסקי די ליידנ־דיקע אויגן, ווען ער האָט דערהערט, ווי ס׳ציט זיך אָן, ווי עס זינגט אין דער העלדישער האַנט דער בויגן.

דאָס האַרץ פון אַ טויב, דאָס קינדישע האַרץ שיקט דיר זיין ברכה — אַ זיכערע פייל. ס׳בייגט זיך דער קאָפּ באַם חכם,

באַ פּיאָטר לאַווראָוון, דער געדאַנק האָט אויסגעמאָסטן די וועגן, ער איז אַריין אין האַרץ, ווו ס'שלאָגט דער גלאָק פון מענטשלעכע ליידן. דער לייבן־קאָפּ פון מאַרקסן שיקט אַ גרוס דעם גרויסן קאָמיטעט. דו וועסט נישט בלאָס ווערן, קוילן־וואַרפער, עס וועט דיר נישט קיין ציטער טון די האַנט, מיט דיר איז אַפּאָלאָ, דער ליכטיקער גאָט און דיאָניזאָס, וואָס איז שיכור פון ליידן, דער מעכטיקער צעוס און אַפּאָלאָ, וואָס קעמפט מיט דער שווערט. מיט דיר זענען די עריניען די אונטערערדישע, מיט דיר זענען די קלאָגערינס, וואָס האָבן שוין די טרערן זייערע אויסגעוויינט, מיט דיר איז די ווייטיק און דער זיפץ פון דער וויסטער ערד.

איך מיין, אַז טיף אין האַרץ, האָט אַלעקסאַנדער דער II־טער אַליין געפילט, אַז ס'וועט אים קיין זאַך נישט ראַטעווען. דאָס איז געווען אַ צייט פון שרעקלעכן קאַמף אין דער פינסטער. די פּאָליציי האָט אָנגעשטרענגט אַלע אירע כּוחות. זי האָט געפילט, אַז ס'ציטערט שוין אינדערלופטן דער אַנטגילטיקער קלאַפּ, און זי האָט זיך כּסדר איינגערעדט, אַז ס'איז געפאַלן פון איר קלאַפּ די דראָענדיקע האַנט.

אין דער גאַנצער שטימונג פון דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט איז געווען די זעלבע דערוואַרטונג.

מענטשן האָבן געפילט, אַז אַרום זיי פאַרשטאַרקט זיך אַ שרעקלעכער כּוח, זיי האָבן געהערט די קלעפּ. נישט קוקנדיק אויף די פאַרזיכערונגען פון דער פּאָליציי, האָט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג נישט אויפגעהערט צו זען אין דער נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ וו אָ ל י אַ אַ גרויזאַמען נישט דערגרייכבאַרן כּוח, וואָס הענגט איבערן קאָפּ. ס'האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ כּוח פון די שניייִקע פעלדער פון סיביר, פון די פאַרגעסענע קבֿרים, פון די גריבער און פון די פּיין־קאַמערן אין די תּפֿיסות. אַ קופּערנער וואָלקן איז געהאַנגען איבער דעם קאָפּ, אויף וועלכן אַלע האָבן געקוקט, פילנדיק, אַז ער וועט פאַלן, אַז ער מוז פאַלן.

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די אימה איז געוואָרן אַ נאַטירלעכע אַטמאָספער.

דער קאַמף איז געווען אויף לעבן און טויט, און דער טויט־פּלעגט פאַרבײַגיין כמעט אומבאַמערקט. ס׳זענען אומגעקומען אויף דער תּליה פּריעסניאַקאָוו און קוויאַטקאָווסקי. די נשמות און די ווילנס זענען געווען פאַרנומען נאָר מיט דער איינער זאַך: שמידן געווער, אָנצינען דעם בויגן.

דער פּלאַן איז צוגעגרייט געווען זאָרגזאַם, באַרעכנט און קאַלט.

ס׳איז געווען אויסגעקליבן די גאַס, דורך וועלכער ס׳פּלעגט פאָרן אַלעקסאַנדער דער II-טער, מ׳האָט געדונגען אַ געוועלב, וואָס פון זײַן קעלער איז געגאַנגען די אונטערגראָבונג. קיבאַלטשיץ האָט אויסגערעכנט די קראַפט פון אויפרײַס. אין געוועלב האָט מען באַזעצט באָגדאַנאָוויטשן און די לעבעדעוואַן. זשעלאַבאָוו האָט גלײַכצײַטיק געגרייט אַנדערע פּלענער.

ווען כ׳טראַכט וועגן אָט דער תּקופה, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס, וואָס האָט געשאַפן אַרום אונדז און אין אונדז אַליין, אָט די שטימונג פון גרויזאַמער רויִקייט, פון דעם זיך נישט וואַקלענדיקן כּוח, דאָס איז געווען אַ מאַראַליש געפיל.

די געזעלשאַפט האָט געוואַרט אָנגעשטרענגטערהייט, זי האָט זיך געזאָלט איבערצייגן, צי איז טאַקע אמת, אַז זייער געשטיקט, צעבלוטיקט האַרץ האָט, לעבנדיק אין דער שרעקלעכער אונטערדריקונג און יאָך, דאָך באַוויזן צו ברענגען דאָס רעכט אויף דער וועלט. זי האָט זיך געזאָלט איבערצייגן, צי אָט דאָס רעכט לעבט און האָט שליטה איבער דעם געוואַלט. דאָס רעכט, וואָס איז צעטראָטן, צו נישט געמאַכט, פאַרגאָסן מיט בלוט.

מיט מיליאָנען אויגן, וואָס לעשן זיך, קוקט דאָס רוסישע פאָלק אין הימל אַריין, אין זײַן אייגענער נשמה אַרײַן, אין דעם אומגעענדערטן, פינסטערן גורל.

מיט טויזנטער טײַכן פליסט דאָס בלוט.

אַלעקסאַנדער דעם II-טנס טויט האָט מען דערוואַרט, ווי אָט די שטימע פון רעכט. וואָס גיט צוריק מיליאָנען צעטרעטענע באַשעפענישן זייער מענטשלעכע ווירדע. דאָס צאַרישע רוסלאַנד, די פאַרלײַקענונג פון מענטש, די געוואַלט איבערן מענטש, די גע־

וואַלט, וועלכע פאַרשפּרייט אַ בלאַסע שרעק: רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון פינסטערן משוגעת באַ מיליאָנען מענטשן, האָט געפילט, אַז ס'לעבט, ס'אָטעמט דערין, ס'איז וואַך אַ נייער כּוח — דער באַוואָפנטער געדאַנק.

ס'וועט נישט קיין ציטער טון, ס'וועט נישט קיין ציטער טון דער בויגן: אין דיין האַרץ, צאַר אַלעקסאַנדער, לעבט אויך אָט די שטימע — אָט דאָס רעכט.

גיי אַריין אין דיין האַרץ און הער צו:

הער זיך צו, צי דיין האַרץ פאַראַכט נישט דיך אַליין? צי פילסטו נישט דערין אַ טויט־מידקייט, אַ שווערן לאַנגווייל? אַ בלוטיקער וואָלקן איז דיר אַרויפגעריי״ן אויפן האַרץ, דו זעסט דיך נישט, עפּעס אַזוינס, פון וועלכן מ'שפּירט בלוט און אַ מאָרד, קלעבט זיך אַרום דיינע געדאַנקען. אומזיסט זוכן זיי און קלאַפּן, זיי זען ניט קיין וועג. טיף אין האַרץ האָסטו. דיך אַליין פאַרמשפּט, רוסישער צאַר. די געדאַנקען זענען אַוועק, ס'האַרץ האָט פאַרלאָזט די פרייד. אַ טאָג נאָך אַ טאָג גייט אַוועק, ווי אַ נעפּלדיקער, בלייערנער שלאָף גייען דורך די שעהן. ווו דו גיסט אַ קוק, אומעטום איז בלוט. און אומזיסט זאָגסטו: איך האָב געהאַט רעכט. דער גרויסער גאָט האָט מיך געשיקט אויף מיין בלוטיקער דינסט.

מיט געוווער ביסטו געגאַנגען קעגן בערג, ווייסער צאַר. און פאַרוואָס קאָרטשעט זיך איצט דער געדאַנק ווי אַ פאַרווונדעטע חיה? נעם אַ פייל און זעץ זי אַריין מיט דער שאַרף אין האַרץ אַריין. אויך דיר קומט רו, דו קרבן פון בלוטיקן נעפּל.

עס רופט דיך דער פאַרפוילטער פעטערבורגער נעפּל, עס וויקלט דיך אַרום דער בלאַסער פרימאָרגן. דו וועסט דיך נישט באַהאַלטן, דו וועסט דיך נישט באַהאַלטן, דו ווייסט עס.

דו האָסט געזען ווי די בעלמע פון טויט פאַרציט די אויגן פון דער חיה, זי האָט זיך פאַרקוקט אין דיינע דרייסטע יעגערישע אויגן. זע, זע: דאָרט ציט אָן דער זיניקער גאָט דעם בויגן. עס לויפט די פייל, זי קלינגט, סווישטשעט, און דיין אייגענער געדאַנק פליסטערט שטיל:

זאָל ער שוין טרעפן!

דו װעסט באַפרייט װערן פון בלוטיקן געפל, װעסט באַפרייט װערן פון דער פוסטקייט. נישט פון דיין האַרץ װעט אַרויסגיין דאָס בלאַסע געשפּענסט אָן אויגן, װאָס זויגט בלוט, שטיקט די נשמות. דו װייסט אַליין, אַז דיין האַרץ האַלטן געשפּענסטער. דער זוניקער גאָט האַלט שוין דעם זיכערן בויגן.

אין נעסט פון דער חיה רעה

XIII

ס'האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַ נאָוועמבער-אָוונט, ווען כ'האָב דאָס לעצטע מאָל געזען מיכאַילאָוון. ווי תמיד, איז ער געווען אומעטום, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען זיך אַליין צעטיילן אויף צוויי און דריי טיילן. הײַנט איז ער נאָך געווען ערגעץ הינטער פּעטערבורג, מאָרגן האָט ער שוין אָרגאַניזירט הינטער די ניעווסקע ראָגאַטקעס עפּעס אַן אַרבעטער-קרייזל, האָט אויסגעפירט טויזנטער שליחותן. תמיד אומדערמידלעך נביאיש.

פּאָליציי האָט זיך געיאָגט נאָך אים מיט אַ סיסטעמאַטישער פאַרביסנקייט. ער האָט זיך איר אַרויסגעגליטשט מיט ניסים פון די הענט. כמעט אומזיסט האָבן מיר אים געבעטן, ער זאָל זיך באַהאַלטן אין איינער פון די זיכערערע וווינונגען אויף אַ צייט. ער האָט געפילט, אַז ס'דערנענטערט זיך דער אַנטשיידנדיקער מאָמענט, און אפשר האָט ער אויך געזען, אַז ביסלעכווייז ווערן שיטערער די רייען, אַז עפּעס ענדערט זיך אין אונדז גופא, אין די שטימונגען פון דער אָרגאַניזאַציע. די נייע, וועלכע פלעגן אָנקומען, פלעגן ניט זיין אומשטאַנד צו פאַרטרעטן יענע, וואָס פלעגן

אומקומען. זיי האבן נישט געהאט הינטער זיך קיין פארגאנגענהייט. די פסיכישע אָרגאַניזאַציע פון אַ ב ראַדאָוואָלעץ פלעגט זיך בויען פּאַמעלאַך, ס'פלעגט אָנוואַקסן אַ געוועב נאָך אַ געוועב, אַ קעמערל נאָך אַ קעמערל.

יעדער פון אונדז האָט געהאַט אין זיך אין דער גאַנצער אויסגעשטאַלטונג פון דער נשמה אַ גאַנצע געשיכטע, אַ גאַנצן שרקלעכן, בילדנדיקן, כאַראַקטער-שאַפנדיקן לויף פון געשעענישן און אומשטענדן. נייע מענטשן פלעגן קומען מיטאמאָל צו פאַר-טיקע אויספירן און רעזולטאַטן. זיי זענען געווען איינזייטיקער און מער אויבערפלעכלעכער, זיי האָבן אָבער אויסגעזען צו זיין מער אַנטשלאָסן.

קירסאַנאָוו פלעגט, טרעפנדיק זיך מיט אונדז, מיט טריומף און מיט דער איראָניע זיינער אָנווייזן אויף דער אָדער יענער רי-זיקאַלישער אויפגאַבע.

— אַזוי איז עס, אַלעקסאַנדר דימיטראָוויטש — פלעגט ער זאָגן — מיט דער צייט וועט מען קענען אַ טראַכט טון וועגן ענ-דערן די דינאַסטיע.

— מיכאַילאָוו פלעגט זעלטן אָנווערן זיין רו. אין אַ פּאָ-לעמיק פלעגט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס בינדט.

— לאָז שוין צורו, האָט ער געזאָגט — לאָז שוין צורו.

אָבער קירסאַנאָוו האָט אַלץ טריומפירט.

מיכאַילאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— אָט, וואָלסט דיך צוגעהערט, אין אמתן, עס גריסן דיך: קוויאַטקאָווסקי, פּריעסניאַקאָוו, סאָלאָוויאָוו, אַלעקסאַנדר קאָנסטאַנטינאָ-וויטש: Ave triumphator!, ביסט קלוג, יור, מיר וועלן אַלע דורכ-גיין פאַרביי דיר, און דו וועסט איבערלעבן, וועסט מענטשן לערנען, ווי דו ביסט שטענדיק אין אַלעם גערעכט געווען. נאָר דאָס נעם דיר אין זין אריין: אַ שקלאַף קען קיינמאָל אין קיין שום זאַך נישט גערעכט זיין. מ'האָט באַדאַרפט אין דער רוסישער נשמה שאַפן די שווערט, מ'האָט דיך באַדאַרפט מיט דער שווערט באַ-

חאַפּענען. איצט טראַכט. און אַזוי איז דען נישט אַלץ איינס, וואָס אַ סטאַדע טראַכט?

— אַ שווערט, אַ שווערט, האָט קירסאַנאָוו געזאָגט... סאָ וואָס-זשע איז? און שטעכן מיך מיט די טויטע חברים איז אויך גאַנץ איבעריק. אפשר וועט אונדז אַמאָל דערמאַנען דאָס רוסישע פאָלק אָן זיי און פרעגן: פאַרוואָס-זשע זענען זיי אומגעקומען, פאַרוואָס האָבן זיי געוואָלט אומקומען?

מיכאַילאָוו האָט זיך אָפּגעקערט אַ בלאַסער און אָנגעהויבן רעדן מיט ציטערנדיקע ליפּן: הער אויס, איך נעם אויף מיר די אחריות: פאַר יענע קעפּ, פאַר די, וואָס וועלן פאַלן, פאַר מיין אייגענעם. כ'נעם אויף מיר און זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז ווען מיר וואָלטן אָנגעהויבן פון אָנהייב — וואָלט אויך געווען דאָס אייגענע.

— פאַרשטייט זיך, — פאַרשטייט זיך, — מיר מוזן תמיד בעסער וויסן, נישט איידאָפּעיש — האָט קירסאַנאָוו חוזק געמאַכט, — ווי קומען מיר באַכצוגיין איידאָפּע. מיר וועלן די וועלט דערשטויגען.

— נאָכאַמאָל זאָג איך דיר „morituri te salutant — ave, doctor” — האָט געזאָגט דער בלאַסער מיכאַילאָוו — וועסט נאָך האָבן צייט, וועסט נאָך די גאַנצע וועלט איבערצייגן, אַז מיר זענען צוליב אונדזערע פעלערן אין קבר אַריין געגאַנגען. אָבער עס וועט בלייבן דאָס, וואָס עס דאַרף זיין — די שווערט פון פאָלק...

— באַקונין, עליו-השלום, לאָזט דיך גריסן — האָט געזאָגט קירסאַנאָוו.

— עס איז מיר אַ רחמנות אויף דיר, יור, — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט — וועסט אַליין דיין אייגענע נשמה אויפעסן. דו ביסט אַ פיינער מענטש, איך ווייס עס. אָבער דאָס איינע האָסטו אין דיר: דו ביסט אומדאַנקבאַר. דו האָסט אין דיר גאָר קיין גרויס-מוט נישט, דערפאַר וועסטו תמיד זיין גערעכט, און דיין יעדעס גערעכט זיין וועט זיין אַ דורכפאַל. וואָס העכער דו וועסט דיך אויפהייבן, אַלץ אָרימער וועסטו זיין, ווייל דו וועסט תמיד גיין

קענן עפעס, עס וועט דיר קאַלט זיין, יור, און איינזאַם עגסטו זיין. דו ביסט מיר אַ שאָד.

קירסאַנאָוון האָט שוין אין יענער צייט געפיניקט זיין גע־פערלעכע קרענק, די גייסטיקע אַמביציע.

ווען ער פלעגט צוטרעטן צו עפּעס אַ זאַך, פלעגט ווי פאַר־פאַלן ווערן דער אָביעקט גופא, — אויפן ערשטן פּלאַן פלעגט אַרויסטרעטן דאָס, וואָס ער וועט וועגן איר זאָגן און אַז דאָס דאַרף זיין באַטראַכט טיפער און בעסער, ווי אַלע אַנדערע זאַכן. זיין גע־דאַנקען־לעבן — דאָס איז געווען אַ כסדרדיק אָפּהיטן דעם אייגע־נעם ווערט פאַר זיך אַליין. אַזוי איז ער געווען אין דער באַציִונג צו די דענקער און דענקונגס־שטרעמונגען, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט, אַזוי — אין באַציִונג צו מענטשן.

עס איז געווען אַ צייט, ווען ער איז געווען צונויפגעוואַקסן מיט דער זאַך. מיט דער צייט פלעגן זיך לייגן שיכטן פון באַ־פרידיקטער און אומבאַפרידיקטער אַמביציע אויף דעם פריִערדיקן נישט באַפרידיקטן באָדן. די נשמה פלעגט פאַרשטיינערט ווערן. קירסאַנאָוו איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומפּעיִקער אַרויסצוגיין פון זיך אַליין. ער האָט נישט געוווסט דעם תענוג פון צענויפגיסן זיך מיטן געדאַנק — אַלץ האָט אַנגענומען אַ פאָרם פון כסדרדיקן אָפּ־היטן דאָס, אַז ער איז גערעכט.

יעדער נייער געדאַנק און נייער מענטש איז געווען אַ שונא.

מיכאַילאָוו האָט דאָס פאַרשטאַנען, און ער האָט געדענקט דעם אַמאָליקן קירסאַנאָוון.

זשעלאַבאָוו האָט אים דורכגענומען מיט זיין שאַרפן בליק און פאַראורטיילט.

— קירסאַנאָוו — האָט ער געזאָגט, — דאַרף האָבן דעם רוסישן פויער, דער עיקר דערפאַר, כדי מיר צו דערווייזן, אַז איך קען אים נישט. מאַרקסן דאַרף ער האָבן, כדי צו דערווייזן, אַז מיכאַילאָווסקי איז אַ קאָנסערוואַטאָר. אַלץ, וואָס ער נעמט אין דער האַנט אַריין, ווערט פאַר אים בלויז אַ שטיין אויף צו וואַרפן אויף

יעדערן, ווער ס'וועט אים אַרויפטרעטן אויף דער מאָזאָלע פון דער אַמביציע.

ווען ער באַגעגנט אַ מענטש — איז דער ערשטער געדאַנק זיינער:

דאָס איז פונדעסטוועגן מאָדנע, וואָס ער וואַגט צו לעבן און דענקען. ס'וואָלט נייטיק געווען אים אויפצוווייזן, אַז דאָס דאַכט זיך אים בלויז. וואָרום ווי אַזוי איז דאָס טאַקע? עמעץ טראַכט עפּעס, פילט עפּעס, פון וואָס איך ווייס נישט. דאָס מוזן זיין עפּעס געדאַנקען גאָר פון ערגסטן מין.

קירסאַנאָוו וועט זיין גאַנץ לעבן גיין אין ענגע שיך, כדי עמעצן צו דערווייזן, אַז ער האָט אַ קלענערן פוס, ער וועט אַ גאַנץ לעבן לייענען העגעלן, כדי מיך דערמיט צו פאַרהוונדערן, ער וועט זיך צווינגען צו טון יעדער זאַך, וועלכע וועט אים אימפּאָנירן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מאַרקס לייענט דאָן קיכאָטן אין אָריגינאַל, האָט ער אים אויך געלייענט, כאָטש ער פאַרשטייט גאָרנישט. ער ציטירט טאַציטן, פּלאַטאָנען, גאָט ווייסט וועמען: ער לייענט ביכער צוליב דעם, כדי מיכאַילאָווסקין צו דערעסן.

— דו איבערטרייבסט, טאַראַס — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט — דו ווייסט, אַז דו איבערטרייבסט.

— ניין, — האָט שאַרף געענטפערט זשעלאַבאָוו — איך ווייס אפילו, אַז ווען מ'וועט מיך אויפהענגען, וועט מיך קירסאַנאָוו באַגנעדיקן, ער וועט אפילו ברעכן שטולן, כדי אַרייסצורופן התפעלות מיט זיין גרויסמוט. איך זע אים שוין איצט, ווי ער וועט אָננעמען די פּאָזע פון מעפיסטאָ און וועט זאָגן: — אין יענער צייט איז די אויפפאַסונג פון דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע אין רוסלאַנד ווייניק פאַרשפּרייט געווען — דאָס דערקלערט זיך מיט דער נידעריקער אַנטוויקלונג א. א. וו. אָדער — אויב איך, יורי קירסאַנאָוו, בין היינט די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכן געדאַנק, איז עס געשען אַ דאַנק דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע, און איך זע אין דעם קיין שום פאַרדינסט נישט מיינעם, וואָס די דיאַלעקטישע אַנטוויקלונג איז בײַ מיר דערגאַנגען ביז זעלבסטבאַקענונג.

ביעלינסקי האָט געזאָגט;

— וואָס בין איך עפּעס אַ גולם, כ'זאָל זיין בײַ עפּעס אַן אַלוועלטלעכן גײַסט אַ שיק־ייִנגל!

איז דאָס טראַכט נישט איר, נאָר ער! אוי, יורי קירסאַנאָוו זאָגט, איך בעט צו זיין אויפמערקזאַם, ווײַל דאָס רעדט די קווינט־עסענץ פון דער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג בײַ דער מענטשהייט. די היסטאָרישע דיאַלעקטיק רעדט עס, כע, כיַ, כע... פּונקט ווי עפּעס אַן אַקאַקי אַקאַקיעוויטש, ווען ער שרײַבט איבער עפּעס אַ פּאַפּיר, וואָס עס האָט אָנגעשריבן זיין עקסעלענץ.

זשעלאַבאָוו איז נישט געווען קיין דענקער אין זײַנע געפילן און פּערזענלעכע באַציִונגען. בײַ אים איז אַלץ געווען אַנטשלאָסן, איינהייטלעך, אַנטגילטיק. איך בין נישט גרעסער פונם מאָמענט. אין יעדן מאָמענט טו איך דאָס, וואָס איך דאַרף טון. ווי איך קען, ווי ס'איז צום בעסטן. איך ווייס נישט, איך קען נישט וויסן, וואָס עס וועט אַרויסוואַקסן פון די מעשים. אויב איך וועל איבערלעבן, וועל איך זען און וועל גיין ווייטער. אויב נישט — וועט דאָס לעבן מאַכן דעם אויספיר. מיין איך דאַרף טון דאָס, וואָס עס הייסט מיין וויסן, און ווען איך באַשליס שוין, דאַרף איך טון ווי צום שטאַרקסטן. קירסאַנאָוו וויל זיין דער גײַסט, וועלכער וואַקסט פון מענטשלעכע ביינער. אים האָט שוין געענטפערט גע טע אין „פאַוסט":

— Es ist der Herren eigner Geist — הייסט, איבעריקנס, איז נישט כדאי צו רעדן.

מיר זענען געווען זאַלבעזעקסט אָדער זאַלבעזיבעט יענעם אָוונט אין זשעלאַבאָוו און סאָפיא פּעראָווסקאַיאַס וווינונג. מיט מי־כאַילאָוו איז געקומען קיבאַלטשיץ און סאַבלין. דערנאָך איז אָנגע־קומען וואָלטשאַק. איך געדענק נישט, עס איז געווען אפשר נאָך עמעץ.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר געהאַט אָוועקגעשיקט קיין קרים זעלמאַנען, וועלכער איז שוין פון דאָרט נישט צוריק־געקומען.

דאָס איז געווען אַ פּראַכטפולער אינהאַלטסרייכער אָוונט. און אַזוי איז ער מיר פאַרבליבן אין זכרון. ס'איז געווען איינע

פון די שׂעהן, ווען יעדער וואָרט ווערט באַדייטנדיק. די לייכט-גלייבנדיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונג האָט זיך פאַרגעשטעלט די נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ וואָ ל י אַ ווי אַ הייפעלע נאַיווע יונגע לייט, וועלכע עס חלומט זיך, אַז מיטן אויפרייס פון איין באָמבע וועלן זיי איבערמאַכן די וועלט און אַראָפּברענגען אויף דר׳ערד די הערשאַפט פון אייביקן פרילינג. מענטשן קענען נאָך נישט פאַרשטיין, אַז היינט קען אַ באַוווסטזיניקער מאָדערנער מענטש זיך נאַרן אויף אַזאַ אופן. די נ אַ ר אָ נ אַ י אַ וו אָ ל י אַ האָט געוווסט, אַז זי איז בלויז אַ מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער פאָלקס-נשמה, אַז זי דאַרף בלויז אָט די נשמה בויען, אויסגעשטאַלטן. עד-היום פאַרשטייען מענטשן נישט, אַז עמעץ קען באַטראַכטן זיין לעבן ווי אַ באַוווסטזיניקע שאַפונג. אַ באַוווסטזיניק אויפגענומענער און אויסגעווײלטער טויט זעט אויס אומוואַרשיינלעך. אָבער הערט דען דער טויט אויף עקזיסטירן, ווען ער איז אומבאַוווסטזיניק. ס׳דערוועקט פשוט אַ רחמנות, דער המון וועלכער שטאַרבט דאָך אומויפהערלעך, ווערט פאַרניכטעט ביסלעכווייז דורך דער צייט און קומט אום, פונקט ווי מיר, אויף אייביק, אָבער רעדט זיך איין, אַז ער מיידט אויס דעם טויט, ווייל ער קוקט אים נישט אין די אויגן אַריין. לעבן, דאָס הייסט וויסן, ווי אַזוי מ׳וועט שטאַרבן, דאָס הייסט פאָרמירן די מאָמענטן, אין וועלכע מיר ווערן כסדר צעשוואומען, דאָס הייסט בויען באַוווסטזיניק דאָס, וואָס עס בלייבט. דער דירעקטאָר פון פאָליציי-דעפּאַרטאַמענט פּלעווע האָט געגלייבט, אַז מיר שטרעבן צו מיניסטאַרישע פאָרטפּעלן: פאַרן המון איז די נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ וו אָ ל י אַ געווען אַ הייפל משוגעים, ווייל ס׳איז דאָך קלאָר געווען, אַז זיי קענען נישט זאָגן:

די נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ וו אָ ל י אַ האָט יאָ געזיגט.

זי איז געבליבן אין בלוט פון די פאָלקסמאַסן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זיין: דאָס פייער פון בונט, דער פּראָמעטעיִשער פונק: און דאָס איז די איינציקע פאָרם פון נצחון.

וואָס וועט בלייבן פון ביסמאַרקס טריומף?

יעדער טאָג, וואָס גייט דורך אין דער מלוכה, וואָס ער האָט

אויפגעבויט, איז אַ בזיון פֿאַר זיין נשמה, פֿאַר דער נשמה פֿון פּע־אַדאַלן רויב־ריטער!

ער האָט געהערשט איבער דער געשיכטע?

ניין, זי האָט אים אויסגענוצט, זי האָט פֿון אים געמאַכט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט. אויף זיין קבר וועט מען אויפשטעלן אַ בנין. און וועלכן ס'וועט קיין זאַך פֿון זיין איך נישט פֿאַרבלייבן.

מיר האָבן נישט געוואָלט אַט אַזוי זאָגן, און דאָס דאַרף מען פֿאַרשטיין, אויב מ'פֿאַרשטייט דאָס איבעריקע.

מיכאַילאָוו האָט ריכטיק געזאָגט.

ס'וועט קיין זאַך נישט ענדערן דעם פֿאַקט, אַז פֿון איצט אָן וועט דאָס רוסישע פֿאָלק לעבן אויפֿן קבר פֿון קייזער, וועלכן עס האָט אליין דערהרגעט. פֿריִער צי שפּעטער וועט דאָס פֿאָלק פֿאַר־שטיין, אַז פֿון אָט דעם קבר ווערט געבוירן זיין אייגן רעכט, דאָס רעכט, קיינעם זיך נישט אונטערצווואַרפֿן, צו שאַפֿן זיך אַליין מיטן אייגענעם ווילן אַ לעבן.

סאַבלין איז געווען אומעטיק. געאַרבעט האָט ער נישט ווי־ניקער פֿאַר אַנדערע, אָבער ס'האָט אים געפּייניקט דאָס אומרחמנות־דיקער עקשנות פֿון אָט דעם קאַמף, די קאַלטע אכזריות פֿון די הכנות.

און דאָס איז טאַקע געווען שרעקלעך.

חדשים לאַנג האָט מען געלעבט מיטן געדאַנק וועגן טויט פֿון אַ צווייטן מענטש. מען האָט כּסדר געמאַכט הכנות, מ'פֿלעגט אויסרעכענען די אויסזיכטן, באַטראַכטן די תּיטלען, אַז דער שונא זאָל זיך נישט קענען ראַטעווען. און גלייכצייטיק פֿלעגט דער טויט אַרויסרייסן אומאויפהערלעך עמעצן פֿון אונדזערע רייען. זיי פֿלעגן אַוועקגיין פֿון אונדז מיט דעם זעלבן האַרטן אויסדרוק אויפֿן פּנים, מיט דער זעלבער אומרחמנותדיקער שטייגערנער אַנטשיידנקייט, וועלכע האָט געלעבט אין אונדזערע הערצער.

ווען זיי פֿלעגן אַוועקקומען איצט, פֿלעגן זיי נישט איבער־לאָזן קיין שום זכרונות נאָך זיך.

דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי שטרענג, אַז עס פֿלעגט אָפּ־שטאַרבן אויף די ליפּן יעדעס ווייכע וואָרט. איבעריקס, זענען מיר

געווען אַזוי באַלאַגערט, אַז עס איז שווער געווען אַפילו זיך צו פאַרזאַמלען. הייַנט פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען שוין נישט חי פרייַנט, נאָר גיכער ווי עפּעס אומרחמנותדיקע נשמה-געשפּענסטער. עס איז אויך אפשר אין דעם פאַרהאַן עפּעס אַ שטרענגע פּאָעזיע. סאַבלין האָט אין זיך גאָרנישט געהאַט קיין סקאַלדישקייט, ער איז פאַרבליבן טיף אין האַרץ אומפאַרענדערט, אַזוי, ווי ער איז אַרייַנגעטרעטן אין די רייען פון דער פריילינגס-אָפּטיילונג, וועלכע האָט געטראָגן די ליבע אירע אינם פאָלק אַרייַן. ער איז געווען תמיד דאָס זעלבע גרענעצלאָז-ליבנדיקע האַרץ.

איך געדענק שוין אַ שפּעטערדיקן מאָמענט, ווען מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען באַם אונטערגראָבן אינם געוועלב אויף דער סאַ. דאָווער גאַס. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. מען פלעגט דאַרפן צעהאַקן די פאַרפרוירענע ערד, שטייענדיק שעהן-לאַנג איינגעבויגן אין דרייען, קריכנדיק אויף אַלע פיר. פאַרמאַטערט, האָבן מיר זיך אויסגעצויגן אויף איין ווייַלע אינם שוואַרצן האַלדז. איבער אונדזערע קעפּ האָט גערוישט די שטאָט. דאַמאָלס האָט סאַבלין געזאָגט נאָך אַ מינוט שווייַגן:

— אין גרונט גענומען, איז מיר אַ רחמנות אויף אים, אויף אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטשן, עס איז מיר אַ רחמנות אויף אים, ווי אַ גערודפטע חיה. מיר דאַכט זיך, אַז ער קוקט איצט אויף אונדז, ווי אַ וואָלף, וואָס איז אַרייַנגעטריבן געוואָרן אין דער נעץ. — איך האָב געהערט אַ געוויסע צייַט צו אַן אָפּטיילונג, וועלכע האָט נאָכגעקוקט דעם קייזערס באַוועגונגען. איך האָב געזאָגט, אַז ער מאַכט אויף מיר אַן אייַנדרוק פון אַ מענטש, וועלכן עס חלומט זיך עפּעס אַ פאַטאַליסטישער חלום. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין זייַנע שטריכן איז פאַרהאַן עפּעס אַ נישט ווילנדיקע אומבאַוווסטזיניקע גלייכגילטיקייט, אַן איבערצייגונג, אַז אַלצדינג איז גאָרנישט מיט גאָרנישט.

— איך וואָלט געוואָלט שטאַרבן פאַר דעם, — האָט סאַבלין געזאָגט. — דאָס איז אַ פאַראורטייל, אָבער איך וואָלט נישט געוואָלט שטאַרבן, געדענקענדיק אָט די פאַרנעפּלטע, איבערגעשראָקענע אויגן. — אַ שאָד וואָס סאָלאָוויאָוו האָט אים נישט דערהרגעט, —

האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום, עס וואָלט געווען שענער און בעסער. —

סאַבלין פלעגט מיר תמיד דערמאָנען, איך ווייס נישט פאַר־וואָס, עפּעס אַ בעריאָזעווע ווערדל, ווו איך פלעג שפּאַצירן מיט אָליען, ווען מיר זענען געווען אין טאָפּאָלווקאַ. זיין שטים, זיינע בליקן האָבן געהאַט אין זיך עפּעס פון יענער טרוימערישער, לי־בער ווייכקייט. סאַבלין האָט געהאַט אין זיך אַ צערטלעכן אומעט, אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, איז ער דאָך נישט אַוועק פון אונדז און האָט אַנטייל גענומען אין אַלץ.

— אַ שאָד, וואָס מען דאַרף היינט אַזוי לעבן. אַ שאָד — פלעגט ער זאָגן אין מאָמענטן, ווען ער פלעגט אויסגיסן זיין האַרץ — אַ שאָד, וואָס איך קען נישט ווי אַ פריילינגס־שטראָם פליסן איבער לאַנקעס ווייכע און שמעקעדיקע, אַ שאָד, וואָס איך קען נישט לעבן מיט די ברידער און שוועסטער, ווען דער הימל וועט הענגען איבער פרייע קעפּ.

כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט כאָטש אַ רגע אַזעלכע איבערלעבן!

און אפשר האָב איך זי געזען די רגע און זי איז מיר אין האַרץ אַריין, דאָס האַרץ אויפגעוועקט, און זי לעבט אין דערין פון דאַן אָן, ווי דער דופט פון פ־ילינג, וואָס כ׳האָב אַ גליקלעכער געבלאָנדזשעט אין וואַלד, ווו די צוקונפט אָטעמט: וואָס כ׳האָב זיך אָנגעשיכורט מיט איר לופט, וואָס זי האָט געליבט אין מיר אַ שטראַלנדיקע און אַ שטילע.

איך האָב פאַרבראַכט אין ליבע מיט אַ מיידל, וועלכע האָט אין די אויגן, אין די געדאַנקען, אין די באַוועגונגען געהאַט יע־נעם כישוף, וועלכן ס׳שאַפט די פרייהייט. מיך, דעם שקלאַף, האָט זי אינעם פריילינג פון מיינע חלומות צום האַרץ געדריקט, און זי געדענק איך תמיד, און צו איר גיי איך, איר שטימע זינגט מיר, ווען כ׳גיי אַריין אין מדבריות, ווו ס׳לעבן גלויז אכזריותדיקע נפשות. ווי אַ שטראָם האָב איך געוואָלט פליסן, אָבער כ׳האָב דער־זען בלוט, און דער שטראָם איז פאַרגליווערט, ער שטייט ווי אַ וויל. ווי אַ טייך איז ער געפלאָסן, היינט איז ער געוואָרן אַ שטיין: איר זאָלט נעמען דעם שטיין, מיינע פריינט, ווען איר וועט דאַרפן

שלייפן די שווערטן, ביז ער וועט אייך אָנהייבן זינגען אַ ליד, וואָס דער שטראָם האָט געזען. אין געזאַנג וועט צוריקקומען די צייט, ווען עס האָט זיך נאָך געזען אין זיינע וואַסערן די יוגנט אַ גליקלעכע.

סאַבלין האָט אין אמתן אַזוי געפּילט די דאָזיקע באַציונג.

ווען פּיפּראָווסקאַיאַ האָט אים אויף אַ געלעכטער דערמאָנט, ער זאָל אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרט מיט שרייבן דינען דער זאַך, האָט ער איר געענטפערט מיט אַן אימפּראָוויזאַציע האַלב אין געלעכטער, האַלב ערנסט...

כ'האָב פון פאַרלאָשענע אויגן געטרונקען די שיין פון רעגנבויגן,
כ'בין מיט געשטאָרבענע געגאַנגען דורך וועלדער
פרילינגדיקע, פרישע.
רויזן האָבן פאַר מיר געבליט, מירטן און מאַי-גלעקלעך
זענען אונטער די פיס מיינע אויסגעוואַקסן ווייסע.
דעם פרילינג האָט איר מיר געגעבן.
איר האָט מיר די פרייד געגעבן אויף דר'ערד צו זען
מיט אַ האַרץ, וואָס ליבט.
און וואָס כ'האָב מיך פריי צו דער זון געהויבן,
וואָס כ'האָב גרינס געזען,
די רויזן, די צוקונפט, די שיינקייט;
וואָס כ'האָב די ריינקייט פון הערצער געזען
און די הייליקע נסים, וואָס לעבן אין מענטשן
מיט אַ פאַרבלוטיקט האַרץ —
דאָס האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען.
מיט אייך בין איך איבער פעלדער געגאַנגען,
ווען ס'האָט אונדז געדופטעט דער פרילינג,
ווען ס'האָט אונדז באַגריסט מיט טויזנטער שטראַלן
דער מאָרגנשטערן פון יוגנט, זיגעריש, שמחהדיק.
מיט אייך בין איך געגאַנגען דורך גליק,

דורך דער נאַכטיגאַלס געזאַנג,
דורך טרוימען, דורך ליבע פון פרייהייט און בלום,
היינט וועל איך נישט אוועקגיין,
ווען אייער וועג באַפעלט צו גיין
איבער פעלזן און דערנער,
ווען די טריקעניש ברענט אייערע שטערנס,
רויב-פייגל שרייען איבערן קאָפּ:
איך וועל נישט אַוועקגיין,
איך האָב מיט אייך געחלומט,
בין מיט אייך גליקלעך געווען,
ווי אַ גאָט, אַ גריכישער,
מיט אייך וועל איך איבערלעבן די טעג פון דונערן און שטורעמס,
מיט אייך דעם דורשט און די איינזאַמקייט פון הארץ,
פאַרן גליק צאָל איך,
פאַר דעם גרענעצלאָזן תענוג
וועל איך אייך נישט פאַרלאָזן,
נאָר כ׳וועל מודה ומתוודה זיין,
אַז כ׳וואָלט שוין געוואָלט דאָרט ליגן,
וווּ ס׳רוישן די כוואַליעס,
וואָס האָבן אונדז געזונגען וועגן לעבנס-פרילינג.
און וועל בלויז מודה זיין, אַז כ׳וואָלט געוואָלט,
אַז די אונטערדריקער זאָלן שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל
אַרויסרייסן די געדאַנקען, די געפילן, דאָס לעבן,
אַז כ׳זאָל שטאַרבן און נישט ברענגען קיין טויט,
ווייל דער טויט פון אַ מענטש איז אַ שרעקלעכע לאַסט.
אָבער ווען ס׳שלאָגט אויס די גרויזאַמע שעה,
וועט די האַנט נישט קיין ציטער טון,
ס׳וועט זיך נישט ברעכן דער ווילן,
איך טראָג מיט אייך די לאַסט פון אייער גורל.

סאַבלינס רויזן און מירטן, דאָס זענען געווען צוויי צי דריי יאָר תפיסה, יאָרן פון הונגער, ווען זעלנער פלעגן זיך פריילעך מאַכן איבער אים. דאָס איז געווען דער אָפּשיד פון חברים, וועלכע

ווענען געגאַנגען צום טויט, אייביקע רדיפות הינטער די פּלייצעס, דאָס לעבן אין נויט און דחקות, אָבער ער האָט אַזוי געפּילט און אַלע האָבן אַזוי געפּילט. נישט מיכאַילאָוו אַליין פּלעגט דאָך זאָגן, אַז ס'איז אים באַשערט צופיל גליק. אָבער דאָס גליק איז נאָך דאָ געווען מעגלעך אויף דעם נאַקעטן באַרג-שפּיץ. נאָר, כדי עס צו פילן, האָט מען געדאַרפט האָבן אַדלערשע נשמות, דאָ אויף דעם גרויזאַמען פעסטונגס-טורעם, פונוואַנען דער טויט האָט גע-קוקט אין שטאָט אַריין. האָבן זיך אויסגעבויט אַ נעסט פון ליבע זשעלאַבאָוו און סאָניא. זייערע פּלייצעס האָט נישט באַלעסטיקט די משא, זיי האָבן זיך נישט געבויגן אונטער איר, און האַלטנדיק די בליצן אין די הענט, האָבן זיי געקוקט איינער אויפן אַנדערן, צוויי — פאַרליבטע טיטאַנען.

איך מיין, אַז בלויז נאָר אין אַט דער אַטמאָספער פון כסדרדיקער, קאָנדענסירטער סכנה האָט אַזאַ נאַטור ווי פּיעראָווס-קאַיאַ זיך געקענט דערלויבן אויף פערזענלעך גליק, אויפצונע-מען עס.

די סכנה, דער גרויל האָבן זי אויסגעטיילט פון אַלע אין אירע אייגענע אויגן. זי האָט זיך געמוזט שטיצן אויף זיך אַליין און דעריבער טאַקע זיך אַליין, דעם אייגענעם איך צו געבן אַ באַדייטונג, פילן זי, די באַדייטונג. פילן, אַז ס'שטאַרבט נישט אָפּ און עס שרעקט זיך נישט דאָס האַרץ. ווען שווערע, בלייערנע וואָלקנס טראָגן זיך האַרט איבערן קאָפּ, פאַרכאַפּנדיק פשוט דעם אָטעם.

ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז זי מיט זשעלאַבאָוון ליבן זיך איינער דעם אַנדערן, האָט דאָס אונדז אויסגעזען, ווי עפּעס אַ נאַטירלעכע און אומבאַדינגטע זאַך. די צוויי מענטשן האָבן גע-הערט איינער דעם אַנדערן זיי האָבן געהערט צו דעם זעלבן האַרטן שטאָם. ווען דער פּיעראָווסקאַיאַ פלעגט מען זאָגן, אַז זי האָט אַלעקסאַנדער דעם II-טן דערפאַר, וואָס ער האָט זי געצוווּנ-גען צו גיין מיטן וועג פון בלוט. אין דעם איז געווען אַ שטיק אמת, ווייל מיר זענען אַלע אַרויף אויפן וועג פון אומרחמנותדיקן פערזענלעכן קאַמף מיטן קייזער, צוליב די אומבאַזיגבאַרע מניעות,

װעלכע ס׳פלעגט אױפשטעלן צװישן אונדז און דעם פאָלק די מאַכט. באַ פּיעראָװסקאַיאַן פלעגט דאָס אַרױסטרעטן שטאַרקער, װײל אין אָט דער לייבן-נשמה פלעגט אַלץ װערן מעכטיק.

יאָ, אין איר האָט געברענט דער געפערלעכער צאָרן פון אַ לייבין, באַ װעלכער מ׳האָט צוגענומען איר קינד. ס׳איז געװען אין איר אַ שנאה פאַר בלוט, פאַר נויט און פּיין, פאַר אַלע לײדן, װעלכע ס׳האָט אַנגעטראָפן דער געדאַנק, מיט װעלכע ס׳האָט געבלוטיקט דאָס האַרץ.

זשעלאַבאָװ איז געגאַנגען, װי אַ יעגער, װעלכער טראַכט זיך שוין נישט, װאָס ער פילט. ער װײסט בלויז, אַז ער דאַרף טרעפן. זײנע אויגן װעט נישט פאַרשטעלן אַפילו דער נעפל פון שנאה און צאָרן. ליכטיקע, צעשנײדן זײ די לופט װי פײלן, זײ שלאָגן אין האַרץ װי שטאָלערנע קלעפּ. סאָניאַ האָט געלעבט דערמיט, װאָס ער פלעגט דורכפירן. איר האַרץ האָט אַרײנגענומען אין זיך די גאַנצע לײדנשאַפט פונם מאָמענט, זי איז געװאָרן איצט אַזוי װי עפּעס אַ סקאַנדינאַװישע געטין פון נקמה. דערפאַר האָבן מיר זי פאָרגעשטעלט דאַמאָלס. זי פלעגט דער קאַלטבלוטיקײט אונדזערער, אונדזער נקמה, צוגעבן דאָס אײביקע פײער און די התלהבות. דאָ האָבן מיר געפילט אָט דאָס הײליקע פײער פון האַס, און מיר האָבן געפילט, אַז דאָס איז הײליק. דערפאַר האָבן מיר זי פאַרבעטערט, װײל זי האָט פאַרמאָגט דאָס האַרץ פון אַ מענטש, װאָס איז פעיִק הײליק צו מאַכן אַפילו די דרײסטע קאַלטע אומרחמנותדיקײט. יעגער, װאָס שפּרײטן אויס די נעצן, זענען מיר געװען אָן איר. זי װידער האָט געמאַכט פון אונדז ריטער און שופטים.

און פאָרגעקומען איז דאָס אָן װערטער.

דאָס פלעגט פאָרקומען אינם קלאַנג גופא פון דער שטימע, אינם אױסדרוק פון פנים, אין בליק. דער אומפאַרמײדלכער פסק דין פלעגט װערן אין איר און צוליב איר אײביק מענטשלעך. מיר האָבן אַלע געפילט אָט די מאַגישע השפעה, און אָט מיט דעם האָט אונדז צוגעצויגען צו זיך סאָניע און ס׳איז געװען פאַרשטענדלעך, אַז זי און זשעלאַבאָװ זענען אײנס, אַז זײ מוזן זײן צוזאַמען. יענעם

אָונטס האָבן מיר חייניק גערעדט וועגען דער זאַך. פון אונז האָט מען קיינעם ניט געדאַרפט איבערצייגען.

מיר האָבן געלאַכט, וואָס פאַר רויִקע בירגער, דעם קייזערס אונטערטאַנען, זענען מיר געווען אַ חברה באַנדיטן, עפּעס ווילדע בריאים, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין אַ פינסטערער נאַכט, וועלכע ס'האָט אויסגעוויגט די נאַכט און דער שטורם. פון אונדזער אָרט דאַרף זיין נישט דאָ אין אַ פעטערבורגער דורכשניטלעכער דירה, נאָר אויף דער ברייטער וואָלגאַ, אויף אַ שיף פון מערדער.

זשעלאַבאָוו האָט געלאַכט, זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, די ברייטע ברוסט האָט זיך געהויבן.

— אַוודאי, אַוודאי, — האָט ער געזאָגט, — ס'וואָלט בעסער געווען אין די וועלדער צו קעמפן און אויף די ברייטע פעלדער. שלאָגן זיך ווי אָדלערס און לייבן, פאַלן ווי דונערן, קלאַפּן אַ ברוסט אָן אַ ברוסט, איידער אין דער נאַכטאַריין צו זינקען, אין דער נאַכט אומצוקומען, אַרונטערצופאַלן אונטער דר'ערד, אונטער דער ערד גראָבן, ווי אַ מוילוורף. אַוודאי וואָלט בעסער געווען צו גיין מיטן געקלימפּער פון קאָסעס, מיט פלאַמען פון שרפות, מיטן ווינט, מיט געזאַנג. נישט יעדן איז באַשערט גליק.

מיכאַילאָוו האָט זיך אָנגענומען פאַר דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ: זי האָט געמוזט לייכטן איבער אַלץ. מ'האָט זי נישט געטאָרט נידעריקער מאַכן.

— שלעכט איז דיר דאָ, טאַראַס, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאָרוואורף, ס'איז דיר דאָ שלעכט, ברודער. דו זיצסט דאָ צווישן אונדז, אַן אָדלער, לעבן דיר האָסטו זי, מיט די גרויע אויגן, ווי פון אַ רוסישער בילינע, אַ שאָד, די בילינעס האָבן ניט געוווּסט פון פרויען. זיי האָבן נישט פאָראויסגעזען, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, און ס'וועלן געבוירן ווערן צווישן העלדן אָדלערינס. דיר איז שלעכט! ס'זעט דיך קיינער נישט, אַפילו די נאַכט נישט, ס'קען דיך קיינער נישט, אַפילו דער שונא נישט. ס'רינגלט אונדז אַרום שרעק און אימה. מיר זענען אין ערגעץ נישטאָ און מיר זענען דאָ אומעטום. פון דער שוואַרצער ערד, פון ים מיט בלוט, פון דער גרויסער נאַכט, אין וועלכער ס'וויגען יאָרהונדערטער איז

אַרויס דער געדאַנק. דו האָסט אים אין זיך, דו ווייסט, אַז ער װעט דיך נישט פאַרלאָזן. און דיר איז שלעכט. דו וואַגסט דיך צו קלאָגן, דו, וואָס ביסט געבוירן געוואָרן אין אַ צייט, ווען אַ מענטש האָט אין זיך דונערן, ווען ער זוכט שוין נישט פון ערגעץ קיין הילף, ווען ער שרייט אַליין מ׳זאָל אים אָפּגעבן זיינע רעכט, זיין שכל, זיין גליק, זיין צוקונפט. און דו וואַגסט דיך צו באַקלאָגן. דו — אַנדרעי זשעלאַבאָוו!

וויפיל יאָרהונדערטער זענען אַריבער, איידער ס׳זענען אויף דער וועלט מעגלעך געוואָרן אַזעלכע מענטשן ווי מיר, מענטשן, וועלכע זענען קיינעם אַ חוץ זיך אַליין נישט אונטערטעניק, און וואָס זענען פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט באַוואָפנט מיט ווילן און געדאַנק. פּאָעזיע ווילסטו זוכן אין די וועלדער, אין די וואַסערן, און דו פאַרשטייסט נישט, אַז זי געפינט זיך אין דיר — אין דיין געדאַנק. וואַסער, וואַלד — דאָס איז געווען, אָבער דער געדאַנק, אונדזער געדאַנק, דער ליכטיקער, דער מענטשלעכער, דער זעעוודיקער, איז צום ערשטן מאָל ערשט איצט דאָ. עס איז קיינמאָל נישט געווען קיין ווילן, וועלכער איז קיינעם נישט אונטערגעוואָרפן, וועלכער ווייסט פון קיין העכערע זאַך נישט ווי דער מענטש, וועלכער האָט קיין זאַך נישט אַ חוץ אים, וועלכער וואַרט אויף קיין זאַך נישט, נאָר בלויז אויף דעם, וואָס ער אַליין וועט זיין.

טאַראַס, דו פאַרשטייסט נישט, אַז מיר זענען מעכטיקער פון קאָלומבוסן, פון דער איליאַדע, פון מאָסאָ, ווייל אין אונדז איז לעבט דאָס ליכטיקע באַוווסטזיין, וואָס שאַפט דיין אייגענעם גורל. מענטשן — געטער אינאיינעם.

דו ווייסט, אַז די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ האָבן מיר געשאַפן, אַז זי — דאָס זענען מיר. אָבער גלייכצייטיק ווייסטו אויך, אַז זי איז שוין עפּעס אַ חוץ אונדז, אַז זי שטאַרבט נישט מיט אונדז. דו ווייסט, אַז זי קען מען נישט דערגרייכן. דאָס ווערק איז דיין — און עס לעבט ווי אַ גאָט איבערן פאָלק און דרינגט אַריין טיף אין די נשמות און מאַכט פון מענטשן געטער.

זעלמאַן איז גערעכט געווען.

זי איז ווי די לבנה, וואָס וועט אָנפירן מיטן גערויש פון די פּאַלקס-כוואַליעס. און דו באַקלאָגסט דיך, טאַראַס. עך, כ'וועל דיר זאָגן, ווי אין דער איליאַדע נעסטאָר — אַ העלד ביסטו אפשר — אָבער רעדן קענסטו נישט.

דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז מיר האָבן זיך אַלע פונאַנדערגעלאַכט, און מיכאַילאָוו אַליין האָט געלאַכט, ווייזנדיק ווײַסע שייַנע, ווײַסע ציין ער האָט שוין באַוויזן צו פאַרגעסן אָן דער באַגעגעניש און דעם שמועס מיט קירסאַנאָוון, ער האָט ווידער געאָטעמט מיט דער לופט פון פרייַנטשאַפט און גלויבן, און ער האָט זיך געפילט גליקלעך. כ'בין געזעסן אָן אַ זייט, שווייגנדיק. מיכאַילאָוו האָט עס באַמערקט, און כ'האָב געזען, ווי ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּיעראָווסקאַיאַ. סאָניאַ איז צוגעגאַנגען צו מיר. ווער ס'האָט זי נישט געקענט, וועט נישט גלייבן, אַז זי האָט געקענט זיין אַזעלכע: פריילעך ווי אַ קינד, פול גוטסקייט און מילדקייט. קיינער האָט נישט געקענט אַזוי גוט, ווי זי, זיין אַ פריינט; קיינער האָט נישט געהאַט די גליקלעכע האַרציקע באַגייסטערונג, וועלכע ס'גיט בלויז אַן אמת אויפריכטיקע און לעבעדיקע פרייַנטשאַפט. מ'דערציילט גאַנצע לעגענדן וועגן דעם מכלומרשט, אַז די ווייבערלעכקייט ווערט פאַרשווינדן. איך האָב נאָך אַליעס טויט כסדר געפילט אַרום זיך אַן אויפמערקזאַמע, פאַרויסגעזעענע שוועסטערלעכע גוטסקייט.

סאָניאַ האָט געפילט, אַז ס'זענען דאָ מאָמענטן, ווען אַ ווייבלעכע ווייכע שטים, אַ פאַרשטייענדיקער בליק זענען אומבאַדינגט נייטיק. זי האָט זיך איבעריקנס געפילט רייך און גליקלעך אין אַזעלכע מאָמענטן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און האָט געגעבן דעם געשפּרעך אַ ווענדונג, ווי תמיד, געפירט פון אַ פאַרגעפיל, וואָס פלעגט זי נישט אָפּנאַרן. לייכט, אומבאַמערקבאַר פאַר מיר, האָט זי מיך אַרומגערינגלט מיט דער אַטמאָספער פון זכרונות, וועלכע האָבן נישט דערמאַנט וועגן אַליען גאָרנישט, נאָר פלעגן ווי צעלאָזן די האַרטע שאָל פון פאַרגליווערטער ווייטיק, וואָס האָט באַדעקט דאָס האַרץ. מיט אַ טאַקט, וואָס האָט נישט צו זיך קיין

גלייכן, פלעגן אירע ווערטער זיך אָפּהאַקן בײַ דער גרענעץ, היני טער וועלכער דער זכרון פאַרוואַנדלט זיך אין ווייטיק. ס'שאַפט זיך אין דער נשמה אַ שטימונג, וועלכע נעמט אַרום גלייכצייטיק טויטע און לעבעדיקע. זיי זענען דאָ געווען פּונקט ווי מיר, דער אונטערשיד צווישן די פאַרשטאָרבענע און אונדז, די דערמאָנעני דיקע. האָט זיך פאַרווישט: מיר האָבן געלעבט אַלע, ווי אין עפּעס אַ לאַנד, וווּ עס הערשן נישט קיין טויט און נישט קיין לעבן, נישט קיין פאַרלאַנגען, וואָס רייסן זיך ערגעץ ווייט, נישט קיין בענקשאַפטן, צעשיידונג.

זי האָט דערציילט, ווי ציפּריאַנאָוו איז ניצול געוואָרן, בשעת אַ רעוויזיע אין אַ פּראָווינץ־שטעטל.

— מיר האָבן געזען, — האָט סאָניאַ געזאָגט, — ווי פּאָלי־ציי רינגלט אַרום דאָס הויז, אין וועלכן ער איז געווען. מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ האָבן מיר געקוקט אויף דעם אומפאַרמיידלעכן טויט. ער האָט געהאַט דאַמאָלס בײַ זיך וויכטיקע פּאַפּירן, שיפרן, שליסלען. ס'איז גאָרנישט געווען צו טראַכטן וועגן ראַטעווען; אין דעם זען מיר פון הויז לויפט עפּעס אייבער אין אַ רויט העמד, שפּילט אויף אַ האַרמאָניע, טאַנצט אַ קאָמאַרינסקי, זינגט וועגן אַ ווייסן אָקס.

אָי ביל, אָי פּאָשאָל,
אָי קאָמאַרינסקי מוזשיק.

— ציפּריאַנאָוו! — זאָגט מיכאַילאָח.

מיר האָבן נישט געוואָגט צו גלייבן אונדזערע אויגן, און ער קלאַפּט צו אינמיטן גאַס מיט די קנאַפּל קלאַסיש, פּינקטלעך. ענדי לעך לויפט ער צו צו אונדז און זאָגט:

— די מוזיק איז נישט געפעלן — זיי האָבן געזאָגט: טראָג דיך אָפּ, שטערסט די רעוויזיע. ווען זיי זענען דאָ, קען מען שוין אַפילו נישט קיין טאַנץ טון, קיין שפּיל טון.

מ'האָט געזען, הערנדיק דאָס, ציפּריאַנאָווס שמייכלעניקע אויגן, זיין ליכטיק פּנים, און ס'פלעגט פאַרשווונדן די דערינערונג

אַז ער איז געפֿאַלן אין מאָסקווע אויפֿן ברוק, מיט אַ שוואַרצער ווונד אויפֿן קאָפּ.

כ׳געדענק ווי ער פֿלעגט אַליין ברענגען בוקעטן אין אַדעס, ווי ער איז געפֿלויגן איבער דער גאַס אויף זיין פֿערד אַנטקעגן דער וואַך, וואָס האָט זי געפֿירט קיין טוויער באַלד נאָך דער רעטונג, פֿון בוזעם אַרויסגענומען אַ בינטל פֿרישע מאַי-גלעקלעך. דער טרוימער, וועלכער האָט דריי שעה פֿאַרן טויט נאָך געלייענט פּלאַטאָנס רעפּובליק. ער האָט געטרוימט וועגן דעם, ווער ס׳וועט אָנשרייבן אַ נייע — נישט אויף די ברעגן פֿון איליס, נאָר אַזעלכע, וואָס וועט אַרומנעמען דעם אַטלאַנטישן און גרויסן אָקעאַן. נאָך דריי שעה פֿאַר דעם טויט-מאָמענט, ווען ער איז געפֿאַלן מיטן שאַרבן אויף די האַרטע שטיינער, האָט אין אים נאָך געלויכטן די גאָלדענע זון פֿון געדאַנק.

פּיעראָווסקאַיאַ האָט זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם דערנענטערט צו זכרונות וואָס אַמאָל טייערערע, וואָס אַמאָל נענטערע. זי האָט דערציילט, ווי ער האָט מיטגענומען מיט זיך אויף קאַטאָרגע אַ רינג געפֿלאָכטן פֿון די האָר פֿון דריי שוועסטערן.

— פּיאָטר אַלעקסעיעוו האָט מיך, אָלגאַ לובאַרטאָוויטש און זי גערופֿן שוועסטע־ן — האָט זי געזאָגט. און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי לעבט נאָך דאָרט, אַז זי שמייכלט, טראַכט ערגעץ דאָרט אין די זכרונות פֿון אַלעקסעיעוו, מישקינען.

זשעלאַבאָוו איז צוגעגאַנגען צו אונדז.

— דמאָכאָווסקי איז געשטאָרבן — האָט ער געזאָגט — און היפּאָליט מישקין האָט געהאַלטן אַ ריידע איבער זיין אָרון. ער, אַ געשמידטער, אָפּגעגאָלטער קאַטאָרזשניק, אינמיטן דער צערקווע, ווו ס׳האָבן געקלימפּערט קייטן און געוויין, איבער דעם קאַסטן פֿון אומבאַקאַנטן דערפֿייניקטן ברודער.

און ער האָט געזאָגט:

„גלייבט נישט, אַז ער איז געשטאָרבן, ער שלאָפֿט אפֿילו נישט — דער, וואָס איך קען אים נישט, איך ווייס אָבער, אַז זיין גאַנצער ווילן, אַלע זיינע געדאַנקען זענען דאָרט און לעבן אין צענדליקער, הונדערטער הערצער, אין וועלכע ער האָט זיי אַריינ-

געגאַנגען. אומזיסט זינגט מען דאָ אים טויט-תפילות איבער זיין אָרון. ער לעבט, ער הערט נישט אויף צו לעבן — פון זיין בלוט, פון אונדזער אַלעמענס בלוט וואַקסט אויס אַ ניי לעבן, אַ נייע צוקונפט פון גליק און פרייהייט".

דער שיכורער פּאָפּ האָט אים דערויף געענטפערט קורץ:

— זאָגסט ליגנט! — עס וועט נישט אַרויסוואַקסן.

און מישקין האָט אָנווייזנדיק אויפן פּאָפּ געזאָגט:

— לאָמיר, ברידער, מתפלל זיין פאַרן געשטאָרבענעם בעל-עבירה אויסטאַף, ווייל ער איז געשטאָרבן און ער וועט שוין נישט אויפשטיין.

דער פּאָפּ האָט געזאָגט עפּעס אַ קללה, האָט זיך דערשראָקן און איז נעלם געוואָרן, און מישקין האָט די ריידע פאַרענדיקט:

„קען דען זיין עפּעס אַזוינס, וואָס איז גרעסער, ווונדערלעכער, ווי אָט דער הספּד, וועלכן עס זאָגט איבערן צאַריזם, וואָס האַלט אים אין זיינע בלוטיקע נעגל, אין עפּעס אַ (מיט שניי פאַרווייעטן) סיבירער צערקווועלע אַ קאַטאָרזשניק, אַרומגערינגלט פון אַנדערע קאַטאָרזשניקעס.

— איצט ביסטו גערעכט, טאַראַס — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט. — איצט פילסטו אַזוי, ווי דו דאַרפסט פילן. יאָ, דאָס איז אַ כּוח, וואָס איז ביז אַצינד נאָך נישט געבוירן געוואָרן. דער אינטערנאַציאָנאַל און די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ וועלן נאָך שטיין אַמאָל איינער לעבן אַנדערן. קירסאַנאָוו זאָגט, אַז מיר האָבן זיך אָפּגעריסן פון די יסודות פון דער מאַסן-באַוועגונג. זאָל מיר קירסאַנאָוו געבן די מאַסן, און מיר וועלן אים שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַל. איצט שלעפּן מיר אויף אונדזערע אייגענע קעפּ דאָס געוועלב, אַז די מאַסן זאָלן קענען לעבן אונטער אים, נישט בייגנדיק דעם רוקן.

— און וואָס וועט זיין מיט ניעטשאַיעוון? — האָט געפרעגט פּיעראָווסקאַיאַ. — צו ניעטשאַיעוון גייט מישוק, — האָט זשעליאַבאָוו געזאָגט.

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ווען מיר האָבן באַקומען פֿון פּיעראָפּאַוולאָווער פֿעסטונג ביעטשאַיעווס צעטעלע, געשריבן מיט בלוט, ווו ער האָט געפֿאָדערט פֿאַרשטענדיקונג מיט אונדז און האָט אָנגעוויזן דעם וועג, האָב איך געבעטן מען זאָל מיר אָנטרויען דאָס דאָזיקע שליחות.

איך דאַרף נישט איבערדערציילן, ווי אַזוי עס האָט געווירקט אויף אונדז די דאָזיקע שטימע פֿון קבר אַרויס: דער דאָרט שוין צען יאָר באַגראָבענער קעמפֿער האָט גערעדט מיט דעם זעלבן טאָן פֿון פֿלאַמענדיקן נישט אויסגעלאָשענעם, אומרחמנותדיקן האַס. איך האָב געטראַכט וועגן דער צייט, וואָס איז שוין אַריבער פֿון יענע טעג אָן. איך בין געווען ווי אַ זקן. איך האָב שוין אַזוי פֿיל טײַערע קעפּ איבערגעלעבט.

עס האָבן זיך מיר בפֿירוש געמישט אין געדאַנק די טויטע מיט די לעבעדיקע און אין אַזאַ אָוונט ווי דער האָט מײַן געדאַנק געשוועבט איבער דעם שטילן אײַנגוס פֿון טויט.

מיכאַילאָוו האָט געהאַט יראת־הכּבֿוד פֿאַר געשטאָרבענע. עס איז אים טײַער געווען יעדער אָנדענק, יעדער זכר, וואָס עס איז פֿאַרבליבן נאָך געפֿאַלענע חבֿרים. איצט האָט ער געמאָנט בײַ וויערע קוויאַטקאָווסקיס עפּעס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע.

— דאָס איז אַ משוגעת — האָט וואָלטשאָק געזאָגט — כ'בין איבערגעצייגט, אַז בײַם פֿאָטאָגראַף זענען געווען שפּיאָנען, ווען כ'בין געשטאַנען מיט אַלעקסאַנדרן, וואַרטנדיק. דער פֿאָטאָגראַף האָט עפּעס געזוכט אין בוך, און איבער מײַן קאָפּ האָט זײַן פֿרוי אונדז געגעבן אַזאַ צייכן — האָט אונדז געוויזן מיט דער האַנט אויפֿן האַלדז. און דאָרט אַהין ווילסטו גיין?

— נישט דאָרט, נאָר גאָר אין אַן אַנדער אַטעליע.

— דאָס איז אַלץ איינס, — האָט וויערע געזאָגט, — זיי האָבן געקענט אַרויסגעבן אַ פֿאַראָרדנונג, אַז מ'זאָל אַרעסטירן יעדן ווער ס'וועט קומען מיט אָט די פֿאָטאָגראַפֿיעס.

— איז אומזיסט הייסט עס — האָט מיכאַילאָוו געזאָגט מיט

געמאַכטער רויִקייט — זאָל דער זכרון מאַנען דאָס טייערע אָג־בליק.

— זאָל כאָטש גיין אַן אַנדערער — האָט געזאָגט פּיעט־ראָווסקאַיאַ.

— אַן אַנדערן וועט מען פאַרגעסן, און מיך נישט — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו — איבעריקנס, וועל איך נאָך אַ טראַכט טון.

מיר האָבן זיך מער מיט דעם ענין נישט פאַרנומען. קיבאַל־טשיץ האָט אָנגעהויבן עפּעס אַ לאַנגן וכּוח מיט סאָבלינען, ביסלעכ־ווייז האָבן זיך זיינע פאַרנעפּלטע אויגן אויסגעלייטערט...

ס'איז דאָ אַ לאַנד, ווו מיר זענען, נישט קוקנדיק אויף קיין זאַך, סאָלידאַר און צענויפגעבונדן: דער געדאַנק איז דאָרט דעם מענטשס היים. און איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, אַז דאָס איז די אייגנטלעכע היים — אין ענגן, בּוּשטעבלעכן זין — דער געדאַנק שאַפט היינט אַ באָדן פאַר די קינפטיקע דורות, ווייל ער שאַפט זייער מאַכט איבער דער וועלט. יעדער דאַרף דאָרט האָבן עפּעס זיינס. דאָס איבעריקע קען אַלץ זיין אַ טעות. גאַנץ רוסלאַנד קען זיין אַ טעות, אייראָפּע קען זיין אַ טעות, אָבער דאָס, וואָס עס איז דאָרט, וועט בלייבן. אייגנטלעך איז דאָס נוצלעכסטע און פּרוכט־באַרסטע דאָס, וואָס אַ מענטש טוט צווישן די שטערן, דאָס, וואָס ער וועט דאָרט אויסאַקערן, יעדעס פּיצל ערד. יעדער ראָוו איך אייביק.

— די דאַרפסט גאָר שרייבן לידער — האָט געזאָגט סאָבלין.

קיבאַלטשיץ האָט נישט איבעריק גוט פאַרשטאַנען קיין שפּאַס, און ער פלעגט זיך פילן אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. אויך איצט האָט ער מורא געהאַט, צי עס שטעקט נישט אין דעם עפּעס אַן איראָניע...

סאָבלין האָט אים אַרומגענומען.

— באמת, איך מיין עס גאַנץ אויפריכטיק. נאָר כ'האָב דיך געזען מיט אַ גאָלדענעם אַקעראייזן אין מיטן בלויען הימל און שטערן, און דאָס איז פּראַכטפול.

— מיכאַלאָוו, וואָס פלעגט אונדזער מיטאָלאָגיע, האָט אַ נייעם געוויגס.

אין קיבאַליטשיץ גייט צו די שטערן מיט זיין אַקעראייזן,
וואָס בלאַנקט פון גאָלד, און צייכנט די וועגן —
דאָרט ווו ס'באַוועגן זיך די שטערן, כדי דער געדאַנק...

זאָל דאָרט זיין זוימען וואַרפן, כדי די פרוכט זאָל אומצייליקע יאָרהונדערטער דורכלעבן, ביז דער מענטש וועט זיך ווידער מיטן געדאַנק דאָ אַהער דערהייבן און אַ דאַנק איר דעם וועג געפינען — האָט פיעראָווסקאַיאַ געפרווט שפאַסן, און איז פלוצלינג ערנסט געוואָרן.

מיכאַילאָוו האָט געזאָגט:

— מיר וואָלטן אָרימער געווען מיט עפעס אַ גרויסער זאַך, ווען ס'וואָלט נישט געווען צווישן אונדז אַ מענטש מיט אַ געדאַנק, וואָס שטייגט איבער די שטערן, וואָס איז שטיל ווי דער הימל. דאָס איינציקע, וואָס פאַרבינדט מענטשן, דאָס. וואָס גיט דעם זיכערן באָדן, דאָס איז דער פעסטער א.ת היינט און אויף אייביק.

— צי קוקט אַ מאָל אַלעקסאַנדער דער II-טער אויף די שטערן — האָט שטיל געפרעגט סאַבלין.

קיבאַלטשיץ האָט באַשטעטיקט ערנסט:

— שווער מוז זיין אַ מענטש צו לעבן אונטער דער שרעק פון אמת, שווער צו לעבן, ווען ער קען אפילו מיט די געדאַנקען נישט אַריינדרינגען אין דער שטילקייט. — און ער האָט רויִק געזאָגט; — פאַר אים איז בעסער, וואָס ער וועט שטאַרבן.

באַ קיבאַלטשיצן איז דער טויט געווען אַ מאַטעמאַטישער צייכן, עפעס אַ מינוס, וואָס פלעגט נישט אָפּשטעלן זיינע געדאַנקען. געענדיקט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, פלעגט ער זיך אַלע טאָג

אָפּגעבן מיטן אויספאָרשן דאָס פּראָבלעם פון אָנפירן מיט די לופט־באַלאָנען. און איינס האָט נישט געשטערט דעם אַנדערן. נאָר בשעת ער פלעגט אָנהייבן רעדן וועגן לעבן, פלעגט ער ווערן מיד. איך האָב באַמערקט, אַז עס רעגן אים אויף, אַז עס מאַטערן אים איינדרוקן, וואָס זענען צו בונט, האַרמאָניש. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין וכּוחים, ער פלעגט פאַרמאַכן די אויגן, אויסהערנדיק דעם קעגנער, און זיך טראַכטן זיין זאַך.

קירסאַנאָוו האָט אים אַמאָל געפּרווט צודריקן מיט דער רייכ־קייט פון זיין ערודיציע און שלאָגן מיט דער איראָניע, אָבער, ווען ער האָט געענדיקט, איז נאָך קיבאַלטשיץ געזעסן אומבאַוועגלעך אַ לענגערע ווײַלע...

ענדלעך האָט ער געעפנט די אויגן און געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, איך האָב פאַרגעסן, וואָס דו האָסט מיך געוואָלט פרעגן.

און ער האָט אַ קוק געטון אויף אונדז מיט זיינע פלוצלינג זיך ברייט־אויפעפנדיקע אויגן און געזאָגט:

— עס איז פונדעסטוועגן אינטערעסאַנט, וואָס עס איז אַזוינס די אויסגעשפּרייטקייט איבער די מענטשלעכע קעפּ.

— מיכאַילאָוו גלייבט אין גאָט — האָט געזאָגט זשעלאַ־באָוו.

אַלעקסאַנדער האָט אַ שמייכל געטון:

— יאָ, ווייל עס איז דאָ תּבֿואה, אַרבעט, די גריכישע פּאָעזיע, דער אינטערנאַציאָנאַל און איר. און זשעלאַבאָוו קלערט זיך מיט כּעס: סאַבלין האָט געשפּאַסט, ווי קען עס גאָר גאָט עקזי־סטירן.

— ניין — האָט זשעלאַבאָוו רויִק געזאָגט — איך מיין נאָר, אַז מען דאַרף געפינען אַן אַנדער וואָרט, דאָס, וואָס עקזיסטירט, און מוזן זיין אָפּהענגיק פון מיר. עס קען נישט געזאָגט ווערן דאָס לעצטע וואָרט.

— איך וואָלט איינמאָל געוואָלט אָנקוקן די וועלט מיט לאָ־

באַטשעווסקיס אויגן, מיט זיין אינערלעכן בליק — האָט קיבאַלטשיץ בעטרויערט — עס איז אַ שרעק, ווי אָט די גרויסע, פרעמדע, אַלמעכטיקע זאַך לעבט אומאויפהערלעך אויסער אונדז.

— צו ווייניק האָבן מיר ליב קיבאַלטשיצן — חברים — האָט סאָניאַ אויסגעשריגן — אומבאַדינגט, צו ווייניק ליבן מיר אים. ער ווייסט אַליין נישט, זי ווייסט נישט, אונדזער ליבע יעקאַטערינע — דאָס איז געווען קיבאַלטשיצס צונאָמען — ווי שיין ער איז.

געזאָגט האָט זי עס מיט אַ פריילעכער שטימע, אָבער אין די אויגן האָט זי געהאַט טרערן.

— ווען איר וואָלט געוווסט — האָט זי געענדיקט — אַרומנעמענדיק אונדז אַלעמען מיט איר בליק — ווי איך ליב אייך — און די אויגן אירע האָבן זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף זשעלאַבאָווס געשטאַלט. און ער האָט דערפילט אויף זיך דעם דאָזיקן בליק, און דאָס שיינע שטרענגע פּנים פון פירער האָט זיך פאַרוויטלט.

מיר האָבן זיך געזעגנט דעם אָוונט שטיל און רויק.

אויפן אַנדערן טאָג נאָך מיטאָג בין איך מיך געגאַנגען בערטון, כדי צו גיין אויף דער זעונג, וואָס ניעטשאַיעוו האָט באַשטימט, און דאָ האָט מיך געטראָפן וויערא אַ בלאַסע, מיט בלויע ליפּן.

— מ'האָט מיכאַילאָוון נאָר וואָס אַרעסטירט באַם פאָטאָגראַף.

כ'האָב אין דעם מאָמענט אַ קלער געטון, אַז אַליאַ איז מיר געוואָרן נאָך ווייטער, ווי נאָכאַמאָל פאַרלוירן; עפּעס אַ קאַלטע זאַך האָט מיך גענומען ציפּן אין האַרץ און שעפּטשען:

„זאָל שוין גיכער נעמען אַ סוף, זאָל שוין נעמען אַ סוף אויך מיט דיר און פאַר די אויגן האָט דורכגעשוועבט מיכאַילאָווס פּנים: ליכטיק און ערנסט. די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ לעבט צוליב אייך, אַ מענטשלעך ווערק, אָבער זי איז אומדערגרייכבאַר, זי וועט נישט שטאַרבן, זי איז מעכטיק ווי אַ גאָט. כ'וועל אויסהאַלטן דמיטריטש, האָט אַ שעפּטשע געטון דאָס פאַרמאַטערטע, פאַרגליווערטע

האַרץ. ס׳װעלן אױסהאַלטן אַלע. די נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ װ אָ ל י אַ — װעט לעבן.״

— מ׳דאַרף מתּרה זײַן אונדזערע מענטשן, האָב איך געזאָגט צו װיערען. איך װעל נײַן אַ זײגער זײַן פרײַ. די זעונג איז באַשטימט אױף זעקס אַ זײגער — כ׳האָב מיך געמוזט צואײַלן.

ORA ET SEMPRE

XII

ניעטשאַיעוו האָט נישט אָנגעוווירן אין גרוב פון זיין תּפיסה אייגזאַמקייט יענעם דעמאָנישן כּוח, אַ דאַנק וועלכן ער פלעגט חערן הערשער פון מענטשלעכע נשמות. דאָס אייציקע, וואָס ער האָט געזאָגט בעתן געריכט, איז געווען נאָר דער אויסגעשריי:

„איך בין שוין נישט מער קיין שקלאַף פון אייער טיראַן כ'אָנערקען אייך נישט אַלס מיין געריכט.“

ער איז פאַרמשפט געוואָרן אויף שווערער אַרבעט.

די מאַכטהאָבער האָבן אים פאַרשפאַרט אין דער פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, אין אַלעקסעיעווער ראַווועלין. אַהער איז צו אים געקומען דער נאַטשאַלניק פון דער III-טער אָפּטיילונג, דער גענעראַל פּאָטאַפּאָוו, צוזאָגנדיק אים צו מילדערן די שטראָף פאַר ידיעות און אָנווייזונגען בנוגע דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

ניעטשאַיעוו האָט געענטפערט מיט אַ פּאַטש.

מען האָט אים צוגעשמידט מיט אַ קייט צו דער מויער. אָבער

אַפילו אויך דאָס האָט אויך נישט באַוויזן אָפּצושוואַכן דעם כוח פון זיין גייסט און כאַראַקטער. זייענדיק צוגעשמידט צו דער מויער אין אַ קאַמער, וועלכע איז ענלעך געווען צו אַ קבר, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, האָט ער באַוויזן צו איבערצייגן די זעלבער, אַז ער איז אַ שליח פון אַ געוויסן געהיימען כוח, אַז אַפילו איצט, ווען ער איז אין קייטן געשמידט און קען זיך נישט באַוועגן, האָט מען פאַר אים אויך מורא. צונויפפלעכטנדיק אויף אַ געשיקטן אופן אָפּגעריסענע האַלב-ווערטער, האָט ער זיי איינגערעדט, אַז ער געפינט זיך אין אַ פאַרבינדונג מיטן אמתן קייזער פון רוסלאַנד — דעם גרויס=פירשט קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש, אַז אַלעקסאַנדער דער II-טער האָט קיין רעכט נישט געהאַט צו זיין מלך, ווייל ער איז געבוירן דאַמאָלס, ווען זיין פאָטער ניקאָלאַי דער I=טער איז נאָך געווען גרויס=פירשט, נישט קייזער. ער איז פעיק געווען דאָ אין דער תפיסה צו רירן באַם רוסישן פויער די לעבעדיקע סטרונע פון דערוואַרטונג, אויפצוּוועקן דעם גרויסן פאַרדאַכט, אַז דער קייזער מוז אוודאי זיין נישט דער אמתער, נאָר אַן אונטערגעשטעלטער, אויב דאָס לעבן איז אַזוי, ווי עס איז.

ווענן דער פערזאָן פון קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש האָבן זיך אַרומגעטראָגן אומדייטלעכע לעגענדעס. די ידיעה וועגן זיין ליבעראַליזם, וועגן עפּעס פּסעוודאָ-קאָנסטיטוציאָנעלע פּראָיעקטן. די ראָל, וועלכע זיין פרוי האָט געשפּילט אין דער באַפרייונג פון די פויערים — דאָס אַלץ פלעגט אַריינדרינגען אין דער פאָרם פון אומדייטלעכע קלאַנגען אין די פאָלקס=מאַסן.

מוראַוויאָוו האָט נאָך קאַראַקאָזאָווס פאַרשווערונג געמאַכט בלעריי באַמיִונגען, כדי צו וואַרפן דעם חשד אויפן גרויספירשט. און קאָנסטאַנטין אַליין, קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש, איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פאַרטנער פון דער צאַרישער דראַמע, אָט דער ליבעראַל און האַמלעט האָט בשעת דער טערקישער קריג אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע אינטענדאַנטישע מיסברויכן — דער רוסישער האַמלעט האָט שפּעקולירט אויפן חשבון פונם הונגעריקן זעלנער.

ניעטשאַיעווס שומרים האָבן געגלייבט, אַז דער אַר[illegible] וועלכן מ׳היט שטאַרקער פאַר אַנדערע, מוז זיין עפּעס אַ מעכטיקע און גרויזאַמע פּערזענלעכקייט. זייער מיינונג פלעגט נאָך אונטער־שטיצן זיין משונהדיק דרייסטע האַלטונג און די מאָדנע אימה, וועלכע ס׳דערוועקט זיך אומבאַוווסטזיניק אין די נשמות פון שוואַכע און קליינע מענטשעלעך, ווען זיי שטויסן זיך צונויף מיט אַ כוח, אפילו אַ געפּענטעטן. דאָס אַליין, וואָס ער האָט געפּאַטשט גענערעלער איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר, אַז די דאָזיקע לעגענדע זאָל זיך איינוואָרצלען און פאַרפעסטיקן.

אין יענער צייט האָט שוין ניעטשאַיעוו געהאַט אַזאַ ווירקונג אויפן פעסטונג-גאַרניזאָן, אַז איך בין געגאַנגען אויף אַ זעונג מיט אים אין דער באַגלייטונג פון אַ זעלנער. מיר זענען אַדורך אַ הענגעדיקע בריק, דער ווינט האָט אַראָפּגעווייעט דעם שניי פון טייך, וועלכער איז איצט געלעגן, ווי אַ שוואַרצער מאַטער שטיין. חושך איז געווען אויפן הויף פון דער פעסטונג. דער זעלנער האָט געגעבן פאַראָלן, געשעפּטשעט עפּעס פאַרשטענדיקונגס-ווערטער, און כסדר האָבן זיך פאַר אונדז געעפנט שווערע טויערן אין ריגלען.

מיר זענען געגאַנגען דורך אַן אַרומגעמויערטן געדרייטן קאָרידאָר.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך גיי דורך קאַטאַקאָמבעס און מיין געדאַנק האָט שוין געזוכט יענע קריפּטע (באַהעלטעניש), אין וועלכער כ׳וועל פאַרבלייבן.

ענדלעך האָט דער זעלנער געעפנט עפּעס אַ טיר.

אין קאַמער האָט געברענט אַ פאַרויכערט קליין קיך-לעמפּל. עס האָט זיך דערהערט אַ בראַזג פון קייטן בײַ אונדזער אַריינגיין.

אין ווינקל פון מויער האָב איך קודם באַמערקט אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן געגליט ווי קוילן.

איך האָב ניעטשאַיעוון נישט דערקענט.

פאַר מיר איז געזעסן אַ סקעלעט מיט אַ פלאַמענדיקן בליק.

ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט אין זיין שטימע אַ

קלונג געטון אַ ווייטע דערינערונג, כאָטש ער האָט גערעדט איצט מיט אַ הייזעריקן געשטיקטן שעפּטשען. אויך ער האָט מיך אין דער ערשטער מינוט נישט דערקענט. שטאַרק און טיף גערירט, האָב איך מיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים.

ווען כ'בין צוגעקומען צו אים, האָב איך באַמערקט, ממש מיט שוידער, אַז ניעטשאַיעווס פּנים קאָרטשעט זיך און ציטערט, אַז עס טרייסלט מיט אים אַן אייַנגעהאַלטענער שלוכץ.

איך האָב קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שרעקלעכס ווי אָט דאָס דאָזיקע געוויין, וואָס האָט זיך געשטיקט אינעם פלאַמענדיקן האַרץ.

די פיס האָבן זיך אַ וואַקל געטון אונטער מיר און די שטי־מע האָט געציטערט.

דורך שווערע, שטיקנדיקע טרערן האָב איך אַרויסגעשעפּ־טשעט?

— מיין פריינט, אַזוי פיל יאָרן, אַזוי לאַנג זיך נישט געזען...

ניעטשאַיעוו האָט אויפגעהויבן די האַנט צו מיין פּנים און אָנגעהויבן מיט איר צערטלעך גלעטן מיינע שלייפן און שטערן. זיין האַנט האָט זיך געגליטשט איבער מיינע האָר. דאַן האָט ער אַוועקגעלייגט ביידע הענט אויף מיינע אַקסלען און האַלטנדיק זיי אַזוי, געקוקט מיר אין די אויגן מיט אַ שטומען, טיפן בליק.

איך האָב נישט געקענט רעדן.

דער קאָפּ האָט זיך גענייגט צו זיינע פיס און צו זיינע קני.

איך האָב נישט פאָרויסגעזען, אַז עס זאָל מיך נאָך עפּעס אַזוי שטאַרק אויפשוידערן. ניעטשאַיעוו האָט אָנגעכאַפּט מיינע הענט און אָנגעהויבן זיי דריקן. די הענט זיינע האָבן גע־פלאַמט.

— האָסט אויסגעהאַלטן, אַדעליקער — האָט ער געזאָגט. — מען האָט מיר געזאָגט דיין נאָמען, אַז דו וועסט קומען. איך האָב מיך דערפרייט. אַזוי פיל יאָרן, אַזוי פיל יאָרן קיין מענטש נישט געזען.

כאַטיש, היציק האָב איך אים איבערגעגעבן, וואָס בא אונדז הערט זיך.

ניעטשאַיעוו האָט זיך צוגעהערט, זיך אויסגעגלייכט, געוואַקסן.

— און ווען אַזוי למשל? — האָט ער געזאָגט, — ער קומט דאָ אַהער צום גאָטעס־דינסט. איך האָב דאָ אַ 50, 60 מיינע זעלנער. אין נאָמען פון קייזער קאָנסטאַנטין קען איך אים הייסן אַרעסטירן, אַריינוואַרפן אין אַ גרוב, אָט אין דעם זעלבן גרוב. זאָל ער זיך צוהערן, ווי די ניעוואַ זינגט, און דאָרט האַרמאַטן אין שטאָט אַריין צום ווינטער־שלאָס — און איר דאָרט:

זאָל לעבן די רעפּובליק!

איך האָב אים נישט געוואָלט אויפרעגן, נישט גערעדט וועגן די פּרינציפּיעלע אוממעגלעכקייטן פון אַזאַ פּלאַן. כ׳האָב אים דערייבער געזאָגט, אַז דער פּלאַן פונם אויספירונגס־קאָמיטעט גיט גרעסערע גאַראַנטיעס פאַר אַ דערפאָלג און אַז איבעריקנס, ווילן מיר אַלע, ער זאָל וואָס גיכער אַרויס פונדאַנען.

— צי געדענקען זיי נאָך אָן מיר? צי געדענקען זיי טאַקע? — האָט ער ווייטער גערעדט: צי ווילן זיי מיך בלויז האָבן ווי עפּעס אַ הייליקן אָנדענקען?

איך האָב אים דערקלערט, אַז היינט פאַרשטייט מען זיין יאוש, דעם יאוש פון אַ מענטש, וועלכער האָט זיך איינער אַליין אויפגעוועקט אונטער דער דעק פון אַ זינקעדיקער שיף, זייענדיק צוגויפגעשמידט מיט מענטשן, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין פּוח, וועלכע האָבן זיך געשראָקן פאַרן קאַפּיטאַנס בייטש, אַפילו דאַמאָלס, ווען זיי זענען שוין געגאַנגען צו גרונט.

ער האָט זיך אויסגעפרעגט אויף אונדזערע מענטשן, זייערע כאַראַקטערן, שטימונגען.

זשעלאַבאָוו איז שוין געהאַט געווען דאָ בײַ אים.

— דאָס איז אַ מענטש — האָט ער געזאָגט — אַן אָדלער. זשעלאַבאָוו איז אומשטאַנד צו טון אַלץ.

די צייט איז געלאָפן.

מיר האָבן נאָך אַרומגערעדט דעם פּלאַן פון אַנטלויפן. ניעטשאַיעוו האָט געזאָלט מיט זיך אַרויספירן פונדאַנען שיריאַיעוון און ווען נאָך ס׳וועט זיך לאָזן.

איך האָב געקלערט וועגן מיכאַילאָוון.

— כ׳קען נאָר נישט גלייבן, אַז כ׳וועל אַמאָל אַרויס פונדאַ־נען, כ׳ווייס אַפילו נישט, צי כ׳וועל שוין פעיִק זיין צו קלערן דאָרט, אין שיין פון דער זון. דאָ צווישן די שטיינער האָט זיך אין פאַרלויף פון דער לאַנגער נאַכט געפעסטיקט און געהאַרטעוועט די נשמה און זיך צונויפגעוואַקסן מיט אירע שטיינער און קייטן. אין פריילינג און זומער רוישט דאָרט הינטער די מויערן דאָס שוואַרצע וואַסער. דאָ טראַכסטו גאָר אַנדערש, דאָ האָב איך געקלערט, אַז כ׳וועל אַרויסגיין פון דאַנען אין אַ זוניקן טאָג, די שטאָט וועט פלאַקערן, גלאָקן וועלן שאַלן, אויף די גאַסן וועלן קלינגען העק און קאָסעס. איבער דער ניעווא וועלן שווימען מתים פון די צאַרן און באָיאַרן. און איך וועל אַרויסגיין מיטן קלאַנג פון מיינע קייטן און דעם געדאַנק, וואָס איז גרויזאַם ווי אַ קבר. מ׳וועט מיך אַרויספירן, כ׳וועל זען די שרפה, דעם רעש, דעם טומל, דעם באַוואָפנטן המון, די בלוטיקע נקמה. און כ׳האָב מיך שוין אַזוי איינגעלעבט מיט דעם, אַז כ׳לעב דאָ אונטער דר׳ערד, ווי אַ מת, וועלכער דאַרף אויפשטיין אין גרויסן טאָג פון משפט תחית המתים און מיט זיין איינגעשמירטער האַנט אַראָפוואַרפן דעם צאַר פון זיין טראָן. — ווייסט ? — ווי האָט מען עס אָנגערופן אין גריכנלאַנד יענע נקמה־געטער מיט שלאַנגען אַרום דעם קאָפּ און אין די הענט, וואָס פלעגן אויפשטיין און פאָדערן נקמה און בלוט.

— עריניען — האָב איך אים דערמאָנט.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — ווייסער צאַר, ליכטיקער צאַר, הערסטו ווי ס׳בלאָזט דער שטורם־ווינט. — וואָס קנייטשסטו דעם גרויזאַמען שטערן : ווערסט מיך נישט אָפּשרעקן אַצינד : באַגראָבן דאָ אונטער דיין טראָן, וואַרט איך דער מת מיט מיין נקמה — ביז מיין שעה וועט אויך אָנקומען, נישט אָפּשרעקן ווערסטו מיך. — ווייסער צאַר, ליכטיקער צאַר, הערסט, ס׳וועט אויסברעכן אַ פייער־זייל ! כ׳הער ווי ס׳קלאַפּט שוין אין האַרץ דער אומרו, וואָס דו שרעקסט זיך, צאַר ? בלוט פליסט אונטער דר׳ערד, קייטן קלינגען אין דיינע מחשבות, געשמידטע מתים מחנות, אָבער די נאַכט ווערט וואַך, מיר וועלן אויפשטיין תחית המתים. מיר וועלן זיך נוקם זיין, מיט אונדזערע קייטן דיך דערשטיקן.

די הייסט נישט מישוק, וואָס עס איז אַזוינס דער דורשט נאָך נקמה. וויפיל מאָל זיץ איך דאָ, די מחשבות גיסן זיך צו־זאַמען, צעפלאַמען זיך. איך זיץ און הער אַ יאָמער.

— און פלוצלינג האָב איך דערהערט פון דער אַנטקעגנ־דיקער קאַמער אַ שרעקלעכן, אַ מענטשלעכן וויי־געשריי, פול פיין און פחד.

— אַ משוגענער — האָט ניעטשאַיעוו געזאָגט — דאָס דריטע יאָר הער איך אים שוין דאָ. איך האָב געשריבן צום צאַר מיט מיין אייגן בלוט, ווי צו אייך, דער בריוו איז נישט דערגאַנגען. כ'האָב געשריבן מ'זאָל דעם משוגענעם צונעמען. אַך, נקמה! נקמה! דאָס האַרץ ווערט שטיל, ס'טרוימט. כ'כאַפּ מיך אויף באַנאַכט און פיל אין דער האַנט אַ מעסער. איך הער, ווי די שטאָט ווערט צע־שטערט, ווי זי פלאַקערט אין פלאַמען, ווי זי שאַלט מיט גלאָקן.

ווי קענען זיי אַזוי לעבן!

זיי, די רויקע, זאַטע קנעכט. לעבן און לאַכן ווי קענען זיי? . . .

זיי לעבן, ליבן, פּרוכפּערן ליכטיקע געדאַנקען, ווען זיי — און לעבן... און יעדע רגע פליסט מיט בלוט!

כ'זיץ דאָ און קלער: קלאַפּ מיין האַרץ, קלאַפּ מיין האַרץ ווי אַ טויט־זייגער צייכן אָפּ די שעהן, זאָל קומען די שעה פון פרייהייט און נקמה. ס'דאַכט זיך מיר אויס שטענדיק, אַז איך מוז נאָך עפּעס דערלעבן, דערזען עפּעס. עס איז אוממעגלעך זיך פאַר־צושטעלן, איך זאָל דאָ שטאַרבן מיט אַן אומבאַפרידיקטער נקמה אין האַרץ. איך וואָלט אַפילו אין קבר זיך געקאָרטשעט און די פינגער געביסן.

— גיב מיר די האַנט — האָט ער געזאָגט צום סוף — גיב מיר אַ וואָרט. האָב איך געפרעגט.

— וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— אַז ער וועט עס נישט אויסמיידן.

כ'האָב אַ דריק געטון זיין האַנט.

זשעלאַבאָוו האָט אויסגערעכנט אַלע מעגלעכקייטן:

דאַכט זיך, ס'איז אוממעגלעך, ער זאָל אַרויס גאַנץ.

ניעטשאַיעוו האָט געשוויגן און פּלוצלינג שווער אויפגע-הויבן זיין איינגעשמידטע האַנט, מיך צוגעדריקט צום האַרץ.

— פאַר דעם אַלעם, פאַר דעם אַלעם זאָל איך די האַנט נישט קיין ציטער טאָן — לאָמיך שוין דאָ אומקומען — לאָמיך נאָר דאָס וויסן. אָט דעם טאָג בלויז גיט מיר.

דער משוגענער הינטער דער מויער האָט געשלוכצט, גע-שריגן אויפן קול:

„האַספּאָדי פּאָמילוי, האָספּאָדי פּאָמילוי ראַבאַ אַלעק-סיעיאַ!"

— פאַרן צאַרעוויטש אַלעקסיי האַלט ער זיך, — האָט ניע-טשאַיעוו געזאָגט. — דאָ ווייגען אַלע שטיינער מיט בלוט.

אין דער קאַמער איז געזעסן רילעיעוו, שפּעטער נאָך אים עפּעס אַ פּאַליאַק — דאָס איז אַ פּוילישע אויפשריפט, וועסט זי אפשער דורכלעזן. דאָ אין ווינקל לעבן פענסטער, איבער מיר... ס'זענען געווען אויסגעקריצט אותיות; „דאָ שטאַרבט אַ פּוילישער שלאַכטשיץ, וועלכער האָט אוועקגעגעבן זיין בלוט און זיין לעבן און ערשט אין קבר פאַרשטאַנען, אַז דאָס פּאַטערלאַנד — דאָס קען נישט זען די עוולה פון מיליאָנען. די דורות, וועלכע וועלן נאָכקומען, לאָז איך איבער בירושה דעם פּוילישן פּויער און די נקמה, די אויפלעבונג פון פאָלק דורך דער פרייהייט. כ'שטאַרב איינער אַליין, ווייל גאָט איז ליגנט און אויפן קבר פון אמת זינגט ער זיין לויב. בלוטיקע הענט ווילן אומוואַרפן מזבחות און טראָגנען. פּאַליאַק, אויב דו וועסט זיין דאָ, זיי נישט קיין שלאַכטשיץ. מיין נאָמען רוף איך נישט אָן, ווייל כ'וויל שטאַרבן אַלס דער, וועלכער כ'בין אצינד: אַן אָרימער בעטלער קעגן טויט און אייביקער אומ-גערעכטיקייט. אין יאָר 1865".

כ'האָב דורכגעלייענט און איבערגעזעצט.

— די ביינער, די ביינער, ווען זיי וואָלטן אויפגעשטאַנען, תחית המתים — האָט ניעטשאַיעוו געזאָגט — איך וואָלט געוואָלט שטאַרבן אין דעם טאָג, ווען ער וועט פאַלן. שטיל, קוקנדיק אין דער זון, איינער אַליין, ווו נישט איז...

כ'האָב שוין געדאַרפט גיין.

ער האָט מיך נאָכאַמאָל אַרומגענומען.

כ'האָב דערפילט, ווי אויך איבער מיין פנים פליסן טרערן. כ'האָב צוגעדריקט זיין האַנט צו מיינע ליפּן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנעם אומבאַשרייבלעכן בליק.

— מישוק, נו, וואָס טוסטו, מישוק? — האָט ער שטיל געענדיקט — אויב דו קענסט, דערמאַן מיך אַמאָל, אָט אַזוי ווי איצט מיט ליבשאַפט, אויך איך בין געווען אַ מענטש, מישוק, איידער ס'איז געוואָרן פון מיר אַ געשפּענסט.

— מיר וועלן זיך זען — האָב איך געזאָגט — דאָ אָדער דאָרטן. —

ביעטשאַיעוו האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— וועגן דעם, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט, פאַרגעסט נישט. מיר קומט פון אייך זיין טויט, מער גאָרנישט.

כ'בין אַרויסגעגאַנגען.

אין די קאָרידאָרן האָט מיך נאָכגעיאָגט דאָס געלעכטער און געשריי פונם משוגענעם, כ'האָב געהערט די אומדייטלעכע פאַראָלן, דעם קריץ פון ריגלען; איך האָב מיך דערפילט אין שטאָט ווי אַ מענטש, וואָס קומט צוריק פון יענער וועלט.

אָ ר ט ש י אָ

XV

צי פאַרשטייט איר, פאַרוואָס אָרטשיאָ, דער איינציקער ריינע־גייסט פון אַ וועלט, וואָס קומט אים אין קראַשינסקיס „Nieboska Komedja“ — איז בלינד? ווייל אויף אַ וועלט, וועלכע קומט אום, וועלכע ברעכט זיך איבער, קען מען זיך פילן אומשולדיק נאָר דאַמאָלס, ווען מען זעט נישט. אַ מענטש קען נישט זיין קיין צו־שויער, ער פילט, אַז ער איז אַ שאַפער, און ער באַטייליקט זיך מיט זיין געוויסן אינם גורל פון מענטש. די, וואָס זענען געשטאַנען אָן אַ זייט אין יענער צייט, נאָר פונדעסטוועגן גענוג נאָנט, כדי צו פאַרשטיין און זען — האָבן איבערגעלעבט שרעקלעכע פרוון. די מעפיסטאָפעלישע מאַסקע, הינטער וועלכער ס'האָבן זיך באַהאַלטן שעלגונאָווס מענלעך האַרץ און זיין שטראַלנדיקער שכל, האָט ריכטיק אָפּגעשפיגלט די פיין און האָפנונג פון די בעסטע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט. אוספיענסקי פלעגט איבערקרענקען יעדן נייעם אַרעסט. די גאַנצע טיפעניש פון דער ווייטיק, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט שווייגנדיק, האָט ערשט דאַמאָלס אויסגעבראָכן, ווען די קראַנקהייט האָט צעריסן די קייטן פון ווילן. ווען זיך

האָט אוספּיענסקי אָנגעהויבן רעדן ערשט דאַן, ווען ער האָט פאַרלוירן דעם פּסיכישן גלייכגעוויכט. און די קראַנקהייט זיינע איז שוין געווען, ווי אַ ראָמאַנטישע פּאָעמע. די נשמה זיינע האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צוויי איכן, וואָס קעמפן איינער מיטן אַנדערן.

עס איז געווען גליעב, דער ליכטיקער גייסט, דער שותף פון אַלע ליכטיקע כּוחות, מיט וועלכע דער שכל פירט אָן — און ס'איז געווען איוואַניטש, אַ פרעמדער און גלייכצייטיק צוליב עפּעס אַ פאַטאַליזם אַ צוזאַמענגעשמידטער מיט גליעבן; דער וואָס פלעגט פאַרניכטן אַלע זיינע באַמיִונגען, וואָס פלעגט באַשמוצן זיינע געדאַנקען, דער פאָרשטייער פון „חזירישן עלעמענט".

דעם פּאָעטס געדאַנקען האָבן זיך אַ גאַנץ לעבן נישט דערלויבט דעם לוקסוס זיך צו ווענדן אויף זיך אַליין, אויף זיבן זיך.

זיי פלעגן מיט זייער פאַרוואונדעטן אָנגעווייטיקטן ווען מעסטן, שפּירן דעם גורל פון לעבן פון מיליאָנען.

ווער ביסטו עס, ליכטיקער געדאַנק, דו זאָלסט וואַגן וועגן זיך צו רעדן. אָט גייען מיר אַראָפּ דאָרט אַהין, ווו ס'איז נישטאָ קיין שטערן און נישט קיין זון פון דער צוקונפט. דאָרט, ווו ס'איז דאָ אַ פינסטער, אַלטעגלעך לעבן: פּרווו דאָ צו פילן, באַקען דיך, באַרעכן, פאַרטיף.

אוספּיענסקי האָט אַ גאַנץ לעבן בלוטיק געדינט.

פּאָעזיע איז פאַר אים געווען באמת אַ זעונג פון לעבן — אַ לעבן, וואָס זעט זיך אַליין. ער פלעגט שענקען די קראַפט פון זען די צום מערסטן פינסטערע. זיינע געדאַנקען פלעגן אַריינדרינגען אין די צעשלאָגנסטע, הילפלאָזע קעפּ, וואָס קענען קוים אויסדריקן זייער צער און שוואַכקייט מיט אַן אָפּגעהאַקטן שטאַמלען, ווו ס'בינדן זיך נישט קיין ווערטער. ער האָט גאָרנישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, וואָס ער אַליין פילט, דערביי האָט ער דעם סכום פון די אַריבערגעטראָגענע ליידן דערפילט ערשט דאַמאָלס, ווען ער איז שוין אינגאַנצן צערודערט געווען.

איך פאַרשטיי נישט, בשעת איך טראַכט היינט וועגן לעבן,

אזוי ווי דאָס לעבן קען שאַפן פּאָעטן, ווי אַזוי קענען זיי איבער־טראָגן דאָס בילד פון לעבן.

דאָס דאָזיקע גיהנום קען עקזיסטירן בלויז אין פינסטערניש און ווּיסטקייט.

וועד איז אומשטאַנד איבערצוטראָגן דאָס אומויפהערלעכע קנאַקן פון ביינער, די זיפצן פון די הערצער בּאַ די גוססדיקע, דעם געשריי פון געדאַנקען, וועלכע עס פאַרטרינקט דאָס שוואַר־צע וואַסער פון טויט. ווען מען זאָל בלויז אַ טראַכט טון, אַז עס פלעגט זאָגן וועגן זיך „א י ך" יעדער פון די, וואָס שטאַרבן דאָ, לאָזן איפלעבן אין געדאַנק די טשינגיזכאַנישע פּיראַמידע פון שאַרבנס, פאַרשטיין, אַז געזונט, רו, גליק, דאָס זענען אויסנאַמען, און אַז מיר אַליין נעמען אָן אָנטייל אין דעם כסדרדיקן הרגענען מענטשן און דאָס אַלצדינג איבערטראָגן — איז אַן אוממעגלעכע זאַך.

מען זאָגט, אַז מענטשן, וואָס וווינען אין מילן, הערן נישט ענדלעך די געקלאַפּעריי און דעם רעש פון די רעדער. און מיר הערן נישט, ווי עס ברעכן זיך כסדר לעבנס, ווי עס רוישט דאָס בלוט, וואָס עס גיסט זיך דורך די ספּריכעס און רעדער.

אין אַ ווילדן געלויף טראָגט זיך דער צוג פון די גליקלעכע, קלוגע, עס רינגלט זיי אַרום אַ נעפּל פון שטויב, זיי זען, זיי הערן קיין זאַך נישט. זיי זען נישט דעם בלוטיקן שליאַך, וועלכן עס לאָזט איבער נאָך זיך זייער יאָגן זיך, זיי הערן נישט די פאַר־צווייפלטע געשרייען, וואָס זענען שרעקלעכער פאַר אַלע יאָמערן, פאַרן שווייגן, וואָס הייבט אָן הערשן, ווען דאָס האַרץ פון אַ מענטש לעבט זיך איין מיט דער האָפנונגסלאָזיקייט.

דער יאָמער פון אומגליק קען נישט זיין אַזוי שרעקלעך, ווי דאָס שווייגן פון די, וואָס קומען אום.

איך האָב געזען אַ דאָרף, אויסגעפּייניקט פון הונגער. איך בין געפאָרן צווישן צוויי שורות הייזלעך. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַרויסבייגן עפּעס אַ שוואַרץ געוואָרענער קאָפּ מיט גלעזערנע אויגן. דאָס רוב פלעגט מען גאָרנישט אויסשטעלן קיין האַנט, מען פלעגט נישט בעטלען. דאָס האָט געדויערט שוין לאַנג. עס האָט

זיך געלייגט אויף די נשמות עפּעס אַ טרוקענער שגעון. אויפֿן ראַנד פֿון אַ געסל איז געשטאַנען אַ באָרוועסער מענטש מיט אַ בלויזן קאָפּ, כאָטש עס האָט אים געבאַקן די זון. אויפֿן האַלדז האָט ער געהאַט אַ קייט, וואָס אין אירע ביידע עקן זענען באַכגעהאָנגען משאות. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין עפּעס אַ סוויטע, צעשפּילעט אויף דער ברוסט, מ'האָט געזען, אַז פֿון אונטער דעם שטעכעדיקן פּאַס, וועלכן ער האָט געהאַט צוזאַמענגעשוירן אויף די לענדן, האָט אַראָפּגערונען בלוט.

כ'האָב אים דערלאַנגט עפּעס אַ מטבע.

ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר, האָט אַ וואָרף געטון די מטבע אויף דר'ערד. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זי אָנגעהויבן פֿאַרשאַרן מיטן פֿוס און מיט אַ שטעקן, געשמידט אין אײַזן.

— וואָס טוסטו? — האָב איך געפֿרעגט.

— פֿאַראַקערן דאַרף מען דאָס שלעכטע. געלט איז דאָס שלעכטע, בלײַט דאָס שלעכטע. וואָס עס גיט לעבן איז שלעכט. כ'וואַרט דאָ שוין דעם צווייטן טאָג און יעדן אָוונט גיי איך דורך דאָס דאָרף און רוף אויס מיט אַ הויכער שטימע: ס'האָט מיך געשיקט די הייליקע דרײַאײַניקייט. גאָט איז דאַמאָלס געשטאָרבן אויפֿן שטייערנעם באַרג, און דער מענטש דאַרף אויך נישט לעבן. מ'דאַרף דערפֿער פֿאַרברענען, זיך פֿאַרברענען, דאָס פֿייער וועט אויסברעכן ביזן הימל און וועט פֿאַרברענען די שטערן.

ס'איז מיר געווען דאַמאָלס לײַכטער מיט דעם משוגענעם נאָך אָט דער ווילדער שטילקייט פֿון די הײַזער.

מתים האָבן דאָרט געזאָלט זײַן ערשט מאָרגן, איבערמאָרגן, און מ'האָט שוין געקענט פֿאַרשטיין, ווי שרעקלעך ס'איז, וואָס אַזאַ ריזיקע, דריקנדיקע מערהייט נעמט אויף דעם טויט און שווײַגט.

ווי קען עס אַריבערטראָגן אַ פּאָעט?

ער, וואָס זעט און הערט מיטן האַרץ? צי איז עס טאַקע אַ זיכערע זאַך, אַז ס'האָבן עקזיסטירט אַמאָל פּאָעטן? איך מיין, אַז די גרעסטע פֿון זיי פֿלעגן אַנטשוויגן ווערן, איידער זיי האָבן נאָך געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט. אַ מענטש איז נאָך היינט אַ צופֿיל

אומגליקלעך באַשעפעניש, אַז ער זאָל קענען זיין דורך און דורך געדאַנק.

מיר האָבן דאַמאָלס געעפנט פאַר די אויגן פון דער רוסי־שער געזעלשאַפט דאָס גיהנום אויף דר׳ערד.

די געדאַנקען האָבן געמוזט דערזען, ווי מענטשן קומען אום אין קאַמף מיט די עוולות, אין וועלכע יעדער נעמט אַן אָנטייל.

טאָלסטאָי האָט נישט געקענט איבערטראָגן דאָס דאָזיקע בילד און ער האָט זיך צעבראָכן: מ׳דאַרף קעמפן מיט דעם, וואָס עס איז שלעכט. די נאַראָדאָוואָלצעס זענען געווען אַ צו שווערע לאַסט אויפן מענטשלעכן געוויסן: זיי זענען שולדיק, פאַרוואָס זיי שרייבן מיטן אייגענעם בלוט די פלאַמיקע באַשולדיקונג, אויפרופן, וואָס מאַכן ציטערן די פחדנישע נשמות. נישט קעמפן מיט דעם וואָס עס איז שלעכט. ווייל איר וועט נישט בייקומען דאָס גע־שפענסט — און מיר קענען שוין לענגער נישט צוזען אייערע צרות.

איירעפּע האַלט ביזן היינטיקן טאָג טאָלסטאָיען פאַר דער העכסטער מדרגה פון עטישן געדאַנק. מ׳קען נישט טשערנישעווסקין, מ׳שווייגט וועגן מיכאַילאָווסקין, מ׳שווייגט וועגן זשעלאַבאָוון, פּיע־ראָסקאַיאַן, מישקינען, לאָפּאַטינען, וועגן הונדערטער און טויזנטער אַנדערע. טאָלסטאָי! טאָלסטאָי! אַזוי שרייבט מען געשיכטע.

אין יענער צייט פלעגט מען אַזוי כסדר אַרויסרייסן אַלע מאָל אַן אַנדערן פון אונדזערע רייען, די שטאָט איז אַזוי פול געווען מיט פאַרשידענע ידיעות, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען נישט זען דאָס לעבן און זיין גאַנצן גרויל. אַלע מענטשלעכע באַגריפן זענען איצט געוואָרען אויף אַן אויספּרוו. אין יענער צייט איז שווער געווען דורכצופירן די גרענעץ, ווו עס ענדיקט זיך די פּאַסיוויטעט און ס׳הייבט זיך אָן די קרובהשאַפט מיט דעם כוח, וואָס פאַרגיסט דאָס איידלסטע מענטשלעכע בלוט, וואָס טרעט די געדאַנקען.

מ׳האָט געדאַרפט זיין זייער נאַיוו, בלינד, אָדער זיך אַליין

אָפּנאַרן, פּדי צו רעדן וועגן מאַראַלישן ווערט, וועגן ריער עטי־שער אָרדנונג, וואָס האַלט זיך בלויז אויף תּליות.

פאַרוואָס זענען אומגעקומען די דאָזיקע מענטשן?

די געזעלשאַפט איז געווען באַקאַנט מיט זייערע געדאַנקען. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט זיי נישט קענען אָפּשטויסן, זי האָט געוווּסט, אַז זי קען זיי נישט אַנטקעגנשטעלן קיין שום אַנדערע. זי האָט זיך אַליין געפילט געצוווּנגען איבערלעגן צו זען, צו אָנער־קענען זייער אמת זי האָט געפילט, אַז די שטים, וועלכע הערט זיך אין דער שטילקייט פון קנעכטשאַפט און אימה, רופט ווי דאָס אייגענע געוויסן. און גלייכצייטיק האָט זי געוווּסט, אַז זי קען נישט, אַז זי איז נישט אומשטאַנד קיין זאַך צו געבן אָט דעם אָנערקענטן אמת, אַחוץ תּפיסה און תּליה.

מענטשן ווייטן גוט, אַז זיי זענען נישט ווערט, וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט, זיי ווייסן, אַז דאָס לעבן, וואָט זיי שאַפן, דאָס איז אַ שווערער קאָשמאַר אָן ווערטער און גליק, און גלייכצייטיק זענען זיי נישט בכוח זיך צו באַפרייען פון זיין שליטה.

די אייגענע שוואַכקייט זייערע, די נישטיקייט, וואָס מאַנט פאַראַכטונג — הענגט איבער זיי ווי אַ פאַטום.

און גלייכצייטיק איז וואָס אַמאָל קלאָרער, אַז אָט די וועלט, וועלכע קיינער שעצט נישט, פאַר וועלכער קיינער האָט נישט קיין יראת הכבוד, צו וועלכער קיינער איז נישט צוגעבונדן, האַלט זיך בלויז אויף כּוח און געוואַלט.

אין די אינטעליגענטע פעטערבורגער הייזער פון יענער צייט האָט מען געזען דאָמאָלס דאָס פאַרדומפּענע אָפּנאַרן זיך אַליין. מענטשן האָבן עפּעס ווי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שולד אייגער פאַרן אַנדערן. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק באַמיט איינער דעם אַנ־דערן צו דערווייזן, אַז זיי זענען גערעכט, אַז ס'האַלט זיי אין די גרענעצן פון דער זאַטער קנעכטשאַפט נישט פּחדנות און שוואַכ־קייט. נאָר דער חוש פאַר פּריבצ׳פּן. זיי פלעגן זיך אַרומדרייען, בלאָזן זיך איינער פאַרן אַנדערן, אָט די פעטערבורגער Sieyés, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינציקן ענטפער: „איך האָב געזיגט". און זיי האָבן זיך באַמיט איינער דעם צווייטן צו דערווייזן, אַז

זיי האָבן דאָס רעכט אָפּצוהיטן, צו פאַרטיידיקן דאָס איינציקע לעבן זייערס.

מען האָט דאָך געדאַרפט זיין אויף דער אָדער יענער זייט.

זיי האָבן געוואַרט.

זיי האָבן געוואַרט, כאָטש זיי האָבן געוווסט, אַז זייער אייגן געוויסן, זייער אייגענע נשמה קעמפט עס, קומט אום צוליב זיי, העלנדיק זיי ארויסרייסן פון חרפה און קנעכטשאַפט. זיי האָבן געוואַרט, ביז וואַנען מ'וועט זיגן. אַזוי ווייט איז אַוועק אין זיינע ליגנטס דער מאָדערנער מענטש, אַז אַפילו זיין אייגענע פרייהייט קען ער אויך נאָר דערגרייכן מיטן פרייז פון בגידה.

מיר האָבן עס געזען קלאָר.

מיר האָבן געזען, אַז די ליבעראַלע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, וועלכע באַמיט זיך אין דער שטיל איינצורעדן זיך אַליין, אַז זי טריומפירט עס בשעת די געוואַלט ציטערט פון אונדזערע קלעפּ, וועט לויערן אויף אונדז, זי וועט אויפשטיין קעגן אונדז און בילן ווי אַ מחנה הינט, אַז זי וועט די קערפּערס אונדזערע רייסן מיט די נקמה־ציינער פון חרפה.

קנעכט פון זייער אייגענער פחדנות, פלעגן זיי פאַרשטעלן זייער אייגענעם דלות פאַר זיך אַליין מיט גאַנצע פעסטונגס־מויערן פון פלפולים.

מאָראַליטעט, דער האַס צו געוואַלט, און וואָס פאַר אַ פאָרם ער זאָל נישט אַרויסטרעטן — דאָס אַלץ האָט געזאָלט זיין אַ פאַרענטפערונג, אַזוי ווי דאָ וואָלט נאָך געווען עפּעס צום ראַטעווען.

די הייַנטיקע קולטורעלע מענטשהייט דאַרף געדענקען, אַז זי לעבט אויפן יסוד פון געזעצן, וועלכע זענען אַ כסדרדיקער מאָרד, וואָס מ'באַגייט לגבי דער ריזיקער מערהייט.

כל זמן מיר לעבן אין אַזעלכע יורידישע באַדינגונגען, אַז די עקזיסטענץ פון דער קולטורעלער מינדערהייט איז מעגלעך נאָר אויפן גרונט פון דער פּיַנטערניש, פון טויט און די פאָלקסמאַסן,

וועלן כלערליי עטישע פראַזן, כלערליי דעקלעראַציעס וועגן מיטגעפיל אָפּשווימען ווי וואַסער, וואָס איז נישט אומשטאַנד אַראָפּצוואַשן דאָס בלוט, מיט וועלכן ס'זענען געשריבן געוואָרן די קאָדעקסן. די עקזיסטירנדיקע געזעצן, דאָס זענען אונדזערע בפירושע מעשים, און די דאָזיקע געזעצן זענען מאָרד.

נישט טועענדיק קיין זאַך, לעבענדיק בלויז אין די גרענעצן פון די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען, פאַרגיסן מיר אומויפהערלעך־מיר טרעטן איין כסדר אין דר'ערד מענטשלעך בלוט.

עס אונדז געווען אַזוי שווער זיך צו באַגעגענען, אַז כ'האָב געמוזט זיין דאַמאָלס אויף אַ באַל, אויף אַן אמתן, אויף אַ פראַכטפולן באַל מיט פראַקן, מיט באַל־קליידער, כדי זיך צו זען מיט ווערע קאָכאַנאָוויטש.

איך בין געקומען שפּעט. כדי דאָ וואָס קורצער צו פאַרברענגען.

כ'בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן עפּעס אַ קאָלאָנע, כ'האָב געפילט, אַז ס'שווינדלט מיר אין קאָפּ, בשעת כ'האָב מיך באַמיט אויפצונעמען אַלע סתירות, וואָס רייסן זיך אין די געדאַנקען און אין האַרץ.

דאָ איז געווען געלעכטער און פריילעכקייט. שיינע, שלאַנקע פרויען־געשטאַלטן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן אינעם טאַנץ. בלויז מוזיק האָט דאָ געהאַט די ממשלה. בלויז די צעזונגענע נשמה, זי האָט געבראַכט און באַוועגונג אָט די שיינע אָרעמס, ס'האָבן לויט איר ריטם געקלאַפּט די הערצער.

אַלע ווײַלע פלעגט מיין בליק זיך טרעפן מיט עמעצנס בליק פונעם עולם:

די אויגן האָבן געפונקלט פאַר פרייד, פאַר גליק, ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, אַז ס'איז מעגלעך, אַז ס'עקזיסטירט אָט דאָס וו:לטל, וואָס קען און וואַגט זיך צו ווײַלן, בשעת אין די קעלערן פליס: בלוט.

איך האָב געקלערט, ווי אַזוי וואָלט געקוקט ניעטשאַיעוו פון זיין קעלער אַרויס אויף דעם דאָזיקן יום־טוב פון גליק און שמחה. בלאָנדזשענדיק איבערן זאַל, האָב איך מיך באַגעגנט מיט אַ פאָר

אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף די טאַנצנדיקע מיט אַזאַ אויסדרוק פון אימה און ווייטיק, אַז איך האָב מיך נישט ווילנדיק פאַרקוקט אויף זיי. אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך אויף אַ פראַגע האָט זיך דורכגעטראָגן אין די טרויעריקע אויגן, דאָס בלאַסע פּנים האָט אַ שמייכל געטון.

איך האָב עס דערקענט איצט.

דאָס איז געווען דער פּאָעט וואָלזשסקי, איך האָב מיך מיט אים באַקאַנט ערגעץ אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט.

איך האָב אומגעהייער ליב געהאַט זיינע ווערק:

זיי זענען געווען טרויעריק ווי מוזיק, וועלכע ס׳הערט אַ גוסס און ווי דער טויט צווישן בלומען און זון, אָדער ווי די דערי־נערונג וועגן זיי אין שפּיטאָל. מ׳האָט געפילט אין אים אַ צעקלעמ־טע, צעווייטיקטע נשמה, וועלכע האָט אַלץ צעבראָכן, וועלכע האָט געגאַרט נאָך ליכטיקייט און גליק, פון וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געוווּסט.

וואָלזשסקי איז צוגעגאַנגען צו מיר.

כ׳האָב באַמערקט, אַז זיין פּנים איז בלאַסער ווי תמיד, די ליפּן פאַרטרוקנט.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע.

— וואָס איז דאָס? — האָט וואָלזשסקי געפרעגט, ווייזנדיק מיטן בליק אויפן זאַל. — ס׳איז שווער צו באַגרייפן. כ׳ווייס, אַז דאָס איז אַן אַלטעגלעכע און וואָכעדיקע זאַך, אַז וווּנדערן זיך איז דאָ נישטאָ וואָס — אָבער וואָס איז דאָס? ווי דאַרף מען עס פאַר־שטיין און באַגרייפן. האַמלעט האָט זיך געחידושט באַ זיין מוטערס חתונה אין עלסינאָר. מיר חידושן זיך נישט אַפילו מיטן כוס אין דער האַנט, מיט בלומען, באַ קלאַנגען פון מוזיק בראָדזשען מיר אין בלוט און קיינער זעט נישט, קיינער פילט נישט, אַז דאָס. וואָס ס׳קומט פאָר איז — אַ שרעק. איר ווייסט? האָט ער געזאָגט, נעכטן בין איך געווען באַ לאָריס־מעליקאָוון, אַ״גנטלעך היינט אינדער־פרי, אָבער כ׳האָב מיך געדרייט אַרום זיין הויז כמעט אַ גאַנצע נאַכט. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל געפינען די ווערטער, אַז כ׳וועל דאָך געפינען עפּעס אַ קלאַנג, אַז ער וועט דערפילן, פאַרשטיין.

מירסקי — פאַרמשפּט צום טויט. כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל איס זאָגן, וואָס דאָס איז אַזוינס דער טויט פון אַ מענטש. דאָס קען נישט געמאָלט זיין. אַלץ ווערט אויסגעלאָשן, קומט אום. אָט דאָס אַלץ, וואָס איז זוניק, פאַרביק, דופטיק, בלומען, קושן, דאָס גליק, דער ים, דאָס גרינס קומט אום — פּלוצלינג גאָרנישט. אַ וועלט געווען, אַ וועלט פּלוצלינג איינגעפאַלן אין תהום אַריין. וואָס איז עס, ווי קען עס זיין, ווי קען עס געמאָלט זיין, אַז אַ מענטש זאָל באַשטימען אַ מענטשס טויט — איך פאַרשטיי נישט, כ'פאַרשטיי גאָרנישט. ס'איז עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש אין אַלעם.

און עמעץ מוז דאָך מאַכן אַן אָנהייב, עמעץ מוז דאָך אויפ־לעבן די גוטסקייט.

כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל זאָגן עפּעס אויסערגעוויינלעכע זאַכן, און כ'האָב עס געפילט. כ'האָב נישט געזאָגט קיין זאַך. ער איז געווען זייער פריינטלעך, קאַלט און רויק, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען און זיך אויף קיין זאַך נישט געוואונדערט.

וואָס קען זיין אַזוי שטאַרק. אַז עס זאָל צערייסן אַלע פע־דעם, וואָס פאַרבינדן מענטשן. און צי אין אונדז אַליין, צי עקזיס־טירט איצט אין אונדז עפּעס אַ פאַרבינדונג, עפּעס אַ שותפות. און די שרעקלעכסטע זאַך איז, וואָס מענטשן שטופּן אַזוי אַראָפּ אייגער דעם אַנדערן אין די אָרעמס פון טויט, נישט זעענדיק און נישט וויסנדיק, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז שוין אויף שטענדיק, אַז דאָס איז אויף אַן אמת.

כ'טראַכט, כ'טראַכט און טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז נאָר איך האָב עס נישט פאַרשטאַנען — אָט בין איך מיר פאַבליבן מיט עפּעס קינדישע, אידילישע חלומות, דאָס לעבן אָבער איז טאַקע דאָס:

דערהרגענען, דערהרגענען, דערהרגענען.

און צי דען טאַקע נישט? צי דערהרגענען מיר נישט זיך אַליין? וואָס־זשע איז אַרבעט, שאַפונגס־שגעון, אַלץ? — אַ כסדר־דיקער זעלבסטמאָרד.

איז, הייסט עס, דאַרף עס אַזוי זיין.

עפּעס אַ משונהדיקע זאַך יאָגט אונדז, מיר מיינען, אַז מיר געהערן צו זיך, און איבער אונדז סווישטשעט אַ ביטש, עמעצער טרייבט, יאָגט איבער שנייִקע פעלדער באַנאַכט. דאָס לעבן איז דעריבער קיינמאָל נישט מ י י ן לעבן, ס ד א כ ט זיך מיר בלויז, אַז איך בין דאָ. ס׳איז אָבער דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס נעמט עס צו בײַ מיר, בײַ מיר און בײַ אַלעמען.

און וואָס איז דאָס אַזוינס?

איך האָב געקוקט אין די אויגן פון יענעם מענטש, וועלכער האָט אַרויסצורעדן דאָס וואָרט ט ו י ט און האָב געזוכט אַן ענט־פער. ער האָט ב ל ו י ז די דרייסטקייט צו דערהרגענען.

פון וואַנען האָט ער זי?

פון וואַנען האָט אַ מענטש מיט צו דערהרגענען אַ צווייטן, און אַזוי קאַלט, רויִק און כּכנה פאַר זיך דערהרגענען? — טאָ ווער איז שולדיק סוף כּל סוף?

— אַלע. מיר אַלע, וואָס האַלטן אין דער האַנט די מאַכט, די געזעצן, די וויסנשאַפט, די מענטשלעכע געדאַנקען, און וואָס קענען דערפון קיין זאַך נישט שאַפן א חוץ טויט. מיר אַלע זענען שולדיק, דעריבער האָבן מיר קיין רעכט נישט אַוועקצוגיין און אויסקלויבן וועגן, וועלכע זענען פאַר אונדז באַקוועם. מען דאַרף גיין, ווו עס הייסט דער אמת און אַפילו דורך זייער און אונדזער טויט.

— און דערנאָך? — האָט וואָלזשסקי געפרעגט.

— וועלן קומען נייע דורות, נייע קאַמפן. מענטשן וועלן אומקומען אין בלוטיקער פינסטערניש, ביז וואַנען זיי וועלן זי נישט קענען גובר זיין. דאָס איז שווער בייצוקומען — אָבער אַזוי איז עס. מען טאָר זיך נישט אָפּזאָגן צו דערפילן דעם אייגענעם טאַט. טאַקע דעם אייגענעם. עס וועלן זיין גליקלעכע דורות, וועלכע די געשיכטע וועט געבן ליכטיקערע מעשים, מעשים פון גליק און ליכט, נישט פאַרפינסטערט פון קיינעמס בלוט. אָבער דאָס וועלן זיין זייערע מעשים. מיר שטייען דאָ און מיר מוזן איבערלעבן זיך, די

אייגענע נשמה, דעם געדאַנק, דאָס רוב מענטשן שטאַרבט, נישט ווילנדיק צו וואָס.

פאַרוואָס למשל שטאַרבן אַזוי ביסלעכווייז אין אָט דעם איצטיקן מאָמענט די אַלע טאַנצנדיקע, זיך ווייל׳נדיקע מענטשן?

זי וועט דאָך נישט צוריקקומען אָט די אויף אייביק פאַר־לוירענע איצטיקע ווילע פון זייער נישט צוריקקומענדיקן לעבן. און אַזוי וועלן זיי איינער נאָך דער אנדערער פאַרלירן אַלע מי־נוטן, שעהן, טעג, דאָס גאנצע לעבן. זיי שטאַרבן און קומען אום אויף אייביק, נישט ווּיסנדיק פאַרוואָס זיי האָבן געלעבט.

דער טויט איז נישט שרעקלעך.

אַ טויט, אַ נישט פּרוכטבאַרער, אַ טויט, וואָס שאַפט קיין זאַך נישט אַ חוץ אַ נייע שיכט, אַ טויטן שטיין און פינסטערניש, וואָס באַגראָבט די לעבעדיקע. דאָס איז דער איינציקער גרויל.

מיר זיצן דאָ אָט אין דעם מאָמענט, און ווירקן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן אויפן לעבן פון מענטשן, וועלכע מיר קענען נישט, מיר האָבן אַ חלק אין דעם, וואָס זייער לעבן וועט דורכגיין אַרים, פּוסט, אָן אינהאַלט, מיר שילטן זיי, זיי אונדז — און ווו איז דער שולדיקער? עפּעס אַן אומבאַוווּסטע זאַך פּרעסט אויף די מענטשלעכע לעבנס און בלייבט אייביק שטום, ווי אַ וויכער איבער אַ שוואַרצער פאַרברענטער מדבר. און דעם עפּעס, אָט דעם גורל שאַפן מיר אַלע, ער איז נישט אומאָפּהענגיק פון אונדז. אומויפ־הערלעך הרגעט יעדער אַליין זיך אַוועק און ווערט אַוועקגעהרגעט, אומויפהערלעך.

און דאָס איז דאָך געשיכטע.

מיר האַלטן מיליאָנען מענטשן אין פינסטערניש, כּדי אויף זייער דלות, ווי אויף מיסט, אויפצובויען געדאַנקען. די צייטיקע גע־דאַנקען ווילן העכן, זיי ווילן לעבן, ווייזט מען זיי אָן, אַז זיי קענען נישט לעבן, ווייל מיליאָנען מענטשן זענען אין דער פינס־טער, די געדאַנקען האָבן דערהרגעט זייער לעבן, דערהרגענען זיי איצט די געדאַנקען מיט זייער לאַסט.

כ׳האָב פאַרשטאַנען, וואָס וואַלזשסקי איז אויסן.

ער האָט געזוכט בײַ מיר דעם זעלבן ענטפער, וועלכן ער

האָט געפונען בײַ לאַריס־מעליקאָװן. ס'האָט זיך מיר דער מאַנט דער פעטער סעװערין און דאָס, װאָס ער פלעגט זאָגן װעגן דער שרעקלעכער לאַגע פון אַ מענטש, װעלכער איז נישט אומשטאַנד צו האַנדלען אױף דעם אָרט, װעלכעס ער פאַרנעמט, מענטשלעך. ס'האָט זיך מיר אױך דערמאַנט דאָס, װאָס ער פלעגט זאָגן, אַז איצט באַמיט זיך יעדער אײנציקער אָנצוצײכענען אַזױנע גרענעצן, װאָס מחוץ זײ זאָל מען שױן מעגן אױפהערן זיך צו רעכענען מיט מענטשן, מיט פליכטן, באַטײל מעג מען נישט זײן קײן מענטש אין דער באַציִונג צו אַ פאַרברעכער, און אין אַ גנב אָדער מע דער שױן נישט זען קײן מענטש, בײַ אונדזערע איז געװאָרן אַ חוב אױפצוהערן פילן מענטשלעך, װען עס האַנדלט זיך װעגן רוסישן קײזער. ערגעץ װוּ ענדיקט זיך שטענדיק דאָס געמײנזאַמע פון געדאַנק און שטרעבונג.

דער שכל באַנקראָטירט, עס בלײַבט אַלס לעצטער יושר די קאַלטע, אומבאַזיגבאַרע לאָגיק פון דער האַק.

גלײַכצײַטיק אָבער האָב איך געפילט, אַז איך װאָלט נישט געקענט פאַרנעמען קײן אײנעם פון די דאָזיקע פאָסטנס, אַז איך װאָלט מיך אײנערלעך פאַראַכטעט, װען איך װאָלט הײַנט אַװעק פון דעם פאָסטן, װעלכן איך פאַרנעם. עס איז אַלזאָ געװען אין מיר עפּעס אַ געזעץ די געדאַנקען האָבן זיך באַמיט דאָס אױפצוכאַפּן. עס פלעגט זיך שטענדיק עפּעס אַרױסגנבענען פון זײ, װי די שײַן פון דער לבנה אױף דער שװאַרצער, ציטערנדיקער איבערפלאַך פון װאַסער.

דאָס האָט מיך געמאַטערט אין דעם מאָמענט.

די מוזיק האָט געשפּילט, ס'האָט אונדז אַרומגערינגלט דער טומל, דער שװערער, פאַרשיכורנדער כח פון עולם, ס'האָבן זיך געקרײַצט איבער אונדזערע קעפּ שמײכלען און בליקן. איך האָב געפילט אױף זיך װאָלזשסקיס צעפלאַקערטן בליק און האָב געקלערט, אַז כ'מוז דאָך עפּעס ענטפערן דעם דאָזיקן האַרץ, װאָס איז צעקלעמט פון דער הײליקער שרעק פאַר דער צוקונפט, פאַר דער רײנקײט, פאַרן אינערלעכן אמת פון מענטש.

כ׳האָב געדעדט מיט שווערקייט.

ס׳זענען פאַרהאַן לאַגעס, ווען די שולדיקע זענען אַלע. די שולד, האָט זיך צעלייגט איבער אַלע קעפּ, איר לאַסט איז אויף אַלע אַרעמס. די לעבעדיקע פילן, אַז זיי וועלן נישט איבערהאַלטן, אַז זיי זענען נישט אומשטאַנד צו פאַרשטיין ווער ס׳איז דער קוואַל פון די עוולות. זיי פילן, אַז זיי מוזן זיך אַ ריר טון פון אָרט, און זיי קענען נישט, אַז דער אמת איז אויסער זיי, אַז זיי שטערן זיין פאַרווירקלעכונג, אַז ער גנבעט זיך אַרויס בײַ זיי, דאַמאָלס...

— דאַמאָלס? — האָט וואָלזשסקי געפרעגט.

— דאַמאָלס דאַרף מען, אַז אַלע זאָלן אומקומען. ס׳איז נייטיק, אַז זיי זאָלן נישט מורא האָבן אומצוקומען. כ׳ווייס נישט, מיר דאַכט זיך, אַז מ׳טאָר נישט אַוועקגיין. ס׳פאַרשווינדעט דער אונטערשיד צווישן דעם, וואָס גיט און דעם, וואָס נעמט דעם טויט. עס פאַרשווינדט דער אונטערשיד צווישן דער האַנט, וואָס גיט דעם זעץ און דעם האַרץ, אין וועלכן ס׳צילט די שווערט.

צי גלייבט איר — האָט וואָלזשסקי לאַנגזאַם געזאָגט — אַז מענטשן וועלן איבער געמען די ממשלה איבערן גורל, אַז זיי וועלן פאַרוואַנדלען אין אַ צוועקמעסיקן שאַפן אָט דאָס כסדרדיקע שטאַרבן, אַז זיי וועלן פון טויט מאַכן לעבן, אַז ער וועט פאָלגן זייער ווילן און אַרויסברענגען פון שטאַרבנדיקן האַרץ בלויז זייערע געדאַנקען, זייער נשמה.

מיט דעם פאַרצווייפלטן גלויבן, וועלכער האָט מיך צוגעדריקט ווי אַ שטיין אין יענער געדענקלעכער נאַכט איבער אַדאַשס טויטן קערפּער, מיט אַ גלויבן, וועלכער שטייט שוין אַזוי ווי אויף אַ קבר אויפן ציטערדיקן האַרץ, האָב איך געענטפערט: יאָ.

און ס׳איז געפאַלן דאָס וואָרט אַזוי מאָדנע אין דעם מאָמענט, אַזוי ווי ס׳וואָלט אַנטהאַלטן אין זיך אומענדלעך פיל נישט דערזאָגטע געדאַנקען.

— איך קען נישט, כ׳קען נישט גלייבן מיטן געדאַנק — האָט וואָלזשסקי געזאָגט: — כ׳מוז זען דעם געדאַנק. כ׳מוז האָבן

דעם דאָזיקן מאָמענט אין האַרץ. אָ, גאָט, צי וועט דער מענטש שוין קיינמאָל נישט געהערן זיך אַליין? איר האָט גוט געזאָגט, ס׳גנבעט עפּעס כסדר צו באַם מענטש דעם מענטש.

כ׳האָב אַן איינדרוק, אַז כ׳האָב מיך פאַרפּלאָנטערט אין עפּעס אַ פרעמדן חלום, פון וועלכן כ׳קען מיך נישט אויפכאַפּן. כ׳פיל, אַז כ׳מוז מיך אויפכאַפּן, אַז כ׳מוז דערגיין דעם אמת מיט אַ ליכטיקן ניכטערן בליק, אויפנעמען דאָס לעבן. און ס׳וועבן זיך פרעמדע, עקלדיקע בילדער. און אַזוי וועל איך אָפּלעבן אין דעם פרעמדן, משוגעדיקן חלום. איך מיין, אַז טאַקע איך אַליין בין שולדיק, אַז כ׳דאַרף אויסשרייען פון טיפן האַרץ ארויס און אויפוועקן אַלעמען, א בלענד טון זיי אַלעמען מיט בלוט אין די אויגן, זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן.

אַך די מוזיק.

דער טויט שפּילט.

בלומען שמעקן, אויגן פינקלען.

איבער דער שטאָט זענען אָנגעצונדן שטערן. עס טאַנצן שיינע פּאָרן. יונגע ריטער הערן פליסטערן ווערטער, געהיימנישפולע ווי אַ וואַלד.

בלומען שמעקן; ווי שטערן פינקלען די אויגן. זיי לויכטן אויפן טויטן הימל. סיי איר, סיי זיי זענען — טויט.

ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט שוין פאַרגליווערט די צייט. דער שוואַרצער טייך איז געוואָרן אַ שטיין. די גאַנצע ערד פאַלט צו דער זון ווי אַ פעלז.

ווי אַ פעלז וועט אַראָפּפאַלן די צעטאַנצטע ערד, ווען עס וועט זיך אָפּשטעלן, שוין פאַרגליווערט ווערן די צייט.

די מוזיק שפּילט.

ס׳דרייען זיך די שיינע פּאָרן.

אין זאַל, אויפן הימל איז דער טויט.

בלומען, בלומען שיטן זיך, ס׳שיטן זיך געדאַנקען און טעג. מענטשן וועלקן, פרייען זיך מיטן כוח פון רגעס, וואָס שיטן זיך ווי בלעטלעך שמעקנדיקע, אַזוי קלינגען די זכרונות פון רגעס אָפּגעריסענע.

דער שוואַרצער טייך לייכט מיט טויט, שטערן קוקן גרוי־זאַם ווי דער טויט.

זיי דרייען זיך, דרייען זיך, מעסטן אונדזער לעבן,
טרונקען ס׳לעבן פון האַרץ אונדזערן — בלוט,
זיי דרייען זיך, דרייען זיך, פרעמדע און אומבאַקאַנטע.
אונדזער לעבן שוועבט אַזוי איבער אונדז,
אומדערגרייכבאַר און פרעמד, ווי דער טויט.
ווי די שכינה, וואָס שפיגלט זיך אין וואַסער,
וואָס איז שוואַרץ און פאַרפרוירן, ווי אַ שטיין;
אונדזער לעבן קוקט אויף אונדז פונדערווייטנס,
ס׳קוקט, צי שוין באַלד וועט אונדז פאַרלעשן די צייט.
דער טויט שפּילט,
טאַנצט שיינע דאַמען!
קאַלטע שטערן שוועבן איבער אונדז —
געציילט זענען שוין אונדזערע טעג —
ס׳ליגט אונדזער גורל, ווי אַ פאַרפרוירענער טייך,
ס׳קוקט דער טויט און וואַרט אויף קיין זאַך גישט:
מיר וועלן אים פאַרבייגייענדיק נישט זאָגן קיין זאַך נישט. —
ער שטייט און וואַרט אויפן צייכן.
ער וואַרט, צי וועט אים נישט זאָגן עמעץ,
אַז צעבראָכן איז דאָס אייביקע שווייגן,
אַז ס׳רעגירט נישט דאָס שוועבן פון טויטע שטערן
מיט לעבעדיקע מענטשנס בלוט.
ער שטייט אָן אַ זייט און וואַרט.
ס׳פליסט דורך דאָס מענטשלעכע לעבן ווי זאַמד,
ס׳רוישט דער גורל, ווי אין האַרבסט דער טייך,
איידער ער ווערט פאַרפרוירן,
ליגט ער טויט ווי גלאָז.
שטערן גלעזערנע שמייכלען דאָרט אויבן
ס׳ווערט נישט קיין זאַך געענדערט אין לעבן.

תמיד דער זעלבער — דער מענטשלעכער גורל.
ס׳לעבן שוועבט איבער אונדז ווי אַ שטערן,
אומדערגרייכבאַר, פרעמד און ווייט,
ס׳גייט אַדורך ס׳לעבן, פרירט, ווי אַ וואַסער,
ס׳קוקן די שטערן קאַלטע אַן נעמען —
תמיד פרעמד, תמיד איז אַן אַ נאָמען
דער טאַנץ פון די שטערן און גורל —
שיינע דאַמען, איר וועט פאַרשווינדן, ווי שאָטנס.
איבערן שלאָס שוועבן שטערן און שווייגן,
ס׳לעבט און פירט אַן דאָרט אַן אומגליקלעכער מענטש.
ווי אַ טויטער שטערן קוקט זיין לעבן פונוווייטן.
דער טויט וואַרט באַם טויער
באַם טויער וואַרט דער טויט אויף אַ צייכן,
אַז פאַרלאָשן איז דער טאַנץ פון די שטערן,
אַז אַ סוף צום אייביקן שווייגן,
אַז ס׳קלינגט אַ שטים,
און ס׳האָרכן די שטיינער
דעם מענטשס אייגענע רייד.
דער אומגליקלעכער איז אַ מושל אונטער די שטערן.
ווען ווילן און מעשים — איז זיין טרוים,
ס׳ראַנגלט זיך די נשמה פון זיין טעות,
ס׳איז די נשמה אָפּגעטונקט אין בלוט.
אומזיסט וואַרט דער טויט אויפן צייכן.
שטערן שווייגן.
איבער דעם מענטשס קאָפּ,
זיין לעבן פליסט דורך, ווי אַ כוואַליע,
עס וועט ליגן טויט און פאַרשטיינערט
איבער דער אייביקער וויסטעניש.
ס׳שוועבן איבער אונדז שטערן, ווי שומרים,
בלויז זיי זענען די מושלים.
ס׳גיסט זיך בלוט, ס׳גיסט זיך בלוט ווי אַ טייך.
ס׳שוועבן שטערן איבערן מענטש אינדערהייך.

ס׳פליסן מענטשלעכע לעבנס ווי טייכן —
וועסט זיי, רודערער, נישט איינהאַלטן מער —
ס׳פליסט די כוואַליע דורך דורכן רודער.
ס׳גייט די זון, אַ פרעמדע, ווי שטיינער,
ווי אַ שטיינערן־פאַרפרוירענער טייך,
אַ פרעמד לעבן —
שטערן וועלן פון הימל אַראָפּקומען
אינם פינסטערן מזל —
אין פאַרגליווערטן מזל פון מענטש,
וואָס ליגט אַזוי טויט, ווי אַ שטיין,
— וועגן מאַכט —
געהאַט האָט ער חלומות,
וועגן טעותן זיינע
רעיונות.
אָן אַ נאָמען, ווי פון שטערן דאָס שוועבן,
אָן אַ נאָמען און אייביק ווייס
אונדזער לעבן פליסט דורך איבער אונדזו —
ס׳לייגט דער טויט זיינע פליגלען אויפן פּאַלאַץ.
שטערן שוועבן פון וויטן און לאַכן,
די וואָס טאַנצן, זיי זען נישט דאָס מזל —
ס׳פליסט מוזיק פון זייערע הערצער,
ס׳לויכט דאָס לעבן פון פוסטע רגעס —
ס׳שיט די בלום זיך,
ס׳פאַלן אָפּ די זכרונות.
ס׳בליצט דער גורל אויפן גרונט דאָרט גרויזאַם,
ס׳וועלן פאַלן געשטאָרבענע שטיינער
אין דער זוניקער שטילקייט.
ס׳לאַכט פון מענטש דאָס לויכטנדע שווייגן
ס׳שוועבן שטערן קאַלטע און בלישטשנדיקע —
אומזיסט קלאַפּסטו, פלאַמענדיק האַרץ,
אויף אייביק פאַרלאָשן דאָס לעבן,
מ׳דאַרף דעם טויט שוין קיין צייכן נישט געבן —

ער שטייט אַ שטומער און אַ טויטער
דער שטערן פון די שטערן,
ליכטנדיק און גרויזאַם.
אַרום איז פּוסט. אַ שטיינערנע שטילקייט.
ס'ליגט דער טייך דער שוואַרצער אָן אַ נאָמען,
אין דער פינסטערער נאַכט
טוט ער גלאַנצן.
ס'זעט נישט קיינער, ווי בלוט איז פאַרפרוירן,
ס'וואַרט שוין נישט אויף קיין צייכן
די צייט.
אַלץ איז שטיין, אַלץ ווי אַ שוואַרצער קרישטאָלענער בנין,
ווו ס'מאַכט חוזק דער טאַנץ פון די שטערן —
שוין אַוועק איז אויף אייביק דער חלום
עס האָט זיך אַ בעטלער געחלומט,
אַז ער איז אַ קייזער געוועזן,
אַז ער האָט אַ ווילן געהאַט.
ס'איז אַ חלום געוועזן,
נישט דאָ.
שוין אַוועק איז דאָס אַלץ.
נישט דאָ.
ס'איז אַ טאַנץ געוועזן פון גורל און לעבן,
און בלוט האָט געראַנען,
און ס'האָבן די שטיינער געשוויגן.
דאָ אַ קייזער — ס'איז געוועזן אַ חלום —
איצט ליגט שוין פאַרענדיקט און שווייגט דאָס מזל,
און די קאַלטע שטיינער פון שטערן
שוועבן שטיל.
ס'שווייגט דער פינסטערער שלאָס —
אַריבער איז שוין אונדזער טרוים —
דער טויט איז אומעטום — שטערן און שטילקייט.
ס'פליסט דאָס וואַסער נישט דורך אונטער בריקן,
קאַלטע שטערן איבער די מתים,

שטערן גלעזערנע לאָכן פון אויבן —
ס'ווערט אין לעבן קיין זאַך נישט געענדערט,
איבער דער שטאָט זיצט די נאַכט, ווי אַ קראָע,
ס'פליסן נאָך פון טייך די שוואַרצע כוואַליעס.
נאָך פינקלט דאָס פייער אויף די כוואַליעס
באַלויכטן די זאַלן.
ס'שפילט מוזיק,
שמעקט ווי אַ בלום —
ס'פאלן אָפּ די געדאַנקען ווי בלעטער,
מענטשן לעשן זיך אין ליכט פון אַ צוגווינט —
ס'פליסט דער טייך — דער טייך פליסט כּסדר
און ס'איז פרעמד אַזוי דאָס מענטשלעכע לעבן.
ווי פון שטיינערנע שטערן די וואַך.

זאַלושזקי האָט לכתחילה גערעדט צו זיך אַליין, אָפּשטעלנדיק זיך און איבערייסנדיק, דערנאָך האָט ער זיך איבערגענומען מיט די אייגענע ווערטער, מיט די בילדער, וועלכע האָבן זיך אים געטראָגן פאַר די אויגן, ער פלעגט זיך שוין נישט ווענדן צו מיר, כאָטש ער האָט גערעדט פאַר מײַנעטוועגן און ער האָט געוווּסט, אַז כ'הער אים. כ'האָב באמת געהערט די דאָזיקע ווערטער, ווי אַרײַנגעפאַלן אין אַ שלאָף. די געדאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דער ווירקלעכקייט. וועלכע דאָס וואָרט האָט געשאַפן, זענען געוואָרן אַרומגערינגלט מיט זייער וועלט.

ווען כ'האָב דערזען, אַז ס'גייט צו מיר וויעראַ קאָכאַנאָוויטש מיט אַן אַנדערער שיינער הויכער פרוי. האָט מיר אויסגעזען, אַז זיי געהערן צו דעם זעלבן בילד, אַז זיי זענען פאַרבונדן דערמיט, דורכן קאָנטראַסט.

דער זאַל האָט איצט אויסגעזען פּוסט, די מוזיק האָט געשפּילט אויף דער פּאָזע עפּעס אַן אָפּערן-אוווערטור. צוויי פרויען זענען צו אונדז געגאַנגען שיינע, ערנסטע, גרויזאַמע. ס'האָט זיך

געדאַכט, אַז ס׳מוז עפּעס געשען צוליב זיי. זיי זענען געגאַנגען, ווי אַנזאָגעריִנס.

דו אַ קייזער —
ס׳איז געווען אַ חלום...

האָב איך איבערגעחזרט.

וואָלזשסקין האָבן שוין וויעראַ און איר חברטע געקענט...
מיך האָט וויעראַ אַוועקגעפירט אין אַ זייט.

— אייך וואַרט מען מאָרגן אויף סאַדאָווע — האָט זי געזאָגט — ס׳איז שוין באַשלאָסן.

— ווען? — האָב איך געפרעגט.

— דעם באַנטסטן זונטיק מסתמא — האָט וויעראַ געזאָגט.

דאָס איז געווען דינסטיק.

דו אַ קייזער —
ס׳איז געווען אַ חלום.
ס׳פליסט נישט דורך דאָס וואַסער אונטער בריקן.
ס׳לייגט דער טויט זיינע פליגל אויף אַ מענטש.

מיר האָבן נאָך אַ ביסל געשמועסט. וואָלזשסקי האָט גערעדט מיט דער צווייטער דאַמע.

ווען כ׳האָב מיך דערנעענטערט, האָב איך געהערט, ווי די פרוי האָט געזאָגט:

— אַנטיגאָנא איז פאַר מיר צו זיס. זי האָט באַגראָבן דעם ברודער און נישט באַמערקט, אַז ער האָט געהאַט באַ דער זייט אַ שווערט. איבעריקנס, בין איך נישט באַ דער מיינונג, אַז ס׳זאָל אונדז קענען באַפרידיקן אויף אַן אמת אָט די אַלטע, לויט אונ-

דזער מאָס, אַזוי נישט צוגעפּאַסטע וועלט. די קלאָרקייט פון געדאַנק און געפיל וועט בלייבן.

— יעדער דערשיינונג איז דאָרט אַזוי ווי אין דער פולקאָמענסטער פאָרם — האָט וואָלזשסקי געזאָגט.

די דערשיינונגען אַליין זענען צו קליין, כ׳וואָלט געזאָגט שטום, און זייער באַשטימונג איז פאַר אונדז אַן אַנדערע. מיר ווייסן שוין, אַז מיר אַליין שאַפן אונדזער באַשטימונג, נאָר מיר שאַפן זי אַזוי ווי אין אַ חלום. איך בין איבערצייגט, אַז אונדזער וועלט, דערזען און אויפגענומען פון אַ פּאָעט מיט אַזאַ קלאָרקייט, ווי עס האָבן געזען די גריכישע שרייבער זייער אייגענעווירקלעכקייט, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט, וואָלט געשאַפן אַ ווערק, וואָס וואָלט פילפאַכיק איבערגעשטיגן די גריכישע קונסטווערק אי לויט דער באַדייטונג, אי לויט דער טיפקייט.

— זי האָט נישט געזען, אַז ער האָט בײַ דער זייט אַ שווערט — האָט וואָלזשסקי געזאָגט — און אפשר האָט זי געזען אַ פעלד, פאַרזייעט מיט מתים און איבער דעם די שטילקייט פון טויט, און זי האָט געפילט די גוצלאָזיקייט פון דער שווערט.

— ס׳וועט קומען אַ טאָג, שווערטן וועלן איבערגעשמידט ווערן אויף סאָכעס; הײַנט איז אָבער אַן אַנדערע צייט, הײַנט דאַרף מען פון סאָכעס און אַקעראײַזנס שווערטן שמידן. כּל זמן עוולות שנײַדן מענטשלעכע לעבנס, איז שוין די שווערט, דער בליץ דער בלוטיקער אין מענטשס האַנט.

— און וואָס איז דער טויט? — האָט נאָכאַמאָל וואָלזשסקי איבערגעחזרט. — ס׳בלײַבט דאָס זעלבע.

— ניין, ס׳בלײַבט די שטילקייט ווי נאָך אַ שטורעם, ווען ער גייט אַריבער מיט די דונערן — אַ דערינערונג, אַז ס׳עקזיסטירט אויף אַן אמתן די רעכט, וואָס דער מענטש האָט באַשאַפן, וואָס מאַכט אַ תל פון דער געוואַלט. אַ טויט וואָס ווערט געשאַפן, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורכן געפיל פון יושר, דאָס איז אַ גרויסער כּוח. די שווערט איז אויך אַן אַקעראײַזן, און דער טויט די זריעה.

מיר האָבן געשמועסט נאָך עטלעכע מינוט. וואָלזשסקי, דורכ־געדרונגען מיט זײַנע געדאַנקען, האָט כסדר איבערגעחזרט גאַנצע פערזן:

ס'פליסט בלוט, ס'פליסט בלוט ווי אַ טײַך,
ס'איז דער מענטשלעכער קערפּער אין בלוט —
דו אַ קייזער — געוועז איז דאָס אַ חלום...
שטערן אומעטום, ווײַסט אַזוי, שטום.

דער שטערן פון וויעראַס חברטע האָט זיך אָנגעכמורעט, די אויגן האָבן אַ בליץ געטון.

— דאָס איז נישט אמת — האָט זי געזאָגט — דאָס איז נישט אמת. — איך האָב געזען פון דער נאָנט אָט די וועלט, זייע־רע שטערן, דאָס זענען פליטערלעך און געלט. דאָרט פאַרגיסט מען בלוט צוליב אַ נאַרישקייט. מיט מענטשלעכן הונגער שפּילן זיך דאָרט שלעכטע קינדער. דעם גורל פון דער וועלט האַלטן אין די הענט לצים און פאַרברעכער. דאָס איז נישט אמת. דאָרט האָט אַפילו קיינער אויף קיין זיפץ נישט פאַרדינט, נישט אויף זכרונות. די פּאָעזיע דאַרף זיי קיין וואָרט נישט שענקען, ווען ס'וועט זיי, צוגעבונדענע צום וואָגן, צום טויט אָוועקשלעפּן דער פאָלקסצאָרן, דאָרט פאַרדינט נישט אויף רעטונג — קיין זאַך. בלויז נאָר אונ־דזער שוואַכקייט, פּחדנות און דער ברוטאַלער כח פאַרהיט זיי. דאָרט האָט קיינער קיין רעכט נישט אויף אונדזער רחמנות, מיטגעפיל. אין עפּעס אַ וויסנשאַפטלעכן ווערק האָב איך געלייענט:

דער שולדיקער האָט דאָס רעכט צו שטאַרבן. ווי די אויס־פירערין פון גערעכטיקייט, איז די געזעלשאַפט אים שולדיק דעם טויט, און זי האָט איבערגעחזרט: די גערעכטיקייט איז אים שול־דיק דעם טויט.

מיר האָבן זיך צעשיידט.

פון וואָלזשסקין האָב איך זיך דערוווּסט, ווער דאָס איז גע־ווען אָט די חברטע וויעראַס. מיר פלעגן צווישן זיך אַזוי אָפּ־בייטן די פאַמיליעס, אַז מ'פלעגט נישט לייגן קיין אַכט אויף זיי.

וואַלושסקי איז איינגעאַנצן געווען אונטערן איינדרוק. מיר זענען נאָך געזעסן אַ פּאָר שעה צוזאַמען. ס'האָט זיך מיר נישט געגלוסט זיך שיידן מיט אים.

ער איז אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ ווייכער שטימונג און האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן די דמיונות, וועלכע זיין געריזטער צושטאַנד האָט געשאַפן, בשעת ער האָט גערעדט:

— ס'קלאַפּן פערד אויף דער אָרזשגעלאָזטער בריק, ס'הערט זיך דאָס געקלאַפּעריי פון שווערע, גאָלדענע רעדער, עס טראָגט זיך דער רייטוואָגן. בא די זייטן טראָגן די נקמה-נעמערס אין די שרעקלעכע בליקן דעם טויט. מיט אַ שווערט שטייט אויפן רייטוואָגן אין אַ גאָלדענער קאַסקע אַטענע — די נקמה-נעמערין.

עס קלאַפּן די פערד די גאָלדענע, די אונטערגעשמידטע, דאָס טופען פון די פערד הערט זיך שוין פון שלאָס, גאָרגאָנען האָבן אין שטיינער פאַרוואַנדלט די מאַכט. בלויע שרעק האָט אויסגעקרימט די פּנימער. ס'איז געבליבן איינער אַליין אויפן טראָן דער מושל. דער בלאַסער קאָפּ זינקט אַראָפּ מיט דער קרוין.

אָ, געטין פון נקמה. צי ברענגסטו מיר דעם טויט?
גיב מיר שטילקייט, לאָמיך אויף אייביק אַלץ פאַרגעסן —
ס'זינקט אַראָפּ דער קאָפּ פון שרעקלעכער מידקייט,
כ'וויל שטום זיין ווי שנייען און אייז.
גיב מיר די פינסטערע נאַכט —
ס'לויפן פערד אין דער פאַרפרוירענער מדבר,
ס'קלאַפּן קאָפּיטעס אין די קריסטאַלן
פון פאַרפרוירענע וואַסערן —
פּאַלאַדאַ — די נקמה-נעמערין שטייט אין וואָגן,
אין האַנט האלט זי אַ פאַרבלוטיקטע שווערט —
אַ בלאַסער קערפּער שלעפּט זיך נאָכן וואָגן —
ס'קוקן אין הימל אַריין פאַרשטיינערטע אויגן —
די גאָרגאָנען זענען אויף דער וואַך,
זיי קוקן פון וואָגן, אַז ס'זאָל נישט אויפשטיין דער בר-מינן.
קראָען פליען.

זיי ווערן פליקן דעם קערפער,
אַ פינסטערע נאַכט,
ס'לויכטן שטילע שטערן,
פּאַלאַס שווייגט —
די פערד לויפן און לויפן —
די גאָרגאָנען זענען אויף דער וואַך...

די דראָונגען פון דער שוואַרצער נאַכט

XVI

איך וואָלט מיך נישט געוואונדערט, ווען עס וואָלט אין יענער צייט די צאַרישע סביבה און די פּאָליציי באַהערשט אַן אַבערגלויבישע שרעק. די פּאָליציי פלעגט כסדר אָפּגעבן ראַפּאָרטן, אַז די סכנה איז פאַרביי, און ס'פלעגט נישט דורכגיין קיין טאָג, און ס'פלעגן זיך אָבער ווידער באַווייזן סימנים, אַז די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ לעבט און גרייט עפּעס.

די פּאָליציי האָט געקענט אונדזער צוזמענשטעל.

זי האָט געוווסט, וויפיל מיר זענען פאַרבליבן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אונדז צו כאַפּן, און זי פלעגט שטענדיק מיט שוידער באַמערקן, אַז די באַדייטנדע פאַרלוסטן האָלטן נישט אָפּ די גרויזאַמע אומאויפהערלעכע, נישט געהיימע אַרבעט.

די שטאָט האָט געשוויגן.

די פּאָליציי האָט געוווסט, אַז אָט אין דעם שווייגנדיקן שטיינערנעם וואַלד זענען ערגעץ באַהאַלטן אומרחנותדיקע, דרייסטע הערצער און זיי גרייטן צו דעם טויט. זי האָט געקענט די

בעמען און די פנימער פון די דאָזיקע מענטשן. די ראַפּאָרטן פון די אַגענטן פלעגן איר ברענגען וועגן זיי ווייטע ידיעות.

אָט זענען זיי דאָ — אָט ווידער ערגעץ אַנדערשוווּ.

דעם און דעם האָט מען דאָרט געזען.

אויף איין רגע פלעגט זיך פון הינטער דער שוואַרצער שטילקייט אַרויסבייגן אַ באַלט, שרעקלעך פנים, אַן אמתער עריניען־געשפענסט און פלעגט ווידער נעלם ווערן. און מען האָט געוווּסט, אַז ערגעץ אויפן גרונט פון דער נאַכט זענען זיי דאָ — די נקמה־נעמערינס.

ווען דער צאַר וואָלט געוווּסט וועגן דעם גרויל פון זיין לאַגע, וואָלט ער געווען אין דעם מאָמענט אַ טראַגישע געשטאַלט.

ער האָט געקענט וויסן דעם סוד פון דער נאַכט. זי האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ געשלאָסענער וואַנט, אַ פינסטערע, נישט דורכצודרינגען, און פּלוצלינג פלעגט פון דער טויטער פינסטערניש און שטילקייט זיך דערהערן אַ גרויזאַמע שטימע, פלעגט זיך אַרויסרוקן אַ פאַרבלוטיקטע האַנט, אויגן וואָס פינקלען מיט בליצן.

...ווייסער צאַר, ווייסער צאַר — האָט געזאָגט ניעטשאַיעוו — גישט אָפּשרעקן וועסטו מיך. אונטער דר׳ערד פליסט בלוט, עס פליסט דאָס וואַסער, עס רוישט דאָס וואַסער, טונקל ווי דער טויט. די שטערן לעשן זיך — איך, דער מת, בין דער מושל אונטער דר׳ערד.

אונדזערע געדאַנקען האָבן געשוועבט אַרום דעם געשטאַלט, וואָס עס איז שוין געווען אַ געשפענסט. און די אָנשטרענגונגען פון דער פּאָליציי זענען געווען פאַרצווייפלט, ווי דער קאַמף מיט געשפענסטער, אַ קאַמף, וואָס הינטער זיין אַנטשלאָסנקייט און אומרחמנותדיקייט האָט זיך געפילט אַ גרויל.

מיר זענען דאָך טאַקע געווען פאַר די דאָזיקע מענטשן אַ סוד.

זיי האָבן אונדז געקענט דורך זייערע פאַנטאַסטישע העשרות וועלכע עס האָט געשאַפן זייער אייגענע באַגרענעצטקייט. און זיי

האָבן געפּילט אַז דאָס, וואָס מיר שווייגן אין דער שטײנערנער שטאָט, איז גרויזאַמער און טיפער ווי די בונטע, בלוט-פּרעסערישע מעשהלעך, וועלכע מען פלעגט אויף אונדז אויסטראַכטן.

צי איז דען קיבאַלטשיץ נישט געווען שרעקלעכער פון דעם פאַנטאַסטישסטן בלוטפּרעסערישן געשפּענסט, קיבאַלטשיץ, וועלכער האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּסק-דין אומפּערזענלעך, ווי דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען, און פלעגט לעזן די פּראַגע פון טויט, ווי אַן אַסטראָנאָמישע אויפגאַבע.

צי איז דען נישט שרעקלעך געווען זשעליאַבאָוו, וועלכער האָט געפּילט די הייליקייט פון זיינע רעכט, וועלכער האָט נאָך געפּילט, אַז אָט דער קאָפּ, וואָס ווערט געהיטן פון דער וואַך, געהערט אים, אַז ער איז ממש שולדיק דעם טויט אַלעקסאַנדר דעם II-טן.

שרעקלעך מוז זיין דאָס לעבן, ווען דער ליכטיקער טייל פון דער נשמה פאַרייניקט זיך מיט דער שטומקייט פון דער נאַכט.

דער ווינטער-שלאָס פון יענער צייט וואָלט געדאַרפט אַמאָל געבן באַגייסטערונג דער פּאָעזיע, גרויזאַם ווי טאַקבעטס שלאָס, ווי אַ קעניגלעכער שלאָס, און באַנאַל ווי אַ קאַזאַרמע, גרוי ווי אַ זעלנערישער שינעל. האָבן דען אויסגעפּעלט התראות?

אין אַ פרילינגס-טאָג האָט שפּאַצירט אין זיין גאָרטן אַלעקסאַנדר מיט זיין זון, דאָס איז נאָך געווען אין אָנהייב פון זיין הערשאַפט, אין דער צייט פון אילוזיעס און חלומות. פּלוצלינג האָט ער דערהערט טריט, עמעצער איז אים נאָכגעגאַנגען. דער קייזער האָט אָנגעהויבן שטעלן גרעסערע טריט. ווען ס'דערנענטערט זיך צום קייזער עמעצער, באַמיט ער זיך צו אַנטלויפן, וויזן בייזע רוחות. די פּאַר אַ שלעכטן געוויסן. און דאָס געוויסן איז דאַמאָלס נאָכגעגאַנגען דעם קייזער דורך די פּאַרק-אַלעען. סערגיאַ סאָלאָוויאָוויטש איז געגאַנגען, טראָגנדיק פאַר אים דעם געדאַנק, וועלכער האָט אָנגעוויזן דעם וועג צום רום און צום גליק פון פאָלק. דער קייזער האָט געהייסן סאָלאָוויאָוויטשן, ער זאָל אים אַ קוש טון. ס'איז אַריבער עטלעכע יאָר. סאָלאָוויאָוויטש איז געשטאָרבן אין

סיביר. ס'האָט נישט געפעלט, ט'האָבן נישט געקענט פעלן קיין התראות אין ווינטער-שלאָס.

האָט זיך דען דאָ נישט געהערט יעקאַטערינאַס געלעכטער, אין איר שגעון מיט אַ געליבטן?

האָט דען נישט אַרומגעוואָגלט אין די זאַלן פּאַוועלס בלויער קערפּער מיט אַ פאַרשטיקטן האַלדז און אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ?

האָט זיך דען דאָ נישט געהערט אַלעקסאַנדר דעם I-נס זיפץ, וועלכער האָט געטרוימט, אַז ער וועט זיין אַ מענטש, און איז געוואָרן אַ מערדער פון זיין פאָטער, אַ פאַרעטער פון פעלקער, פאַראַכט פון די אייגענע בעסערע געדאַנקען.

וואָס-זשע האָט געזוכט אויף דער דעק פון בעכער אַלעקסאַנדר דער II-טער? די זעלבע פאַרגעסונג, וועלכע ס'פלעגט געבן דעם פאָעט פּאָלעזשאַיעוו, וועלכן זיין פאָטער האָט פאַרשיקט אין סאָלדאַטן, די סיוווכאַ, וואָס ער האָט באַזונגען. מ'האָט געמוזט צעשמעלצן אין עפּעס די בלייערנע לאַסט פון לאַנגווייל.

דער צאַר האָט זיך געלאַנגווײַלט.

ער האָט געפילט, אַז עס איז פּוסט אין אים און יעדער פּוסטע שעה שווער און לאַנגווײַליק, ווי אַ האַרבסטיקער נעפּל — איז געווען געצייכנט מיט בלוט.

דער צאַר פלעגט נישט זען קיין גייסטער. ער האָט געמיינט, אַז ער דערהרגעט פאַרברעכער. ער האָט געגאָסן דאָס אַדליקסטע בלוט פון רוסלאַנד, און ער האָט נישט געזען; פוילן האָט ער אין בלוט דערטרונקען, און ער האָט נישט געזען; קיין ליטע האָט ער געשיקט מוראַוויאָוון, פון וועמענס בלוטדורשטיקער נשמה ס'האָט אים געעקלט.

בלוט און טרערן זענען געפלאָסן אונטערן שלאָס — דער צאַר האָט נישט געזען.

ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז גאָט. אַז דאָס האָט אים אוועקגעלייגט אויפן שטערן די האַנט דער גאָט פון די איקאָנעס, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר אים.

אָבער די איקאָנעס האָבן געשוויגן.

קיין זאַך האָט נישט געגעבן קיין פאַרגעסונג גאָטס אויס־דערווײלטן.

טיף פון פּאַלאַץ אַרויס האָט זיך געהערט אַ שטיל פרויען־געוויין און האָט זיך געלייגט אויפן געוויסן, ווי אַ פאַרדינטער פאַרוואורף.

ענדלעך איז עס שטיל געוואָרן.

דער קייזער האָט מיט די קאַלטע ליפּן באַרירט דעם ווייבס שטערן און איז אַוועקגעפאָרן צו יענער, וואָס האָט אים באַגראָבן. „Le roi s'amus" (דער קייזער ווילט זיך). דאָס בלוט זאָל פאַלן אויף דעם, וואָס קוקט אַראָפּ פון די איקאָנעס.

ס'האָבן אים אַרומגערינגלט מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט, ער האָט געלייענט טיף אין זייערע אָרימע, קאַלטע נשמות. ער האָט געוווּסט, אַז זיי וועלן לאַכן אין טאָג פון זיין לוויה. אַז ער איז פאַר זיי גאָרנישט. ער איז געווען אייגער אַליין, ער האָט געפילט, אַז די נאַכט־שטילקייט מאָנט נקמה און דראָט. די האַנט פלעגט זיך אויסשטרעקן נאָך איין בעכערל, אַ צווייטס, אַ דריטס. די נשמה האָט געטרונקען פאַרגעסונג און די אומזיכטבאַרע הענט האָבן שוין געגרייט די האַק, וואָס האָט געזאָלט זיך אַראָפּלאָזן אויף דעם באַוואַכטן קאָפּ.

דער צאַר האָט געפילט, ער האָט געוווּסט, אַז עפּיס גייט אַזוינס, וואָס איז אומפאַרמיידלעך, און ער איז געגאַנגען אַנטקעגן אומעטיק, לאַנגווייליק. אָן א קלאָרן געדאַנק אין קאָפּ, מיט אַ קעלט אין האַרץ זיין מזל איז געווען איבער אים, הינטער אים. ווען ער פלעגט אויסדרייען דעם קאָפּ, האָט ער עס געזען. געפילט, און ער האָט מורא געהאַט צו רעדן.

ער האָט נישט געקענט טראַכטן.

ס'פלעגט זיך אַלץ פאַרנעפּלען, ווען ער פלעגט אָנהייבן טראַכטן און זיך פאַרטראַכטן טיפער.

די ערד פאַרגאָסן מיט בלוט, ער — אויפן קאַטאַפאַלק אין מונדיר — מיליטעריש, שטייף, קאָמיש, איבעריק.

וואָס איז עס? דער סוף? דער סוף — ווען?

אויף דער פראַגע פלעגט נישט ענטפערן קיין זאַך. ס׳פלעגט פאַרבלייבן די קאָמאַנדע, דער הויף, פרויען, ווייַן. פרויען האָבן אים שוין באַוויזן מיאוס צו ווערן... ער האָט זיי שוין געקענט אַלע. ער האָט געוווּסט, וואָס זיי האָבן געקענט זיין פאַר אים. מיליטער און בראַנפן. אַ פּוסטע שורה פון ציפערן, אַ כּוח פון דומפּיקן פאַפּיר? — לאַנגווייל, לאַנגווייל.

אַ וואַלד, אַ וואַלד איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן אַ פינסטערער, אַ גרויזאַמער, זומפּן אַרום און אַרום. עפּעס אַ שורשען לויפט איבער די בלעטער, די בלעטער ציטערן — דער וואַלד פליסטערט. און פּלוצלינג ווערט ער אַנטשוויגן, און דאַמאָלס דאַכט זיך, אַז ער וואַרט, ער וואַרט אויף עפּעס, וואָס בלויז ער אַליין ווייסט, אויף עפּעס, וואָס ער האָט אויסגעהאָדעוועט אין די לאַנגע נעכט, אין דער שוואַרצער טיפער פינסטערניש.

די בלעטער ווייסן דערפון און זיי פליסטערן אין פרי־מאָרגן.

זיי פליסטערן, אַז ער וועט קומען, און עס וועט אַרויס פון דער וואַלד־געדיכטעניש דאָס, וואָס איז שוין דאָרט דאָ, וואָס עס איז אויסגעוואַקסן, אויפגעגאַנגען אין די לאַנגע נעכט און אויף וואָס ס׳האָט געוואַרט דאָס מזל.

פון די פענסטער פון פּאַלאַץ האָט מען געקענט זען די גרויע שטאָט, ווי אַ פּעסטונג אויסגעבויט דורך בייזע רוחות.

עפּעס אַ פיין לייגט זיך אויפן האַרץ. די ווײַעס פאַרמאַכן זיך: די געדאַנקען זען: מתים, מתים, מתים, די, וואָס זענען שוין געווען און זענען אַוועק, די, וואָס וועלן ערשט פאַרבייגיין — און גאַרנישט.

די געדאַנקען זוכן אומזיסט אַן ענטפער;

צוואָס, צוואָס שטאַרבן מענטשן אין אָט דער שטיינערנער שטאָט?

און פון די פּוסטע גאַסן באַגינען, פון די גאַסן פול מיט

בלויער שטילקייט. פאַרעטעריש און לויערנדיק, גייט אַרויס עפּעס אַ פראַגע מיט אַ פאַראַכטנדיק און אָפּלאַכנדיק פּנים:

דו דאַרפסט וויסן. דיך האָט אַהער געשיקט גאָט אַליין. עס איז שווער צו גלייבן אין גאָט, אין אַ געוויסן, אין אַ נשמה, אין אַ שליחות אין אָט דער שטאָט, וווּ די פאַראַכטונג צום מענטש טרעט אַרויס האַרט און בולט, ווי גראַניט. ס׳פּלעגט זיך אַראָפּלאָזן אַ שטיינערנער, זעלנערישער, שווערער, שיכורער שלאָף.

... דאָס לעבן פאַרשווינדט אין עפּעס אַ נעפּלדיקער פּוסט־קייט, וועלכע ווייסט נישט צוליב וואָס זי עקזיסטירט און פאַר־בייט יעדע פון די גלייכע גאַסן זעט אויס צו פירן ערגעץ אין אַ תהום, און מיט לאַנגווייליקע טריט פון אַ באַאמטן גייט אַ מענטש, גייט און דערגייט ביזן טויט: טויטערהייט גייט ער ווייטער פּונקט אַזוי לאַנגווייליק און גלייכגילטיק, איבעריק פאַר אַלע און פאַר זיך אַליין.

אין פּעטערבורג ווערט דאָס גלייבן אין לעבן נאָכן טויט אַ קאָשמאַר.

דאָס אייביקע געדויערן פון גרויע פרימאָרגנס און פאַרנעפּל־טע אָוונטן, בשעת אַ קאַלטער, פריערנדיקער ווינט פון דער ניעווא בלאָזט איבער די גאַסן.

שלעכט איז צו טראַכטן אינם ווינטער־שלאָס.

די שטאָט פליסטערט, באַהאַלט זיך, לויערט. ס׳געגעצט עפּעס אַ שטיינערגע זאַך אויפן גרונט פון דער נשמה. דער גורל אַליין, שוין טויט, ווי געשטאָרבן פאַר דער אויספירונג, גייט איבער די קאַלטע, תמיד די זעלבע גאַסן, געגעצנדיק.

אין אָט די לעצטע טעג האָט אונדזערע מוחות באַהערשט אַ מאָדנער צושטאַנד.

כ׳ווייס נישט, ס׳קען זיין, אַז כ׳זע אַלע אַנדערע דורך דער פּריזמע פון מיין אייגענער שטימונג. אָבער אין מיר זענען פאַר־בליבן זכרונות פון די טעג, ווי אַ גרויזאַמע, מיט קיין זאַך נישט צום פאַרגלייכן, פּעטערבורגער לעגענדע, מיט אַזאַ אייגנאַרטיקן

קאָלאַריט. ווי יענער וואָס שיינט אַרויס פון גאָגאָלס פעטערבורגער דערציילונגען, פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען. ניין, ער איז אַן אַנדערער. דאָסטאָיעווסקי פלעגט אַריינבריינגען דעם אייגענעם גרויל פון זיינע אָנגעווייטיקטע נערוון. ער פלעגט אַריינברענגען אומרו. דאָ ווידער איז אַלץ היציק קאַלט.

דאָס הייסט נישט, אַז מיר האָבן דאַמאָלס פאַרלוירן די קאַלטבלוטיקייט, אָדער די קלאָרקייט פון געדאַנקען. ניין, פאַרקערט. עס האָט זיך בלויז נאָר געשאַפן פון דעם, וואָס מיר האָבן געטון, כּוונם קאַמף, וואָס איז פאַרגעקומען אומרחמנותדיק, פון דעם שוידערהאַפטן געיעג, אַן אַטמאָספער, וואָס איז שווער צו באַשרייבן. מענטשן האָבן טאָג-איין טאָג-אויס, שעה-איין שעה-אויס געבויט דאָס ווערק פון טויט. און אַלע ווײלע האָבן זיי אַליין געמוזט פאַרטיידיקן זייער לעבן, נעלם ווערן פאַר אַן אַבלאַווע, ראַטעווענדיק זיך פאַר דעם בלוטדורשטיקן בליק אין דער געדיכטעניש פון דער נאַכט, און אין דער באַהעלטעניש ווייטער שפינען דאָס אָנגעהויבענע ווערק, כּסדר אומאויפהערלעך.

דער מענטש פלעגט אין זיין אייגענע אויגן ווערן אַ געשפּענסט.

נישט דערשלאָפענע נעכט, דאָס כּסדרדיקע בייטן דירות, די אומאויפהערלעכע רדיפות אויף אונדז, די כּסדרדיקע ידיעות, אַז דער אָדער יענער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי — דאָס אַלץ פלעגט אויסוואַקסן אין עפּעס אַ באַזונדערערווירקלעכקייט, וואָס האָט פאַראייניקט לעבן און טויט.

אין אַ פרימאָרגן, אין איינעם פון די טעג, בין איך געגאַנגען אויף עפּעס אַ פאַרוואָרפן געסל. פון געוווינהייט האָב איך אַרומגענומען מיטן בליק דאָס גאַנצע געסל, כ'האָב נישט באַמערקט קיין שום פאַרדעכטיקע זאַכן. פאַר מיר האָט זיך אויפן זעלבן טראָטואַר געשלעפּט עפּעס אַן איינגעהויקערטע, מאָדנע קליינע מענטשעלעכע געשטאַלט. זי איז געגאַנגען האַלטנדיק זיך וואָס נענטער באַ דער וואַנט. ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז זי טאַפּט מיט די הענט דעם וועג...

כ'בין פאַרבײַגעגאַנגען.

דער מענטש האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר. דאָס איז געווען אַ מאָדנע פּנים. מיט אַ גרינגער הויט איז געווען באַצויגן דער שאַרבן, דאָס מויל האָט מען נישט געזען, אַזוי איז עס געווען פאַרהאַקט. די בייגער האָבן זיך געזען דורך דער הויט. די אויסגעלאָשנע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט אָן אויסדרוק און באַוועגונג.

עפּעס ווי אַ דערינערונג האָט זיך דורכגעטראָגן בײַ מיר אין קאָפּ.

דער מענטש האָט געקוקט אויף מיר. פּלוצלינג האָט זיך דאָס מויל אָנגעהויבן באַוועגן און ס'איז אַרויס דערפון אַ ווייטע שטים, וועלכע האָט קוים פאָרמירט ווערטער. ס'האָט אויסגעזען, אַז אַרויסרעדן זילבן, ווערטער איז פאַר דעם מענטש אַן אָנשטרענגונג איבער די כוחות און נישט קיין אָנגענעמלעכקייט, אַז דאָרט אויפן גרונט פון אָט דער נשמה געפינט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווייט פון וועלכער ס'איז פאָרם, פון וועלכן ס'איז אינהאַלט. דער דאָזיקער מענטשלעכער שאָטן האָט גערעדט צו מיר, אָנרופנדיק מיך בײַם נאָמען:

— קאַניאָווסקי, איר דערקענט מיך נישט. יאָ, דאָס איז לאַנג... זיבן, אַכט יאָר... איר געדענקט מיך נישט... איר זענט געווען בײַ מיר יענעם אָוונט און דערפאַר געדענק איך. אַזוי לאַנג. איך בין שולץ... איר געדענקט... שולץ.

ס'האָט זיך געמוזט אויסדריקן אויף מיין פּנים אַ שרעק.

שולץ האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— כ'האָב מיך געענדערט... יאָ. זיבן יאָר אייגער אַליין, תּמיד אייגער אַליין.

— תּמיד אייגער אַליין. וואָס איז מיט אייך פאַרגעקומען... — האָב איך אַ געשריי געטאָן...

אָבער שולץ האָט שוין אַוועקגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל.

— גאָרנישט... גאָרנישט... גייט... איך ווייס שוין באַר-

נישט... כ׳געדענק נישט. כ׳האָב אייך נישט געקענט... כ׳וויס ווען קיין זאַך נישט. גייט אַוועק, כ׳בעט אייך, גייט אַוועק.

ער האָט זיך געטרייסלט אינגאַנצן, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן דער מויער. פון די פאַרבלאָזע אויגן זענען געפלאָסן טרערן. די אויגן האָבן זיך געהויבן בעטנדיק, זיי האָבן הילפס-לאָז געציטערט.

— אָ, גייט אַוועק, איך ווייס שוין גאָרנישט. דער פאָטער געשטאָרבן, די מוטער געשטאָרבן. אָ, גאָט, גייט אַוועק, מ׳וועט דערזען, מ׳וועט דערזען, מ׳וועט דערזען.

ס׳איז געווען אַ קילער טאָג, אַ דורכנעמענדיקער און פייכ-טער ווינט האָט געבלאָזן אויף די גאַסן. איבער שולצס שטערן זענען גערונען גרויסע טראָפּנס שווייס, ס׳האָבן אין אים געציטערט אַלע ביינדעלעך.

— גייט אַוועק פון מיר, גייט אַוועק, זיי זעען, זיי וועלן דערזען. זיבן, זיבן יאָר בין איך געווען אַליין, איינער אַליין, זיי עו, זיי וועלן דערזען, זיי וועלן כאַפּן.

כ׳האָב נישט געקענט באַשליסן בײַ זיך צו לאָזן אים אַזוי ציטערדיק, קראַנק אויף דער גאַס. כ׳האָב מיך באַמיט אים צו באַ-רויקן.

— כ׳וועל בלויז צורופן אַ דראָשקע פאַר אייך. איר מוזט זיך אומקערן אַהיים,

ער האָט נישט געוואָלט הערן קיין זאַך. ער האָט געציטערט. ער האָט מיך אָפּגעשטויסן מיט די הענט, וועלכע האָבן זיך גע-טרייסלט, און ער האָט געבעטן מיט עפּעס אַן אָפּגעהאַקטער יאָ-פּערלעכער שטים:

— כ׳בעט אייך, כ׳בעט אייך, גייט אַוועק, מ׳וועט דער-זען, מ׳וועט דערזען. כ׳האָב געמוזט אַוועקגיין.

ווען כ׳האָב מיך אַריינגעדרייט אין אַ געסל, האָב איך מיך אומגעקוקט:

כ׳האָב געזען, ווי ער איז געקראָכן, אומקוקנדיק און טרייס

לענדיק זיך, דער קאָפּ האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געבויגן און געוואַקלט אויף די מאַכטלאָזע פּלייצעס. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מענטש, בא וועלכן דאָס גאַנצע געביין איז געווען צעבראָכן. די פיס האָבן זיך באַוועגט, אַזוי ווי זיי וואָלטן נאָר בלויז געווען צוגעטשפּעט צום גוף. די הענט זענען אַראָפּ־געהאָנגען.

אַכט יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין תפיסה.

ס'איז אַזוי אָן אַ זייט פון אַלעם געשטאַנען זיין ענין, אַז מ'פלעגט אָן אים פאַרגעסן כסדר, און דאָרט הינטער דער מויער איז פאַרבייגעגאַנגען זיין לעבן אין אַ שטיינערנעם קבר. ביז מען האָט ענדלעך אַרויסגעלאָזט אויף דער ליכט פון טאָג דעם מענטש־לעכן שאָטן, די אָפּגענוצטע, צעריסענע מענטשלעכע שמאַטע.

די שרעק האָט דאַמאָלס געלויערט אומעטום אַרום אונדז. שפּיאָנען האָבן זיך אַרומגעדרייט מהגותוויין.

מיר פלעגן גיין איבער פּעטערבורג, ווי איבער אַ וואַלד. אַ גאַנצער סיסטעם פון אָפּגערעדטע סימנים, וועלכע ס'האָט מערסטנ־טיילס אויסגעאַרבעט נאָך מיכאַילאָוו, האָט געדינט אויף צו פאַר־שטענדיקן זיך. עפּעס אַ נישט באַמערקבאַרער צייכן אינם באַ־שטימטן ווינקל פונם טראַמוויי־וואַרטע־צימער, פון אַ קאָוויאַרניע, דער אופן, ווי אַזוי ס'איז געהאָנגען דער פירהאַנג אויפן פענ־סטער, דאָס איז געווען אונדזער לשון. מיר האָבן געפילט הינטער זיך אַן אומאויפהערלעכע אָבלאַווע און אין זינען געשמידט די האַק איבער דעם פאַרמשפּטן קאָפּ.

און אַזוי זענען געלאָפן טעג.

עפּעס אַ טאָג האָט מען דורכגעפירט אַ רעוויזיע אינם גע־וועלב, פון וואַנען ס'איז געגאַנגען די אונטערגראָבונג. דאָס לאָך וואָס האָט געפירט אין גראָבן איז געווען פאַרדעקט מיט אַ ברעט, וואָס איז אינגאַנצן ענלעך געווען צו די, מיט וועלכע ס'זענען גע־ווען אַרומגעשלאָגן די ווענט פון געוועלב. אין דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר פאַרענדיקט די לעצטע הכנות.

מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס, וואָס איז נישט אויסצומיידן, רערנענטערט זיך. פאַר די באַלאַגערער זענען מיר געווען גרויזאַם און געהיימנישפול ווי די נאַכט ס'איז בלויז געווען די זיכערקייט, אַז ס'איז פאַרהאַן די אומאויפהערלעכע סכנה אין אָט דער נאַכט, אַז ס'לעבט, ס'וואַקסט אין איר עפּעס אַ גרויזאַמע זאַך.

מ'האָט אויך באַאַרבעט אַן אַנדערן פּלאַן.

אַן אָפּטיילונג פון מענטשן, וועלכע האָט געזאָלט דערוואַרטן דעם צאַר מיט באָמבעס אין דער האַנט, ווען ער וואָלט נישט גע-פאָרן דורך סאַדאָווע. די באָמבעס האָט צוגעטראָכט און צוגעגרייט קיבאַלטשיק. ער איז געווען צווישן אונדז דער רויקסטער. כ'האָב אומזיסט געזוכט אין אים סימנים פון צעררודערטקייט. ער איז גע-ווען רויק און קאַלט, ווי די שטערנדיקע שטחים, אין וועלכע ער פלעגט פאַרזונקען מיט די געדאַנקען.

זיין געדאַנק האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין יענער צייט איבער די באַליבטע פראַגן.

רויק און לויטער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן גע-זאָלט גיין אין דעם אַנטשיידונגס-טאָג מיט דער באָמבע.

הריניעוויעצקי: דאָס איז געווען ווי אַ מענטש, וואָס איז פעסט אין זיכער, אַז ער שטייט אויפן ריכטיקן פּאָסטן און וועט אויספירן דאָס, וואָס דאָס שליחות פאָדערט. ער איז צופיל געווען איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פון דער זאַך, אַז ער זאָל זיך נייטיקן אין התלהבות און התפּעלות. נישט דערפאַר, ווייל ער זאָל האָבן געווען אַ קאַלטער און האַרטער מענטש פון דער נאַטור. פונקט פאַרקערט — אָבער זיין התפּעלות און התלהבות זענען אינ-גאַנצן צעגאַנגען געוואָרן אין דער גרויסער, ווי דאָס לעבן שטאַר-קער, התמדה פאַר דער זאַך. ער האָט זי געליבט מיט עפּעס אַ וואַרימער פאַמיליען-צוגעבונדנקייט.

אַנדערש האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין די דאָזיקע רו און קראַפט. ער האָט געהערט צו די אויסנאַמס-נאַטורן, וועלכע וואַקסן זיך אַזוי צונויף פולשטענדיק מיט אַבסטראַקטע לאָזונגען, אַז זיי הערן אויף צו זיין אַבסטראַקט פאַר זיי.

ער איז געגאַנגען אויף זיין שליחות, ווי אַ יונגער שניטער אויף לאָנקעס, ווי אַן אַרבעטער, וואָס גייט אַרויסרייסן וואָרצלען פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

אַלטע דעמבעס האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן, די האַק קלאַפּט אין זייערע שטאַמען, נישט וועקנדיק קיין געוויסנס־ביסן: דער יונגער קאָפּ זעט שוין די גאָלדענע פעלדער, וואָס וועלן זיך וויגן אויף דעם אָפּגערייניקטן שטח, ער זעט אַ יונגן, פון מענטשלעכן ווילן אויסגעהאָדעוועטן וואַלד.

אַזאַ איינדרוק פלעגט אויף מיר מאַכן הריניעוויעצקי. יונג און ממש פריילעך איז ער געגאַנגען צו דער אַרבעט יעדעם טאָג, ווי צו יעדער אַנדערער. ס'איז נישט געווען אין אים קיין ראָמאַנטיזם, קיין דראַמאַטיזאַציע פון זיין ראָל, קיין געפילן.

כ'האָב געאַרבעט מיט אים איינמאָל באַנאַכט באַם אונטערגראָבן — איז אויף אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, געווען דער צייכן פון דעם זעלבן קלאָרן, לויטערן כוח. ער האָט אַליין אפילו נישט פאַרשטאַנען, ווי גרויס עס איז געווען אָט דער כוח, אַזוי גוט איז ער זיך מיט אים צונויפגעוואַקסן, אַזוי איז ער געוואָרן אינגאַנצן זיינער.

צווייפלען — דאָס איז געווען פאַר אים אַזאַ אוממעגלעכע זאַך, ווי נישט אָטעמען. ער האָט פשוט נישט פאַרשטאַנען די התלהבות, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט; ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס דאַרף געשען, זעט מיר אויס ווי אַן אויסנאַם. פאַר אים איז עס אַ קליינער טייל פון איין גרויסער אַרבעט. און כאָטש איך האָב פאַרשטאַנען דאָס אייגענע מיטן שכל, האָב איך דאָך נישט געקענט אַזוי פילן. ער איז כמעט געווען איבערצייגט, אַז ער געזעגנט זיך אַזוי צי אַנדערש מיטן לעבן, אויב ס'וועט אים אויסקומען דורכצופירן די זאַך, אָבער אויך דערויף האָט ער געקוקט אינגאַנצן רויק. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרגלייכן די סכנה פון קאַמף מיט דער סכנה פון אַ סך פאַבריק־אַרבעטן. ס'טרעפט, אַז די ריזיקאַלישקייט איז באַך דאָרט אַפילו גרעסער.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך, ממש נתפעל צו ווערן, וואָס

איז געווען אַנטוויקלט בײַ הריניעוויעצקין איז געווען דאָס, וואָס ער פלעגט זיך לחלוטין נישט באַוווּנדערן, ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין העלד, ער האָט נישט געזען קיין שום אויסערגעוויינטלעכע זאַכן נישט אין זיך, נישט אין דער גאַנצער זאַך.

כ׳חזר איבער נאָכאַמאָל:

ער איז געגאַנגען אויף זיין שליחות, ווי אַן אויסגעצייכנטער שניטער צום שניט.

בשעת די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער הייבט אָן צו שאַפן דעם טיפּ מענטשן, מוז די זאַך, צו וועלכער אַט די מענטשן שטרעבן, ווערן דורכגעפירט. דאָס היסטאָרישע שטרעבן ווייסט נישט פון קיין צוימען, בשעת דאָס ווערט בײַ יחידים זייער עצם, זייער רעכט אויף סטיכישער אַנטוויקלונג הריניעוויצקין האָט זשעלאַבאָוו אַריינגעפירט אין אונדזער קרייז, און ער האָט געהאַט פאַר אים גרויס אָפּשיי.

זשעלאַבאָוו אַליין ווידער איז אַלץ העכער געוואַקסן, וואָס נענטער עס איז געווען דער טאָג.

אַ פּאָר טעג פאַר יענעם זונטיק זענען מיר געווען — ער און איך — נאָכאַמאָל אין דער פעסטונג בײַ ניעטשאיעוון. דעם פּלאַן פון אַנטלויפן האָט מען געדאַרפט ענדערן. מ׳האָט עס געמוזט ענדערן. מ׳האָט עס געמוזט אָפּלייגן ביז יענער צייט, ווען דער אַטענטאַט וועט ווערן דורכגעפירט. איצט האָט מען געדאַפט אויסמיידן אַלץ, וואָס האָט געקענט פאַרשטאַרקן די פּאָליציישע אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט.

מיר האָבן פונדעסטוועגן באַשלאָסן, אַז ניעטשאיעוו וועט אַרויסטראָגן דעם אַנטגילטיקן באַשלוס.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין זיין לעבן.

זשעלאַבאָוו האָט קיין רגע נישט געצווייפלט בנוגע ניעטשאַיעווס אויסוואַל.

מיר האָ ן אים געפונען אַ קראַנקן, אין היץ.

ער האָט אויסגעזען אַזוי שווידערהאַפט, אַז עס האָט זיך

נישט געוואָלט גלייבן, אַז מען האָט פאַר זיך אַ לעבעדיקן מענטש.

די ווײַעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אויגן מאַכטלאָז, די ליפּן האָבן היפּלאָז געציטערט, איידער ער האָט מיט אַן אָנ־שטרענגונג פון ווילן זיי געצוווּנגען, זיי זאָלן אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער האָט זיי אָנגעטרויט.

דאָס איז געווען אַ מ ת געשמידט אין קייטן.

די הענט זענען בלויז געווען הייס, אָבער זיי פלעגן זיך אויך לעשן און באַלד ווידער אָנצינדן. דאָס זענען געווען ממש די איינ־ציקע סימנים פון לעבן.

צייט האָבן מיר געהאַט ווייניק. אונדזערע האָבן אַזוי אויך מיט אומצופרידנקייט אויפגענומען די ידיעה, אַז טאַראַס האָט זיך איינגעשפּאַרט צו גיין מיט מיר. שמועסן אַזוי ווי עס האָבן גע־שמועסט די צוויי מענטשן, האָבן געקענט נאָר זשעלאַבאָוו און ניעטשאַיעוו.

דאָס זענען געווען גאָר פּשוטע ווערטער.

— קלויבט אויס — האָט געזאָגט זשעלאַבאָוו — צוזאַמען וועלן זיך די צוויי זאַכן נישט לאָזן דורכפירן: אייער אַנטלויפן אָדער — ער.

ניעטשאַיעוו האָט זיך אויפגעשטעלט.

ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו זיצן ער איז צוריקגע־פאַלן. די קייטן האָבן געקלימפּערט.

— גיט מיר די הענט — האָט ער געזאָגט.

ער האָט אָנגעכאַפּט זשעלאַבאָווס הענט. ער האָט אים צו־געדריקט צו זיך.

זשעלאַבאָוו איז צוגעפאַלן צו זיין אַקסל...

— זאָל דיין האַנט נישט קיין ציטער טון — האָט ער גע־ענדיקט — זאָל זי דיר נישט קיין ציטער טון.

מיר האָבן זיך צעשיידט שטאַרק געריהרט. ניעטשאַיעוו איז געווען נישט באַם פולן באַוווסטזיין... ער האָט גערעדט, אַז ער

קיל נישט אנטלויפן: „דאָ איז אים גוט". זאָל מען אים נאָר אהער־ברענגען די ידיעות. די ידיעות וועגן פרייהייט, ער וועט לעבן.

— איך בין שוין אן אַרטיקער, — האָט ער געזאָגט — איך האָב מיך צוזויפגעלעבט מיט די ווענט. איצט וועל איך זאָגן די שטיינער, אַז ער וועט שטאַרבן. זיי וועלן נישט גלייבן, די פאַר־שאָלטענע שטיינער, און איך וועל פון זיי חוזק מאַכן, ס'איז כדאי געווען צו לעבן, ס'איז כדאי געווען צו לעבן. אַ גליקלעכער בין איך, כ'האָב קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז מ'קען זיין גליקלעך.

אויפן אַנדערן טאָג בין איך געגאַנגען באַגלייטן זשעלאַ־באָוון אויף אַ זעונג מיט איינעם אַ חבר. כ'האָב מיך מיט אים אָפּ־געזעגנט און בין צוריקגעגאַנגען. פּלוצלינג בין איך אַ פאַרציטער־טער געוואָרן: ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעק, ווי אין יענער צייט, ווען אַליאַ האָט נאָך געלעבט. באַ דער טיר פון דעם הויז איז אויסגעוואַקסן אַ וואַך. פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך געשאָטן שפּיאָנען. זיי זענען געווען אַזוי פאַרשמאַיעט, אַז ס'איז האַרט לעבן מיר אַדורך פאַגעל, און ער האָט מיך נישט דערקענט: איך האָב געזען רויטע פלעקן אויף זיין געל, קוואַר פנים — ער איז בעלאָפן צו יענעם טויער צו.

עד היום פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס מען האָט אונדז נישט אַרעסטירט אויף דער גאַס, פאַרוואָס מען האָט מיך נישט גענו־מען אין דעם מאָמענט, ווערן כ'בין געשטאַנען, ווי אַ פאַר־טויבטער.

ס'איז אַריבער אַ לענגערע ווײַלע.

פּלוצלינג האָב איך באַמערקט, אַז ס'קוקט מיך אָן פאַרדעכ־טיק עפּעס אַ פאַרשוין. כ'האָב געזען, אַז וואַרטן איז געווען אַ סכנה, אַ סכנה איז אויך געווען אַרומצוווייזן איילעניש. איבעריקנס האָב איך געהאַלטן אין דער מאָמענט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן

זשעלאַבאָוון האָט מען צוגענומען.

איז דען דאָס נישט אַ טויט־קלאַפּ!

כ׳האָב פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו קעמפן.

כ׳האָב אַזוי געהאַלטן אין קלערן, ווי זיך צו באַפרייען פון די שפּיאָנישע אויגן, ווי ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַגענט אויף זיין דראָזשקע דער פאַרבייפאָרנדיקער זשאַנדאַרם־אָפיציר און האָט אָנגעהויבן אומגעשטערט געבן פאַראָרדנונגען. דאָס איז געווען אַן אַבלאַווע en grand. מ׳איז אַזוי געווען פאַרשמאַיעט דערמיט, וואָס מ׳האָט געזאָלט געפינען אינעם באַלאַגערטן הויז, אַז מ׳האָט נישט געהאַט קיין אויגן פאַר קיין שום אַנדערע זאַכן.

כ׳האָב מיך אַרויסגעגנבעט.

כ׳בין ענדלעך אָנגעקומען אין סאָניעס דירה.

כ׳האָב זי געטראָפן איינע אַליין.

ווען כ׳האָב איר געזאָגט, אַז מ׳האָט פאַרנומען טאַראַסן, האָב איך מיך באַמיט נישט צו קוקן אויף איר.

סאָניאַ האָט זיך אויף אַ ווייַלע אָנגעקגעזעצט. מיר זענען געזעסן אָן פייער. כאָטש כ׳האָב קיין געוויין נישט געהערט, דאָך האָב איך געפילט, אַז טרערן פליסן איבער איר פּנים. כ׳האָב גע־פילט די קעלט, כ׳האָב באַנומען אַליך, מיר קענען צייטנווייז זייער גוט זען מיט דער אינערלעכקייט פון דער נשמה. ס׳האָט מיך אַרומגענומען עפּעס אַ שטיינערנע רו. כ׳האָב מיר געקלערט, אַז אַזוי איז גוט. דער טויט גייט. באַלד וועט ער אַ קלאַפּ טון אין דער טיר. דעם רעוואָלווער האָב איך אין טאַש. איז שוין הייסט עס גאָרישט. ענדלעך שטילקייט, שטילקייט. סאָניאַ האָט זיך אויפ־געהויבן, זי איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן מיר. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריקגעקומען.

— דאָ איז קיין זאַך נישטאָ — האָט זי געזאָגט — די וווי־נונג איז ריין, מיר קענען גיין.

און זי האָט צוגעגעבן טרוקן:

— ס׳איז דאָך שוין איבערמאָרגן אונדזער טאָג.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אין דעפּאַרטאַמענט פון פּאָליציי דערקענט זשעלאַבאָוון.

— איר זענט זשעלאַבאָוו — האָט מען טריומפירט.

— גרייט צו אייער דיגסט — האָט ער געענטפערט — דאָס וועט אייך אָבער סיי ווי גאָרנישט העלפן.

די שטילע נאַכט איז פיל געווען מיט בלוט, אָבער זי האָט געדראָט כסדר. איצט האָט געקלאַפט אין איר דאָס אומרחמנות־דיקע האַרץ פון פּיעראַווסקאַיאַ.

D I E S I L L A

XVI.

כ׳געדענק יענע לעצטע נאַכט, ווען מ׳האָט געמוזט אין איילעניש צוגרייטן די באָמבעס.

זשעלאַבאָווס אַרעסט, די נייטיקייט זיך אויפצוהאַלטן צו האַלטן פאָרזיכטיק, אַ סך קלייניקייטן, וועלכע מ׳האָט באַדאַרפט דערלידיקן, דאָס אַלץ האָט איינגעשלונגען אָן אַ שיעור צייט.

דאָס איז געווען די נאַכט, ווען מיר האָבן זיך געזעצט צו דער טויט-אַרבעט.

מ׳האָט זיך געמוזט איילן, מ׳האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט אויף רעדן.

מיר זענען געזעסן איינגעבויגן איבערן טיש. פאַר איין אומפאָרזיכטיקער באַוועגונג, פאַר דעם מינדסטן טעות האָבן מיר געקענט באַצאָלן מיטן לעבן, מיר האָבן נישט געטראַכט וועגן דעם. ס׳האָט אונדז אַרומגערינגלט די אַטמאָספער פון טויט. מיר האָבן שוין אַזוי לאַנג געאָטעמט מיט דער דאָזיקער לופט, נישט באַמערקנדיק, אַז דאָס איז נישט די געוויינטלעכע לופט פון אַלטעגלעכן לעבן. דאָס אַלטעגלעכע לעבן פלעגט בלייבן מחוץ אונדז, ערגעץ ווייט. ס׳האָט אונדז אָפּגעטיילט דערפון אַ לאַנגער

וועג דורך פינסטערניש, דורך אַ בלאָטיקן נעפּל, דורך אַ געדיכ־טעניש, וועלכע האָט כסדר פאַרוואַנדערט, דורך וויסטעניש, די גע־דאַנקען אַליין זענען געוואָרן פרעמד און שווער ווי שטיינער.

איך בין שוין נישט געשלאָפן די צווייטע נאַכט, און צייטנווייז פלעגן די פּנימער פון די אָנוועזנדע זיך אַריינפלעכטן אין אַ טרוים, ווי דאָס קומט פאָר אין חלום.

עס איז שוין געווען איינס אָדער צוויי אַ זייגער, ווען מיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיקל דרוק־פּאַפּיר. דאָס איז געווען אַ שטיקל פון עפּעס אַ פּוילישער צייטונג. עס איז עפּעס מסתמא געווען איינגעוויקלט אין איר, און זי איז איצט געלעגן אויפן טיש.

אויטאָמאַטיש האָבן מיינע אויגן אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די שוואַרצע אותיות, און פּלוצלינג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.

אין דער רובריק פון די נעקראָלאָגן האָט געוואָרט קאַלט און שפּאָטיש ווי דער טויט די אויפשריפט:

אָקטאַוויאַן קאַניאָווסקי, אין עלטער פון פיר און זעכציק יאָר.

אויפן שטיקל פּאַפּיר איז קיין דאַטע נישט געווען, אָבער די צייטונג איז געווען אַן אַלטע, פון עטלעכע חדשים.

איך בין געזעסן אומבאַוועגלעך, בשעת איך האָב דערפילט, ווי עמעצער האָט מיך אַ צי געטון בײַ אַ האַנט.

— וואָס איז אייך, מישוק — האָט פּיעראַווסקאַיאַ געזאָגט — איר ענטפערט נישט: איך האָב אייך געבעטן, דערלאַנגט מיר די פּאָרם. —

איך האָב אַ קוק געטון אויף איר, און איך האָב איר אונטער־גערוקט דאָס שטיקל פּאַפּיר. איך האָב מיך דערמאַנט, אַז זי קען דאָך נישט לייענען קיין פּויליש.

— פון אַן אַלטער צייטונג, — האָב איך געזאָגט, — האָב איך מיך דערוווּסט וועגן דעם פּאָטערס טויט. דאָס האָט שוין גע־מוזט פּאַסירן לאַנג, אָבער איך האָב מיך ערשט די מינוט דער־וווּסט.

— איך קען אייך פאַרטרעטן — האָט סאַבלין געזאָגט. — איר זענט סיי ווי מיד.

— דאָס איז דאָך שוין מיט אַ צייט צוריק געשען — האָב איך געענטפערט. — איבעריקנס, איך וויל בעסער אַרבעטן...

פון דעם מאָמענט אָן פלעג איך אַלץ אויספירן ווּנדערבאַר פּינקטלעך. ס'איז אין מיר בלויז אָפּגעשטאָרבן אינגאַנצן דער חוש פון צייט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'איז שוין לאַנג אַריבער אָט דער מאָרגנדיקער טאָג, אַז ער ליגט שוין אַ געהרגעטער, מיר אַלע זענען געשטאָרבן — און דאָס אַלץ חלומט זיך מיר שוין נאָר.

דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז ס'איז ענדלעך געוואָרן אויס חלום.

כ'האָב געחלשט.

מ'האָט מיך אָפּגעמינטערט און אוועקגעלייגט אויף אַ קאַ־נאַפּע.

מ'האָט גראָד געהאַלטן בײַ פאַרענדיקן די דריטע באָמבע. די פּנימער זענען געווען בלייך בײַ דער קאַלטער שיין, וואָס איז אַריין דורכן פענסטער. מ'האָט געאַרבעט אין איילעניש.

כ'האָב מיך אוועקגעזעצט אויפן טיש.

פּיעראָווסקאַיאַ איז געווען רויק און קאַלט, ווי אַ סטאַטוע. צווישן די ברעמען האָט זיך איר אין משך פון די דאָזיקע טעג איינגעשניטן אַ גרויזאַמער קנייטש.

ס'איז געווען צען אַ זייגער, ווען זי איז אויפגעשטאַנען, האָט אַרייַנגעלייגט די באָמבעס אין אַ האַנט־קערבל:

„פאָרא" (שוין צייט).

כ'בין אַרויס נאָך איר.

כ'האָב געזאָלט וואַרטן אויף סאַדאָווע, מודיע צו זיין, ווען די קאַרעטע וועט זיך דערנענטערן.

אויפן וועג האָב איך באַגעגנט הריניעוויעצקין. ער איז געווען רויק און האָט צו מיר קוים אַ שמייכל געטון.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די לעצטע שרעקלעכע שעהן און מי־נוטן. די נערוון זענען געווען אָנגעשטרענגט אויפן העכסטן גראַד.

ענדלעך, ענדלעך האָט זיך דערהערט דער דערוואַרטער פּאַראַל: דער צאַר פאָרט צוריק.

ס׳איז אַריבער אַ לאַנגע ווײַלע.

ס׳איז אָנגעקומען אַ נײַער סיגנאַל.

— ער פאָרט נישט דורך סאַדאָווע.

כ׳בין געלאָפן אין דער ריכטונג פון יעקאַטערינינסקי קאַנאַל.

כ׳האָב פאַרלוירן דעם חוש פאַר געפאַר.

כ׳האָב פונדערווײַטנס דערזען די אָנפאַרנדיקע קאַרעטע. כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט. די קאַרעטע איז פאַרבײַגעפאָרן, כ׳האָב מיך אומגעקוקט און געזען אויפן ראָג פּיעראָווסקאַיאַן, אַ בלאַסע, פאַרקוקט אויף יענער גאַס: כ׳האָב געזען, ווי זי האָט פון דער טופקע אַרויסגענומען דאָס טיכל.

די קאַרעטע האָט זיך פאַרקערעוועט אין געסל.

פּיעראָווסקאַיאַ איז געגאַנגען קעגן מיר.

זי איז געגאַנגען אַזוי ווי זי וואָלט זיך נישט געוואָלט אומקוקן אַהינטער.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קנאַל.

ס׳איז אַריבער אַ מינוט.

עס איז לעבן מיר פאַרבײַגעפאָרן עפּעס אַן אָפיציר מיט אימפּעט, נאָך אים אַ צווייטער.

— מען הערט גאָרנישט — האָט פּיעראָווסקאַיאַ געזאָגט. — דער ערשטער איז געשטאַנען ריסאַקאָוו.

פלוצלינג האָט אונדז אויפגעטרייסלט אַ צווייטער קנאַל.

— איצט וואַרפט קאָטיק — האָט זי געזאָגט.

אַזוי פלעגט מען רופן הריניעוויעצקין.

דעם שניטער האָט נישט אויסגעפעלט קיין קאַלטבלוטיקייט. ער האָט אויסגעמאָסטן דעם מהלך, און ער האָט געוואָרפן די באָמבע צווישן זיך און דעם צאַר. פון דער צעשמעטערטער קאַרעטע איז דער צאַר אַרויס נאָך ריסאַקאָווס באָמבע — גאַנץ. הריניעוויעצקי האָט געעפנט דאָס טויער פון טויט...

מיר זענען געגאַנגען, איך און סאָניע, איינער לעבן אַנדערן.

איבער דער גאַס איז געלאָפן דער אָפיציר אָן אַ היטל און האָט עפּעס אויסגעשריגן.

— אויף טויט — האָט פּיעראָווסקאַיאַ געזאָגט.

פון אירע אויגען זענען גערונען טרערן.

מיר זענען געקומען צו דער וווינונג, דאָ זענען שוין געווען זיכערע ידיעות. דער צאַר איז דערהרגעט געוואָרן אָדער שווער פאַרוונדעט. הריניעוויעצקי איז דערהרגעט געוואָרן, ריסאַקאָוון האָט מען פאַרנומען. ס׳איז אַריבער עטלעכע שעה. אויפן שלאָס האָט מען אַרויסגעהאָנגען אַ טרויער־פאָן.

די נאַכט־שטילקייט האָט גענומען דאָס וואָרט.

אָבער געשען איז אייגנטלעך בלויז דאָס.

עמעצער אַ מעכטיקער, גרויזאַמער און אומבאַקאַנטער האָט מנצח געווען די געוואַלט.

די שטאָט האָט געציטערט פאַר שרעק, האָט זיך מיט אַ בלאָסקייט באַדעקט, וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ מוט, וואָס אין איר איז אָפּגעטאָן געוואָרן דער טויט. אמת, ס׳זענען נישט געווען אויף די גאַסן קיין מחנות, וואָס זאָלן אויסרופן: „זאָל לעבן דער צאַר”, די פנימער האָבן גיכער אויסגעדריקט עפּעס אַ באַהאַלטענע הנאה, איידער שרעק, אָבער איבער אַלץ האָט געהערשט די שרעק.

די שטאָט האָט נישט געגלייבט אין איר טאַט.

די נשמה פון קאָלעקטיוו איז צעטרעטן געוואָרן פון אַן אימה, זי האָט זיך געקאָרטשעט און געיאָמערט ביי דעם בר־מינגס פיס:

נישט איך, נישט איך האָב דיך דערהרגעט, זיי מוחל.

דער פאַרשטאָרבענער צאַר האָט געשטיקט. אויפן טראָן איז געזעסן אַ בלוטיק געשפּענסט, וואָס האָט געגאַרט נאָך נקמה און בלוט. אַזוי האָט געפילט די שטאָט.

דער דערהרגעטער צאַר קען נישט מוחל זיין.

צי וועט זיך געפינען איינס פאָלקס אָדערן גענוג בלוט צו לעשן דעם נקמה־דורשט.

די געזעלשאַפטלעכע מיינונג האָט געהיילט, זיך געקאָכט, זי האָט גערופן אַ שטראָף אויף אונדז, אַבי נאָר צו פאַרטויבן איר מורא איר פאַרשטונקענע שרעק...

ווען די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ וואָלט געהאַט די מאַכט, וואָלט זי געהאַט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג באַ אירע פיס. איצט איז געגאַנגען דער רוסישער געדאַנק בעטן מחילה. ער האָט זיך געקוליעט ווי אַ הונט באַ אַלעקסאַנדער דעם II-טנס זעלנערישע שטיוול.

דאָס איז געווען עקלהאַפט.

אין דער שטאָט האָט געהערשט דער ווילקיר פון געמיינ-קייט. איבער די גאסן איז אַרומגעלאָפן פּאָליציי, נאָכשפּירנדיק און אויפרייצנדיק די מהומה, ווי אַ ישועה פון דער מענטשלעכער זעלבסט-ווירדע, האָט אַ שאָל געטון דורך דעם היילן פון שאַקאַלן און היינען, דורך דעם בילן פון די הינט זשעליאַבאָווס שטים. פון דער טיפעניש פון זיין תפיסה האָט ער אויסגערופן:

„איך האָב דערהרגעט, איך האָב עס אויפגעטון, אויפן באַפעל פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ האָב איך צוגעגרייט דעם צאַר זיין טויט.“

פּנים קעגן פּנים מיט דער פאַרשימלטער געזעלשאַפט איז אויסגעוואַקסן פלוצלינג אין אַן איבערמענטשלעכע הייך די דאָזיקע סטאַטוע פון אַן אַרעסטאַנט, וואָס קומט אום. און פון דרויסן פלעגט בסדר פאַרבלייבן דער גייסטיקער כוח — די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ.

— אויפן באַפעל פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ — האָט זשעליאַבאָוו געזאָגט, — אַלס אַגענט פון דער III-טער אָפּטיי-לונג פון אויספירונגס-קאָמיטעט.

פאַר אונדז איז קלאָר געווען: זשעליאַבאָוו איז פאַר-פאַלן.

פּיעראָווסקאַיאַ האָט זיך דערוווּסט וועגן זיין בריוו, נאָכדעם, ווי זי האָט אים איבערגעלעזן אויף דער גאַס אין צייטונג, האָט זי בלויז געזאָגט: אַזוי האָט געדאַרפט זיין.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— איך מאָלט אפשר אויך געדאַרפט טון דאָס זעלבע. אַנדרעייל דער ענין זאָל זיין דאָס ערנסטער.

אַנדרעי געפינט זיך נישט אויף דער פרייהייט, פלעגן מיר זאָגן. פיעראָווסקאַיאַ האָט אָנגעהויבן בויען פּלענער, ווי אַזוי צו באַפרייען זשעלאַבאָוון: אַ פּראָיעקט אים אַרויסצובאַקומען פון דער תפיסה.

דאָס איז געווען אַ חלום.

איבעריקנס, האָט ריסאַקאָוו אָנגעהויבן רעדן בשעת דער אויספאָרשונג, עס האָבן זיך אָנגעהויבן אומגעהייערע אַרעסטן.

אויף מאָרגן איבערמאָרגן איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז מען האָט פאַרנומען העלפמאַן, בא איר אין שטוב האָט זיך דערשאָסן אונדזער ליבער סאַבלין. עס איז שווער געווען אויסצוהאַלטן די דאָזיקע טעג, שוין אָפּגערעדט פון וועלכע עס איז ברייטערע פּלענער.

יעדע נאַכט איז געוואָרן אַ פּראָבלעם, וועלכעס מען האָט באַדאַרפט לייזן.

ווו זאָל מען זיי פאַרברענגען?

מען האָט געמוזט אויסמיידן אַלע באַקאַנטע וווינונגען. איבעריקנס, איז זעלטן ווער נוטה געווען אונדז צו געבן אַ מקוםמקלט. ווער עס האָט נישט געזען אין יענער צייט פעטערבורג און די רוסישע ליבעראַלן, דער ווייסט נישט, וואָס פאַר עקלהאַפטע פאָרמען ס'קען אָננעמען די שרעק.

איך האָב געזען מענטשן, וועלכע האָבן ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געפּרעדיקט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און וואָס פלעגן איצט בלאַס ווערן פאַר שרעק, ווען איך פלעג בלויז איבערטרעטן די שוועל פון זייער שטוב.

איך האָב געקענט איינעם אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אין אַ קרייז פון פריינט צען טעג פאַר דער פאַרשווערונג פאָרגעטראָגן אַן אָדע לכבוד מאַראַטן, אַן אָדע, וועלכע ער האָט אַליין אָנגעשריבן. נאָכן 1-טן מערץ האָט דעם דאָזיקן מענטש אַזוי געפּייניקט די שרעק, אַז ער האָט זיך ענדלעך אַליין איבערגעגעבן דער פּאָליציי, בעטנדיק אַ מילדע שטראָף.

יענעם טאָג, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז העסיע איז אַרעסטירט, אַז סאַבלין איז טויט, האָב איך אומזיסט געזוכט אַ וואַסער נישט איז מקום־מקלט. איך בין געווען סוף כּל סוף געצוואונגען אויסצונוצן די וווינונג פון אײנער אַן אַלטעטשקער פרוי.

די וווינונג האָט געהאַט גענוג גרויסע חסרונות, ווייל די אַלטע האָט געהאַט סובלאָקאַטאָרן.

איך האָב אָבער נישט געהאַט קײן אַנדערע ברירה.

איך בין געקומען צו דער באַשטימטער צייט, ווען די דינסט איז נישט געווען אין דערהיים, די אַלטעטשקע האָט מיך אײנגעאָרדנט בײַ זיך אין אַ קלײנעם סאַלאָן, וווּהין קײנער פלעגט נישט אַרײַנגײן.

נאָך עטלעכע שלאָפלאָזע נעכט, איז מיך באַפאַלן אַ שווערער שטײנערנער שלאָף.

עס האָט מיך אויפגעוועקט אַ קלאַפּ אין דער טיר: עס איז געווען פרימאָרגן, אַ זײגער זיבן, — פּאָליצײ — האָב איך צו געטראַכט געטון, און נעמענדיק דעם רעוואָלווער אין דער האַנט האָב איך געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך — האָב איך דערקענט דער באַלעבאַטעס שטים — עפנט אויף און טוט זיך אָן וואָס גיכער.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אין אַ ווײַלע אַרום.

אין דער אַלטעטשקערס וווינונג האָט זיך אויפגעהאַנגען אײנער פון אירע סובלאָקאַטאָרן.

איך בין פאַרבײַגעגאַנגען לעבן אַ טיר פון אײנעם אַ צימער:

אין אַ ווינקל איז דאָרט געהאַנגען עפּעס אַ לאַנגער משונה־דיקער קעגנשטאַנד. די שײַן איז אים געפאַלן אויפן פּנים. איך האָב דערקענט דעם אומגליקלעכן שולץ. ער האָט זיך אויפגעהאַנגען באַנאַכט פאַר שרעק, אַז מען וועט אים אַרעסטירן.

דאָס איז נישט געווען קײן אײנצלנער פאַל.

עס פלעגט נישט אוועקגײן קײן אײן נאַכט, עמעצער זאָל

נישט אומקומען, שטעלנדיק אַ באַוואָפּנטן ווידערשטאַנד דער פּאָליציי.

כ׳בין אַרויס אויף דער גאַס, ווידער אָן אַ מקום-מקלט. ס׳איז געווען נישט זיכער צו גיין ערגעץ ווו. די פּאָליציי האָט שוין איצט געוווּסט זייער אַ סך. די געווינטהייט צו האַלטן קאָנספּיראַציע האָט געווירקט אין אָט דער גאַנצער צערודערונג פונם באַוווּסטזיניקן דענקען, ווי דעם היפּנאָטיזירערס ווילן ווירקט אויפן פאַרהיפּנאָטיזירטן.

ס׳האָט זיך מיר ענדלעך איינגעגעבן צו דערוויסן זיך אַ זיכערן אַדרעס — כ׳האָב דאָרט געטראָפן קיבאַלטשיצן.

מיר האָבן זיך באַגריסט שטום. ס׳איז שווער געווען צו רעדן וועגן וואָס נישט איז. קיבאַלטשיץ איז געווען מוראדיק פאַרענדערט. ער פלעגט זיך צובינדן אויף זיין שטייגער שטיל, אָבער שטאַרק געטריי; און אָט די טייערסטע פאַרלוסטן זענען געווען פאַר אים אַ שרעקלעכער קלאַפּ.

כ׳האָב געוווּסט, אַז ער זיצט איצט און וועבט זכרונות. אַז ער דערמאָנט זיך זשעליאַבאָוון, מיכאַילאָוון, טימאָפעיעון, מיכאַילאָוון אַלעקסאַנדרן. כ׳האָב אים נישט געשטערט. מיר האָבן געשוויגן. ס׳איז צו אונדז קיינער נישט אַריינגעקומען, דאָ האָבן געווינט מוזיקע און פיינע מענטשן, מען האָט אונדז דאָ איבערגעלאָזט איינע אַליין מיט אונזער טרויער, וועגן וועלכן קיינער האָט אונדז אפילו נישט געפרעגט.

די באַלעבאָסטע האָט אין אַ האַלבע שעה אַרום נאָך מיין קומען זיך געזעצט באַם קלאַוויר און אָנגעהויבן שפּילן.

— זי טוט עס פאַר מיינעטוועגן — האָט קיבאַלטשיץ געזאָגט.

מיר האָבן זיך צוגעהערט צו דער מוזיק.

די האַרמאָנישע קלאַנגען האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אין די געדאַנקען, האָבן זיי דורכגעדרונגען, אַרויסבאַקומען זיי קלאָר, אָפן, די גאַנצע נשמה האָט וויברירט, איז אַרויסגעשווומען פון איניוויניק, שלוכצנדיק אויפן קול ערגעץ אויף דער אויבערפלאַך פון האַרץ.

מיינע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּשטעלן אויף די געשעענישן פון די לעצטע טעג.

איך האָב געוווּסט אַן זיי וועבן זיך אַרום דער שוואַרצלעכסטער ווּנד, נישט וואַגנדיק זיך צוצורירן. אָבער קיין ווייטיק איז שוין דאָרט נישט געווען. בלויז די אינערלעכע פּחדנות האָט זיך גע-בעטן:

רעד נישט אַרויס אָט דעם נאָמען.

איך האָב נישט געוואָגט, איך האָב נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם פּאָטערס טויט, וועגן דעם, ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן, וואָס ער האָט געפילט, געטראַכט, בשעת ער האָט געוווּסט, אַז אַלץ ענדיקט זיך פּאַר אים. עס איז אַ שרעקלעכע זאַך — אָט די לעצטע מינוטן: בשעת עס שטאַרבט שוין אָפּ דער בטחון, בשעת די צו-קונפט פאַרשווינדט, בשעת דאָס לעבן איז פאַרענדיקט און בלייבט בלויז ווי אַ שטיינערנע, בלינדע סטאַטוע. אָט דאָס איז ער — דער אמת דיינער. זיך צו זען, ווי אַ געשלאָסענע גאַנצקייט, ווי אַ פאַר-ענדיקטן, דערגענצטן פּאַטום, צו פילן, אַז אַזוי וועט מען שוין פאַרבלייבן אויף שטענדיק. אַז אַזוי וועט מען לעבן אין זכרון אָדער אין דער פּוסטקייט, אָדער אפילו אין אָט דער אייגענער, לעצטער זעונג. דאָס איז שרעקלעך.

עס האָט מיר וויי געטון דאָס האַרץ, ווען איך האָב געקלערט, ווי אַזוי עס האָט זיך געשיידט דער טייערער זקן מיט זיין צע-בראָכענעם לעבן.

קיין זאַך איז אים נישט געבליבן.

די געדאַנקען זענען פאַרגליווערט געוואָרן. בלויז אַן אויפ-שריפט אויפן קבר קען מען פון זיי אויסקריצן. עס איז נישט אויפ-געגאַנגען, עס האָט זיך נישט אויפגעהויבן אין קיין גאָלדענער זאַנג קיין איינער פון זיי.

דאָס האַרץ וואָס האָט געוווּסט, דאָס האַרץ זיינס.

כ׳האָב מיר געקלערט, אַז ער האָט אוודאי געבענקט, אַז ער האָט אוודאי געהאָפט ביזן סוף. ביז דער לעצטער רגע.

קיבאַלטשיץ איז אויפגעשטאַנען.

— כ׳מוז מיך גיין זען מיט סאָניען — האָט ער געזאָגט —

איר איז שווער. דאָס איז שווער צו באַשרייבן. זי מוז דאָך איצט וואַרטן, וואָכן-לאַנג וואַרטן אויף זיין טויט. זי ווייסט, אַז ער האָט שוין די פּעטלעך אויפן האַלדז, אַז דער שטריק ציט זיך צונויף. מ'דאַרף גיין.

כ'האָב געוואָלט מיטגיין מיט איר, אָבער ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן.

— צוזאַמען זיך צו ווייזן איז אַן אומזין. וואָס ווייניקער אַנדערע מענטשן טרעפן זיך צונויף, איז אַלץ זיכערער.

כ'בין געבליבן איינער אַליין.

כ'האָב געהערט ווי ס'האָט אין פּאָדערצימער עמעצער געשעפּטשעט, געזעגנענדיק זיך מיט קיבאַלטשיצן.

— היט זיך, שוינט זיך, האָט רחמנות.

ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, האָב איך דערהערט הינטער דער טיר אַ געוויין פון אַ פרוי.

ס'זענען אַריבער עטלעכע שעה.

כ'האָב זיי פאַרבראַכט אין עפּעס אַ צושטאַנד פון פאַרגעסונג, אין וועלכער ס'האָט זיך אַלץ, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט, צונויפגעגאָסן אין איין געפיל פון שטיינערנער פאַריתומטקייט.

כ'האָב קיינמאָל נאָך נישט געפילטאַזאַ בענקשאַפט: אַ גוואַלדיקע באַדערפעניש צו זען זיך דווקא מיט די אַלע, וואָס זענען אויף אייביק אַוועק. ס'האָט זיך עפּעס געריסן טיף אין האַרץ און געבונטעוועט זיך קעגן דעם גרויזאַמען כּוח פון טויט.

איז אזוי איז עס, אַזוי איז דאָס לעבן!

כ'בין נישט אומשטאַנד געווען דאָס איינצופאַסן אין ווערטער. כ'האָב אַפילו מיט די געדאַנקען נישט געקענט אַרומנעמען דעם אינהאַלט פון געפיל. כ'האָב געפילט אַ טעמפּע, אומרחמנותדיקע, נישט טראַכטנדיקע ווייטיק.

אָט האָב איך דיך, כ'האָב דיך געפּאַקט, כ'האָב דיך צוגעשמידט — קאָרטשע דיך און לייד.

ווער עס ווייסט נישט וועגן דעם, אַז ס'קען עקזיסטירן אַ גייסטיקע פּיין אָן אַ נאָמען, אַ פינסטערע און אַבסאָלוטע, ווי אַ

פיזישע ווייטיק, אויסעסנדיק דעם מאַרך פֿון די ביינער, צו שטאַרק — אַז זי זאָל קענען זיין פאַרבונדן מיט עפּעס אַ פאַרלאַנג — מיט איין וואָרט: אַ פּיין, נישט קיין פאַרלאַנג, נישט קיין פאָרם פֿון ווילן, נאָר די צעטראָטנקייט פֿון דער נשמה, דאָס געפיל פֿון אַ גרענעצלאָזער מפּלה — דער ווייסט נאָך גאָרנישט וועגן דער נאַטור פֿון ווייטיק.

אַ באַשטימטע ווייטיק איז תמיד אָפּטימיסטיש, זי איז פאַרבונדן מיט דעם אָדער יענעם קעגנשטאַנד. זי איז תמיד עפּעס אַזוינס, וואָס דערלאָזט כאָטש דעם געדאַנק פֿון פאַרלייכטערונג, פֿון אַן ענדערונג אויף בעסער. דאָ איז עס אויסגעשלאָסן.

אַ מענטש מאַטערט זיך אָן אַ ציל, פּונקט ווי ס׳שיינט אָן אַ ציל די זון.

דאָס איז אַלץ.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט.

ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ יונג מיידל, דער באַלעבאָסטעס אַ שוועסטער. מיר האָבן זיך געקענט אַ ביסל פֿון זען.

— מ׳קען זיצן אַ ביסל מיט אייך? — האָט קיטי געפרעגט. זי איז געווען זייער בלאַס.

— כ׳האָב מורא — האָט זי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו מיר — כ׳האָב שרעקלעך מורא, וואָס מיט אים קען פאַרקומען — זי האָט ליב געהאַט קיבאַלטשיצן.

דאָס איז געווען אַ הערלעכע אויסערגעוויינטלעכע ליבע.

קיבאַלטשיצעס גאַנצע אינערלעכע פּרצוף, זיין צאַרטע נשמה וועלכע דער ווילן האָט באַגראָבן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין אָט דער באַציִונג.

איך ווייס נישט און קיינער ווייסט נישט, צי קיבאַלטשיטש האָט געליבט קיטין. ער האָט לכתחילה אַוועקגעשטעלט די זאַך פֿון זיין ליבע אַזוי, אַז די דאָזיקע פֿראַגע האָט גאָרנישט געקענט עקזיסטירן. ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט פאַרבינדן איר מזל מיט זיינעם, וועלכעס איז שוין אייגנטלעך געווען באַשטימט. ער האָט געקוקט אויף אָט דעם יונגן און שיינעם מיידל

אַזוי ווי פֿון יענער חלום אָדער ריכטיקער, פֿון זיין רויקער שיינער וועלט, וווּ עס האָט געלעבט זיין געדאַנק.

ער פֿלעגט קומען צו איר, רעדן מיט איר וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געליבט. ער פֿלעגט איר געבן דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט. ער האָט איר נישט געקענט געבן די פֿערזאָן זיינע, ווייל זי האָט נישט געהערט צו אים.

וואָס איז געווען אַזוי ווי זי וואָלט געלייענט בריוו פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם חתן.

נישט מער, ער איז נאָך געווען לעבן איר, זי האָט נאָך געהערט זיין שטים, געזען דעם שמייכל.

וויסן האָט זי געדאַרפֿט, אַז ס'וועט קומען אַ מאָמענט, אין וועלכן ס'וועט איר בלייבן בלויז אַן אָנדענק, בלויז די זכרונות וועגן מאָמענטן, געגנבֿעטע באַם מזל. וויסן האָט זי געדאַרפֿט, אַז ער איז שוין בלויז נאָר, ווי אַ גאַסט באַ איר — אַז באַ זיך אין זינען האָט ער שוין פֿאַרענדיקט זיינע פֿערזענלעכע חשבונות.

— כ'קען לעבן זייער, זייער לאַנג, — פֿלעגט קיבאַלטשיץ זאָגן — אָבער דערפֿון וועט זיך אַלץ נישט ענדערן די לאַגע, אויף מיר ווי אויף אַ פֿערזאָן, אויף מיין לעבן, קען איך קיין זאַך נישט בויען, ווייל איך ווייס שוין, ווי אַזוי עס איז. נאַרן זיך קען דער, וואָס זעט נישט, באַוווּסטזיניק נאַרן זיך אַליין, דאָס איז אַ שוואַכקייט.

און אַזוי האָבן זיך געצויגן די דאָזיקע באַציִונגען אַ האַרבסט און אַ ווינטער אומעטיק און טיף, ווי אַ ראָמאַנטישע לעגענדע. נאָר דאָ האָט מען נישט צוגעגעבן קיין שום באַזונדערע באַדייטונג דעם טרויער. קיבאַלטשיץ פֿלעגט נישט קומען רעדן וועגן זיך, ער פֿלעגט מיט איר רעדן וועגן איר אַליין, וועגן לעבן, וועגן זיין אמת, דאָ פֿלעגט קיבאַלטשיץ רוען.

דער אומרחמנותדיקער רעוואָלוציאָנער און מאַטעמאַטיקער האָט געהאַט אין זיך קוואַלן פֿון טיפֿער שטילקייט.

אין זיין קאָפּ פֿלעגן זיך צונויפֿשפּילן אַפֿילו אַזעלכע סתּירות, פֿאַר וועלכע ער פֿלעגט נישט זען אין לעבן קיין אַנדערע לעזונגען, אַ חוץ בלוט און טויט.

איצט אין אַ סך יאָרן אַרום, ווען כ'האָב באַגעגנט אין די כתבים פון אַ געוויסן אַמעריקאַנער פילאָזאָף דעם אויסדרוק: קאָס-מישער פּאַטריאָטיזם, איז מיר אויפגעשווומען אין זכרון יענע שעה, ווען ס'האָט מיר דערציילט וועגן קיבאַלטשיצעס געדאַנקען דאָס שיינע און ריינע מיידל, וואָס האָט אים געליבט, ווען פון אירע ליפּן זענען געפלאָסן יענע מיינונגען, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אינם געדאַנקען-פייער: די ליבע און די יוגנט האָבן זיי צוגע-געבן אַ כישוף, וועלכן ס'פאַרמאָגט נישט ס'רוב די קלוגשאַפט. זיי זענען געווען פריש און רויטיק, ווי אַ פרילינגס-שטראָם.

די מענטשהייט קעמפט אומאויפהערלעך און אומעטום פאַר איין זאַך — ווי אַזוי אונטערצוזיאָכן די גאַנצע נאַטור אירע דעם פאַרשטאַנד, ווי אַזוי אויסצובייטן די גאַנצע נאַטור אירע אויף גע-דאַנקען, אויף דעם אינערלעכן אייגנטום פון אַ מענטש, ווען ס'וועט שוין אין דער נאַטור נישט זיין קיין שום זאַך, וואָס אַ מענטש זאָל נישט קענען — וועט ער האָבן אין זיין מוח אַלץ, און ער וועט קענען שאַפן, שאַפן זיין וועלט.

דאָס איז די גרונט-פאָדערונג פון דער מענטשהייט.

לעבן, דאָס הייסט זיך באַטייליקן אין אָט דער אומדערמידלע-כע אַרבעט. גרויס רחמנות איז אויף די אַלע, וואָס פאַרבלייבן הינטער דער גרענעץ פון אָט דער איינציקער מענטשלעכער היים.

דאָס זענען די אמתע פאַרייער פון דער מענטשהייט.

די אמתע האָפנונגסלאָזע, פאַריתומטע מענטשן.

ווען מ'שאַצט אָפּ די מאָראַלישע באַדייטונג פון אונדזערע פריוויליגירטע שיכטן, האָט מען דעם איינדרוק, אַז אַ מאַטראָס, וועלכן די חברים האָבן איבערגעלאָזט אויף אַ וויסטן אינדזל, קען נישט זיין מער איינזאַם, ווי די מענטשן, וואָס לעבן צווישן אונדז. ער קען באַשרייבן זיין אידזל און אַריינוואַרפן זיין באַשרייבונג אין ים אין אַ פלאַש, ער קען טון וואָס נישט איז. אויב דאָס וועט זיין אָן אויפטו, וועט עס פאַרבלייבן, מיר אָבער האָבן אַרום זיך באַר-באַרן, ווילדע מענטשן, וועלכע זענען לחלוטין נישט פעיק

אויפגעבינדן אויף אַ וואַסערן ניטט איז אונדזער עקזיסטענץ מיטן גייסט פון דער מענטשהייט.

אונדזערע גבירים, אונדזערע שררות, אונדזער גייסטלעכקייט — דאָס איז דאָס זאַמד פון מדבר — אומפרוכטבאַר און אויף אייביק פאַרלאָזט.

אַ פריווילעגירטער מענטש, וועלכע האָט, אַדאַנק דער געגעבענער רעכטלעכער לאַגע, די מעגלעכקייט צו לעבן פון יענעמס אַרבעט, איז פאַמשפט פאַרווילדעוועט צו ווערן. האָבן אַ פאַרמעגן, דאָס הייסט זיין אַרויסגעשטויסן פון דער שויס פון דער מענטשהייט. אַ מענטש, וואָס האָט עפּעס, ווערט טאַקע אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס וואַקסט דער באַזיץ זיינער — אייגנזאַמער, מער פאַריתומט, ווייניקער צונויפגעבונדן מיטן לעבן.

אינם קאַמף קעגן פריוויליגיעס האָט קיבאַלטשיץ געזען איינע פון די פאַזן פון דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג, וואָס נעמט אַרום אויך די, קעגן וועלכע עס פירט זיך דער קאַמף.

דער מענטש, וועלכער דערהרגעט אַ געוויסן יחיד, ווייל ער איז געווען אַ טיראַן, איז לגבי אים אַ קלענערע אכזר ווי דער, וואָס דולדעט זיין טיראַניי.

דער ערשטער קעמפט מיט די כוחות, וועלכע אונטערדריקן די מענטשהייט, דעריבער אויך דעם טיראַן גופא, דער צווייטער פאַרמשפט דעם שררה זייגעם אויף דעמאָראַליזאַציע דערמיט, וואָס ער דערלויבט אים צו זיין בעל הבית איבער זיך.

קיבאַלטשיץ פלעגט רעדן אָפּגעהאַקט; זיינע רייד זענען געווען ווי וועג־שטיינער, וועגווייזער אויסגעהאַקט פון געדאַנקען.

ווען ער פלעגט פון זיין ליכטיקער וועלט צוריקקומען צו דערווירקלעכקייט, ווען ס'פלעגט זיך אים וואַרפן אין די אויגן די מענטשלעכע אינטערדריקונג, די רעכטלאָזיקייט, פלעגט זיך זיין נשמה צעפלאַמען. די שטערן פלעגן וואַרפן בליצן און פון די אייבערשטע ספירות פלעגן פאַלן קללות. און קיבאַלטשיצעס געדאַנקען פלעגן, אַ דאַנק זייער טיפער אומפּאַראינטערעסירטקייט, אַ דאַנק דער

בּרייט פון די מרחקים. װעלכע זײ פלעגן אַרומפּאַסן, אַ דאַנק זײער ליכטיקער רחבות און טיפקייט, נישט װיסן פון קײן קאָמפּראָמיסן און ספקות. מ׳האָט דאָס באַדאַרפט פאַרשטײן כּדי צו באַגרײפן, פאַרװאָס דער געלערנטער און פילאָזאָף איז געװאָרן אַ טעראָריסט. איבעריקנס, בײטיקט מען זיך דאָ אין פּירושים נאָר אַ דאַנק די סאָפיסטן, װעלכע האָבן אונדז אױסגעלערנט, אַז דער שכל דאַרף זיך איבן און שפּײזן דערמיט, װאָס ער זוכט אױס תּירוצים, פאַרװאָס ס׳װערט כּסדר אונטערדריקט, געטראָטן, געשענדעט דער שכל

דער שכל פון דער אָפּיציעלער װיסנשאַפט פאַרמאַכט די אױגן אױף דער הערשאַפט פון געװאַלט און אומזין, אַ רעטעניש װערן פאַר אים די מענטשן, פאַר װעלכע די מאַכט פון געדאַנק איף דער װעלט, פון געװיסן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און אין דער געשיכטע, איז נישט קײן פּוסטער קלאַנג.

אין קיבאַלטשיצעס נשמה האָט די מענטשלעכע זעלבסט־װירדע געלעבט, װי אַ גאָטהײט, װאָס לאַכט אָפּ פון טױט.

איצט איז אין קיטיס דערצײלונגען געװאַקסן זײן געשטאַלט. נישט װילנדיק, האָט מען געהאַט דעם אײנדרוק, אַז זי לײגט קרענץ אױף אַ קבר.

און דעמאָלס טאַקע איז געקומען װאָלטשאָק.

זי איז שטײן געבליבן אין דער טיר אומבאַװעגלעך און האָט נישט מיט איר אײגענער נאָר מיט אַ פאַרענדערטער שטים געזאָגט :

— מ׳האָט זי פאַרנומען אַ װײַלע צוריק אױף דער גאַס און אים בײַ איר אין שטוב.

קיטי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אױף די צונױפגענױ־פלאָכטענע הענט. זי האָט געװײנט שטיל, נישט באַקלאָגנדיק זיך. צונױפגעפלאָכטן איז שױן געװען דער טױטן־קראַנץ, און בלױז נאָר װי אַ כּוח פון װעלקנדיקע זכרונות איז פאַרבליבן פון אָט דער װונדערלעכער ליבע.

װיערא האָט כּסדר איבערגעחזרט : סאָניאַ, סאָניאַ!

— בעסער וואָלט געווען מיר זאָלן אויך שוין גיין מיט זיי — האָב איך געזאָגט.

כ'האָב מיך איצט געפילט, ווי דאַמאָלס אין סיביר\ער וואַלד נאָך מישקינס אַפּפאָר.

איבער דעם שטיינערנעם וואַלד איז אַרומגעפאָרן דער טויט און האָט אַריינגעקוקט מיט אַ פאַרגליווערטן בליק אין די פענסטער פון די הייזער. אין אָט דער טויטקייט איז דאָס גאַנצע ווען געווען ווי עפּעס אַן אויסערלעכער קעגנשטאַנד, אומאָנגענעם, ווי עפּעס אַן עקלדיק בילד, וואָס מ'דאַרף פאַרניכטן. דאָס אייגענע לעבן האָט געגוסט ערגעץ, ווי אַ פאַרשטונקענע האַלאָוועשקע, און אַ שוואַרצער רויך איז געקראָכן איבער די שטיינער. מ'הערט, מ'זעט אַלץ — און אומזיסט. דאַכט זיך, אַז מען פילט עפּעס; שנאה, כעס, לכל-הפחות פאַרצווייפלונג. ס'פאַרשפּרייט זיך אַ קאַלטע אַנטעכטיקייט, אַ פינסטערניש באַפאַלט די געדאַנקען און דאָס האַרץ.

מיר האָבן געוווּסט, אַז מ'וועט דערהרגענען אונדזערע פריינט, מיר האָבן געוווּסט, אַז זיי געפינען זיך באַם גרויזאַמען שונא אין די הענט, אַז זיי זענען שוין פאַר אונדז פאַרלוירן אויף אייביק, מיר האָבן געוווּסט, אַז פונקט אַזאַ סוף דערוואַרט אויך אונדז, מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען גערעכט, אַז מיר וואָלטן נישט געקענט, קומענדיק צום אָנהויב פונם וועג, וועלכער האָט אונדז אַהערגעבראַכט אויסקלייבן. אַנדערש אָבער יעצט איז געקומען דער סוף, צו וועלכן מיר האָבן אומבאַוווּסטזיניק געשטרעבט.

פון דעם מאָמענט אָן איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז אייגנטלעך איז שוין אונדזער לעבן געשלאָסן. מיר זענען אַרויף אויף אַ הויכן באַרג-שפּיץ, פון וועלכן ס'האָט נישט אַראָפּגעפירט קיין שום סטעזשקע. מיר זענען געזעסן אויף אים, אַרומגערינגלט פון רויבפייגל: מיר האָבן געהערט, ווי זיין קראַקען דאָרט און ווי זיי קלייבן זיך צונויף דאָרט אויפן גרונט פון תהום, ווו ס'זענען געלעגן די קערפּערס פון אונדזערע פריינט.

אַלעקסאַנדער דער II-טער האָט פאַלנדיק אויך אונדז מיטגעשלעפּט מיט זיך.

מיר האָבן דאָך נישט געוואָלט זיך נוקם זיין אָן אים

פֿרײַנדלעך. אָן דער דאָזיקער אָרימער געדאַנקענלאָזער מענטש־לעכער נשמה.

ג״ין.

ס׳האָט זיך געהאַנדלט װעגן שאַפֿן געזעצן אינעם האַרץ פֿון די פֿאָלקמאַסן. איצט איז שױן געװען אין די געדאַנקען פֿון די פֿאָלקסמאַסן דער דאָזיקער טױט. און מיר זענען פֿאַרבליבן אין זייער געדאַנק, װי דאָס געפֿיל, װי אַן אָפּגעטױענע זאַך: װי רעכט, װאָס האָבן אַ װאַקל געטון די פֿעלדזן פֿון געװאַלט.

די פֿאָלקסמאַסן האָבן געמוזט דערװאַקסן צו דעם דאָזיקן געדאַנק.

די מיליאָנען־קעפּיקע מאַסן, װאָס זענען פֿאַרבלענדט, פֿאַר־טױבט געװען פֿון שרעק, פֿון דער אייביקער נױט, אָט דאָס אַלץ, װאָס איז פּאַסיװ, צעשפּליטערט, האָט זיך געמוזט צוזאַמענגעמען אין אָט דעם שטאַרקן געפֿיל זיך פֿאַרהאַרטעװען. דער טאַט גופֿא איז געװען בלױז דער מענטשלעכער פֿערמענט, אַרײַנגעבראַכט אין דער נשמה פֿון פֿאָלק.

אָבער מיר?

װאָס איז אונדז פֿאַרבליבן?

מיר האָבן שױן דורכגעמאַכט דעם גאַנצן װעג, און כ׳האָב געפֿילט, אַז צװישן אונדז און דעם לעבן איז אַ תּהום, בישט דער טױטער קערפּער טײלט אונדז אָפּ, נאָר דער װעג, װעלכער האָט אונדז געבראַכט צו דעם מאָמענט, די גאַנצע דורכגעלעבטע, װײ־טיקדיקע אַנטװיקלונג אונדזערע.

מיר האָבן זיך נישט געקענט צוריקקערן צו די יוגנט־אילוזיעס.

מיר האָבן שױן געװוסט, װאָס עס איז אַזױנס אָט דער קאַמף, און מיר האָבן אים געפֿירט אין דער גרױזאַמסטער פֿאָרם.

ביסלעכװײַז האָבן זיך אין יענעם אָװנט צוזאַמענגעקליבן די אַלע פֿון אונדז, װעלכע זענען נאָך געבליבן גאַנץ און געװען אין פּעטערבורג. מיר האָבן אַלע געפֿילט אַ באַדערפֿעניש זיך צוזאַמענ־

צופּאַסן אין זיך, אַריינצוקוקן טיף צו זיך אין האַרץ אַריין, פֿאַרשטיין, וואָס ס'איז נאָך דאָרט איבערגעבליבן.

אָרלענקאָ האָט אונדז געבראַכט אַ ידיעה פֿון וויערען. פּאַלאַדאַ די בקמה־בעמערין האָט נישט אָנגעוווירן אויף קיין רגע אַפֿילו איר קעניגלעכע זיכערקייט פֿון דענקען.

אין דער צייט, ווען ס'האָבן אין שלאַנגען־גרוב בעגוססט אונדזערע טייערסטע, אין דער צייט, ווען מיר זענען געווען, ווי די וואָך פֿון אַ פֿאַרלאָזטן באַסטיאָן, וועלכע זעט, ווי דער שונא טריומפֿירט אויף די גאַסן פֿון דער איינגענומענער שטאָט, ווי ער שלעפּט אין זיינע זיגערישע וואָגנס די וואַרעמע מתים, אין די צייט האָט וויערא געבויט פּלענער פֿון ווייטערדיקע קאַמפֿן און נצחונות.

עס וועט נישט שטאַרבן, עס וועט נישט אומקומען די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ ביזן מאָמענט פֿון דער פֿאָלקס־דערוואַכונג.

זי איז תּמיד דאָ, ווי אַ דונער, וואָס הענגט איבערן קאָפּ פֿון דער גערעכטלאָזיקייט און גלייכצייטיק האַרטעוועט זי, שטאַרקט דעם פֿאָלקס־געדאַנק.

אויף אַ שטיין, וועלכן די מוטיקסטע האָבן פֿאַרלאָזן, פֿלעגט זי זיך שטעלן און מיטן כּוח פֿון איר העראָישקייט אָנפֿירן. די פֿראַגע פֿון אָנפֿירונג ווערט אין אַזעלכע פֿאַלן געלעזט פֿונעם אינערלעכן כּוח גופֿא.

ווער עס בלייבט באַם מוט, ווען אַ שוואַכקייט דריקט צו די הערצער פֿון די טיכטיקסטע, דער גיט דערמיט אַליין שוין אַ שטויס די אַרבעט און רירט זי פֿון אָרט.

די גאַנצע געשיכטע פֿון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ איז אַ רייע פֿון אַזעלכע זעלבסטאויסדערוויילונגען.

די געשיכטע שאַפֿט פּאָזיציעס און די פּאָזיציע זוכט דעם מענטש, אַזוי איז נאָך מיכאַילאָווס שעה געקומען די שעה פֿון פּיעראָווסקאַיאַן און זשעליאַבאָוון. אַזוי איז איצט געקומען דער טאָג פֿון וויערא פֿ. — אַנטיגאָנאַ, וועלכע האָט געוווסט, אַז די דערמאָרדעטע ברידער האָבן שווערטן באַ די זייטן.

מיר איז פון יענער צייט געבליבן קודם־כל איר געשטאַלט ניט יעדער קאָלעקטיוער אַקציע געלינגט אינם מאָמענט פון טויט נאָך צו ראַטעווען די שיינע נשמה. איך האָב געוואָלט, אַז אויב די נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ ו ו אָ ל י אַ דאַרף אומקומען, זאָל זי אומקומען אַ באַוואָפנטע. זי זאָל ניט אויפהערן צו וועקן אימה און אָפּשיי. איבערן שלאַכטפעלד, איבער דער תפיסה־שטילקייט, איבערן סקריפּ פון די תליות האָט געהערשט דאַמאָלס איר שטים, שטאַרקער, ווי דער נצחון גופא. דער דאָזיקער נצחון איז ניט קיין דמיון. אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט, אַזוי זענען מיר פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון לעבן. מ'האָט אונדז ניט צוגענומען אונדזער ציל, ער איז געבליבן אויף אייביק, דערציַענדיק נשמות, שאַפנדיק מוטיקע הערצער.

דאָס איז דער איינציקער נחצון: בויען די פאָרם פון דער צוקונפט.

דאָס, וואָס די נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ ו ו אָ ל י אַ איז ניט אומ־געקומען אין געפילדער, דאָס וואָס זי איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער תפיסה־פינצטערניש, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער דער אויבערפלאַך פון לעבן, דאָס, וואָס זי איז פאַרבליבן אַ שטאָלערנע און שרעקלעכע, דאָס, וואָס די ריכטער האָבן געפילט אַן אמת אין זשעלאַבאָווס רייד: „ד י נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ ו ו אָ ל י אַ בלייבט אומבאַרירט, ניט דערגרייכבאַר" — דאָס איז געווען וויערא פ.ס פאַרדינסט.

זי איז געווען, ווי יענע טרעפערין פון סלאָוואַצקיס פּאָעמע, וועלכע פירט אָן מיט דער לעצטער טויטן־שלאַכט פון די ווענעדן.

היינט איז מיר לייכטער צו זען די גאַנצע שיינקייט און די ריזיקע גרויזאַמקייט פון יענע צייטן. דאַמאָלס פלעגן דורכשווי־מען פאַרביי מיר געשעענישן און מענטשן אַזוי ווי די שאָטנס.

און אפשר איז דער גרעסטער טראַגיזם פון אָט דעם קאַמף אונדזערן באַשטאַנען, אַזוי צו זאָגן, און זיין אומפּלאַסטישקייט?

אונדזערע שלאַכטפעלדער האָבן ניט געהאַט איבער זיך

קיין זון, אונדזער צוריקציִען זיך פלעגט נישט פאַרקומען אין שאָטן פון די ביימער, באַם געדויש פון וועלדער, באַ די ברעגעס פון טייכלעך און טייכן. אונדזערע מפּלות און נצחונות, אונדזערע סטראַטעגישע מאַרשן און צוריקצוגן פלעגן פאַרקומען אין די טיפענישן פון די נשמות.

מיר האָבן געפירט אַ פינסטער און נערוועז לעבן.

די שטימען פון חברים און פריינט פלעגן דערשטיקט ווערן צוליב דער ווייטקייט. מיר פלעגן זיך באַגריסן און געזעגענען אין דער פינסטער און אין אייליקייט, קוים האָבנדיק צייט אויף אַ דריק צו טון די האַנט.

אין דער צייט האָט זיך עס טאַקע אָפּגעשפּילט די ריזיקע דראַמע, באַ זשעלאַבאָוון און פּיעראָווסקאַיאַן, און דאַמאָלס האָב איך נישט געהאַט נישט קיין אויגן, נישט קיין צייט, נישט קיין כּוח, אַריינצודרינגען אין איר אינהאַלט, צו פאַרשטיין, צו דערפילן איר רויע שיינקייט.

באַ פּיעראָווסקאַיאַן זענען געווען די באַדערפענישן פון פערזענלעכן גליק און ליבע אַזוי שטאַרק, ווי אַלץ, וואָס ס'פלעגט געבוירן ווערן אין דער דאָזיקער נשמה. אָבער דאָס איז געווען איר גליק און איר ליבע.

בלאַס און פאַרענדערט, גיכער ווי אַ מת איידער ווי אַ מענטש, איז זי געשטאַנען יענעם טאָג אויף איר פּאָסטן. און ווען זי איז ווידער געשטאַנען לעבן אים פּנים קעגן פּנים, אויג אין אויג, איז עס געווען צום ערשטן מאָל אין געריכטס-זאַל, צום צווייטן מאָל אויפן טויטן-וואָגן, וועלכער האָט זיי געפירט אינאיינעם צום עשאַפאָט. דער רעש פון וואָגן באַם פאָרן, דאָס קלאַפעריי פון די העק באַם אויפשטעלן די תּליות האָבן מיר געהערט, און מיר האָבן געפאָרשט זיך אַליין, די אייגענע נשמות:

צי לעבט איר נאָך אין אונדז, געשטאָרבענע?

צי וועלן אונדזערע הערצער נאָך אומשטאַנד זיין צו שטאַרבן אַזוי ווי יענע?

מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר מוזן אַליין אויפהייבן די לאַסט

פֿון דער זאַך, וועלכע ס'האָבן אונדז איבערגעלאָזן זיי, וואָס קו-
מען אום. לעבן אַזוי ווי ס'זענען געשטאָרבן קיבאַלטשיץ, סאָניא
זשעלאַבאָוו, מיכאַילאָוו, ווי ס'איז געשטאָרבן הריניעוויעצקי, צו-
גוויפדריקנדיק די ציין אין שפּיטאָל.

די מתים

XVIII

ס׳האָט זיך דערנעענטערט דער טאָג פֿון זייער טויט. ס׳זענען אײַנע נאָך דער אַנדערער אומרחמנותדיק געלאָפֿן די שעהן, און יעדע פֿון זיי איז שוין געווען אַ געציילטע.

איך האָב דאַמאָלס אין אמתן געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיך שוין ענדיקן וואָס גיכער, אַז זיי זאָלן שוין אויפֿהערן צו וואַרטן. טרערן האָט בײַ מיר אַרויסגערופֿן די ידיעה, אַז אין דער תּפֿיסה האָט קיבאַלטשיטש געפֿאָדערט מ׳זאָל אים געבן פּאַפּיר, און ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין זײַנע חשבונות.

ער איז געווען דער גליקלעכסטער פֿון אונדז אַלע.

ער פֿלעגט אויף איין רגע נישט פֿאַרבלײַבן נישט פֿאַרבונדן מיטןווירקלעכן לעבן פֿון דער מענטשהייט. איך האָב אָבער אַ טעות, ווען כ׳רעד אַזוי, ווײַל ס׳האָבן אויך אַנדערע געאַרבעט נישט ווייניקער פּראָדוקטיוו. אויסאַרבעטנדיק זייער אינערלעכן אמת פּנים קעגן פּנים מיטן טויט. ס׳האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן געפֿינען פֿאַר זיך אַ געהעריקע לאַגע, ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז מ׳זאָל אַרויסבאַקומען פֿון זיך אַליין די גאַנצע קלאָרקייט, די מענטש-

לעכקייט אַלץ צו פאַרשטיין, ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז מ׳זאָל אויסשמידן אין זיך דעם געדאַנק, וואָס זאָל באַנעמען די גאַנצע באַדייטונג פון טאַט. ס׳איז נייטיק געווען, אַז יעדעס וואָרט, יעדעס איינציקע פון די ווייניקע ווערטער, וועלכע האָבן געקענט אַרויסגעזאָגט ווערן אין געריכט־זאַל, זאָל אַנטהאַלטן אין זיך דער גאַנצן אמת, די גאַנצע טיפקייט פונם דורכגעלעבטן לעבן.

ס׳האָבן געזאָלט דורכגיין די פאַרמשפּטע איבערן שווייגנדיקן רוסלאַנד ווי באַשולדיקער און שופטים.

פאַרפאַלן האָט געדאַרפט ווערן אין זיי דאָס קליינע, דאָס צופעליקע — פאַרבלייבן האָט געדאַרפט נאָר דאָס, וואָס ס׳איז געווען דער אמת.

דער געוואַלט האָט די ממשלה אינם ריזיקן לאַנד איבערן פאָלק, איבער די מענטשלעכע אוצרות, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון שפּיאָנען, קאַטן, זעלנער... מ׳האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז אויפן שפּיץ פון דער דאָזיקער פּיראַמידע געפינט זיך בלויז די שוואַכקייט. וועלכע ציטערט פאַר איר אייגן לעבן.

דאָס פאָלק איז געוואָרן פאַרן צאַר אַ דראָונג — דער קייזער האָט מיט גרויל געקעמפט קעגן זיין פאָלק.

איבערן לאַנד האָבן באַם געזאַנג פון די פאָפן, באַם קלאַנג פון די גלאָקן אינם, נעפּל פון ווייריך זיך געטראָגן אוממענטשלעכע, רויבערישע מחשבות פון אַ חיה רעה, וועלכע וואָלט געפּאַסט פאַר יאָהאַן דעם גרויזאַמענס צייטן. אַ לאַנד, דאָס אייגנטום פון איין מענטש: דאָס לעבן פון מיליאָנען — אָפּהענגיק פונם קאַפּריז פון זיין געוויסן, אויב מיר זאָלן שוין געברויכן דעם צומערסטן ערנסטן אויסדרוק.

דער צאַר שטייט איינער אַליין פּנים קעגן פּנים מיט גאָט. דאָס, וואָס קומט פאַר צווישן אים און גאָט איז אַ סוד, פון דעם סוד הענגט אָפּ דעם גורל פון פעלקער.

מיר זענען געווען אָט אויף דעם שפּיץ פונם רוסישן באַרב סיני און מיר האָבן נישט געפונען קיין זאַך, אַ חוץ אַ טויט־מידן קערפּער, אָנגעטון אין אַ רוסישן מונדיר.

דער סוד איז בלויז געווען די שוואַכקייט און פּחדנות פון איין זייט, כּוח און אַכזריות פון דער צווייטער.

דער צאַר האָט געהאַט אין דער האַנט דאָס כּלי זין צו דער־הרגענען, צו פאַרניכטן דאָס לעבן. דאָס איז געווען זיין אייגנציקע רעכט. ער האָט געקענט דערהרגענען. מ'האָט אים געגעבן אין די הענט די דאָזיקע מאַכט. ער האָט קיין שום אַנדערע נישט געהאַט. און ער האָט פאַר קיין שום אַנדערע זאַך נישט געקעמפט, נאָר פאַר זיין אייגן לעבן.

דער סוד פונם רוסישן צאַריזם באַשטייט אין דעם, וואָס בראש פון אים שטייט אַן אומגליקלעכער מענטש, וואָס איז אַוועק־געשטעלט אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז ער מוז פאַרגיסן בלוט, אָדער ריכטיקער געזאָגט נעמען אויף זיין אחריות דאָס בלוט, וואָס אַנדערע פאַרגיסן.

ס'רינגלט אים אַרום אַ פאַראַט, וואָס איז שטענדיק אויף דער וואַך.

באַנאַכט שעפּטשען אים די ווענט וועגן פאַוועלס גורל: אויף די פּנימער פון זיינע מקורבים לייענט ער שטענדיק דעם געדאַנק פון מאָרד. ער מוז זיין מיט זיי, ער מוז שטענדיק דינען דער מערהייט פון זיי. דאַמאָלס נוצן זיי אים אויס אַלס דעם, וועלכער האָט דאָס רעכט אַרויסצוזאָגן דאָס גרויזאַמע וואָרט: טויט.

פון דעם מאָמענט אָן, ווען ס'האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט דער פאָלקס־געדאַנק אין רוסלאַנד — פון דאַמאָלס אָן איז געלעזט דער גורל פון אירע מושלים. די רויבערישע באַנדע, וואָס רינגלט זיי אַרום, נוצט זיי אויס, זי מוז זיי אויסנוצן צו פאַרהיטן דאָס אייגענע לעבן, דאָס נידעריקע לעבן פון שיכּורע רויב־חיות. און אויך די אָרימע באַלאַגערטע חיה אין דער קרוין קעמפט אומאויפ־הערלעך פאַר איר לעבן, ס'רינגלט זי אַרום שרעק; ס'שעפּטשען איר אונטער די ראַטגעבער וואָס אַמאָל פאַנטאַסטישערע ידיעות. און קעמפנדיק פאַר איר לעבן, מאַכט זי צונישט דעם געדאַנק, די צוקונפט און דאָס גליק פון איר לאַנד.

און דאָס איז דער סוד פונם ווינטער־שלאָס, פון גאַטטשינאַ און פון צאַרסקאָיע סיעלאָ.

צו ווייניק שטעלן מיר זיך אָפּ אויף גאַנצע זייטן פון אונ־דזער עקזיסטענץ.

די קונסט, וועלכע דאַרף אונדז צווינגען זיי צו זען, צו באַווייזן זיי אונדז מיט אַזאַ קלאָרקייט און קראַפט, אַז מיר זאָלן שוין נישט קענען נישט זען, מיר זאָלן נישט קענען קלערן וועגן זיי אַנדערש, ווי אין בילדער, וועלכע זי שאַפט אונדז, פאַרלאָזט אַלץ, וואָס איז צו גרויזאַם, צו רוי און רויבעריש. זי טראַכט אויס אַ מעשהלע וועגן דעם, אַז ס'איז פאַראַן אַ פּרינציפּיעלע מאָראַלישע אחדות פון דער מענטשהייט.

אַזאַ אחדות איז נישטאָ.

ס'איז פאַראַן אַן עקלהאַפטער קאַמף, אַ קעגנזייטיק דער־הרגענען זיך, אַ קאַמף פאַרן קיום, פאַר ליכט, פאַר לופט.

יעדער קעמפער זעט די וועלט אַזוי, ווי ס'שאַפן זי אין זיי־נע אויגן זיינע לעבנס־באַדינגונגען. די לעבנס־באַדינגונגען פון אונדזער שיכט, פון אונדזער קלאַס, פון אונדזער מין, דאָס איז אונדזער וועלט. אַי וואָס אויסער איר איז דאָ עמעצנס אומגליק, אַי וואָס יענעמס צרות. דאָס איז טאַקע דער גרונט, דער באָדן פאַר אונדזערע באַדינגונגען, וועגן דעם ווילן מיר נישט, קענען מיר נישט טראַכטן.

אַן אָפיציר האָט זיין מיליטערישע ווערדע, וועלכע דער־לאָזט און דערלויבט אים צו גיין איבער מתים.

די דאָזיקע מתים דאָס זענען שוין נישט קיין מענטשן, דאָס איז בלויז אַ דעקאָראַציע, זיי מוזן זיין, כדי דער אָפיציר זאָל דערפילן זיין פליכט. אַן אינדוסטריעלער, אַ סוחר זעט תמיד בלויז ציפערן. א נייע מאַשין, וואָס ווערט איינגעפירט אין לאַנד, דאָס איז זיין טריומף און שטאָלץ. דער גורל פון די אַרבעטער־מאַסן, וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, ווערט נישט גענומען אין באַטראַכט, וועגן זיי קען דאָ נישט זיין קיין רייד. דער אונ־טערנעמער ווידער קען גאָר זיין אַן אידעאַליסט, וועלכער פאַרברענט אַליין זיין אייגן לעבן אויפן מזבח פון קאַפּיטאַל און מאַשין. דאָס מענטשלעכע לעבן ווערט נעלם און קומט אום אין שאָטן, וועלכן

עס װאַרפֿן פֿאַנטאַסטישע געשטאַלטן, װאָס פֿרײען אָן מיט דער װעלט און מיט מענטשן. דער מענטשלעכער געדאַנק געהערט נישט צו זיך אַלײן, ער באַװעגט זיך נישט אַרום דער װעלט, װי די זון. מען פֿירט מיט אים אָן און מען האָט די ממשלה איבער אים: דאָס מעשהלע װעגן גאָלד, װעגן אױסדערװײלונג און קרױן, װעגן קונסט, װעגן װיסנשאַפֿט. אײנס פֿון זײ איז דאָס שפּינװעבס־מעשהלע װעגן װינטער־שלאָס.

עס איז פּשוט שװער צו גלײבן אין דער מעגלעכקײט פֿון די פּסיכישע אױסגעשטאַלטונגען, װעלכע קענען דאָ אַנטשטײן.

דאָ מוז אַנטשטײן, זיך אַנטװיקלען אַ נשמה, װאָס גלײבט אין איר רעכט איבערן לעבן און טױט פֿון פֿאָלק.

עס רינגלט זי אַרום אַ געפֿלעכט פֿון אינטערעסן און אינ־טריגעס, לאָזט זי נישט אַרױס אױף אײן װײלע פֿון איר נעץ, ביז זי פֿורעמט זי נישט אױס לױט אירע באַדערפֿענישן.

נאָך אַלעקסאַנדער דעם II־טנס טױט איז דאָ פֿאָרגעקומען און זיך אָפּגעשפּילט די זעלבע דראַמע. אַ מענטש, װאָס האָט געהאַט אַ נשמה און אַ שׂכל פֿון אַ דורכשניטלעכן פּיעכאָטע־קאַפּיטאַן, האָט מען אַרױפֿגעלײגט אױף די אַקסל די פֿליכט צו זײן דער פֿאַר־ברעכער. מען פֿאַרזיכערט אונדז, אַז אין תּוך איז ער געװען אַ פּאַציפֿיסט, אַז ער האָט נישט מורא געהאַט פֿאַרן טױט — אָבער דאָס איז נישט װיכטיק.

דאָס איז נאָך אַפֿילו געװען שרעקלעכער.

װאָס קען דען זײן שרעקלעכער פֿון אַ מענטש, װעלכער גלײבט אין זײן רעכט צו טאַמעװען דאָס לעבן און די ליכטיקײט, אין זײן פֿליכט זײ צו שטיקן.

אַלעקסאַנדער דער II־טער האָט אין אָנהײב פֿון זײן רעגירן איבערגעלעבט עפּעס אין דער פֿאָרם פֿון אַ פּערזענלעכער דראַמע.

זײן לעבן האָט געבראַכט מענטשלעכע שטריכן.

אַלעקסאַנדער דער III־טער דאָס איז די הערשאַפֿט פֿון אַ טעמפּער, זיך נישט װאַקלענדיקער באַגרענעצטקײט. אפֿשר איז ער גאָר געװען ערלעכער פֿאַר זײן פֿאָטער, װײל ער האָט װײניקער פֿאַרשטאַנען, װאָס ס׳קומט פֿאַר אין מענטשלעכן לעבן אױסער אים.

אַלעקסאַנדער דער III־טער איז געווען איבערצייגט, אַז זיינע האָריזאָנטן — די האָריזאָנטן פון אַ ווייניק געבילדעטן, דערשלאָגענעם אָפיציר, איז באמת דער גאַנצער זין און כוונה פון דער וועלט. דאָס איז געווען אַזוי ווי די אַלוועלטלעכע איראָניע פון דער געשיכטע וואָלט נאָך אַלעקסאַנדער דעם II-טנס טויט באַשטעטיקט דעם ווערדיקט פון דער נ אַ ר אָ ד נ אַ י אַ ו ואָ ל י אַ.

די אידעע האָט מען דערהרגעט, ס׳איז געבליבן דער גוף: און מ׳האָט אויפן טראָן פון דעם גרויסן רוסלאַנד אַוועקגעזעצט אַ דענשטשיק.

ס׳מוז דאָך עפּעס זיין עמעץ, וואָס שטייט אין דער שפּיץ, וואָס באַפעלט. וואָס איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער בעל-דבר פון די בלוטיקע מעשים. דער אָנשטעל פון אידעאישקייט מוז זיין. מ׳קען דאָך נישט פאַלן כורעים פאַר גאָרנישט אָדער פאַר זיך אַליין. ס׳מוז דעריבער עמעצער זיין דער צאַר פון רוסלאַנד, אַז הינטער זיינע פּלייצעס זאָלן קענען צען טויזנט גרויסע, הונדער טויזנט קלענערע און אַ מיליאָן גאָר קליינע גנבים רייסן אויף שטיקער דעם גוף פון פאָלק. און ס׳איז אַן איראָניע דאָס, וואָס בשעת זיי זאָגן, זיי די אמתע מושלים פון רוסלאַנד: ס׳איז אַלץ איינס אין וועמענס נאָמען מיר פירן אָן, ס׳איז אַלץ איינס, ווער עס איז אונדזער געקרוינטער דינער, איבערצייגן זיי זיך פּלוצלינג, אַז דער דאָזיקער דענשטשיק פון דער געשיכטע קען דאָך אַריינשליידערן אין בלאָטע יעדערן פון זיי, ווייל אַלעמענס פּחדנות וועט זיין אויף זיין זייט קעגן דעם יורד. די מחיצה פאַלט אַראָפּ און עס באַווייזט זיך אויפן שפּיץ פון דער געמיינהייט אַ שיכורע געשטאַלט מיטן גלעזל סיוווכאַ. Ecce Deus, אָט איז דער פון גאָט געזאַלבטער. דאָס פאָלק פאַלט כורעים, איבערן טויט-דערשראָקענעם לאַנד דונערט פון היכן אָרט דער צאָרנדיקער אויסגעשריי פון שיכורן דענשטשיק, און ווידער ווערט אַלץ פאָרגעשטעלט און מען זעט שוין בלויז נאָר אייראָפּעאישע געשטאַלטן אין פראַקן, וואָס פאַרגיסן בלוט מיט די ווילשמעקנדיקע הענט.

דער סוד פון ווינטער-שלאָס, דאָס איז טאַקע אָט דאָס גרוי-

זאַמע שפּינאָוועבס־מעשהלע, וואָס איז תּמיד דער אמת פון דער רוסישער געשיכטע.

ס׳איז נישטאָ קיין עקלהאַפטערע זאַך, ווי יענע פאַלשע אויפגעבראַכטקייט, מיט וועלכער ס׳האָבן געערדט די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע פאָלקס־מערדער וועגן אונדז.

מיר זענען עס געווען די מערדער.

יאָ, מיר האָבן מיטגעבראַכט טויט! דעם אייגענעם טויט און יענעמס!

זאָל זיך ביכער באַוועגן דאָס ראָד פון לעבן, און זאָל ענדלעך אַנטשטיין דער געדאַנק, וואָס וועט וואַרפן אַ שיין אויף דעם בלוטיקן גיהנום.

טויט, ווער מעג דאָ רעדן וועגן טויט? וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט פאַר דער רעגירונג, פאַר וועלכער נישט איז רעגירונג, דער טויט פאַר אַ מענטש?

די מושלים האָבן דאָס רעכט צו דערהרגענען, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן פאַרהיטן זייער שטעלונג צו דערהרגענען וויפיל מ׳וויל, קען מען געפינען תּירוצים. נישט זיי האָבן דאָס רעכט צו דערציילן אונדז מעשיות וועגן מענטשלעכן לעבן, וועגן מענטשלעכער אומבאַרירלעכקייט.

דאָס מענטשלעכע לעבן איז קיינמאָל נישט געווען הייליק פאַר קיין שום רעגירונג און בפרט נאָך דאָ! דאָ אין רוסלאַנד.

אַלעקסאַנדער דעם II-טנס טויט דאָס איז בלויז אַן עפּיזאָד פון דער גרויסער דראַמע. שרייבט אים אַריין צווישן די אַלע, וואָס זענען אומגעקומען בשעת זיין רעגירן: צווישן די פּוילישע אויפשטענדער, צווישן די פּויערן, וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן נאָכן 61-טן יאָר, צווישן צענדליקער טויזנטער זעלנער.

ניין! ער איז נישט געווען קיין מיוחס.

אַלעקסאַנדער דעם II-טנס טויט האָט כאָטש געהאַט אַ זין: ער איז געשטאָרבן, כּדי עס זאָל לעבן דאָס רעכט, כּדי עס זאָל לעבן דער אמת. אומזיסט קלינגען די גלאָקן. קיינער פון אייך, בלוטפאַרגיסער, גלייבט נישט אין דעם גאָט פון די איקאָנעס. איר וואָלט געוואָלט אים מאַכן פאַר דעם, וואָס איז שולדיק אין די

פאַרברעכנס, אין די מאָרדן, אין די צרות, טרערן און בלוט.

אומזיסט!

איר וועט נישט מסוגל זיין אַפילו אין זיך אַליין אויפצוּוועקן די דאָזיקע אמונה!

איר אַליין, איר אַליין פאַרגיסט בלוט, מיט הונגער מאָרדעט איר אויס דערפער און גאַנצע פראָווינצן.

דאָס איז אייער גאָט.

באַם גרינעם טיש, ווו איר הרגעט אַוועק אייער לאַנגווייל — געפינט איר אייער איינציקן אָפגאָט. אייער גלויבן, דאָס זענען יענע געמאָלטע פעטישן פון עטלעכע שעה, וועלכע פאַרטרעטן אייך דאָס מזל, אייער מזל, וואָס איז אַזוי אָרים, ווי דאָס לעבן אייערס.

עס לאָזט זיך קוים גלייבן אין דעם, און דאָך האָב איך, זשעלאַבאָוו און פּיעראָווסקאַיאַס חבר, געהאַט דווקא איצט די מעגלעכקייט זיך צוזאַמענשטויסן מיט אָט דער וועלט.

איך האָב באַקומען אַן אויסגעצייכנטן פּאַס פון אַ פראַנצויזישן אַריסטאָקראַט, וואָס איז געבוירן אין רוסלאַנד. דערמיט האָט זיך געזאָלט דערקלערן דאָס, וואָס כ'קען די שפּראַך און האָב פאַרבינדונגען.

אונדז איז עס געגאַנגען אין דעם, אַז מיר זאָלן אויספאָרשן, ווי אַזוי עס איז די שטימונג אין די „ספערן" און אין די אייבערשטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, כדי אויף די דאָזיקע יסודות צו שטיצן אונדזער טעטיקייט.

כ'פלעג גיין אין די פּעטערבורגער סאַלאָנען, וווּהין ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געפינען דעם וועג, אַ דאַנק פאַרבינדונגען, וועלכע ס'האָבן געהאַט פּערזאָנען, וואָס זענען נאָך געשטאַנען נאָנט צו אונדז. פאַרשטייט זיך, דאָס זענען שוין געווען נישט קיין ערשטקלאַסיקע סאַלאָנען, כאָטש מען האָט זיך אויך דאָ געקענט אויסאַרבעטן אַ מיינונג.

איך בין דאָך געווען איין מאָל אין משך פון אַ פּאָר שעה אין אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען פּאָביעדאָנאָסצעוו אַליין.

בלויז נאָר אין רוסלאַנד האָט זיך געקענט אַנטוויקלען אַזאַ טיפּ. בײַ מיר איז קיין ספק נישט, אַז ער האָט געהאַט אָפּטמאָל די בעסטע כּוונה און אמתע טיפֿע איבערצייגונגען. ער איז אין מײַנע אויגן געווען אומפאַרגלייכלעך עכלעכער אויף אַ מענטש, ווי וועלכע עס איז דורכשניטלעכער ליבעראַליזירנדיקער מלוכה־מאַן. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אַ״ם צו באַאָבאַכטן בײַ גאַנץ גינסטיקע באַדינגונגען. איך האָב מיר געמוזט שאַפֿן אַ מאַסקע, וועלכע זאָל מיר נישט צופֿיל צונעמען די פֿרייהייט פֿון באַוועגונגען. איך האָב אויסגעקליבן די ראָל פֿון אַ קאַטאָליק, וואָס איז איבערצייגט אין דער הייליקער שליחות פֿון קאַשטשאָל, פֿון אַן אַריסטאָקראַט־וועלכער קאַרגט נישט קיין שוואַרצע פֿאַרב, ווען ס׳האַנדלט זיך אין כאַראַקטעריזירן יענעמס קאַפּיטאַליסטישע עקספּלאָאַטאַציע, אין דער הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע. דאָס האָט דערלאָזבאַר געמאַכט מײַן ברייטן אַרט לעבן און מיר מעגלעך געמאַכט צו רעדן גאַנץ פֿריי וועגן אַ סך זאַכן.

די דעריגערונגען וועגן פּעטער האָבן מיר פֿאַרלייכטערט די געהעריקע האַלטונג.

ס׳זענען געווען מאָמענטן, ווען כ׳פֿלעג מיך ממש אַרײַנלעבן אין אָט דער נײַער טריבע וועלטאַנשויונג. דאָס איז גראָד געווען אין דער צייט, ווען ס׳האָט זיך שוין געהאַלטן בײַ ענידקן דער פּראָצעס פֿון אונדזערע חברים.

אַלע האָבן געוווסט, אַז אייגנטלעך קען דאָס געריכט נישט אַרויסטראָגן קיין אַנדערן פּסק־דין אַ חוץ דעם, וועלכער איז שוין באַוווסט געווען פֿאָרויס — טויט. דאָס איז פֿאָרגעקומען מענטשן־וואָס זענען שוין געוווינט געווען צו דער רוסישער אַטמאָספֿער, אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך און נאַטירלעך.

צי קען דען זײַן אַ רייד וועגן געזעץ, וועגן זײַנע אונטערשיידונגען און מדרגות, ווען עס האַנדלט זיך וועגן מאָרד פֿון קייזער ?

ווען מען פֿאַרברענט זיי לעבעדיקערהייט אויף אַ פּלאַץ, וואָלט די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג, אין גרונט גענומען, אויך נישט

געווען איבעראַשט. נאָר צייט עטלעכע טעג האָט מען שוין געקענט באַמערקן, ווי מען שושקעט זיך, אומעטום האָט מען גערעדט מיט געהיימנישפולע פּנימער וועגן דעם פאָרטראַג פון פילאָזאָף וולאַדימיער וואָראָביאָוו. די גאַנצע סמעטענע פון דער פּעטערבורגער היכוועלט האָט זיך געקליבן אויף דער דאָזיקער פאָרלעזונג.

מ׳האָט צווישן זיך געמאַכט פּירושים און זיך געקרנט:

צי וועט ער וואַגן, צי נישט?

די פאָרלעזונג האָט געטראָגן דאָס קעפּל: „וועגן דעם גאָטמענטש, אָדער אידעאַל פון לעבן״, אָדער עפּעס אין דעם זין.

ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס עס האָט האָט אַרויסגערופן און מיט וואָס מען קען דערקלערן דעם ליידנשאַפטלעכן אינטערעס און אומגעהייערע באַדייטונג, וועלכע מ׳האָט, ווי ס׳האָט אויסגעזען, צוגעשריבן דער פאָרלעזונג. דער זאַל איז געווען פול, ווען כ׳בין אַריין פאַרן סאַמע אָנהייב פונם פאָרטראַג, כ׳האָב קוים באַוויזן צו פאַרנעמען דאָס אָרט, בשעת ס׳האָט זיך באַוויזן אויף דער קאַטעדרע אַ מאַסנפאַרשוין מיט זיין הערלעכן קאָפּ פון אַ טרוימער, פון אַ נביא, אַ קינסטלער. דאָס באַגייסטערטע בלאַסע פּנים האָט עדות געזאָגט וועגן לאַנגע ליידן. רויק איז געווען דאָס דאָזיקע פּנים, אָבער עס איז געלעגן דערויף די רו פון אומאויפהערלעכער התפּעלות וואָראָביאָוו האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וועלכער איז פאַרזונקען אין זיין אייגענער וועלט, וועלכער שאַפט זיך מיט דער שטענדיקער אָנשטרענגונג פון זיין גייסט די דאָזיקע רו און אינערלעכע שטילקייט.

ער איז געווען ווי איינער, וואָס שלעפּט מיט אַ שטענדיקער באַגייסטערונג עפּעס אַ קוים־אויפגעבויטן בנין פון גלויבן.

ער האָט גערעדט וועגן אידעאַל פון לעבן, וועגן דעם פולשטענדיקן צונויפגיסן זיך פונם מענטש מיטן אמת, וועגן דעם, אַז ענדלעך וועט דער אמת אויפהערן צו זיין עפּעס אַ דרויסנדיקע זאַך. אַנדערש ווי דער מענטש. עס וועט ווערן זיין עצם, דאָס אינערלעכע געזעץ פון זיין לעבן, די פרייהייט זיינע.

אַ מענטש לעבט איבער זיך אַליין, בלויז זיך. ער איז בלויז דאָס, וואָס זיין „איך" איז, ער האָט זיך שוין באַפרייט פון יעדן צוואַנג. ער ווייסט נישט פון אים, ער קען זיך אים נישט פאָרשטעלן, ווייל אויך זיין נאַטור איז געוואָרן דורך און דורך אַ ווערט פאַר זיך. נישט פריי איז דאָס געפיל, וואָס זאָגט אונדז, אַז דער אמת איז אויסער אונדז. פאַרבונדן, פאַרייניקט מיט אים, ווערן מיר דורך און דורך פרייהייט.

און דאָס איז דער אמת, וועלכן די מענטשהייט זוכט:

נישט די אַבסטראַקטע וויסנשאַפט, נישט בלויז די איבערציי־גונג אַליין אָדער דער גלויבן, נאָר דאָס לעבן גופא. דאָס איז די אַלוועלטלעכע באַדייטונג פון קריסטוסעס געשטאַלט. דער מענטש ווערט דורך און דורך אמת און, דאָס איז דאָ אין יעדער שפּירונג זיינער, ער איז זיך מחיה מיט זיך אַליין. דער מענטש געפינט זיך אַליין, ער דערוווסט זיך, וואָס עס איז אַזוינס די אמתע פרייד פון זיין, און דאָס זוכט, דערצו שטרעבט די מענטשהייט אין איר אומאויפהערלעכער אַרבעט און ליידן.

קונסט און רעליגיע, דאָס אינערלעכע שלאָגן זיך מיט דער דעה באַ דער מאָדערנער מענטשהייט — דאָס איז טאַקע אָט דער קאַמף.

אַ מאָדערנער מענטש ווייסט, אַז טאַקע ער גופא, זיין פרייהייט, דאָס איז די אמתע היים פון אמת, זיין לעבעדיק נפש, אַז אין אים מוז עס אַנטשטיין און דורך אים. ער קען שוין נישט האָבן דעם אַבסאָלוטן יראת־הכבוד פאַר קיין זאַך, וואָס איז אויסער אים, פאַר קיין שום דרוק פון דרויסן, פאַר קיין שום אַבסאָלוטן פּרינציפּ אויסער זיך. ער קען זיך בשום אופן נישט אָפּזאָגן פון זיין אייגענעם איך, פאַרקויפן זיך, ווייל ער אַליין, זיין לעבן איז די העכסטע און אַנטגילטיקע קדושה.

אַלץ, וואָס איז נאָר דאָ, מוז צעשמאָלצן ווערן, מוז געפונען ווערן אינם מענטש אינערלעכן לעבן. — אַלץ, וואָס האָט אַ באַדייטונג פאַרן מענטשלעכן לעבן, מוז באַשטימט ווערן אַלס די באַציונג פונם מענטש צו זיך אַליין. פאַר קיין שום אַבסטראַקטער

מאכט קען זיך נישט נייגן דאָס מענטשלעכע לעבן. דער מענטש קען געפינען זיין אמת בלויז אינם מענטש אליין. און דעריבער קען זיך אונדזער געוויסן באַרויִקן נאָר מיט אַזא פולשטענדיקן, דערגענצטן פאַרווירקלעכטן אמת.

אונדזער אידעאַל מוז זיין אַ לעבעדיקער מענטש, מיר מוזן פילן, אַז ער לעבט אַזוי, אַז יעדער טאַט זיינער רופט אַרויס אין אונדז אַ נאַטירלעכע פולשטענדיקע אָנערקענונג; דאָס איז דער לעבעדיקער אמת.

פאַר די רוסישע פאָלקסמאַסן איז קודם-כל כאַראַקטעריס־טיש אָט די באַציִונג.

זיי גלייבן תּמיד אין דעם לעבעדיקן מענטש פון אמת.

אַזוי איז זייער באַציִונג צום צאַר.

דעם קייזערס מאַכט אין רוסלאַנד — די מאַכט פונם דער־גאַנצטן אידעאַל.

אַנדערש טראַכט נישט דאָס פאָלק.

דער קייזער — דאָס איז דער פון קריסטוסן געזאַלבטער, דער מענטש, וועלכער האָט דעם אמת בא זיך, און דערפאַר האָט ער קיין טעות נישט. אַנדערש וואָלט דאָס פאָלק נישט אַריבערגע־טראָגן, עס וואָלט נישט געקענט אַריבערטראָגן זיין מאַכט, דערפאַר טאַקע גלייבט דאָס פאָלק, אַז זיין קייזער טוט אַלץ. אַזוי, ווי יע־נער גאָט־מענטש, און דאָס איז דעם קייזערס מאַכט. צו זיין הייליק באַם פאָלק, צו זיין תּמיד זיין העכסטער אידעאַל, צו לעבן אַזוי, אַז יעדער זאָל מוזן פילן: אָט איז דער לעבעדיקער גאָט. אַנדערש וואָלט די דאָזיקע מאַכט געווען נישט מער, ווי נאָר אַ כּוח. זי וואָלט דערהרגעט דאָס לעבן, נישט געווען די לעבעדיקע נשמה פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

— און היינט — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט — ווען עס רינגלט אונדז אַרום אַ פינסטערניש, ווען מיר זענען זיך צעפאַלן אויף בלינדע אַטאָמען אינם נעפל פון געוויסנס, ווען מיר ווייסן נישט, צי אין דעם שרעקלעכן וואָלקן, וואָס האָט אונדז פאַרדעקט די זון — געפינט זיך נאָך עפּעס, וואָס פאַרבינדט אונדז אין איין

גרויסער נישט שטאַרבנדיקע פאָלקס־נשמה, היינט, ווען מיר זעען ווי פאַרמשפּט אויף אַן אינערלעכן טויט, אויף פאַרשטיינערט צו ווערן אין דער וויסטקייט פון איינזאַמע נשמות, אין וועלכע דאָס לעבן איז בלויז אַ גסיסה פון געדאַנקען, היינט מוז דער רוסישער צאַר דערוויזן, אַז ס'לעבט דער אמת, דאָס גאַנצע פאָלק שטייט פאַרקוקט אויפן צאַר און וואַרט. צי ער וועט קענען מציל זיין דעם מאָראַלישן אמת פון פאָלק. דאָס פאָלק אונדזערט ווייסט, אַז טויט וועט מען מיט קיין זאַך נישט פאַרענטפערן, אַז מ'טאָר נישט דערהרגענען קיין לעבן, אַז יעדע נשמה, דאָס איז אַ קריסטוס, וועלכער ווערט געבוירן; דעריבער זאָגט דאָס פאָלק:

לא תרצח!

מנצח זיין, הערשן דורך די הערצער!

דער צאַר פון רוסלאַנד דאַרף נישט האָבן קיין שווערט!

זאָל אין דער נאַכט אויפלייכטן דאָס צאַרישע וואָרט, ווי דער אמת. מיט דיין האַרץ זיי דער מושל, מיטן האַרץ נעם די נשמה פון פאָלק;

דאָס גאַנצע פאָלק רופט:

לא תרצח!

די זון האָט זיך פאַרלאָשן; מיר גייען דורך אַ זאַמדיקער מדבר, ס'פירט אונדז נישט דאָס געזאַנג פון די כהנים, דער ווינט פאַרווייעט די סימנים פון אונדזערע טריט, און מיר ווייסן נישט, צי מיר דרייען זיך אויף איין אָרט, צי מיר גייען פאָרויס. מיר שטויסן זיך צונויף מיט די טויטע קערפּערס פון ברידער. און עס שרייען צו אונדז די מתים מיט דער שרעקלעכער שטים פון טויט, אַז איינזאַם זענען זיי אַוועק פון לעבן, נישט וויסנדיק קיין זאַך. נישט וויסנדיק, צי איז דער מענטש אַן אמת, צי בלויז אַ שפּילעכל, בלויז שטויב, וועלכן דער ווינט טראָגט פונאַנדער איבער דער נסטערער מדבר.

צי איז נאָך פאַרהאַן אמת, וועלכער וועט אונדז גאָך לאָזן זען?

מיר דערקענען נישט איינער דעם אַנדערן, ווייל יעדער איז פאַר זיך מיט זיין יאוש און מיט דער נאַכט.

ס'איז נישטאָ קיין פאָלק — ס'איז דאָ אַ מחנה פאַרוואָגלטע זין דער בלוטיקער וויסטעניש.

רוף דיך אָן, גרויסער צאַר. אויב דו ביסט דאָס האַרץ פון פאָלק!

דיך רופט דאָס פאָלק: אויב ס'וועלן זיך דאַרט אויף דער נאָלגאָטע באַווייזן די שוואַרצע געשפּענסטער פון תּליות, אויב דאָס פאָלק וועט דערהערן דאָס קלאַפּן פון העק און האַמערס, וואָס בויען דעם בנין פון נקמה — וועט עס פאַרלירן דאָס גלויבן: דאָס פאָלק וועט אָנהייבן גלייבן, אַז עס לעבט אין אַ וויסטעניש. אויב נישט קריסטוס איז עס אויפן כּסא הכּבוד, אויב נישט ער איז אונדזער פירער. פירט אונדז קיינער נישט, מיר לעבן אין דעם זאַמד פון מדבר, ווינטן פאַרדעקן אונדז מיט זאַמד-כוואַליעס. אַ פּראָסטיקע נאַכט. אַ נאַכט פון גרויל און בלוט וועט דויערן אייביק, און הערן וועלן מיר אין אונדזער גסיסה, ווי ס'קנאַקן ביינער, ווי ס'הילט דער גרויל. אַ מענטש מוז גלייבן אין זיך, גלייבן אינעם מענטש אויסער זיך. ס'מוז גלייבן יעדער איינציקער אין דעם גרויסן הייליקן האַרץ פון דער מענטשהייט.

די מאַכט איבער זיך האָט דאָס רוסישע פאָלק אָנגעטרויט נישט קיינעם, נאָר קריסטוסן; די מאַכט — די אומבאַגרענעצטע, אַ לעבעדיקער אמת האָט נישט קיין טעות.

וואַרף אַוועק די שווערט, צאַר. אָן אַ שווערט ביסטו אַל־מעכטיק!

זיי אַ פירער מיט דער הילף פון הייליקייט, מיט דער הילף פון ליבע צום פאָלק. דאָס איז דיין מאַכט. לא תּרצח! לא תּרצח!

אין זאַל האָט מען געוויינט, מענטשן פלעגן אויפשפּרינגען פון די ערטער. אויסגעפוצטע, פיינע דאַמען האָבן אַרומגערינגלט די קאַטעדרע. איבער זייערע קעפּ האָט מען געקענט איין ווייסע זען עמעצנס רויט פּנים און אַ גרויסע פויסט.

אַ הייזעריקע שטימע האָט אויסגערופן:

— דיך דאַרף מען דערהרגענען? דו ביסט דער מערדער!

אָבער די כוואַליע פון מענטשן האָט אָוועקגעטראָגן דעם אָנפּאַלער.

— פיר אונדז — האָט געשריגן דער המון — דיך וועלן מיר פּאָלגן! דו ביסט דער פירער — פיר!

וואַראַביאָוו איז געשטאַנען אַ בלאַסער. ער האָט נישט גע־קענט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

פּלוצלינג האָט מען פון די הינטערשטע בענק אינם אַמפי־טעאַטראַל־געבויטן זאָל זיך דערהערט אַ יונגע, הילכיקע שטים, וואָס האָט געקלונגען מיט צער און צאָרן:

— אַ ליגן! דאָס אַלץ איז אַ ליגן!

די בליקן פונם המון האָבן זיך געווענדט אַהין, דאָרט איז געשטאַנען קיטי, אַ בלאַסע, מיט בליצנדיקע אויגן.

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט איבערן זאַל צו וואָראַ־ביאָוון.

— ס'איז נישט אמת, וואָס איר האָט געזאָגט. דאָס איז נישט אמת. נישט קריסטוס! אַ קאַט וווינט אינם ווינטער־שלאָס. איי־ערע אויסלייזער, אייערע פירער זענען די, וועלכע ער וועט דער־הרגענען דערפאַר, ווייל זיי האָבן ליב געהאַט דאָס פאָלק מיטן גאַנצן האַרץ, נישט מיט ווערטער, דערפאַר, וואָס זיי האָבן גע־וואָגט צו לעבן, זיי זענען דאָרט, דאָרט אין דער פּעטראָפּאַוולאָ־ווער פעסטונג שטאַרבן זיי פאַר זייערע רעכט.

דער איבערגעשראָקענער המון האָט זיך געשפּאַרט צו דער טיר, וואָראַביאָוו איז געשטאַנען, ווי צוגעשמידט צום אָרט. קיטי האָט אויסגעשריגן:

— אַ דערנער־קראַנץ טוט איר אָן דעם קאַט אויפן קאָפּ, זאָגט, אַז ס'איז נישט אמת, רופט עס אָפּ.

עפּעס אַ דאַמע אין שפּיצן איז אַרויף אויף דער קאַטעדרע און אָנגעהויבן מיט אַ היסטערישער געשטיקטער שטים שרייען:

— זי פאַרשוועכט, זי פאַרשוועכט, דו הייליקער, דו ברוי־סער אונדזערער.

און קיטי האָט גערעדט:

— פאַרנייג דיך פאַר זייערע הייליקע תּליות, פאַרנייג דיך פאַר זייערע הייליקע קעפּ, מאַך נישט קיין תּל פון דער נשמה, קיין שקר פאַרשפּרייט נישט. דאָס איז שקר, שקר. אַ קאַט געפינט זיך אויף דיין מזבח, ער פאַרגיסט דאָס בלוט פון פאָלק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפה! — האָט ענדלעך אויסגעשריגן עפּעס אַ פעטער, ערנסטער הער.

— אַרעסטירט מיך, אָדער נעמט מיר צו דאָס לעבן, איר גלייבט אינם רוסישן קריסטוס, — האָט קיטי אויסגעשריגן, אויסגלייכנדיק זיך — איך בין קיבאַלטשיצס כלה!

ס'איז געוואָרן אַ מהומה נישט צום באַשרייבן. די הויפּט-טיר האָט פאַרשטעלט אַ כוואַליע פון קעפּ, אויף דער קאַטעדרע איז געשטאַנען וואַראַביאָוו מיט אַן אויסגעלאָשן פּנים, איינגעהויקערט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. עפּעס דאַמען זענען צוגעגאַנגען צו קיטין, וויינענדיק. זיי האָבן עפּעס גערעדט, געדריקט איר די הענט.

זי האָט אַרויסגעריסן אירע הענט באַ זיי.

— זייער בלוט איז אויף אייערע הענט, אויף אייערע נשמות, און אומעטום — אומעטום!

כ'האָב געוואָלט צוגיין צו קיטין און זי ווי עס איז אַרויספירן פון דאַנען. כ'האָב אָבער דערזען לעבן איר וויערען און עטלעכע יוגנטלעכע געשטאַלטן: די גאַנצע גרופּקע איז פּלוצלינג נעלם געוואָרן דורך עפּעס אַ זייטיק טירל.

אין אָוונט בין איך געווען מיט וואָראָביאָוון אין איין געזעלשאַפט. דאָס איז געווען באַ איינער אַן אַלטעטשקער אַריסטאָקראַטקע אין שטוב. מ'האָט גערעדט וועגן איר, אַז זי איז אַ שילערין פון Joseph de Maistre. דאָ פלעגן זיך צוזאַמענקומען די פּעטערבורגער מיסטישע קרייזן און די, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט רעליגיעזע פּראָבלעמען.

דעם אָוונט, וואָס כ'בין אַהערגעקומען, איז דאָ געווען פּאָביעדאָנאָסצעוו.

וואָראָביאָוו איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט געשוויגן, אַ צעבראָכענער און אומגליקלעכער.

פּאָבּיעדאָנאָסצעוו האָט גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע.

די אַלטעטשקע איז עס, דאַכט זיך, אויסן געווען אָפּצוּווענדן פונם פילאָזאָפס קאָפּ די קלעפּ, וועלכע האָבן געקענט אויף אים פאַלן צוליבן היינטיקן פאָרטראַג.

פּאָבּיעדאָנאָסצעוו האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, נישט ענטפערנדיק. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אומאָנגענעמער שטימע. ער האָט גערעדט ווי געצוווּנגענערהייט. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פאַרטרוקנטן מת, וועלכער ריכט אָפּ זיין לעבן, ווי אַ תשובה. כ׳האָב מיך געוווּנדערט, ווען איך האָב דערזען, ווי אין זיין גרויען טויטן פּנים גלאַנצן און גליִען די אויגן. דאָרט אויפן גרונט האָט געפלאַמט עפּעס אַ לײַדנשאַפט. איך מוז מודה זיין, אַז אויף מיר האָט דער דאָזיקער מענטש געמאַכט אַ באַזונדערן רושם. איך האָב קיינמאָל אַ חוץ אים נישט געזען אַזאַ מענטש, וועגן וועלכן איך וואָלט געקענט געברויכן אַזוי דרייסט דעם אויסדרוק: שרעקלעך. עס פלעגט אַרומנעמען אַ שרעק, קוקנדיק אויף אים, ווי פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס איז אינגאַנצן פרעמד דעם מענטשלעכן לעבן.

— דער קייזער איז נישט קריסטוס, — האָט ער געזאָגט — ער קען נישט פאָלגן די שטים פון זיין נשמה — פון אמת. דער אמת איז אַן אייביקע זאַך, אַ סוד, אַן אייביק פאַרשטעלטער, פאַר יעדן און פאַר אים. ער איז אַ סך מער אַ דינער בּאַ גאָט, ווי עמיצער אַנדערש. ער טאָר נישט זיין שוואַך. ער טאָר נישט זיין ער. ער טאָר זיך נישט פאָלגן. איבער אים איז דאַ דער אמת.

— מוז ער דאָך אים פילן, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע — כּדי אים אויסצופירן.

— דער אמת איז אַ בלינדע געהאָרכזאַמקייט. אַ מענטש קען נישט זיין קיין אמת. פריער פון אַלעם איז דער טעות. ער איז דאָס, אין וואָס ס׳איז קיין אמת נישטאָ. דער אמת איז תמיד אויסער דעם מענטש. און אָט דאָס איז רוסלאַנד, גאָטס שקלאַף, אַ בלינדער דינער פון זיין אמת.

— אָבער וואָס פאַר אַן אמת?

— דאָס ווייסט גאָט.

— מענטשן מוזן דאָך וויסן.

— קיינער קען זיך דאָס נישט דערוויסן באַם לעבן. דער אמת שיינט אַריין אַ טויטן אין די אויגן, די וואָס לעבן, מוזן זיך בייגן, שלעפּן. זיי מוזן בוי'ען דעם בנין, וועלכן זיי קענען נישט. גיין אַהין, ווו בלויז ער איינער ווייסט.

— און דער צאַר.

— ער איז דער, וועמען גאָט האָט באַפוילן אָפּצוהיטן די ריינקייט פון די נשמות. ער האָט אַ שווער שליחות. ער פירט — און ווייסט נישט, ער באַפעלט — און איז בלינד.

— און אויב דאָרט איז דערנאָך שוין קיין זאַך נישטאָ — האָט סאָלאָוויאָוו געפרעגט.

— וואָס הייסט גאָרנישט. ווער פרעגט עס? וועמענס גע-דאַנק? דעם מענטשס: ער איז אַ צופעליקער. פאַר אים דאַרף קיין זאַך נישט עקזיסטירן. אמת, דאָס איז דאָס, וואָס ער ווייסט נישט, וואָס עס איז פאַרשטעלט פון אים, דאָס, וואָס אים איז פרעמד, וואָס ער וועט קיינמאָל נישט באַנעמען.

— און וואָס איז אָבער דאָך — האָט נאָכאַמאָל סאָלאָוויאָוו איבערגעחזרט — אויב דאָרט איז גאָר נישטאָ. דאַמאָלס בלייבט אַ גרויל, אַ קאָשמאַר. אויב איבער רוסלאַנד איז נישטאָ קיין קריס-טוס, איז דאָס אַלץ בלויז נאָר עפּעס אַ משוגעת.

— רוסלאַנד איז שוין געווען פריִער, ווי איך און איר. רוס-לאַנד האָט אָנגענומען דאָס גלויבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. רוסלאַנד איז פאַרבליבן אַליין, יאָ, איר האָט ריכטיק געזאָגט. דאָס איז אַ משוגעת. יאָ, פאַרן מענטש, באַם מענטש מוז גאָט זיין אַ משוגע-נער, ווייל ער טראַכט נישט וועגן מענטש. דער מענטשלעכער שכל דאָס איז כסדר נאָר א י ך און אָבער א י ך. און מיר זענען דווקא נישט אַלץ.

— איר גלייבט נישט אין קריסטוסן — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט.

— איר גלייבט נישט אין רוסלאַנד — האָט געזאָגט פּאָביעדנאָסצעוו — קריסטוס האָט געוויזן דעם וועג: ער האָט זיך געלייגט אין קבר אַריין און געזאָגט: כ'וועל אויפשטיין; אַנדערש־געזאָגט: איר מוזט דורכגיין דאָס קבר. אמת. דאָס איז דער טויט. כ'האָב אין דער יוגנט שטודירט העגעלן. גאָט באַשאַפט די וועלט, כּדי ער זאָל זיך פאַרשטיין, אָבער ער קען דאָך זיך שוין פון אָנהייב אָן — איז עס דעריבער — אַן אייביקע שטומע משוגעת. וואָרום טאַקע צו וואָס? און באַם מענטש באַדאַרף עס אויך אַזוי זיין. ס'איז טאַקע אַ משוגעת און מ'דאַרף זי פאָלגן. מיר אַלע לעבן אין רשות פון גאָט ווען מיין שכל שטעלט זיך שוין אָפּ, ווען ער שרייט שוין אויס: דאָס איז משוגעת, ווייס איך, גאָט רעדט עס. און איך גלייב, אַז רוסלאַנד האָט גאָט באַשאַפן! נישט קיין מענטש, נישט פאַר קיין מענטש.

— קריסטוס האָט אונדז פאַרייניקט מיט גאָט.

— נאָכן טויט — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געזאָגט.

— דאָס אַלץ זאָגט איר בלויז אייגנטלעך — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט — אייער מיינונג...

— ניין — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געזאָגט — איך זאָג קיין זאַך נישט. איך הער בלויז צו: רוסלאַנד רעדט. און רוסלאַנד זאָגט — טויט. אין תוך גענומען, פילן זיי אַליין דאָס אייגענע. — זשעלאַבאָוו, פּיעראָווסקאַיאַ — זיי אַליין אַפילו, זיי האָבן נישט קיין מורא פאַרן טויט.

— זיי — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט — טראַכטן דאָס זעלבע, וואָס איר, נאָר פון אַ צווייטער זייט.

— ווען איך וואָלט נישט געגלייבט אין גאָט — האָט געזאָגט פּאָביעדאָנאָסצעוו -- אַזוי ווי איר, וואָלט איך געווען מיט זיי.

— איך גלייב אין גאָט — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטים.

— איר גלייבט בלויז אין זיך, נישט אין שכל, נישט אין

מענטש, נאָר אין זיך, איר האָט ליב, אין גרונט גענומען, נישט מער, ווי נאָר ווי זיך.

וואָראָביאָוו האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ.

— מיר פאַרשטייען נישט איינער דעם אַנדערן — האָט ער געזאָגט.

— יאָ — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געזאָגט — איר שפּילט אייך. איר זענט אין גרונט גענומען אַ דעזערטער. איר זענט ווייטער פון רוסלאַנד ווי זשעלאַבאָוו. זשעלאַבאָוו איז אַ רוסישער פאַרברעכער. איר זענט אַליין פאַר זיך. איר ווילט זיך אויסקלויבן אַ לעבן כאָטש אין די וואָלקנס. ווען איך וואָלט הייַנט געווען דאָרט, וואָלט איך געגאַנגען דריקן די האַנט באַ קיבאַלטשיצס כלה. זי איז דער איינציקער אָרנטלעכער מענטש דאָרט געווען, יאָ...

— איר האָט קיין רעכט נישט — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט.

— איר האָט פאַראַכט — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געזאָגט — איך האָב אייך נישט בדעה צו באַליידיקן. נישט מער, מ'דאַרף שטיין אויף דר'ערד, אויף דר'ערד. פון דר'ערד צו די שטערן פירט בלויז איין וועג, דער וועג, מיט וועלכן קריסטוס איז געגאַנגען — דורכן קבר. איר אָבער ווילט זיין אַ קדוש באַם לעבן, אויפשטיין תחית-המתים פאַרן טויט.

די באַלבאָסטע האָט זיך באַמיט איבערצורייסן דעם שמועס.

— דער משפט איז שוין געענדיקט?

— דער קייזער האָט שוין אונטערגעשריבן דעם פסק-דין — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געזאָגט.

— איר האָט אין דעם אַ חלק — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט. — איר וועט נאָך אַמאָל מוזן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר רוסלאַנד.

פּאָביעדאָנאָסצעוו האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זיי פאַרשטייען דאָס: אָדער זיי, אָדער איך. זייער תליה, אָדער מיינע, און דאָס איז קלאָר.

— איר מיינט דען, אַז דערמיט וועט זיך עס ענדיקן? — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט. — בלוט ברענגט בלוט.

— דאָס וועט פאַלן אויף אייערע קעפּ — האָט פּאָביעדאָ-נאָסצעוו געזאָגט מיט אַ גיפטיקער שטים, — אויף אייך, וואָס איר פאַרשפּרייט אמתן, וואָס איר חזרט איבער פּאָפּוגיי-רייד, שכל, פרייהייט, ליבע — וויסנשאַפט. רוסלאַנד מוז האָבן איר אייגענע וויסנשאַפט, איר אייגענעם שכל, וואָס פאָלגט גאָט און שווייגט, און וועט זיין עס אַזוי ווי עס וועט זיין, איך נעם די אחריות אויף מיר. מ'וועט מיך האַסן, איך ווייס, וואָס רוסלאַנד וויל. ווער האָט פאַרזייעט דעם בונט אין די רוסישע נשמות? די ביעלינסקיס, די טשערנישעווסקיס, איר אַלע. דער שכל, דער שכל דאַרף זיין דער אויספירער — ער דאַרף דינען...

— וועמען?

— דעם גרויסן און מעכטיקן רוסלאַנד.

— און רוסלאַנד?

— אַזעלכע פראַגן טאָר מען נישט פרעגן, איר זאָלט נישט זאָגן! רוסלאַנד איז גאָטס משוגעת. רוסלאַנד עקזיסטירט, לעבט. די וועלט וועט זאָגן: רוסלאַנד — גאָטס קעניגרייך, גאָטס — נישט דעם מענטשס. יאָ.

ער האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען.

איך האָב געהערט צו די מינדערווערטיקערע געסט, אויף וועלכע מ'האָט געקענט נישט לייגן קיין אַכט. דאָס האָט מיר פאַר-שפּאָרט זיך צו געזעגענען מיט אים.

צווישן וואָראָביאָוון און פּאָביעדאָנאָסצעוון האָט אָבער אויס-געבראָכן אַ סצענע.

— כ'קען אייך נישט — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט — כ'קען אייך נישט... כ'וויל פאַרגעסן אָן אייך, כ'וועל פאַרגעסן, אַז איר זענט ווען עס איז געווען. איר זענט באַפלעקט מיט בלוט. איר זענט אַ פאַרברעכער, איר זענט אַוועק פון קריסטוסן... איר זענט דער גייסט פון שטאָלץ און דער אייביקער קעלט.

פּאָביעדאָנאָסצעוו איז בלייך געוואָרן...

— איך — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילער שטים — בין נישטאָ. איך ליג אין קבר. קיין זאַך וויל איך נישט פאַר מיר. זאָל רוסלאַנד...

— רעדט נישט — וואָרום איר קריגט פעטש! — האָט וואָראָביאָוו אויסגעשריגן.

דאַמען האָבן זיך אַריינגעמישט.

— קאָמעדיאַנט — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געסאָפּעט.

— הערט אויס, — האָט וואָראָביאָוו געזאָגט — קומט אַריין אין אַ צווייטן צימער. לאָמיר וואַרפן גורל, אויף וועמען ס'וועט פאַלן.

— איך בין נישט קיין העלד פון לערמאָנטאָוס ראָמאַנען — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געזאָגט — איך טאָר נישט...

— גראָבער יונג — האָט געזאָגט וואָראָביאָוו.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע.

— שיקט רופן אַ דאָקטאָר — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געזאָגט צו דער באַלעבאָסטע און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

פּלוצלינג האָט ער זיך אומגעקערט און געזאָגט, שטייענדיק אין דער טיר:

— איר האָט שלעכט געטון, זייער שלעכט. איר ווייסט, אַז איך קען מיך נישט אַרויסשטעלן. אַז איך טאָר עס נישט.... איר האָט אַ קלאַפּ געטון אַ טויטן.

— איך וויל אייך שוין מער נישט זען פאַר מיינע אויגן — האָט אַרויסגעשעפּטשעט וואָראָביאָוו.

— ער איז קראַנק — האָט די באַלעבאָסטע געשעפּטשעט צו פּאָביעדאָנאָסצעוון.

— איך בעט אַלע טאָג גאָט פאַר די, וואָס ווילן דערהרגענען פּאָביעדאָנאָסצען.

— אייך וועט עס נישט געשענקט ווערן. אייך קען מען נישט נישט האַסן. און ס'וועט אויף אייך פאַלן דער גאַנצער האַס. און עמעצער וועט פאַרגיסן אייער בלוט, וועט דאָס אויך פאַלן אויף אייך, איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ.

— גאָט מעג מיך פאַראורטיילן — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו ערנסט געזאָגט. — אים איז געפעלן מיר צו באַשטימען אַ שליחות.

און, צוגעגאַנגען צו דער איקאָנע, האָט ער זיך אָנגעהויבן צלמען.

— זייט מיר מוחל, איר מערדער און בוגדים, וואָס כ'האָב אייך געבראַכט צו אַ נסיון. רבונו של עולם, זיי מיר מוחל מיינע זינד.

איינע פון די דאַמען האָט באַקומען ספּאַזמען.

כ'האָב געפילט, אַז עס שטיקט דאָ דער עקל באַ די עפּי־לעפּטיקער, און בין אַרויסגעגאַנגען.

דער הימל איז געווען אַ לויטערער. דער אָוונט אַ קאַלטער און אויסגעשטערנטער. כ'בין געגאַנגען און זיך באַמיט צו באַנע־מען מיטן שכל, וואָס עס קומט פאָר מיט זיי. צי האָט מען זיי דערלויבט צו זיין צוזאַמען? אָדער זיי זענען אַליין מיט די גע־דאַנקען זייערע? קיבאַלטשיטש גייט מיט זיין אַקעראייזן איבער די שטערנדיקע פעלדער. און סאָניע, זשעלאַבאָוו? דאָס האָט מיר אויסגעזען, ווי עס וואָלט שוין געווען זייער לאַנג. כ'בין נישט אומשטאַנד געווען צו באַנעמען, צו דערפילן, אַז איך האָב עס אָנטייל גענומען אין דעם אַלעם, אַז איך האָב עס אָנגעווירן אַליען... דאָס איז געווען עפעס אַן אַנדערער מענטש אַ שטאַר־קער און באַגייסטערטער. דער, וואָס איז דאָ געשטאַנען, איז קאַלט געווען, ווי די נאַכט. יעדער פאַר זיך — האָט וואַראָביאָוו גע־זאָגט. איצט האָב אויך איך אַזוי געפילט. יענער האָט זיך שוין צעשוווּמען אין עפעס אַ גרויסן לעבן. ס'איז געבליבן בלויז אַ קאַלטער טויטער שאָטן, און ער גייט אַרום איבער דער טויטער שטאָט.

ס'האָט מיר נישט באַנג געטון קיינער, קיין זאַך נישט.

כ'בין געווען איינער אַליין. אַזוי ווייט, אָפּגעריסן פון די זכרונות, ווי זיי וואָלטן נישט געווען מיינע, ווי כ'וואָלט זיי אַרויס־געלייענט פון אַ פרעמדן ביכל.

— אייך גייט נאָך אַ שפּיאָן — האָב איך דערהערט אַ שטים,

וואָס איז מיר געווען ווי עפּעס באַקענט פון אַמאָל, — ער גייט שוין עטלעכע מינוט... זיי זענען געווען זאַלבענאַנד. אָט איז אַ דראָזשקע. אַ ריסאַק. זעצט זיך אויף. איר וועט דערלויבן — וועל איך מיטפאָרן, אפשר וועל איך אייך צונוץ קומען.
כ'האָב מיך אויפגעזעצט.
דער ריסאַק האָט אָנגעהויבן פאָרן.
איבערן טראָטואַר איז געלאָפן פאָגעל און געשריגן:
— שטעל דיך, שטעל דיך... מערדער!
— דו פאַרסט! — האָט געשריגן מיין חבר — אָדער דו ביסט נישט זיכער מיט דיין קאָפּ!...
דער דראָזשקאַזש האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז:
— ס'איז איבעריק, הער, מיר פאַרשטייען אַליין. — וועסט נישט דעריאָגן, דו כּלב איינער... — ער האָט זיך געווענדט אין דער ריכטונג פון טראָטואַר און האָט זיך אַ לאָז געטון. איצט האָב איך שוין דערקענט מיין אויסלייזער, דאָס איז געווען קוזניעצאָוו. ס'איז מיר אים שווער געווען צו דערקענען, אַזוי פאַרעלטערט איז ער געוואָרן.
— איר דערקענט מיך נישט — האָב איך געזאָגט — איר געדענקט ווראָנסקין, מיכאַילאָוון, ניעמיראָוו, אונדזער אָפּשייד... איך בין קאַניאָווסקי.
זיין פּנים איז באַלויכטן געוואָרן פון עפּעס אַ שמייכל. דער שמייכל האָט געבלאָנדזשעט דערויף, ווי אַ שיין פון ליכט, וואָס איז געפאַלן פון ערגעץ ווייט. די שטריכן זענען געווען ווי פאַרגליווערט.
— אייערע קינדער? — האָב איך געפרעגט.
— זיי זענען געשטאָרבן... מיט אַ יאָר צוריק די לעצטע. דערנאָך דאָס ווייב... איך האָב נישט קיינעם, קיין זאַך. איר וועט פאָרן צו מיר.
— ניין — האָב איך געזאָגט. — איר קענט דערפאַר טייער באַצאָלן.
— איז עס אמת, וואָס יענער האָט געשריגן? — האָט קוזניעצאָוו געזאָגט.

— יאָ... — האָב איך געזאָגט.

— אויב איר ווילט אויף מיר אַביסל רחמנות האָבן — האָט ער געזאָגט — וועט איר פאַרן צו מיר... כ'וועל אײַך דאַנקבאַר זײַן, און אַ גרעניץ דאַנקבאַר.

די זילבערנע נעכט

XIX

דריי טעג האָב איך פאַרבראַכט בײַ קוזניעצאָוון אין שטוב. ס'איז געווען בײַ אים שרעקלעך אומעטיק. און אָט דער אומעט, די שטילקייט, דער מאַנגל פון וועלכער נישט איז פאַרבינדונג מיט דער לעבעדיקער וועלט — דאָס אַלץ האָט מיר לייכטער געמאַכט דאָס געמיט.

קוזניעצאָוו האָט אינגאַנצן געלעבט אין זכרונות.

אַ מענטש מיט אַ מאָדערנעם וועלט-באַנעם: — האָט ער נישט דערוואַרט קיין שום באַגעגעניש נאָכן טויט. ס'האָט זיך אַלץ געענדיקט איינמאָל פאַר אַלע מאָל, קיינמאָל וועט שוין פונם אומענדלעכן רוים זיך נישט באַווייזן קיין איינע פון די אַלע אויסגעלאָשענע געשטאַלטן. זיינע זכרונות וועגן זיי — דאָס איז זייער איינציקע ווירקלעכקייט.

מיט דער איבערצייגונג האָט ער געלעבט, ער, דער פּילקאָס איינזאַמער מענטש.

איך בין שוין אַלט קנאַפּע זעכציק יאָר — פלעגט ער זאָגן — און כ'חיים, אַז כ'וועל נישט באַווייזן צו ענדערן קיין זאַך אין מיין לעבן.

ווען כ'וואָלט פעיק געווען צו אַ פרוכטבאַרער, שעפערישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וואָלט זיך דאָס שוין געהאַט אַרויסגעוויזן אין משך פון מיין ביז איצט דורכגעלעבטן לעבן. כ'האָב מיר דאָ דעריבער נישט וואָס איינצורעדן. כ'ליב די מאַטעמאַטיק, אַזוי ווי עס וואָלט געקענט ליבן זיין מלכה אַ יונגער פּאַזש. דאָס איז די האָפנונגסלאָזע פּלאַטאָנישע ליבע.

ווען מיין האַרן שמייכלט צו אַנדערע, זע איך דעם שמייכל אירן, דאָס איז גענוג פאַר מיר, דאָס מוז זיין גענוג פאַר מיר, אָנשטאָט אַלעם. כ'מוז וואַרטן, ביז עמעצער אַ גליקלעכער וועט אויסגעפינען אַ ניי וואָרט, אַ נייעם טאָן — דאַמאָלס איז ער דאָ אויך פאַר מיר.

צי האָט איר זיך אַמאָל פאַרטראַכט — האָט ער מיר געזאָגט אַמאָל אין אַזאַ אָוונט — איבער דעם רעליגיעזן ערנסט, וועלכער געפינט זיך אין דער מאַטעמאַטיק? צי האָט איר זיך פאַרטראַכט, אַז דאָס, וואָס דער מענטש זעט אין איר, בלויז דאָס איז אייגנטלעך די עכטע פאָרם פון דער מענטשלעכער טעטיקייט. דאָ האָט דער מענטש צו טון מיט זיין אייגענער ענערגיע, וועלכע איז נאָך פריי פון וועלכע נישט איז באַגרענעצונגען, ער זעט אַ מעגלעכקייט פאַר מעשים.

די מאַטעמאַטיק דאָס די אַקטיווע, טעטיקע נשמה פון דער מענטשהייט, וועלכע שוועבט איבער אַלעם. דאָס זענען די באַקעטע פאָרמען, וועלכע דאָס לעבן פילט אויס...

יאָ... מאַטעמאַטיק דאָס איז אַלץ, וואָס איז דאָ און וואָס וועט זיין אינם מענטש...

איך האָב לאַנג געטראַכט וועגן דעם, ביז איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי פירט נישט אין ערגעץ אויסער צום מענטש. דער געדאַנק האָט אַזוי ליב זיך נאַרן, ער האָט אַזוי ליב הנאה און שגעון. אָפטמאָל פלעג איך מיך אַליין כאַפּן בײַ עפּעס אַזוינס, וואָס קען אַפילו נישט אָנגערופן ווערן האָפנונג.

צי ווייסט איר, וואָס פאַר אַ משוגענע האָפנונגען אַ מענטש

קען האָבן: עס טרעפן זיך אַזוינע משונהדיקע, אַז, ווען זיי וואָלטן זיך באַהיזן אויף דער איבערפלעך פונם געדאַנקען-לעבן, וואָלטן זיי עס איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַראָפּגעפירט פון וועג... דער געדאַנק בלאָנדזשעט איבער אַזעלכע אייז-ראַנדן, אַז עס איז גענוג איין גליטש — און אַ נאַכט פון משוגעת. דער מענטש, אין גרונט גענומען, וויל עס.

צי ווייסט איר, אַז איך, אַן ערנסטער מענטש, האָב פאַרלוירן אַ גאַנץ יאָר לעבן, אַ גאַנץ יאָר אָוונטן אויף שטודירן די אומקער-מעגלעכקייט פון דער צייט. איר פאַרשטייט? געפינען די פאָרמול פון דער אומקער-מעגלעכקייט פון דער צייט. די צייט איז אַ נישט אומקער-מעגלעכע ריי. אַזוי רופן מיר עס אָן.

ווען איך זע איצט, אַז דאָס ווייב וועט שוין נישט אַריינקומען מער אַהער, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט הערן דאָס געלעכטער פון די קינדער, אַז דאָס איז אַלץ אַוועק אויף אייביק און אַז מען דאַרף בלויז וואַרטן, ביז איך וועל אַליין אַוועק, באַדייט דאָס אַלץ: די צייט איז אַ ריי פון אומקער-מעגלעכקייטן. ווי איר זעט, איז אין דעם קיין שום שרעקלעכע זאַכן נישטאָ. אָט אַ פּשוטע מאַטעמאַטישע אייגנשאַפט, ווי אַ סך אַנדערע.

פאַרוואָס איז עס אַזוי?

ווען מען וואָלט געפונען אָט די מאַטעמאַטישע פאָרמול, וועלכער זאָל רעדוצירן די אומקער-מעגלעכע רייען? אמת. געפינען בלויז די פאָרמול. עס וועט זיך באַרייכערן דער מאַטעמאַטישער ווערטער-אוצר אויף איין קליינעם צייכן און אַלץ זעט אויס גאָר אַנדערש. איר פאַרשטייט נישט?

— ווי משונהדיק איז דאָס לעבן — האָט ער צוגעגעבן אין אַ ווײַלע אַרום — אַך, ווי משונהדיק!

דאָס לעבן איז טאַקע געווען משונהדיק אין אָט דער שטוב, אין וועלכער די צייט איז ווי געשטאַנען אויף איין אָרט.

מיר זענען געזעסן שפּעט אין דער נאַכט, נישט דערמאָנענדיק קיין זאַך.

דאָ האָט מען געקענט רעדן וועגן אַלצדינג.

קוניעצאָו האָט געגאַרט צו הערן אַלצדינג, װאָס עס האָט אים געקענט פאַרשטעלן די פוסטקייט פון װאַרטן אויפן טויט.

— איך זיץ דאָ — פלעגט ער זאָגן — און װאַרט, ביז ער װעט קומען. און איך װייס, אַז דאָס װעט נישט זיין קיין שום ליכט, קיין שום געדאַנק, אַז דער דאַזיקער שמאָלער װעג פירט נישט אין ערגעץ. דער טויט האָט אפילו קיין מאַטעמאַטישע אייגנשאַפטן נישט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. — דאָס האָט מיר צו-גענומען די ליבשאַפט צו מאַטעמאַטיק.

אויף װאָס איך װאַרט — װייס איך נישט. איך װייס נישט, פאַרװאָס איך װיל, עס זאָל זיך ציִען דער זילבערנער רויש פון שטילקייט און בענקשאַפט, די בלאַסע פוסטקייט, אין װעלכער עס שיינט נישט די זון. זכרון — זכרון... אַ פוסטקייט, אין װעלכער עס גייען אַרום שאָטנס.

ציִ װייסט איר?

װען איך בין אייגער אַליין, עפן איך אויף ברייט אַלע טירן. איך צינד אָן אַ נאַכטלעמפּל אינם קליינעם, לעצטן צימערל.

די שאָטנס גייען, גייען. און אַזוי װעל איך דערמאָנען ביזן סוף. װען ס'װעט קומען די שעה, װעל איך מיך אַװעקלייגן דאָרט, כ'װעל אָנצינדן דאָס לעמפּל, די טירן װעל איך הייסן פונאַנדער-עפענען.

עס סקריפּעט די פּאָדלאָגע אין זאַל, אין עס-צימער, אין שלאָף-צימער.

ס'איז עמעצער פאַרבײַגעגאַנגען לעבן קלאַוויר.

ס'אָטעמען די ליידיקע צימערן.

ציִ האָט איר אַמאָל געהערט, װי די נאַכט-שטילקייט קרעכצט? אַזוי טיף, טיף, אומענדלעך שטיל און שרעקלעך טיף; ס'טראָגט זיך דורך איבער אייער פּנים אַן אָטעם. איר פילט זיין הויך.

— ציִ האָט איר קיינמאָל נישט דעם איינדרוק — האָט ער געזאָגט אין אַ װיילע אַרום — אַז עמעצער איז אַריין אין צימער? עמעצער איז אַריין און געפינט זיך לעבן איך.

— אילוזיעס — האָב איך געזאָגט.

קוניעצאָװ האָט אַ קװעטש געטאָן מיט דער פּלייצע:

— כ'ווייס נישט צי מ'קען אזוי שוין אינגאנצן זיכער זיין, אז דאס איז בלויז אילוזיעס. דאס געווייגלעכסטע לעבן אפילו אונ־דזער'ס איז דאך, אן און פאר זיך, אזוי משונהדיק. מיר ווייסן אזוי ווייניק וועגן דער וועלט. זייער א קליינער טייל פון איר דער־גרייכט אונדזער לעבן און ווירקט אויף אונדז.

וואס איז אויסער דעם?

ער האט אויפגעהויבן די גארדין און זיך אנידערגעשטעלט באם גרויסן ווענעציאנישן פענסטער.

— וואס איז עס? — דאס אלץ?

ער האט זיך אנידערגעזעצט לעבן מיר און אנגעהויבן רעדן:

— כ'בין א פשוטער מענטש, קיין שום באזונדערס איז אין מיר נישט געווען, כ'האב קיין שום באזונדערס נישט איבערגעלעבט. אלץ ווי צום געוויינטלעכסטן דורכשניטלעך, אין דער פריער יוגנט האב איך געמיינט, אז ס'ווארט אויף מיר א פולשטענדיק פארטיק שליחות. ניין, אפילו אזוי אויך נישט. כ'פלעג קלערן, ווען ס'האט מיט מיר עפעס פאסירט, וואס פאר א באדייטונג דאס קען האבן. צו וואס איז עס, ווהין פירט עס? כ'האב מיך באמיט צו דערגיין אט דאס גאנצע, צו וועלכן ס'קענען געהערן די פראגמענטן פון איינצעלע געשעענישן.

כ'האב באגעגנט מיין פרוי. כ'וועל אייך נישט גיין דערציילן וועגן ליבע. אייך איז עס באקאנט, יא. כ'האב געקלערט — דאס איז עס. מיר האבן געהאט קינדער.

און איר ווייסט, ווען די קינדער זענען שוין אלט געווען א פינף, זעקס יאר — איז אנטשטאנען א מורא, און טאמער איז דאס אלץ טאקע בלויז אזוי, ווי דו זעסט עס, אט אזעלכער, ווי דו קענסט זיך, ביכטו טאקע. דו האסט נישט איבער זיך, אויסער זיך קיין שום ספעציעלע שליחות. פשוט — צווי מענטשן האבן זיך באקאנט, האבן איינער דעם אנדערן ליב געקרוגן, האבן קינדער.

און איך האב פלוצלינג דערזען דעם גאנצן אומזין, די גאנ־צע קלארקייט דערפון. איך האב פארשטאנען, אז טאקע אזוי איז עס, אזוי און נישט אנדערש, אז אנדערש קען פשוט נישט זיין.

און איך האָב גלייכצייטיק פאַרשטאַנען די „גאַנצע שוידערהאַפטיקייט פון מיין לאַגע.

איך האָב מיר אין דער אומענדלעכקייט פון צייט און רוים בלויז צוויי העלע קעפּלעך, נישט מער.

איך און מיין ווייב פלעגן מיר קוקן איינער אויפן אַנדערן שוין בלויז נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט: — פון זייערטוועגן לעבן מיר. און ווען זיי וואָלטן פאַרשוווּנדן, האָב איך געטראַכט, און איך האָב נישט געוואַגט צו ענדיקן דעם געדאַנק. עס האָט מיר אויסגעזען צו גרויזאַם.

און דאָך איז עס געשען. געשען ווי יעדער אַנדערער פאַקט.

איך האָב באַגראָבן סיי די קינדער, סיי די פרוי, איך בין איינער אַליין. איך האָב גאָרנישט, איך וואַרט אויף קיין זאַך נישט. ווען איך זיץ דאָ גאָם פענסטער, האָב איך דעם זעלבן איינדרוק, ווי אַמאָל אויפן ברעג ים. דאָ וויגט זיך אַ שיין, גאָר אַן גערויש. אומויפהערלעך. און וואָס בין איך? אַן אָרעמער, נאַקעטער, אַלטער מענטש.

און דאָס אייגענע איז שוין אַזוי פיל מאָל געווען...

צי מיינט איר, שטערן, אויך אַזוי, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַזאַ שעה, אין וועלכער עס וועט אייך אַראָפּטרייסלען, אַזוי ווי דער וואַלד טרייסלט די פאַרטרוקנטע בלעטער פון זיך אַראָפּ דאָס, וואָס געפינט זיך אויסער אייך, איבער אייך?

צי קלערט איר וועגן דעם, אַז עס וועלן אייך אַמאָל די כוואַליעס, ווי זאַמדעלעך אַרויסוואַרפן?

מיר פאַלן אַלע ערגעץ אין אַ תּהום, וואָס קען אונדז נישט.

צום בעסטן איז מיר דאָ אין דעם צימערל.
זיי לייגן מיר אונטערן קאָפּ זייערע קליינע הענטעלעך.
זיי קוקן אין מיינע אויגן מיט די ליכטיקע אייגעלעך.
ס'פינטלען די אייגעלעך.
די מיילעכלעך לאַכן.
טאַטעשי! טאַטעשי!

פארגעס די האפנונג.

— צי וואלט איך אייך גייקענט עפעס צו זין קומען — האט ער געפרעגט אין א ווײלע ארום — איר פארשטייט. אפשר וואלט איך נאך געקענט עפעס טון, איך בין אלט זעכציק יאר. איך וואלט נאך אייגנטלעך געקענט ארבעטן.

כ'האב מיך דערוואוסט, אז די חברימלעך פון מײנע קינדער זאלן מיך צום שלאף איינוויגן. אפשר וועט אייך צונוץ קומען איך עפעס אן אלטער אומגליקלעכער מענטש? —

כ'האב גערעדט מיט אים אזוי, ווי כ'האב געפילט. כ'בין נישט אימשטאנד געווען אים צו ענטפערן מיט די אלגעמיינע פראזן, ווי למשל: אלע קרעפטן געהערן דער זאך. די זאך! יעדע זאך מוז זיין טאקע די זאך פון דעם מענטש, וועלכער פארנעמט זיך מיט איר. ס'איז נאך ווייניק צו פארשפרייטן איבער יענעמס קאפ דאס קאלטע און קלארע געצעלט פון פליכטן. ס'איז נייטיק, אז דאס געצעלט זאל באלויכטן ווערן פון דער זון, וואס צעשמעלצט די אייז-קארע.

אין דער צייט איז מיר אליין צו נאענט געווען דער צושטאנד, אין וועלכן קוזניעצאוו האט זיך געפונען.

סיי איך, סיי ער, מיר האבן ביידע געקוקט אין די שטערן און אין דער שטילקייט פון דער גאנצער וועלט, ווי אין א ריזיקן קבר אריין. מיט אונדז געשעט אזוי, ווי דער אפפלוס פון די לעבנס כוואליעס וואלט אונדז פארלאזט.

א זאמדיקער ברעג, פרעמדע מרחקים, וו ס'שווימט נאר בלויז די צייט. ס'איז דא א לעבן. ס'איז דא. עס שיינט אין דער הייך, ס'פאלט אראפ מיט בינטלעך שיין און שטילקייט, אבער דאס הארץ ווייסט נישט דערפון, ס'זעט נישט, ס'פילט נישט, ס'ווערט פארשטיינערט.

— איר ווילט שטארבן? — האב איך געפרעגט — ס'קען אייך אמאל אויסקומען נאך צו בלייבן אזוי אויף אן אייגזאמען לעבן, אפגעריסן פון יעדער דערינערונג.

— איך וועל גיין די יונגע זאגן, זיי זאלן נישט שעצן דאס לעבן, זיי זאלן עס נישט אפהיטן. דאס לעבן לאזט זיך נישט איינ

האלטן, עס גייט אוועק. מען פאַרייאָגט בלויז דאָס פאַרלוירענע לעבן.

אין יענע צייטן פלעגן מיר זעלכן ווען דערווערבן נייע פריינט, און סימבאָליש זעט מיר היינט אויס דער דאָזיקער זקן, וואָס האָט כאַרנומען אַן אָרט צווישן אונדז יונגע. איך אַליין האָב מיך געפילט נישט ווייניקער אַלט פאַר אים.

אין דער צייט זענען זיי אומגעקומען.

באַגינען האָט מען זיי אויפגעהאָנגען.

כ'האָב נישט געוואָלט זען זייער טויט. איבעריקנס, איז דער פלאַץ פול געווען מיט שפּיאָנען.

מיר זענען געזעסן אין אָוונט פון יענעם טאָג, מיר האָבן נישט אָנגעצונדן קיין פייער. מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורכן גרויסן פענסטער אין בלויען רוים איבער אונדז.

קוזניעצאָוו איז געזעסן לעבן מיר.

— זי שווייגט די נאַכט — האָט ער געזאָגט. — איר האָט אַמאָל געקלערט וועגן דעם, אַז אָט די אומענדלעכקייט איבער אונדז האָט דאָך דורכגעאַקערט דער מענטשלעכער געדאַנק. די גריכן האָבן זי נישט געזען. ס'האָט זי נישט געזען דער מענטש פון מיטלאַלטער. קאָפּערניק, גאַליליעוס, ברונאָ, ניוטאָן, קאַנט, לאַפּלאַס האָבן אויסגעשפּרייט, פונאַנדערגעעפנט דעם תהום, וואָס שטיקט אונדז, זיי האָבן געשאַפן אַן אָקעאַן, אין וועלכן די שטערן זענען אַזוי ווי זאמד-קערנדלעך. איצט קלער איך מיר טאַקע וועגן דעם, אַז קיין זאַך אין מענטש גייט נישט פאַרלוירן און אַז מ'קען נישט צערייסן די פעדעם, וועלכע בינדן אונדז מיטן גרויסן נשמה-קאָלעקטיוו. זי טאַקע, די נשמה פון פאַרשטאָרבענע דורות, רינגלט אונדז אַרום. דער אָקעאַן פון דער אומענדלעכקייט — דאָס איז דאָך בלויז דער געדאַנק פון דורות, וועלכע מ'זעט אויסער אונדז. עס גייט אַלזאָ נישט פאַלוירן די נשמה, וואָס בייגט זיך. יעדער געדאַנק, יעדער ציטער פון דער נשמה פאַרבלייבט, ער בלייבט אינם לעבנס-קאָלעקטיוו. ער רינגלט אַרום די קומענדיקע דורות, ווי די לופט, ווי דער הימל, ווי דער אָקעאַן.

דו ביסט מיר נישט פרעמד, אָ נאַכט. דער מענטש, דער

ברודער מיינער, האָט אין נויט און מוט באַשאַפן דעם רוים. ער האָט טריט באַ טריט פאַרברייטערט דיין קעניגרייך, ער האָט אויסגעשפרייט דעם שטילן רוים איבער די קעפּ. אָט דאָס איז די נאָנטקייט פון גייסטער.

אויפן פאָן פון זילבערנעם הימל האָט זיך מיר געצייכנט פאַר די אויגן דער שוואַרצער סקעלעט פון דער תליה.

בלויז די איינע פאַרבינדונג איז געבליבן צווישן מיר און אייך: דער שטילער רוים פון די נשמות פון פאַרשטאָרבענע איבער די נשמות, וואָס זענען נאָך נישט אַוועק אין דער נאַכט.

כ'האָב געקוקט קוזניעצאָוון אין די אויגן.

כ'האָב קאַלט געזאָגט:

— איך האָב שוין אויך אַלע מיינע דאָרט אין דער טיפעניש פון רוים, פון וואַנען ס'וועט אַרויספינקלען אַמאָל אַ נייער הימל, אַ נייע ערד פון דער מענטשהייט.

אויפן טאָרף־זומפּ

XX

אַ פֿיבער האָט געפּייניקט די נשמות.

מיר פֿלעגן איצט פֿאַרבייגיין איינער לעבן אַנדערן. באַהאַלטנדיק איינער פֿון אַנדערן די גיפּטיקע וווּנדן.

יעדער האָט געפֿילט. אַז טיף אין האַרץ האָט אים שוין געטראָפֿן די קויל פֿון טויט, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט צעשטערן די רייען, וואָס גייען אין שלאַכט.

מיר זענען געגאַנגען פֿאָרויס אפֿילו מיט אַ ליד אויף די ליפּן, אָבער געלעבט האָבן מיר אין אַן אָפּגרונט, אין וועלכן די נשמות זינקען, דער ווילן שטאַרבט אָפּ און אַ האַרץ בלוטיקט קעגן אַ האַרץ.

ווי אַ טויט־מידע חיה האָט יעדער געזוכט אַ מקום מקלט. און באַר עפּעס אַן עקסטראַ־פֿאַל פֿלעגט דערציילן די איבעריקע, ווי שווער דער קאַמף איז געווען.

ס׳האָבן אַלץ עפּטער אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות וועגן זעלבסטמאָרדן.

ס׳האָט זיך דאָס לעבן גענומען באַרדינאַ, ווערמענס מוט און

שטאַרקן חילן ס'האָט באַוואונדערט די גאַנצע עפנטלעכקייט בשעתן פּראָצעס פון די פּופּציק. טיכאָנראַוואָוס בריוו האָבן געהאַט אין זיך עפּעס אַ טיפע אַפּאַטיע און טרויער. דאָס איז נאָך געווען ערנסטער צוליב דעם, וואָס עס האָט זיך געזען אין זיי דער חושך צו באַהאַלטן פאַר זיך אַליין דעם אמתן גייסטיקן צושטאַנד און איינרעדן זיך אַליין אמונה און התפּעלות.

ס'האָט זיך געפילט ווי עפּעס אַן אומאויפהערלעכע טענה צו אַלעמען, פאַרוואָס מ'גיט אים נישט די דאָזיקע אמונה, פאַרוואָס מ'איז קאַלט.

איינמאָל אין אָוונט איז צו מיר געקומען וויעראַ קאָכאַנאָ-וויטש, זי איז געווען אומעטיק און האָט אויסגעזען טויט-מיד.

— וואָס איז דיר וואָלטשאָק — האָב איך זי אָנגעהויבן אויספרעגן מיט אַן אומבאַוווסטזיניקער מורא, זי זאָל נישט נאָכטון באַרדינען, מיט וועלכער זי איז געווען זייער באַפריינדעט.

— גאָרנישט — האָט זי געענטפערט.

און ערשט אַרויסגייענדיק, האָט זי געזאָגט:

— כ'וויל איצט צוזאַמען מיט טיכאָנאָוון. דו ווייסט?

כ'בין אַ פאַרציטערטער געוואָרן. ס'איז גלעזנע געוואָרן די דראַמע. געלעזט געוואָרן אויף אַ שרעקלעכן אופן. כ'האָב אָבער אַ טעות געהאַט. דאָס איז ערשט געווען דער אָנהייב.

מיר זענען געשטאַנען אין פּאָדערצימער.

ס'איז געווען כמעט אינגאַנצן פינסטער.

כ'האָב זי אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— פאַרוואָס האָסטו עס געטון, וואָלטשאָק?

— ער האָט זיך צופיל געפייניקט — האָט זי געזאָגט.

— אָבער דו?

זי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: נו, וואָס, ס'איז דען נישט אַלציינס?

— וואָלטשאָק, אָרים קינד, ווי האָסטו עס געקענט טון?

טיכאָנאָוו איז געווען אַן אַרבעטער. ער האָט שוין זינט אַ פּאָר יאָר געפּ ניקט וויערען מיט זיין ליבע. ווי תמיד כמעט אין אַזעלכע פאַלן, איז דער גאַנצער ענין געוואָרן קאָמפּליצירט און

האָט אָנגענומען אַ פֿאַרדריסלעכן כאַראַקטער צוליב דעם, וואָס צו דער ליבע האָט זיך נאָך צוגעמישט די קראַנקע אַמביציע.

טיכאָנאָוו האָט זיך נישט געקענט באַפֿרייען פֿונעם געדאַנק, אַז דאָ קומט אין באַטראַכט נישט נאָר די גלייכגילטיקייט פֿון אַ פֿרוי, נאָר אפֿשר פֿריִער פֿאַר אַלעם אַ פֿאַראַכטונג, אַ פֿיזישער עקל פֿון אַן אינטעליגענטקע צו אים — דעם פּויער.

און דאָס האָט מען אים נישט געקענט אויסרעדן. אַליין פֿלעגט ער אָפֿן נישט מודה זיין, אַז ער טראַכט אַזוי, מ'האָט אָבער געקענט פֿילן די דאָזיקע פֿאַרביטערטקייט אין זיינע פֿאָרוואָרפֿן און טענות.

דאָס האָט געדויערט צוויי יאָר.

איצט האָט וויעראַ אַ סוף געמאַכט צו זיינע ליידן אויפֿן חשבון פֿון איר פּערזאָן.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'האָב קיין טעות נישט, אויב כ'רעכן, אַז אויך דאָ דאַרף מען זען דעם סימפּטאָם פֿון דער אַלגעמיינער פֿאַרמאַטערטקייט.

— איז דען כדאַי, אַז אַ מענטש זאָל ליידן צוליב מיר? וואָס בין איך דען? וואָס איז דען דאָס לעבן? לוינט דען, אַז מ'זאָל זיך אַזוי מאַטערן? איז דען נישט אַלץ איינס, וואָס ס'וועט געשען?

ס'איז געווען נאַטירלעך, נאָך עפּעס אויך. וויערא האָט רחמנות געהאַט אויף טיכאָנאָוון. זי האָט אים אַמאָל זייער ליב געהאַט. אַמאָל, דאָס הייסט, איידער ס'האָט אין אים אויפֿגעפֿלאַמט אָט די אומגליקלעכע ליבע. זי האָט אָפּגעשאַצט אין אים די התפּעלות און דעם ווילן, אַ דאַנק וועלכע ער האָט זיך מיט געוואַלטיקער מי אויסגעאַרבעט די מאָדערנע וועלטאָנשויונג.

ס'זענען דאָרט געווען, פֿאַרשטייט זיך, בלויז, די באַגריפֿן זענען געווען רוי — פּשוט. די מיינונגען — האַרט, גראַדליניק, אַנטשידן, ווי אַ קלאַפּ פֿון אַ האַמער. ס'איז אָבער נישט בעווען קיין פֿעיִקייט צו פֿאַרשטיין אַלע מעכטיקע און ראַציאָנעלע לעבנס־כוחות, וועלכע האָבן נישט געלאָזט, נישט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען פֿון ווילן און שכל, אַז וויערא זאָל אים ליב קריגן.

כ׳וועל קיין טעות נישט האָבן, אויב כ׳וועל זאָגן, אַז וויערא אַליין האָט טיילווייז אַזוי געקוקט אויף דער זאַך. זי האָט זיך אַליין פאַראורטיילט פאַר אָט דעם גייסטיקן עפּיקורעיזם און אַריסטאָקראַטיזם.

זי האָט זיך איינגערעדט, אַז בלויז אומבאַוווּסטזיניקע, אָבער טיף איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן שטערן איר צו זיין אָביעקטיוו און אָפּצושאַצן טיכאָנאָווס ווערט. ווען ער וואָלט אפילו געווען דאָס, וואָס ער איז, נאָר בלויז געהאַט אַן אַנדערע האַלטונג, האָט זי געזאָגט, ווען דאָס לעבן וואָלט באַ אים נישט געשאַפן אַזאַ שאַרפע שטים, אַזא שאַרפן טאָן, די אומפעיִקייט צו בלייבן רויִק און קאַלטבלוטיק בשעת א וויכּוח, דאָס נישט זיכער זיין מיט זיך אַליין, וואָס צוליב דעם ווערט ער גראָב און גיט זיך באַלד נאָכדעם אונטער — וואָלט זי אים אפשר ליב געקריגן.

איז ער דען שולדיק, וואָס די אַרבעט, די שווערע אַרבעט, אויסגעפּירט שטענדיק אין שרעק פאַרן קולאַק פון פאָטער, פון בייסטער, האָט געשאַפן די געשטאַלט, וועלכע שאָקירט מיך. איז ער דען שולדיק, וואָס דער קאָפּ זיינער וואַקסט אַרויס ווי גלייך פון די אַקסלען און איז אַזוי שטייף, ווי ער וואָלט געווען אַ שטיק פונם גאַנצן גוף.

ווען כ׳זע באַ אים דעם דאָזיקן נישטיקן שטריך פון זיין געבוי — פאַרוואָס קומט מיר שטענדיק אויפן געדאַנק דאָס וואָרט „כאַמסטוואָ”?

פאַרוואָס שטויסט מיך אָפּ די פאָרם פון זיינע נעגל, די פאַרב פון דער באָרד, זיין אַרט שטעלן די פיס? איז דען דאָס אַלץ נישט אַ באַווייז, אַז מיין באַציִונג צו אים שטיצט זיך אויף אַ פאָראורטייל, אַז כ׳בין נישט ערלעך און אויפריכטיק אין דער באַציִונג צו אים? ווען ער וואָלט נישט פאַרמאָגט די שטריכן, וועלכע זענען אַ רעזולטאַט פון זיין אָפּשטאַמונג און פאַמיליען־פאַרהעלטענישן, אַ פועל יוצא פון די עוולות, אונטער דער לאַסט פון וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן — וואָלט איך אים ליב באַקומען, און ער וואָלט זיך נישט געמאַטערט, ער וואָלט נישט איבערגעלעבט די

יסורים, וואָס האָבן נאָכמער איינגעבויגן זיין איינגעהויקערט גע־שטאַלט, וואָס האָבן צוגענומען דאָס פאַרבליבענע ביסל גלאַנץ פון זיינע אויגן. ער פילט זיך ווייניקער ווי אַ מענטש צוליב דעם, וואָס איך בין צופיל פריילין, וואָס אין מיר שטעקט נאָך עד היום אַ סאַלאָן-לאַלקע.

איך בין נישט שולדיק, וואָס טיכאָנאָוו האָט פאַרלוירן דאָס גלויבן אין זיך, וואָס ער פילט זיך אַזוי, ווי מ'וואָלט אינערלעך פאַר־קלענערט, ווי מען וואָלט אַ וואַקל געטון זיין מענטשלעכע ווערדע.

איבעריקנס, ליבע ווערא איז געווען אַ צו טיפע און ריינע נאַטור. כ'בין זיכער געווען, אַז איר שטרענגע און מוטיקע נשמה איז געבליבן אומשולדיק ווי אַ קינד אין אַלע הינזיכטן.

איך האָב געוואָלט אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד.

די רוסישע רעגירונג האָט זיך געהאַט געווענדט צו איינעם פון אונדזערע אַרעסטירטע חברים מיט אַ פאָרשלאַג צו פירן אונ־טערהאַנדלונגען, מיט אַן אָנפּראַגע, אויף וועלכע באַדינגונגען די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ וואָלט מסכים געווען אָפּצושטעלן איר טעטיקייט.

אין פאַריז האָט זיך דער דעלעגאַט פון דער רעגירונג גע־זאָלט טרעפן מיט אונדזערע פאָרשטייער.

די אָרטיקע חברים האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל בייזיין בײַ דער באַגעגעניש.

פאַרן אַוועקפאָרן בין איך געווען בײַ טיכאָנאָוון און ווערען אין שטוב.

ווען כ'בין געקומען, איז זי געווען איינע אַליין. זי איז אין גאַנץ... פון עטלעכע טעג געעלטערט און אויסגעדאַרט געוואָרן, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך איינגעהויקערט און קלענער געוואָרן. זי האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ קראַנק, באַוועלט קינד.

כ'האָב מיר געקלערט, אַז ווען אָליאַ וואָלט געלעבט, וואָלט זי קיינמאָל נישט דערלאָזט צו דעם וואָס ס'איז געשען.

— פאָר מיט, וואָלטשאָק, — האָב איך איר פאָרגעלייגט.

אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ שמייכל. זי האָט טרויעריק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— כ'וועל דאָ בלייבן.

און זי האָט גיך געענדערט דעם גאַנג פֿון געשפּרעך.

זי האָט גערעדט וועגן דעם, ווי ס'איז ערב פּיעראָוווסקאַיאַס און זשעלאַבאָווס טויט, געווען אין די אַרבעטער-קרייזן אַ פּראָיעקט זיי מיט באַוואָפֿנטער מאַכט אַרויסצוראַטעווען.

— וואַסילי האָט זיך מיט מיר ביזן לעצטן מאָמענט געשפּאַרט, אַז דאָס וואָלט געווען מעגלעך, אָדער נוצלעך.

וואַסילי — דאָס איז געווען טיכאָנאָוו.

ער איז טאַקע אַריינגעקומען אין דעם מאָמענט.

ער האָט מיר קיינמאָל נישט אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק און אומגליקלעך, ווי איצט.

— איר זענט געקומען, מישוק. — האָט ער געזאָגט — דאָס איז גוט... אַ דאַנק...

— פֿאַרוואָס זאָל איך נישט קומען? איר האָט דאָך צו מיר באַרנישט, איך פֿלעג דאָך אַריינקומען צו אייך.

טיכאָנאָוו האָט אַ קוק געטון אויף וויערען און האָט אַ שמייכל געטון מיט אַזאַ ווייטיק, אַז ס'האָט מיך דורכגענומען אַ רחמנות.

כ'בין צוגעגאַנגען צו אים, כ'האָב אים אַרומגענומען און געזאָגט:

— נו... זייט מיר געזונט, וואַסילי... זייט געזונט.

— איר ווינטשט — האָט ער שטיל געזאָגט

— מיר האָבן שוין געווינטשן איינער דעם אַנדערן — האָט וויערא געזאָגט.

מיר האָבן גערעדט וועגן ענין, וועגן די אונטערהאַנדלונגען.

— זיי האָבן זיך דערשראָקן, די הינט — האָט טיכאָנאָוו געזאָגט.

באַדינגונגען? קיין שום באַדינגונגען, מישוק. איר זאָלט זיך דאָרט שטאַרק איינשטעלן.

פֿאַר אונדז זאָלט איר זיך פֿעסט איינשטעלן. מיר ווילן קיין שום באַדינגונגען נישט, מיר האָבן צייט. כּל זמן זיי וועלן נישט אַלע אומקומען, איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

פאַר אים אין פאַר איר - האָט ער גערעדט וועגן ושט־לאַבאָז און פּיעראַזסקיאַן — זייער טריט. זיי טאָרן נישט אומקומען אַזוי אָן נקמה. ווען נישט ווײַערא, נישט איר אַלע, וואָלטן מיר געגאַנגען אַ הונדערט מאַן מיט הענק, זאָלן זיי מיט זייערע ליכטיקע אויגן קוקן פון עשאַפאָט, טאַראַס אונדזוערער און סאָניא, די אַדלערס אונדזערע, ווי מיר שטאַרבן פון זייערטוועגן.

און אַזוי איז וואָס?

מ׳האָט זיי געבראַכט אויף אַ שוואַרצן וואָגן. מענטשן זענען געשטאַנען שטום. די שרעק האָט פאַרשטאָפּט די מײַלער. איך האָב דאָס היטל אויסגעטון. כ׳האָב מיך גענייגט פאַר זייערע טייערע קעפּ, און וואָס? אַזעלכע מענטשן זענען געגאַנגען אויפן טויט — און ס׳איז געווען שטיל. ווי גאָרנישט. ס׳איז אַ הינטיש פאָלק, אויב עס קען אַזוינס אַריבערטראָגן. דערפרייט וואָלט זיך טאַראַס האַרץ, ווען ער וואָלט געזען, ווי מיר זענען לעבן אים געפאַלן.

די באַדינגונגען, מישוק? זאָג זיי אונדזערע באַדינגונגען: זיי אַלע אַוועק, אַוועק פון רוסלאַנד.

איך האָב אים געזאָגט, אין וואָס עס האַנדלט זיך. עס וועט אפשר געלינגען טשערנישעווסקין אַרויסצובאַקומען פון זייערע הענט.

וועלן מיר אים דאָך מיט אונדזערע נעגל פון אונטערן שנײַ פון קבר אַרויסגראָבן. פּאָר, מישוק, זאָל ער זיך אומקערן, זאָל ער אָפּאָטעמען מיט אונדזער לופט, מיט אונדזער ליבע דער האַרציקער.

כ׳האָב מיך געזעגנט מיט זיי מיט אַ שוואַך האַרץ.

ווײַערא האָט מיך לאַנג, לאַנג אַרומגענומען, בשעת איך בין אַרויסגעגאַנגען.

טיכאָנאָוו איז מיר נאָכגעגאַנגען.

ס׳איז צײַט זיך שוין צו געזעגענען — האָב איך געזאָגט — צוזאַמען איז געפערלעך צו זײַן לענגער.

— מ׳דאַרף מיר אָנשפּײַען אין פּנים, מישוק — האָט טיכאָ־

נאָו געזאָגט: איך האָב זי דערהרגעט, און ס׳איז נישטאָ קיין אויס־וועג. כ׳האָב זי געבעטן נעכטן: ניין, וויערא, דיין נשמה פאַרטראָגט מיך נישט. ניין, זי זיצט, וויינט. זי האָט זיך אומגעברענגט... דער־הרגעט האָב איך זי — איך, דער געמיינער מענטש. גיב מיר אַ שפיי אין פּנים...

— לאָז געמאַכט, וואַסי׳ל — האָב איך געזאָגט. — קיינער איז נישט שולדיק. גיי דו אַוועק, אויב דו פילסט אַזוי.

— ס׳האַרץ וויינט — האָט טיכאָנאָוו געזאָגט. ס׳האַרץ קען זיך נישט שיידן מיט איר.

אין פּאַריז האָב איך באַקומען אין צוויי טעג אַרום נאָכן קומען אַ בריוו פון קוזניעצאָוון:

וויערא און טיכאָנאָוו האָבן זיך דאָס לעבן גענומען פאַרטאָג, צומאָרגנס נאָכדעם, ווי כ׳האָב מיך געזעגנט מיט זיי.

טיכאָנראַוואָוון איז אַ טיפער טרויער באַפאַלן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם. עס איז אים שווער געווען צו דערקענען. ס׳האָט אים געמאַטערט עפּעס אַן אינערלעכער פּיין. אין פאַרלויף פון דער קורצער צייט, וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען, איז ער פאַרעלטערט געוואָרן אויף אַ יאָר צען.

בשעת אונדזערע באַגעגענישן מיט די הויכע באַאַמטע, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די רעגירונג, האָט ער מיר אימפּאָנירט מיט זיין דיפּלאָמאַטישער אולטראַענגלישער רויִקייט. קיין שום מלוכה האָט נישט געקענט האָבן קיין דיסטינגירטערן אַמבאַ־סאַדאָר.

באַ מיר פלעגט דער פירשט ס. אַרויסרופן אַ געפיל פון טיפן עקל. זיין שיינע און פיינע פיגור האָט עדות געזאָגט אויף דער גרויסער אַכטונג, מיט וועלכער ער איז זיך באַגאַנגען און אָפּגע־היטן זיין שיינע און פיינע פיגור האָט עדות געזאָגט אויף דער גרויסער אַכטונג, מיט וועלכער ער איז זיך באַגאַנגען און אָפּגעהיטן זיין אייגענער פּערזאָן.

די האַנט, דער נאָגל, די פאַרב פון דער הויט, דאָס אַלץ האָט

עדות געזאָגט אויף אַ שטענדיקן זאַרגזאמעז, קליינלעכן קולט פונם אייגענעם קערפּער און געזונט. יעדער זאַך, וועלכן ער פלעגט אַרויסרעדן, איז געווען פאַרונדיקט, אויסגעשליפן, ווי די לאַנגע נעגל פון זיינע הענט. עס האָט געשמעקט פון אים אינערלעך און אויסערלעך. ער האָט געמוזט אַוודאי די נשמה זיינע פערפומירן אַזוי ווי די וועש. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסנעמען אַ גאָלדן טאַבאַק-פושקעלע און קייען עפּעס אַזעלכע פילן צוליב דעזינפעקציע, בשעת ער האָט גערעדט.

מיט אונדז פלעגט ער זיך באַגיין זייער און זייער העפלעך.

— קודם כל זענען מיר דזשענטלמענס — האָט ער געזאָגט.

עס האָט געשטעקט אַ שטיק פאַנטאַסטיק אין דער רויִקייט, מיט וועלכער אָט דער הויף-באַמאַטער האָט מיט אונדז אַרומגערעדט די באַדינגונגען פון דער פערזענלעכער זיכערקייט פון אַלעקסאַנדער דעם III.

עס איז גלייך אָפּגערעדט געוואָרן, אַז שטערנישעווסקין וועט מען אַריבערפירן קיין אייראָפּעיִש-רוסלאַנד, אַז ער וועט מעגן זיך באַזעצן אין זיין געבורטשאָט סאַראַטאָוו.

— פאַרוואָס איז טשערנישעווסקי פאַרמשפּט געוואָרן? — האָב איך געפרעגט אַמאָל נאָכן געענדיקטן שמועס.

— מען האָט געדאַרפט באַרויִקן דעם אַדל — האָט געזאָגט דער פירשט ס. און האָט אַראָפּגעשלונגען אַ דיזנפעקציע-פּיל. — איך בין באַקאַנט געווען — האָט ער געזאָגט — מיט זיינע ווערק. דאָס איז געווען אַ וווּנדערבאַר אינטעליגענטער מאַן. און אַ דיסטינגירטער — האָט ער פאַרענדיקט. — דיסטינגירט אויף זיין שטייגער, פאַרשטייט זיך. דאָס איז שוין נישט הערצעז, נישט באַקונין, אַ שאָד, וואָס ער איז נישט אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד...

— איר זענט געווען אַ מיטגליד פון סענאַט אין יענער צייט האָב איך געפרעגט.

— יאָ... דער קייזער האָט געפּאָדערט אומבאַדינגגס, ער זאָל אַזוי פאַרמשפּט ווערן. די פּאָליציי האָט געשאַפן באַם קייזער אַ פּאַראורטייל קעגן אים. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קרבן אויף צו באַרוזיקן דעם אַדל. איר ווייסט דאָך. און איבעריקנס, האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפּעה. טשערנישעווסקי איז געווען כמעט ווי איינע פון די אינסטיטוציעס פון יענער צייט. דאָס איז אייגנטלעך שווער געווען אַריבערצוטראָגן.

— צי איז אייך, פּירשט, באַוווּסט, אין וועלכע באַדינגונגען טשערנישעווסקי האָט געלעבט אין סיביר — איך האָב געזען דעם דאָזיקן שנייִיקן מדבר, ווו עס שטייט דאָס אַרומגעצוימטע הויז.

— „Mais comment donc" — האָט געזאָגט דער פּירשט ס. — די זיבן יאָר האָבן זיך געענדיקט, ער האָט דאָס רעכט צו וווינען אַפילו אין שטאָט. ער וויל אַוודאי אַליין איינזאַמקייט.

— גאָר אַזוי? — האָב איך געפּרעגט.

— אוודאי — איך דערמאַן מיך — האָט געזאָגט דער פּירשט ס. — יאָ, עס איז געווען אַ רייד וועגן דעם, מען האָט ספּעציעל געבעטן דעם קייזער, אַז מען זאָל פאַר אים שאַפן עפּעס באַזונדערס „position á port" איך געדענק, פּאַטאַפּאָוו האָט פאַרגעלייענט דעם קייזער אויסצוגן Vraiment messieurs c'etait épouvantable ער האָט גערופן אָפן צו רעוואָלוציע...

— אַלזאָ, ווערט אָט דאָס אָנגערופן „position á port" איז דאָס פאַרגעזען פון געזעץ?

— Qne voulez-vous c'est la Russie האָט געזאָגט דער פּירשט ס. — Nous sommes bien arrierés — וועל איך אייך זאָגן, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, ווען איר וואָלט געווען קלוגער אין אייערע פאָדערונגען. ניין, דאָס זענען אוממעגלעכע זאַכן, פולשטענדיק אוממעגלעכע, אָן איבערקערעניש אין די עקאָ-

גאַמישע פאַרהעלטעניש, דאָס איז קעגן אַלע פּרינציפּן פון דער געזונטער מלוכה־וויסנשאַפט. — אָבער קלוגע פאָדערונגען. למשל, אַ געוויסער אַרט קאָנסטיטוציע — אַ ליבעראַל מיניסטעריום. ווער ווייסט. יעדנפאַלס וואָלט איר אין הויף געהאַט אַ מאָראַלישע אונטערשטיצונג אינעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט. דאָרט איז מען מוראדיק אָפּגעשטאַנען. מען דאַרף זיי צווינגען זיי זאָלן דענקען. Quoi donc. Il faut marcher avec son pays.

— איר האָט אונטערגעשריבן דעם פּסק־דין אויף זשעלאַבאָוו — האָב איך געזאָגט.

— Naturellement, monsieur — האָט ער געזאָגט, — ער איז געווען אַ פאַרברעכער. איך פאַרשטיי, אַז דער פּאָליטישער פאַרברעך שטעלט מיט זיך פאָר, אַזוי צו זאָגן, אַן אומבאַדינגטן מאָמענט אין אונדזער קאָנסטיטוציע, אָבער נישט קוקנדיק דערויף, מוז ער האָבן זיין קעגנגעוויכט. דאָס איז דער גלייכגעוויכט פון שטרעמונגען. Il faut qu'ils se coutrebalancent און פּערזענלעך, פאַרשטייט זיך, מיטן גרעסטן כבוד, יאָ, ווען עס איז אין הונדערט יאָר אַרום, פאַרוואָס נישט, דענקמעלער וועט מען זיי קענען שטעלן. ווי זאָגט העגעל — ווער עס פאַרשטייט דעם אמת פון זיין צייט, צאָלט מיטן לעבן פאַר זיין רעכט צו דינען דעם פאָטערלאַנד. דער, וואָס שאַפט נייע געזעצן, באַגייט אַ געוואַלט קעגן די אַלטע און צאָלט דערפאַר מיט זיין קאָפּ.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

דעגאַיעווס פאַראַט האָט צוגעגעבן מיט דער רעגירונג, אַפילו אין דעם אָפּגערעדטן פּונקט האָט מען אונדז אויך אָפּגענאַרט.

טשערנישעווסקין האָט מען דערלויבט זיך צו באַזעצן נישט אין סאַראַטאָוו, נאָר אין אַסטראַכאַן.

כ'בין געווען אויך מיט דעם גליקלעך.

דער געדאַנק, אַז ער גייט נישט אויס אין דער שרעקלעכער מדבר, איז געווען אפשר דער איינציקער קוואַל פון צופרידנקייט אין דער דאָזיקער פינסטערער תקופה, אין דער צייט, ווען ס׳האָט אונדז אַרומגערינגלט אַ פּייזאַזש, וועלכן די זון האָט, דאַכט זיך, פאַרגעסן, אַ דורכגעבראָכענער און אומפּרוכטבאַרע, — אין דער צייט, ווען ס׳האָט זיך געוואַקלט דער גרונט אונטער אונדזערע פיס.

טיכאָנראַוואָוו איז געווען אינגאַנצן צעשמעטערט פון די קלעפּ, וועלכע פלעגן כסדר פאַלן.

די ידיעה וועגן ווירעאַ פיגנערס אַרעסט, דאָס געפיל וועגן פאַראַט, וואָס רינגלט אונדז אַרום גאָר נאָענט, דאָס אַלץ האָט גע־ווירקט אויף זיינע געדאַנקען און זיין נשמה פאַמעלעך, אָבער אומויפהערלעך, ווי סם, וואָס עסט אויף דעם אָרגאַניזם. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מענטש, וועלכער צווינגט זיך אַליין מיט זיין שטאַרקן ווילן צו בלייבן אויפן פּאָסטן, וועלכן ער פאַרנעמט.

דעם לעצטן אָוונט זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען איבער די פאַריזער בולוואַרן.

מיר זענען אַריין אין עפּעס אַ קאַפע.

טיכאָנראַוואָוו האָט געשוויגן די גאַנצע צייט; איך האָב דער־מאָנט אויפן קול די אַלע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געשיידט אויף אייביק.

טיכאָנראַוואָוו האָט פּלוצלעך געזאָגט:

— צי שוימען מיר נישט קענען שטראָם?

— פאַרשטייט זיך — האָב איך געזאָגט.

— נישט וועגן דעם רעד איך. נישט וועגן מאָמענטאַלע מניעות, איך קלער, צי מיר שווימען נישט קעגן אַ פּרינציפּיעלן שטראָם, אַ טיפן?

צי האָסטו דיך נישט פאַרטראַכט וועגן דעם — האָט ער

לגנגאַם געפֿרעדט — וואָס פּאַר אַ תּהום דאָ עפֿנט זיך? אויף וואָס שטיצן מיר זיך? אויפֿן געדאַנק. אָט — וואָס איז אַזוינס געדאַנק? מיר זאָגן: אַ פּראָדוקט פֿון אָרגאַניזם, וואָס רעאַגירט אויף דער ווירקונג פֿון דער סבֿיבֿה א. א. וו. גוט. אָבער וואָס איז דאָס אַלץ? פֿון וואַנען ווייס איך וועגן דעם אַלעם? פֿון געדאַנק? תּמיד דער זעלבער פֿאַרפֿישופֿטער קרייז...

— וואָס-זשע האָט עס פּאַר אַ שייכות? — האָב איך געפֿרעגט.

— מיר ווילן — האָט טיכאָנראַוואָו געזאָגט — אָנפֿירן מיט דער וועלט אַזוי, ווי די גאַנצע גערעכטיקייט וואָלט געווען אינם שכל פֿון געדאַנק, און די וועלט נישט מער ווי אַ שטאָף, ווי עפּעס אַ טויטע זאַך. און אפֿשר האָט זי גאָר איר אייגענעם שכל, אפֿשר זענען מיר נישט מער ווי טיילעכלעך פֿון דעם דאָזיקן גרעסערן שכל, טיילעכלעך, וועלכע האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן אים.

— כּמעט דאָס אייגענע האָב איך געהערט פֿון פּאָביעדאָנאָסצעוון.

טיכאָנראַוואָו האָט אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס ווייטער, ווער איך אַלץ טיפֿער איבערצייגט — האָט ער געזאָגט — אַז דער אינדיווידועלער שכל נעמט אַרום דעם אמת; שטיצנדיק זיך אויף זיינע אייגענע איבערצייגונגען, אויף זיין אייגענער לאָגיק, פֿאַרשטעלט ער זיך בלויז אַליין די אויגן.

איבעריקנס, דאָס קען בכלל נישט האָבן קיין שום זין — האָט ער געזאָגט צום סוף. — ווער האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָס לעבן האָט עפּעס אַ זין, אַז עס איז פֿאַרהאַן דערין עפּעס אַ לאָגיק. אָדער, אַז דאָס לעבן איז קלוג. דאָס רעדן מיר זיך בלויז איין.

דו האָסט דען נישט דעם איינדרוק, אַז אייגנטלעך איז עס אַזוי, ווי ס'שטייט געשריבן אינם אַלטן קינדערשן קאַטעכיזם, אַז דאָרט איז דאָ באָט.

— ניין — האָב איך געצוקט מיט די אַקסלען — דאָס דאַכט זיך מיר שוין קיינמאָל נישט.

— אָבער פאַרטראַכט דיך, צי דאָס איז נישט לאָגיש. למשל, ס'איז נישטאָ קיין לאָגישערע זאַך, ווי די לערע וועגן דער ערשטער עבירה, וואָס איז אַזוינס די ערשטע עבירה? די אינדיווידואַליטעט אונדזערע. ווען מיר פאָלגן זי, באַגייען מיר אַ פעלער. יאָ, ווייל אויסער אונדז געפינט זיך דאָס אַלץ, וואָס מיר זעען עס נישט, פאַרשטייסט? אַלץ. דעריבער מוזן מיר זיך אַליין אין זיך דערהרגען, כדי צו ווערן דאָס, וואָס איז אויסער אונדז. און אין רוסלאַנד, איז איז דען נישט רוסלאַנד דאָס, וואָס רוסלאַנד דאַרף זיין? הייב אָן אַלץ אין אָנהייב און ס'וועט זיך ווידער שאַפן אַלץ אויפן זעלבן אופן, יעדער פאָלגט בלויז די שטים פון זיין אייגענעם איך. און ער פאָדערט זאַכן, וואָס האָבן קיין זין נישט. איין אומזין פאַראַליזירט דעם צווייטן. די נשמות מוזן אויפשטיין תחית-המתים און זיך דערציִען — דו פאַרשטייסט דען נישט, אַז אַזוי איז עס, אַז אין דעם אַלעם איז דאָ און עס איז געווען אַ געוואַלטיקער טעות?

עס איז מיר געווען אַ רחמנות אויף אים איך האָב דערי־בער נאָר געזאָגט, אַז דאָס זענען אַלץ זאַכן, וואָס פאָדערן לענגע־רע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

— אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען האָט אַ מענטש דאָס רעכט צו אורטיילן די וועלט? — האָט טיכאָנראַוואָוו געפרעגט. — מיר האַלטן, אַז מיר זענען גערעכט, און אַז דער טעות איז אויסער אונדז. אַ מענטש איז גערעכט, ווען אויסער אים איז קיין טעות נישטאָ.

איך האָב אים שוין נישט געזען פון דאַמאָלס אָן.

כ'בין צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, אַזוי ווי כ'וואָלט מיטגע־פירט אַ בר-מינן.

איך האָב עס געזאָגט קירסאַנאָוון, מיט וועלכן כ'האָב מיך באַגעגנט אין דער שווייץ. ער איז מיר דאַמאָלס פאָרגעקומען זיי־

ער שטאַרק און טיף. כ'בין מיט אים נישט איינשטימיק געווען אין אַ סך פּרינציפּיעלע פראַגן, אָבער דאָס האָב איך געמוזט אָנערקענען, אַז ער האָט פאַרמאָגט אין זיך, אין די געדאַנקען זיינע, אַ גרויסן און אויסדויערנדיקן כּוח.

פאַר מיר איז עס לייכטער געוואָרן אַפּצושאַצן איצט דערפאַר, ווייל ער איז געווען שטיל און פול מיט צער צוליב די אומגעקומענע. ער האָט אויפריכטיק און טיף געטראָגן דעם טרויער נאָך די אַלע, וועמען ער האָט באַם לעבן באַקעמפט.

איך האָב אים דערציילט וועגן טיכאָנראַוואָוון.

— דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך — האָט ער געזאָגט. — ער האָט פולשטענדיק ריכטיק געשטעלט די פראַגע. נישט מ'דאַרף אָוועקשטויסן די וועלט צוליב אידעאַלן, נאָר מ'דאַרף זי פאַרשטיין. עס בלאָנדזשעט נאָר דער, וואָס גיט געזעצט דער אָפּגעשטויסענער וועלט. מ'טאָר נישט דערהרגענען די וועלט פאַר זיך און צוליב דעם אייגענעם א י ך, צוליב דעם, אַז נאָר די פּערזענלעכע זאָלן עס זיין די הייליקסטע איבערצייגונגען, און מ'טאָר אויך זיך נישט דערהרגענען צוליב דער וועלט. דאָס וועט זי סיי ווי טון, ווען מ'וועט אונדז באַגראָבן אין דר'ערד. ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז אונדזערע געדאַנקען זאָלן אַריינוואַקסן אין דער וועלט, אין די טיפענישן פון לעבן, אַז זיי זאָלן אַרבעטן דאָרט אינעווייניק.

ער האָט שטודירט דאַמאָלס העגעלן, ער האָט זיך געהיילט דערמיט, ווי ער פלעגט זאָגן.

— איך האַלט — האָט ער געזאָגט — אַז יעדער געוויסנהאַפטער רעוואָלוציאָנער דאַרף דורכשטודירן לכל הפּחות ה ע ג ע ל ס פ י ל אָ ז אָ פ י ע פ ו ן ר ע כ ט. ווען ער וועט דורכבייסן דאָס דאָזיקע האַרבע בוך, וועט קעמפן דערמיט, וועט ער אַרויס פון דעם דאָזיקן קאַמף, ווי אַ ריטער, געטובלט אין דעם דאָזיקן וואַסער, אומבאַרירט און אומבאַזיגבאַר.

מיך רופט מען איצט אַן אָפּאָרטוניסט. איך פאַרזיכער דיך, עס איז אַ בלוטיקער אָפּאָרטוניזם קיינמאָל נישט צו גיין, ווו דער אימפּעט טרייבט די איינרעדעניש, דעם קאַפּריז; צו וויסן, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט איבערטרעטן איבער דער שוועל פון דיין איגע־נערווירקלעכקייט. דו מיינסט אפשר, אַז עס איז לייכט צו דענ־קען, צו אַרבעטן, צו לעבן אינם שאָטן פון זייערע תּליות מיטן געדאַנק, אַז זיי קומען דאָרט אום צענדליקערווייז אין די קאַזע־מאַטן פון דעם פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג און מען מוז עס, מען מוז.

— געדענקסט סאָלאָוויאָוס צוואה? — האָב איך אַ פרעג געטון.

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ...

— עס איז שווער אויסצופירן צוואות. דאָס לעבן קערט זיך נישט אום, עס פאָלגט נישט אונדזער ווילן: דאָס לעבן שאַפט היינט כּסדר נייע פאָרמען: עס אַרבעט תּמיד אין זיין אייגענער ריכטונג, עס אַרבעט כּסדר פאַר זיך אַליין.

אין צוויי טעג אַרום בין איך געפאָרן אויף אַ דראָזשקע איבער די פּעטערבורגער גאַסן. פּלוצלינג איז עמעץ אַרויפגע־שפּרונגען, אַ כאַפּ געטון מיך באַ דער האַנט — געווען איז עס דער שפּיאָן פּאָגעל. ער איז געזעסן מיט אַ שווערן אָטעם: עס איז אין ערגעץ נישט געווען קיין פּאָליציאַנט. איך האָב אים לייכט געקענט אַראָפּשליידערן אויפן ברוק. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן — דערלויבט מיר אייך צו כאַפּן, מען וועט אייך סיי ווי נעמען, לאָמיך עס טון — מען וויל מיך אַרויסוואַרפן, איך האָב אַסטמע, מיינע קינדער האָבן שקראַ־פול. דערלויבט מיר, איך זאָל... די קינדער וועלן בעטן פאַר אייך. — און ער האָט אויסגעהויבן מיין האַנט צו די ליפּן.

— לאָז אָפּ! — האָב איך אויסגעשריגן. — נעם מיך און שווייג!

אויפֿן ראָג פֿון דער צווייטער גאַס איז געשטאַנען אַ פּאָ־ליציאַנט. פּאַגעל האָט אַ ווונק געטון צו אים. אַלץ איז געווען געענדיקט.

IN HAC TUMBA

XXI

ווען מ'האָט מיך שוין נאָך אַלעם, נאָך דער עקלהאַפטער געריכט־קאָמעדיע, נאָך די לאַנגע טעג פון אומזיניקן וואָרט, נאָך דער נסיעה אין דער פינסטערער קאַיוטע פון שיף, אַרויסגעטראָגן ענדלעך אויפן ברעג און אַריינגעפירט אין פעסטונג, ווען מ'האָט מיך שוין איבערגעלאָזט אַליין אין קאַמער — איז עפּעס טיף אין האַרץ איינגעפאַלן, ווי די דעק פון אַ בר־מינס קאַסטן, ווי די דעק, וועלכע האָט געוואַרט אויף דער ווײַלע, ביז ס'וועט זי שוין עמעצער פאַרהאַקן אויף שטענדיק.

ענדלעך.

די שליסעלבורגער תפיסה. מיר רעדן אַרויס גאַנץ רויִק דאָס וואָרט: תפיסה. מיר פאַרשטייען נישט די באַדייטונג, וועלכע שטעקט אין דעם: אויף דער אויבערפלאַך פון לעבן וועלן בלייבן דײַנע מעשׂים. דאָס, וואָס דו ביסט געווען, איז שוין דאָרט. דאָ וועסטו בלייבן איינער אַליין, אויף אייביק אַליין מיט דעם אומגעענדערטן, אייביק דעם זעלבן, נאַקעטן זכרון, וועלכן ס'וועט קיין זאַך נישט אָפּפרישן. דו וועסט קוקן שעה־איין שעה־אויס, טאָג־איין טאָג־אויס

כסדר, ווי ס'ווערט פאַרשטיינערט, ווי ס'צעפאַלט זיך אַלץ, וואָס דו ביסט געווען.

אַ מענטש, וועלכער האָט דאָס נישט דורכגעמאַכט, ווייסט נשט וואָס דאָס הייסט אַזוינס דערמאָגען זיך, דערמאַנען זיך כסדר.

דער געדאַנק גיט זיך אַ וואָרף לכתחילה אויף דער רייכקייט פון די פאַקטן, געפילן, אַמאָליקע איבערלעבונגען, ס'דאַכט זיך אים אַז יעדער איינער פאַקט, יעדער שטריך איז אַן אומדערשעפּטער אוצר. אַלץ איז פאַספאַריזירט, פינקלט.

און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פאַרשווינדן די דאָליקע עשירות. ס'ווערט פאַרגליווערט אַלץ, וואָס איז נאָך מיט אַ ווײַלע פריער פאַרבייגעפלאָסן פאַר אונדזערע אויגן, געפּונקלט, געציטערט, וויבּרירט. ס'איז אוממעגלעך עפּעס אַרויסצוקריגן פון די זכרונות. זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ באַרג עקלהאַפטע שטיינער, זיי ווערן ווי אַ געלער הויכער פאַרקן, וואָס שטייט האַרט באַם פענסטער. מ'זעט זיי: זיי קריכן אַריין אין האַרץ, אין די געדאַנקען, מ'קען זיך פון זיי נישט באַפרייען.

— דאָס איז נישט קיין תפיסה, נאָר אַ קבר — האָט געזאָגט איינער אַ הויכער באַאַמטער, וואָס האָט באַזוכט שליסעלבורג אין צוויי טעג אַרום נאָך מיין קומען.

פאַרוואַנדלען דאָס לעבן פון אַ מענטש אין אַ פאַרבלאָזן פליסן פון מינוטן, אין אַ כסדרדיקן פליסן פון צייט. מ'קען אויף קיין זאַך נישט אָפּשטעלן די געדאַנקען. די טעג און די שעהן פליסן דורך אַן אייגדרוקן. באַנאַכט קומען חלומות. דאָס איז די שרעקלעכסטע זאַך — די תפיסה־חלומות, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט.

די געדאַנקען קענען זיך לאַנג, לאַנג נישט באַרויקן און איינגעשטילט ווערן... — זיי זענען תמיד אויף דער וואַך, אָנגעווײַנד, כאַטש מיט קיין זאַך נישט פאַרנומען, זיי זענען ווי אַ דומפּיקער ריח, וועלכן ס'איז אוממעגלעך צו פאַרטרייבן. ענדלעך באַפאַלט אַ שלאָף.

ס'חלומט זיך אַ חלום.

אין פאַר מיט אַלטע איבערן טאָפּאָלאָווער וואַלד, יונגע

בעריאָזקעס שטייען ווייס, צעשמייכלט, דער בלויער הימל נעמט אַלץ צערטלעך אַרום. מיר פאָרן אומגעהייער גיך. מיר זענען פאַר־בייגעפאָרן דאָס זייטיקע געסל לעבן אַלטן בית־עולם. אויפן ראָג שטייט אַ פיגור אין אַ צימרינג־ברוינעם מאַנטל. זי האָט זיך געזעג־נט פון יענער צייט אָן נישט צום דערקענען. כ׳קוק מיך צו, ענדלעך זע איך. דאָס איז דאָך דער פעטער פלאָריאַן, דער פע־טער פלאָריאַן איז געוואָרן אַ הייליקער, דאָס וווּנדערט מיך גאָר־נישט.

מיר פאָרן, מיר פאָרן אַלץ ווייטער, מיר זענען שוין פאַר־בייגעפאָרן דאָס דאָרף. דאָ דאַרף זיין דער הויף, ס׳איז נישטאָ קיין הויף. כ׳בין אומרויק, ווו־זשע איז אַהינגעקומען אונדזער גרויס, ווייס הויז? און פלוצלינג זע איך, אַז איך בין דאָך שוין אינעם גרויסן אַמאַראַנטענעם צימער. דער אַלטער טיכאָן גייט אויף די שפיץ פינגער.

— פּאַניטשקי, מ׳קען נישט — זאָגט ער, ווייזנדיק אויף דער טיר — דער פאַן צעלעסטין מיטן פאַן אויגוסטין שפּילן אין קאָרטן.

טיכאָן שטייט בײַ דער טיר — מ׳הערט ווי זיי טאַשן די קאָרטן.

— נאַרישקייטן — זאָג איך — אַלטער, טויטע גייען נישט אַרום איבער דער וועלט.

— בלויז נאָר איינפאַכע טויטע — זאָגט טיכאָן — אונדזער פאַן האָט אויך נישט געוואָלט שטאַרבן, — דער פאַן דזשעדזשיץ, דער פאַן אָקטאַוויאַן, און פונדעסטוועגן האָבן מיר אים אַוועקגע־טראָגן אויפן בית־עולם.

— ער האָט נישט געוואָלט? — פרעג איך, און פלוצלינג פיל איך, אַז די האָר שטעלן זיך מיר אויפן קאָפּ.

אָט בין איך אויף אונדזער דאָרפישן בית־עולם.

אָט דאָס קבר איז דאָ נישט געווען.

ס׳איז נאַכט, אַ לבנה־נאַכט, אַ ליכטיקע, דער נאַכטיגאַל זינגט.

— אין אַזאַ נאַכט האָט מען אָשינסקין אויפגעהאָנגען — זאָגט הינטער מײַנע פּלײצעס ציפּריאַנאָוו.

— ציפּריאַנאָוו לעבט דאָך נישט — דערמאָן איך מיך — כ׳וויל ווײַטער נישט קלערן.

כ׳זע בלויז דאָס קבר.

און פּלוצלינג זע איך, אַז ער ציטערט, די שטײנער רוקן זיך פונאַנדער, ס׳רוקט זיך אַרויס דורך דעם שפּאַלט אַ האַנט, זי כאַפּט די שטײנער, די ערד, און זי וואַרפט, וואַרפט. די האַנט כאַפּט אַלע ווײַלע אַ פרישן הויפן ערד און וואַרפט אים, ס׳שיט זיך אויף איר די ערד פון קבר.

כ׳פיל, אַז כ׳שרײַ און כאַפּ מיך אויף באַגאָסן מיט שווייס. כ׳דערקען נישט לכתחילה מײַן קאַמער: כ׳קוק אַרום מיר מיט אַ פאַרגליווערטן בליק. אין האַרץ האַקט ווי מיט אַ האַמער.

ס׳גייט דורך אַ לענגערע ווײַלע. ענדלעך פאַרשטיי איך, אַז דאָס קלאַפּן, וואָס איך הער, קומט פון אַ צווייטער קאַמער.

דאָס קלאַפּט מישקין.

מיר האָבן זיך דאָ געטראָפן, אין אַזוי פיל יאָרן אַרום.

כ׳שטיי אויף און גיי צו צו דער וואַנט.

מישקין קלאַפּט:

— וואָס איז מיט דיר? האָסט געשריגן.

כ׳ענטפער: אַ קאָשמאַר.

מישקין האָט קורץ אָפּגעקלאַפּט:

— ס׳איז גאָרנישט, גאָרנישט, כ׳פאַרשטיי.

דער קאָשמאַר איז אַריבער, צי ער דויערט נאָך?

די געדאַנקען ווילן נישט פאַרשטיין.

וואָס הייסט: איך וועל קיינמאָל נישט אַרויס פונדאַנען? קיינמאָל וועל איך שוין פונדאַנען נישט אַרויס: דאָ וועל איך שוין זיצן ביז דער לעצטער שעה. אין אָט דעם אויסגעמויערטן אויסגעווייסטן קבר. אייגער אַליין מיטן אָנדענק פון דעם, וואָס קערט זיך שוין נישט צוריק.

כ'זעץ מיך אויף אויפן געלעגער און זאָג.

— אַט זעסטו, מיין אַלטעטשקער, מיר איז אויך נישט בעסער.

באַ דיר רוישן די ביראָזעס צוקאַפּנס.

דיר זינגען די בינען צוקאַפּנס, ס'וויגן זיך גאָלדענע זאַנגען באַ דער סטעזשקע. באַ דער סטעזשקע פון יענעם פעלד, ווו דו ליגסט, ציִען זיך גאָלדענע תבואות, אַ וואַרעמער ווינט בלאָזט איבערן קבר. דו הערסט. ווי עס רוישן די זאַנגען. זיי שעפּטשען באַגינען אין אָוונט, ווען ס'פאַלט דער טוי. יעדע שטים פון לעבן איז אַנדערש. אין יעדער שעה פון טאָג בייגט זיך אַנדערש דאָס גרעזעלע. וואָלקנס גייען דורך איבער דיין קאָפּ. דו פילסט די זון און דאָס ווינטל. די היץ און דעם שאָטן.

דאָ איז אַלץ דאָס אייגענע. תמיד אַלץ דאָס אייגענע.
דער טויטער, קאַלטער טייך פון צייט פליסט.
האַרץ, וואַרט ביז דיין צייט וועט אַריבער.

האַרץ, וואַרט, ביז דו וועסט אַ שטיין ווערן.
האַרץ, האַרץ, אין נישטיקייט פאַרוואַנדל דיך.

אין הוילער נישטיקייט, ווי דאָס לעבן, וואָס פליסט דאָ דורך, טראָגנדיק שעהן פוסטע, טויבע און בלינדע.

די געדאַנקען שפּאַטן, שפּאָטן.
ס'גייען אַרום איבער דער וועלט געשפּענסטער.
ס'וויינען מחשבות אונטער די פענסטער
מחשבות גייען אויף אַלטע בית עלמינס.

גייען דאָרט, ווו ס'ברענען שטעט.
גייען דאָרט, ווו זיי זענען געליבט געווען.
קומען דאָ אונטער דער מויער פון דער וועלט. אַהער —
און זיי שפּאָטן.

איך יועל קיינמאָל שוין נישט זען קיין פעלדער, איך וועל קיינמאָל שוין נישט הערן, ווי ס'קלינגט די קאָסע, בשעת ס'שאַרפט זי אויפן פעלד דער יונגער דאָרפישער גבור. ער ווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן, בייגט זיך איבער דער קרוג איין.

כ׳וועל נישט זען. כ׳וועל שוין קיינמאָל נישט זען.
איבער פעלדער גייט די זון אונטער.
שעפסן בעקען, גייענדיק פון פעלד.
ס׳שטייגט אויף פון די כאַטעס דער רויך
און ס׳חלומט זיך ווידער אַ חלום.

איך גיי מיט אַ קאָסע אין דער האַנט איבער אַ סטעזשקע אין פעלד. ס׳איז אָוונט, כ׳גיי באָרוועס און פיל דאָס פייכטע ווייכע גראָז אונטער די פיס, און האָב דערפון הנאה, כ׳גיי און קלער וועגן קיין זאַך נישט.

כ׳וועל מיך בלויז דערמאַנען, ווי כ׳האָב גענומען די קאָסע און איצט זע איך, אַז כ׳גיי נישט אַליין. עס גייט לעבן מיר אַ פרוי אין אַ טיכל אויפן קאָפּ, זי גייט און זינגט עפּעס. כ׳הער ווערטער פון אַ לידל, וואָס קלינגען מיר נײַ:

מײַנע ליפּן, ווי מאָן-בלומען גליִען,
די טרוימען ווי פלאַקס זענען בלוי,
ס׳איז דער סוף פון געדאַנק תמיד אייבער,
די קאָסע פון טויט שניידט אַלץ אָפּ.

— נישט זי זינגט עס דאָך דאָס — דאָס איז דאָך סאַבלינס ליד.

— און ווו איז סאַבלין? — פרעגט די פרוי און הייבט נישט אויף דאָס פּנים.

כ׳קען מיך נישט דערמאַנען, ווי סאַבלין איז, כ׳ווייס אפילו נישט, ווער ער איז. אומזיסט באַמי איך מיך זיך צו דערמאַנען.

און פלוצלינג זע איך, ס׳גייט מיר עמעץ אַנטקעגן; ער גייט, און די אונטערגייענדיקע זון קוקט אים אַריין אין די אויגן. כ׳קען דאָס דאָזיקע פּנים נישט דערקענען. ווייל ס׳פלאַמט אַזוי אין דער שיין, אַז דער גלאַנץ דערפון בלענדט די אויגן.

— דאָס איז סאַבלין — זאָגט די פרוי.

אָבער דער מענטש גייט פאַרביי לעבן מיר. ער שמייכלט און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָס איז דאָך וואָראַנסקי — קלער איך.

און וואָראַנסקי דרייט אויס דעם קאָפּ און זאָגט:

— קוזניעצאָוו האָט אומגעקערט די צייט.

— איך וואַרט דאָ אויף סאַבלינען — ענטפער איך — איך דאַרף אים אָפּגעבן זיין ליד.

— טויטע דאַרפן נישט קיין לידער — זאָגט וואָראַנסקי. כ׳דערמאַן מיך, אַז כ׳האָב וועגן דעם אַלעם נישט געוואָלט טראַכטן.

— גייט אַוועק — שריי איך — איך וויל לעבן מיט דער ...אַטור, האָסט דאָך געזען, אַז איך גיי מיט דער קאָסע...

און כ׳דערמאַן מיך ווידער, אַז דאָס אַלץ איז שוין געווען. כ׳האָב ערגעץ געזען דאָס אַלץ.

— ביסט אַ נאַר — זאָגט מיכאַילאָוו — דאָס האָבן מיר אַליין צוגעזאָגט צו מאַכן אַ שניט־יום־טוב, זי זאָל זיין די מלכה. געדענקסט...

און אין דער רגע כאַפּ איך מיך ווידער אויף.

ס׳ברענט ווידער דאָס זעלבע פייער.

אָליאַ לעבט שוין נישט, איך געפין מיך נאָך אַלץ אויפן גרונט ...ון דער נישטיקייט.

מישקין קלאַפּט ווידער.

— וואָס?

— כ׳קען נישט שלאָפן. מ׳דאַרף מאַכן אַ סוף.

— מיט וואָס? — פרעג איך.

— מיט אונדזער לעבן. זיי טאָרן אונדז נישט האַלטן פאַר... ...אַרט.

— וואָס הייסט?

— ס׳איז דאָך דאָ אַן אויסוועג — קלאַפּט ער.

כ׳ענטפער: אַליין ווילסטו?

מישקין האָט קורץ אָנגעקלאַפּט: ניין.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער ווידער צוגעגאַנגען: כ׳מוז דער־הרגענען.

כ׳געדענק, אַז כ׳האָב מיך נישט געוווּנדערט קיין איין רגע. ערשט שפּעטער האָבן מיך די געדאַנקען איבערגעשראָקן, אַז אַזאַ זאַך זאָל מיר קענען אויסזען מעגלעך.

די נערוון האָבן זיך אײַנגעלעבט מיט אַלץ. מײַן גאַנצער מהות האָט זיך נישט געשראָקן, נישט געחידושט זיך אויף קיין זאַך.

In hac tumba.

איצט האָבן זיך מיר צונויפגעפּלאָנטערט אַלע דערינערונגען פון דער צײַט און זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין אײַנטאָניקן שטרײַף פון לאַנגווײַל, אין וועלכן עס איז נישט געווען קיין האָפענונג און קיין געפילן אָפּרו.

עס האָבן זיך אין אַ שטיינערנעם קבר געמאַטערט מענטשן. פון אויבן האָט אַראָפּגעקוקט דער טויט און מער גאָרנישט.

שטיל פליסט איבער אונדז דער טויט.
שטיל, אָן רעש אַזוי ווי די צײַט.
עס פליסן כוואַליעס, וואָס זען אונדז נישט.
עס פליסן כוואַליעס פון צײַט, און זיי שפּאָטן.
אַפילו דער טויט וועט אונדז נישט באַפרײַען.

מיר זענען טאַקע געווען אַרויסגעשליידערט פון דער צײַט אין עפּעס אַ טויטע פּוסטקייט אַרײַן, ווי עס געשעט קיין זאַך נישט.

איצט קען איך נישט געפינען קיין שום גרענעץ־סלופּעס פון יענער צײַט, וועלכע כ׳האָב איבערגעלעבט. און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז אַלץ איז געשען אין עפּעס אַ משונהדיק לאַנגער ווינטער־נאַכט, אַז כ׳בין געשלאָפן און האָב מיך געוועקט פון אַ קאָשמאַר. כ׳פלעג ווידער אײַנשלאָפן און ס׳פלעגט מיך ווידער שטיקן אַ געשפּענסט.

ס׳איז זיך דאָך שווער פאָרצושטעלן עפּעס אַזוינס.

מענטשן טאָרן נישט אויסרעדן אָן אַ ציטער דאָס וואָרט: „אײביקע תפיסה“. זיי קענען נישט דעם אינהאַלט פון דעם. זיי

רשרן חעבן עפעס אזוינס, וואָס איז זיי אומבאַקאַנט, די, וואָס האָבן געשריבן בעזעצן, האָבן נישט געוווסט, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט באַטייט. ווייל זיי האָבן נישט איבערגעלעבט די זאַך אַליין, האָבן זיי קיין רעכט נישט צו געברויכן דאָס דאָזיקע וואָרט.

אונדזערע מעשים לעבן אויף דער ערד.

ס'גייען ערגעץ אויף פון אונדזערע זוימען גראָזן.

ס'פאַלט דער טוי אויף די גרינע פעלדער.

די זון וועט אויפגיין.

גאָלדענע זאַנגען וועלן זיך וויגן אויף די פעלדער. די נשמה אונדזערע וויגט זיך אין גאָלד, די נשמה אונדזערע לעבט דאָרט אין זון.

די זריעה מוז אָפּשטאַרבן פריער.

אָבער דאָרט קומט נישט פאַר דאָ — נישט דאָ אַלץ, וואָס לעבט, איז דאָרט, אויסער אונדז.

דאָ וואַרט פּשוט דער טויט, ביז ס'וועלן איינשלאָפן די געדאַנקען, ער זאָל קענען אַרויסוואַרפן דעם גוף.

דער טויט גייט איבער די קאָרידאָרן.

ס'גייט אַ שילד־וואַך אין גרויען שינעל. דורכן פענסטערל קוקט ער אַריין.

לעבסט נאָך, אָטעמסט נאָך, וועגן וואָס טראַכסטו, בלויז איך בין דאָ.

קיינער וועט שוין נישט פאַרטרייבן דעם טויט — די שילד־וואַך.

און דאָס איז דאָך געווען דער ריינער אמת.

מ'האָט דאָ געוואַרט נישט מער, ווי אויף אונדזער טויט.

אָט דער גאַנצער בנין, אַלע איינריכטונגען, די מענטשן, וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט, האָבן געהאַט דאָס איינציקע פאַר זייער ציל: צו וואַרטן, ביז מיר וועלן שטאַרבן.

שפּעטער זאָל מען דאָ האָבן געמאַכט ענדערונגען.

מ'האָט מיך איבערגעפירט אין אַן אַנדערע קאַמער. מיינע האָט מען רעווידירט דערווייל.

איצט בין איך געווען אין שכנות מיט סיעוויעראַוון.

סיעוויעראָוו איז געווען פֿאַרטאָן אין אַ גרויסער געדאַנקען־אַרבעט. דאָ האָט דער דאָזיקער מוח, וואָס איז פֿאַרמשפּט געווען פֿאַרשטיינערט צו ווערן, געשאַפֿן אַ גרויסע פֿילאָזאָפֿישע טעאָריע: ער האָט אין קאָפּ צונויפֿגעשטעלט אַ גאַנצן טראַקטאַט וועגן געבוי פֿון שטאָף, אַ טראַקטאַט, וועלכער האָט געהאַט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו שאַפֿן אַלגעמיינע טעאָרעטישע יסודות, אויף וועלכע עס וואָלט זיך געקענט שטיצן די איינהייטלעכקייט פֿון כעמישע, אַסטראָנאָמישע און פֿיזישע פֿאַרשונגען און באַגריפֿן.

גליקלעך זענען די מענטשן, וואָס האָבן די קראַפֿט פֿון דענקען, וואָס מאַכט פֿאַר זיי מעגלעך אין יעדן מאָמענט שטענדיק און אומעטום זיך צו באַפֿרייען פֿון דער מאַכט פֿון צייט.

דער סיעוויעראָוו, וועלכער איז דאָ געזעסן פֿאַרשפּאַרט, דער סיעוויעראָוו אין דער קורטקע פֿון אַן אַרעסטאַנט, דאָס איז געווען בלויז אַן אָנשטעל, אַ צופֿאַל, עפּעס אַן אויסערלעכע זאַך. דער אמתער סיעוויעראָוו, דער ווירקלעכער, האָט זיך געפֿונען אין זיין אייגענער וועלט, וועלכע ער האָט זיך געשאַפֿן מיטן געדאַנק.

די געטלעכע קראַפֿט פֿון וויסנשאַפֿט און געדאַנקען.

מען האָט אים דאָך אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט.

ער האָט דאָ געזאָלט אומקומען און פֿאַרפֿוילט ווערן, ווי אַן איבעריק, שעדלעך, אַנגעוואַקסן שטיק אויפֿן קערפּער פֿון דער מענטשהייט. עס האָבן אים אָפּגעטיילט פֿון דער לעבעדיקער וועלט די תּפֿיסה־מויערן, די וואַך און די פֿאַרבאָטן, וואָס זענען אומזיניק געווען אין דער אכזריות זייערע.

און ער האָט דאָך געאַרבעט.

ער האָט געאַרבעט און געלעבט מיט דער מענטשהייט, וועלכע האָט אים נישט געזען. אַלץ, וואָס זיין געדאַנק וועט שאַפֿן, וואָס ער וועט באַווייזן אויפֿצונעמען, וועט בײַ אים שאַפֿן דאָס געפֿיל, אַז ער איז אין אַ דרום אמת צונויפֿגעבונדן מיט די אַלע וואָס זוכן אים.

מען וועט דערהרגענען דעם געדאַנק, מען וועט אים נישט לאָזן אַרויסלאָזן פֿון די תּפֿיסה־מויערן. ער ווייסט אָבער, אַז ער אַרבעט, אַרבעט ביז דער לעצטער שעה, אויף וועלכער ער האָפֿט

נאָך, אַז ער וועט נאָך אַרויסגיין, און ער וועט נאָך קענען זאָגן די מענטשן דאָס, וואָס די געדאַנקען האָבן אויסגעשמידט.

אין דער שטילקייט פון די שטערן הער איך מיך איין, נישט אינעם שרעקלעכן סקריפען פון דער צייט, וואָס צעדריקט הערצער און לעבנס.

די צייט איז נישט ליידיק.

אויסערן מענטשלעכן געדאַנק, אויסערן לעבן גייט אַ גרויסער אומויפהערלעכער פּראָצעס פון געבוירן און שאַפן וואָס אַמאָל נייע פאָרמען.

איך הער מיך איין אין אָט דעם גערויש, אין דער מערק־ווירדיקער שפּראַך פון טויטן שטאָף און לערן מיך פאַרשטיין די גרויסקייט און טיפקייט פון לעבן אויסער אונדז.

איך לערן מיך פאַרשטיין דאָס לעבן אין די פאָרמען זיינע, וועלכע זענען אונדז צום מערסטן ווייט און פרעמד. די באַוועגונג פון אָט די לויכטנדיקע ריזיקע וועלטן איבער אונדזערע קעפּ, דער גלייענדיקער ריז — די זון, די שטילע לבנה, די ימים, וואָס רוישן אין דער ווייט און דער אומענדלעכער שטח אין יעדן שטוי־בעלע פון שטאָף: דאָס אַלץ באַווייזט מיר, אַז אומענדלעך גרויס איז דאָס לעבן אויסער אונדז. טויט זעט אונדז אויס דאָס לעבן, וואָס מיר פאַרשטייען נישט. טויט רופן מיר אָן דאָס לעבן, וואָס מיר זען נישט. די גאַנצע וועלט איז עפּעס אַ העפטיקער קאַמף פון אומבאַהערשטע פאָרמען. דער מענטש איז איינער פון זיי, מיטן געדאַנק באַמיט ער זיך אַרומצונעמען דאָס לעבן אויסער אים. ער לעבט תמיד אין דער זעלבער וועלט, אין אַ וועלט, וווּ דער גע־דאַנק האָט שוין געמאַכט אָרדענונג.

— מ׳דאַרף האָבן אַ סך היימען — האָט טיעוויעראָוו גע־קלאַפּט. — מ׳דאַרף זיין אומשטאַנד שטענדיק מיטן געדאַנק צו ענדערן די היים. די שטערן און די נעפּלען, דאָס שאַפן זיך פון וועלטן פון דעם כאָאָס, אומגלייבלעכע וועלט, פון וועלכער ס׳איז אַרויס דאָס ערשטע ברעקלעלע פּראָטאָפּלאַזמע, דאָס אומבאַגרייפ־לעכע לעבן פון כעמישע ענדערונגען, דאָס זענען אַלץ מיינע מקום־מקלטס. דאָרט בין איך זיכער. צוריקגעקומען פון דער וועלט אונ־

טערן ים. ווו ס'זענען אומגעקומען גאַנצע מיליאָנען פּאָליפּן, וואָס האָבן געלאָזט זיך אויפהייבן פון זייערע טויטע קערפּערס גאַנצע בשוֹת אין פעלזן: בין איך רויק. מ'דאַרף קוקן אויף זיך אַליין פון דער זייט פונם גרויסן „נישט איך". אפילו כעמיע, אפילו אַס-טראָנאָמיע לערנען אונדז אויך מאָראַל. זיי לערנען אונדז זיין גלייכגילטיק צו זיך.

כ'האָב אָנגעקלאַפּט; מ'קען נישט אויפנעמען דאָס לעבן, זיך אונטערגעבן.

ער האָט מיר געענטפערט אַזוי; דער פּאָליפּ שטאַרבט, אָבער ער טוט דאָס זייניקע, ער הייבט אויף אויף איין נישט זיכטבאַרע ליניע די שיכט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער אָנגעקלאַפּט.

— מ'דאַרף פאַרייניקן אָט אָ די צוויי געדאַנקען: אונדזער אייניציקייט מיט דער אַלוועלטלעכקייט. מ'דאַרף זיך איבערלעבן און גלייכצייטיק וויסן, וואָס דאָס איז פון דער זייט פון אַ ל צ ד י נ ג.

ווען עס באַווייזט זיך אַזאַ פּאָעט ווי דאַנטע, וואָלטן זיינע וואַנדערונגען געווען טיפערע. ער וואָלט געמוזט ווערן כסדר אַן אַטאָם, אַ פּאָליפּ, אַ געוויקס, אַ ווילדער מענטש, אַ געלערנטער, אַן אַרטיסט, אַ מענטש פון מעשים. און דאָס אַלץ צוזאַמען ברענגען צו אַ הסכם און באַגעגענען.

איך האָב געקלאַפּט: רעד!

און ער האָט גערעדט ווייטער:

— איך ליב די ריזיקע וועלט, וועלכע איך קען נישט. איך ליב יענע פאַנטאַזירנדיקע וואַסער-מרחקים, וועלכע עס האָט נאָך נישט געזען קיין שום אויג, איך ליב אָט דאָס וואונדערלעכע וועקן זיך פון לעבן אויפן גרונט איז דען דיר נישט באַנג, וואָס דו וועסט דיך נישט דערוויסן שוין מער קיין זאַך נישט פון אָט דעם לעבן, וואָס שוימט אויפן גרונט פון אָקעאַנען, פון די אַלע ים-געוויקסן, וועלכע זענען שענער געווען, ווי יעטוועדער פּאָעזיע, מוּזיק, געזאַנג. ווי אָרים איז די יבשה און מיר, די יבשה-בריאים אין פאַרגלייך מיט דער ים-וועלט, איבער וועלכער עס לויפט דורך, נישט וויסנדיק, אַן אָרים שיפל פון אַ מענטש, וואָס איז פאַרנומען

תמיד מיט זיינע אייגענע ענינים. דאָס, וואָס לעבט אין אים, זיין בענקשאַפט, זיין זכרון, זיינע פאַרלאַנגען, דאָס שטאַרבט. די דער־שיינוגגען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין זיין מענטשלעכן הארץ, פאַרשטעלן פאַר אים תמיד דיווירקלעכע וועלט. זיין אָביעקטיוו, נישט טראַכטן וועגן זיך, קיין זאַך נישט וועלן. פאַרגעסן אַפילו, אַז מען איז אַ מענטש. דאָרט האָב איך שוין באַצאָלט אַלץ, וואָס איך האָב געקענט, אַלס מענטש: איצט מעג איך נישט וויסן, וואָס עס איז אַזוינס רוסלאַנד, די מענטשהייט, די פּראָבלעמען פון אונדזער מענטשלעכן לעבן. איך קען מיר אַריינדרונגען מיט די רעיונות אין דער וועלט, וואָס קען אונדז נישט. ווילסט זיך מתוודה זיין אין דיינע עבירות. גיי און זאָג וועגן אונדז, וועגן אונדזערע זינד די קאָראַלן־אינדזלען, די ים־געוויקסן. דאָס איז דאָך אויך לעבן. אַלץ לעבט אויסער אונדז. עס לעבט פּונקט אַזוי ווי מיר. אַט אַזוי לערנט מען זיך פרייהייט און זוניקע זאָרגלאָזי־קייט.

איך ליב אָט די זאָרגלאָזע, ריזיקע וועלט. איך ליב די שיין פון די שטערן איבער די כוואַליעס פון ים, איך ליב אַלץ וואָס איז פרעמד, מעכטיק, ריזיק.

מיין היים איז אומעטום, ווו עס איז נאָר דאָ דער געדאַנק. איך זאָג צו די זוניקע שטויבעלעך מיט אַ שמייכל: מיר אַרבעטן אינאיינעם: זיי וויסן נישט פון מיר, איך ווייס נישט פון זיי, אָבער ווייט ערגעץ גיסן מיר זיך צונויף, מיר און זיי. איך — און דאָס לעבן פון דער פאָרמעלער פּראָטאָפּלאַזמע, וואָס פורעמט זיך אויס אין פאַנטאַסטישע, דורך דעם משוגעת פון ים אויסגעטראַכטע פאָרמען.

— דו ביסט אַ גליקלעכער — פלעג איך זאָגן, — דיינע מחשבות דרינגען טאַקע ווי דאַנטעס גייסט אין די טיפענישן אַראָפּ, אין טיפענישן, וועגן וועלכע דאַנטע האָט נישט געטרוימט. דו ביסט באַ זיך אַליין דאָרט, ווו דו ענדיקסט דיך, ווו ס׳וואַרט אויף דיר קיינער נישט. צווישן די שטערן, אין דער באַוועגונג, אינם טאַנץ פון די אַטאָמען, וועלכע שאַפן אַלץ, וואָס קעמפט.

און ווער פֿון אונדז ווייסט, וואָס עס איז דאָרט אין דעם רײַזיקן רוים, וואָס שפּרייט זיך אויס פֿאַרן געדאַנק, אין די קלענסטע שטויבעלעך פֿון שטאָף. דאָרט זענען מיר בײַ זיך אינדערהיים. עס איז דאָ אַ תּפֿיסה? סאָקאָלאָוו? דער צאַר אין רוסלאַנד? די קירך? מענטשן? דאָרט איז אַזאַ קילע שטילקייט, אַזאַ ליבער, פֿרישער טאָג, דאָרט איז די אייביקע רו.

דו ביסט אַ גליקלעכער — האָב איך איבערגעחזרט.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. דאָ האָט געקענט לעבן נאָר אַזאַ איינער, וואָס האָט געהאַט אַ ווי פֿיל היימען, ווי סיעוויעראָוו, דער, דאָס איז נישט געווען צונויפֿגעוואַקסן אין די געדאַנקען מיט דער מענטשלעכער פֿאָרם, מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער עקזיסטענץ, דער „וואָס האָט נישט איבעריקנס אײַנגעקלעמט זײַן אַ י ך" אין אינערלעכע ווידערשפּרוכן און ספקות.

פֿאַר מיר האָבן נישט געשײַנט די פּאָלאַר־שטערן פֿון געדאַנקען, איך האָב נישט געקענט בלאָנדזשען אינם רוים פֿון די קלייניקע איבערשאַפּונגען.

איך בין געווען איינער אַליין מיט מײַן מענטשלעכן גורל.

איך קען אײַך נישט, ברואים און שטערן, איך קען אײַך נישט, אײַך, וואָס איר זענט אויסער מיר; דאָרט איז גאָרנישט. איך בין איינער אַליין אָן אַ האָפֿנונג, אָן אַ שוץ. קיין זאַך וועט זיך נישט אַרײַנרײַסן אין מײַן פּוסטקייט. מיט זיך אַליין, פֿאַרמאַכט, ווי אײַנגעפּאַסט אין אַ שטיין, ווערט פֿאַרבערנט דאָס האַרץ.

איך האָב געוואָלט זאָגן: איך בין געווען. קיינער וועט מיר נישט אָוועקנעמען דאָס, וואָס איך בין געווען. אויף אייביק לעבט אין מיר דאָס אַלץ. אין מײַן זכרון גייען זיי בײַ מיר אַלע אַרום — די פֿרײַנט, די חברים, איך אַליין אין די יונגע יאָרן.

דאָס איז אַ ליגנט.

וואָס־זשע דאַרף האָבן אַ מענטש? וואָס וויל ער?
לעבן? ווייס איך דאָך, אַז עס וועט זיך ענדיקן.
ליבע פֿון אַ לעבעדיקן מענטש?
סיי דו, וואָס ליבסט, סיי דו, וואָס ביסט געליבט, איר זענט

גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער פוסטקייט, איר זענט שפּילע־לעך אין עפּעס אַ שוואַרצער האַנט.

וואָס־זשע ווילסטו ?

צי איז טאַקע עפּעס דאָ אַן אונטערשיד צווישן לעבן פון לעבעדיקע מענטשן און אונדזער גסיסה אינם שטיינערנעם קבר ?

דאָס צו אַש געוואָרענע האַרץ ענטפערט: נישטאָ.

די זון האָט זיך אין מיין זכרון פאַרקלענערט און איז קאַלט געוואָרן. איך האָב געזען כּסדר איינס און דאָס זעלבע לאַנדשאַפט: אַ שוואַרצן, פאַרברענטן רוים, איבער אים די קופּער-פאַרביקע זון, וואָס קוקט ווי אַ פאַרוואורף.

עפּעס אַזוי ווי אַ שאַנד פאַרוואָס עס וויל זיך לעבן, פאַר־וואָס עס איז נאָך דאָ אַ לעבן.

איך האָב מיך געפילט ווי אַ מענטש, וואָס איז קראַנק אומ־אויסהיילבאַר, וואָס מאַטערט זיך, וואַרטנדיק אויפן טויט, ווייל ער איז נישט אַרבעטס־פעיִק.

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אים, וואָס איז גע־פאַלן אין פעלד: ער קוקט מיט בלוטיקע אויגן אויף די שטערן. איצט הייבט זיך אויף די זון און חידושט זיך: לעבסט, וואָ־רעם.

איבערן פאַרבערנטן דאָרף, איבער די צעשניטענע קערפּערס פון די פריינט, איבער דעם חורבן פון אַלץ שטייט דער שטיינער־נער קאָפּ.

ער איז אַ שטיינערנער, ווייל ער פילט נישט די ווייטיק, וואָס רייסט אויף שטיקער מיטן גיפטיקן שטעכער, וועלכער איז מיט דער שפּיציקער שאַרף געבליבן שטעקן אין דער נשמה.

דער שטיינערנער קאָפּ קוקט מיט שווערע בליקן.

דיך האָב איך געליבט, דו שלאַנקע, דיך מיטן קראַנץ פון קאָרן, דיך, וואָס ליגסט מיט דער בלוטיקער ווונד אין האַרץ.

דאָס בלוט רינט אויפן קראַנץ פון די גאָלדענע זאַנגען.

וואָס־זשע האָט ער דיר צוגעזאָגט צו געבן ?

גליק. מענטשלעך גליק.
דער בלוטיקער קאָפּ הייבט זיך אויף און זאָגט:
ס'איז גוט געווען דאָס לעבן.
דו ליכטיקע מיינע, דו ביסט געשטאָרבן אין אַן אַנדערער שעה.
כ'חיל נישט, כ'וויל קיין זאַך נישט.
דער טויט, די שילדוואַך גייט איבערן קאָרידאָר, שטייט בא די טויערן.
אויף וואָס וואַרטסטו, אויסגעפייניקטער מת?
אַ מעסער קערט זיך איבער, קערט זיך איבער אין האַרץ. יעדע מינוט קערט עס זיך איבער דריי מאָל, קוקט מיר אין פּנים אַריין מיט די ווייסע אויגן.
איך האָב אַן איינדרוק. אַז איך בין די גאַנצע צייט משוגע געווען.
די געדאַנקען זענען געווען קלאָר, אָבער דאָס זענען גע־ווען געדאַנקען, מיט וועלכע מ'קען נישט לעבן.
מיט צעגליטע אויגן האָב איך געקוקט אין פענסטער, דורך וועלכן ס'האָט זיך געגאָסן דער צעפוילטער טאָג. און כ'האָב ווי־דער געטראַכט.
עס איז גראָד געווען פרימאָרגן, ווען כ'האָב דערהערט אַ געזאַנג:

כ'טראָג גערן איבער די פּיין פונם טויט,
די בענקשאַפט, די ווייטיק און עלנט.
די ספקות און געדאַנקען־סם.
אַלץ טראָג איך גערן אַריבער.

נאָר די ביטערקייט פון דער אַלטער מוטערס אויגן.
כ'טראָג אַלץ אַריבער.
אָבער שטאַרבן ווי אַ פאַרדאַרטער בוים,
האָבן געדאַנקען און מיט זיי שטאַרבן,

ווי ס׳שטאַרבט דאָס טויטע צעטראָטענע גראָז.
זען ווי ס׳פּרעסט אויף דער טאָג און די נאַכט.

אַלץ, מיט וואָס ס׳האָט דאָס לעבן געקענט זיך נאָר גרויסן,
פּוילן מיט דער נשמה, געדאַנק און האַרצוווייטיק,
דאָס איז שוין איבער די כּוחות.
כ׳וויל בעסער אַ שלאַכט אין דער פינסטער.
כ׳וויל בעסער אין חושך אַריין, ווו די ווערעם.
כ׳וויל בעסער מיט שלאַנגען פּאַרפירן אַ שלאַכט.
ס׳בלישטשען זייערע אויגן כיטרע און בלאַס.
בעסער דאָס אַלץ, איידער
מיין גורל, וועלכן איך האַס.

— מינאַקאָוו! — האָב איך דערהערט מישקינס שטים.
אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ און אַ געשריי.
מינאַקאָוו האָט אַ וואָרף געטון אַ טעלער דעם נאַטשאַלניק פון תּפיסה, סאַקאָלאָוון, אין קאָפּ אַריין.
מען האָט אים געבונדן און ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט.
— דאַלגושין, וואָס טון זיי מיט דיר — האָט זיך געהערט עמעצנס שטים.
אַלע טירן האָבן אויפגעציטערט און געדונערט אונטער די קלעפּ פון די פויסטן און פיס.
אין דער תּפיסה האָט געברויזט.
— דערהרגעט אונדז, הענקער!
— נעמט אונדז צו דאָס לעבן!
— דערהרגעט, דערהרגעט, דערהרגעט אונדז, הינט!
כ׳האָב געהערט ווי דער הויפּט-נאַטשאַלניק פון דער תּפיסה איז צוגעגאַנגען צו מישקינס קאַמער.
— דאָס האָט קיין שום זין נישט — האָט ער געזאָגט.
כ׳האָב געהערט ווי מישקין האָט געענטפערט.

איר האָט נישט געהאַט קיין מוט אונדז צו דערהרגענען עפנטלעך און איר האַלט אונדז דאָ מיר זאָלן שטאַרבן פּאַמעלעך. דאָ קען נישט זיין קיין רייד וועגן זין, וועגן געדאַנקען, וועגן געזעץ. מיר האָבן נישט קיין געמיינזאַמע שפּראַך. דער הענקער אפילו איז אונדז נענטער, ווי איר.

— דאָס געזעץ — האָט געפּרוווט רעדן דער מיליטער־מאַן...

אָבער די תפיסה האָט געדונערט מיט צאָרן און שפּאָט.

— ס'איז קיין שום געזעץ נישטאָ — איר זענט די געמיינסטע פון אַלע מערדער.

ס'איז ווידער געפלאָסן די צייט, פאַרבלאָז און פּוסט.

סיעוויעראָוו האָט אָפּגעריכט זיין וואַנדערן אין די אומזיכט־באַרע, גרענעצלאָזע וועלטן. ער האָט געגרוסט אינם פאָלקאָמענעם שאָטן פון געדאַנק.

מיך האָבן געפּייניקט די חלומות־געשפּענסטער: און נאָך שרעקלעכער פון די דמיונות — דיווירקלעכקייט.

ס'זענען געווען מאָמענטן, ווען כ'האָב מיך געוואָלט דערמאָנען אָליעס שטריכן אָדער קאַטיעס, שטריכן פון פריינט — און כ'האָב נישט געקענט.

דערפאַר אָבער פלעג איך זען בולט די פּראָפילן פון אַראָן פּאָגעל, פון עפּעס אַ זשאַנדאַרם, פון אַ גלייכגילטיקן דורכגייער, וועלכן כ'האָב געזען ערגעץ אין טראַמוויי אָדער אויף דער גאַס.

אַן אַנדערש מאָל פלעגן מיר שטיין פאַר די אויגן אַלע. נאָכמער, כ'האָב איבער זיי קיין שום שליטה נישט געהאַט. ס'פלעגן זיך באַוועגן די דאָזיקע געשטאַלטן אין הסכם מיט עפּעס אַ פּסיכישער לאָגיק, וועלכע איז געווען באַהאַלטן פון מיר, און אָט דאָס לעבן זייערס פלעגט ווערן אַ פּיין געוועזער פון פּיין

אָליאַ פלעגט מיר אַריינקוקן אין די אויגן און פרעגן פלוצלינג: צי האָבן זיי געפּאַטשט סאָלאָוויאָוון אין פּנים, זיין איידל, הייליק פּנים מיט זייערע עקלהאַפטע הענט.

און כ'האָב געזען, ווי ס'איז אונטערגעשפּרונגען אַ פאַרהאַ־ חעטער און פאַרסאַפּעטער אַראָן פּאָגעל, וועלנדיק דערלאַנגען מיט זיינע הענט, וואָס זענען אומגעלומפּערט אַראָפּגעהאָנגען פון די קורצע אַרבל און פאַרפלעקטע מאַנזשעטן צו סאָלאָוויאָווס פּנים.

כ'פלעג אָפּקערן די אויגן און האָב כסדר געזען דאָס זעל־ בע בילד.

כ'פלעג הערן שעהן־לאַנג דאָס קנאַקן פון קאַטיעס ביינער אונטער די רעדער פון הארמאַטן, דעם עקלהאַפטן קלאַנג פון די פערדישע קאָפּיטעס, וואָס צעקוועטשן קערפּערס און פאַרזינקען אין דער בלוטיקער מאַסע.

ס'פלעגט זיך צעוואַקסן פאַר די אויגן די דאָזיקע וועלט.

כ'האָב מיך באַמיט נישט צו קלערן וועגן קיין זאַך.

ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך ליג אין מיין קאַמער, כ'ליג אָן באַוועגונג מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן.

פּלוצלינג עפנט זיך די טיר און ס'גייט אַריין, ריכטיקער געזאָגט, עס ריקט זיך אַריין עפּעס אַן איינגעהויקערט גע־ שטאַלט.

כ'האָב אַ לאַנגע צייט נישט געקענט דערקענען און זיך דערמאָנען, ווער דאָס איז.

דאָס געשטאַלט האָט זיך צוגעשאַרט ביז צו מיין בעט. עס איז געגאַנגען, ווי עס וואָלט געקראָכן. כ'האָב מיך באַמיט עס נישט צו זען. כ'האָב געוווּסט, אַז עס דאַרף זיין שרעק־ לעך.

עס האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן בעט אין ווינקל, אָנגעהויבן נאָכשפּירן, ציענדיק דעם אָטעם; דערנאָך האָט עס מיר אָוועקגע־ לייגט אויפן האַרץ די ווייכע הענט, און אָנגעשפּאַרט אויף זיי, איז עס אַרויפגעקראָכן אויפן בעט. דער קאָפּ האָט זיך אַראָפּ־ געלאָזט אויף די הענט און זיך משונהדיק לאַנגזאַם גערוקט צו מיין פּנים.

איצט האָב איך געזען: דאָס איז געווען שולץ.

גאָר משונהדיק פאַרענדערט, פאַרוואַנדלט אין עפּעס גרוי־

זאמס. עקלהאפט איז געווען דער דאָזיקער קאָפּ, וואָס איז, שמעקנ־דיק מיט דער נאָז, געקראָכן איבער מיין ברוסט.

ענדלעך איז ער דערקראָכן ביזן האַלדז און כ'האָב געפילט, אַז ער לאָזט מיר אַריין זיינע ציין אין גאָרגל.

— ס'איז אַ חלום — האָב איך געטראַכט און האָב מיך אויפגעכאַפּט.

אין קאָרידאָר האָט עמעצנס שטים אויסגערופן: זייט געזונט, חברים, מ'גייט מיך דערהרגענען.

כ'האָב מיך נישט געקענט רירן, נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

כ'האָב בלויז געהערט, ווי סיעוויעראָוו האָט געענט־פערט...

— זיי געזונט, ברודער.

מישקין האָט האַסטיק געקלאַפּט אין דער וואַנט:

— ס'איז געמיין, וואָס קיינער פון אונדז האָט זיך נישט אָנגערופן. מיר האָבן דערלויבט, מ'זאָל אים אַזוי אַרויסשלעפּן פון אונדז און ער זאָל אַזוי דורכגיין לעבן אונדז אָן אַ „זייט געזונט".

כ'האָב געוואָלט מיט אים רעדן, וואָס ער רעכנט צו טון, אָבער ער האָט מיר איבערגעריסן, ער האָט געוואָלט מ'זאָל אים איבערלאָזן אַליין מיט זיינע געדאַנקען.

ס'איז אַריבער אַ פּאָר שעה. מיר האָבן דערהערט אַ ווייט ווידערקול פון אַ שאָס. מינאַקאָוו האָט שוין נישט געלעבט.

די זון גייט ערגעץ איבערן ווייטן הימל.

זי גייט איבער שטעט, וווּ ס'ווינען מענטשן, וועלכע רעדן זיך איין, אַז זיי האָבן עפּעס געזעצן.

געזעץ, גערעכטיקייט, שכל, מענטשהייט — שיטן זיך ווער־טער.

דאָ האָבן זיי קיין שום ווערט נישט, דאָ זענען זיי נישט גאַנגבאַר.

איר וועט לעבן אין אייערע שטיינערנע שטייגן, ווי ווילדע חיות — איר, וואָס איר האָט געוואַגט צו גלייבן אין ווערטער, וועלכע אַ מענטש רעדט אַרויס בלויז מיטן מויל.

איר האָט געוואָלט אורטיילן דאָס לעבן לויטן שכל.

דער שכל איז אויסער אייך. דאָ קומט נישט צו קיין שטראָל זיינער.

דער גאַנצער אמת פון מענטשלעכן לעבן אַזוי ווי עס איז טרעט דאָ אַרויס נישט פאַרשטעלט: אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

צי וואָלטן מיר געקענט באַוויינען מינאַקאָוון.
אים האָט די זון אין די אויגן אָרייגעשיינט.
אים האָט אַ קויל דערהרגעט.

ער איז געשטאַנען און האָט געזען דעם טויט מיט מענטש־לעכע אויגן.

דער טויט האָט אויף אים געקוקט פון די ביקסן אַרויס.
ער האָט גערעדט צו איר מיט אַ מענטשלעכער שטים.

אַ לעבעדיקע שטים האָט אים אָנגעזאָגט וועגן טויט.

די מאַכט איבער אונדז האָט עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישטאָ.

די ליידיקע צייט גנבעט לעבן.

זי גנבעט לעבן, זי פאַרשלעפּט די גסיסה:

זי פליסט כסדר און לאַכט אונדז אויס, זי ציט אויס יעדע רגע, אַ גורל אָן אויגן, אָן אַ נשמה שטיקט לעבעדיקע מענטשן, זויגט זייער בלוט:

כ'האָב אין דער טויטער שטילקייט נאָכאַמאָל דערהערט מישקינס טריט.

אויך אים האָט מען געפירט צום טויט.

כ'בין געבליבן אַליין. פוןביידע זייטן האָב איך געהאַט לײ־דיקע קאַמערן.

די טעג און די נעכט האָבן שוין אַצינד פאַרלוירן די רעשט פון מענטשלעכן זין. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי וויקלען זיך פונאַנדער ווי אַ באַנד פון עפּעס אַ ראָד, וואָס דרייט זיך ער־גען הינטער מיין קאָפּ.

דאָס ראָד דרייט זיך און ס'שורשעט די באַנד.

ס׳לאַכט די פוסטע פאַרבלאָזע קראַפט פון דער צייט.

כ׳האָב אויף קיין זאַך נישט געוואַרט, כ׳האָב אויף קיין זאַך נישט געהאָפט.

איינמאָל אין אַן אָוונט פון אַט די פוסטע טעג האָב איך אָנגענומען דעם אַנטגילטיקן באַשלוס.

ווען כ׳האָב דערזען דעם אויסוועג און זיך איבערצייגט, אַז ער וועט מיך נישט פאַרפירן, האָב איך מיך אָוועקגעזעצט און האָב געפּרוווט טראַכטן, ווי אַזוי דאָס קען טון אַ פרייער מענטש. כ׳וועל אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגיין. דער שומר וועט מיר אָפּגעבן מיליטערישן כבוד.

כ׳האָב דערמאַנט צום לעצטן מאָל אַלצדינג אָן ווייטיק. אָן חרטה.

כ׳האָב געוואָלט געפינען פאַר זיך אַליין עפּעס אַ געדאַנק וועגן דער צוקונפט: וועגן דעם, וואָס וועט זיין אַמאָל — אומזיסט. דאָס האַרץ איז געווען קאַלט — ס׳האָט נאָך געשמייכלט צו די באַקאַנטע געשטאַלטן.

כ׳האָב איצט געקוקט אויף זיי אַלעמען, וואָס זענען אַוועק, ווי איינער פון זיי.

כ׳געדענק גוט, אַז כ׳האָב געקלערט וועגן זיי אַלעמען מיט עפּעס אַ נאָכגיביקן געפיל פון אַן אַלטן, דערפאַרענעם ברודער.

— אַט אַזוי איז עס, פאַרשטייט איר מיך, אַט אַזוי איז עס — האָב איך איבערגעחזרט, ברעכנדיק דאָס לעמפּל מיט דעם אָנגעצונדענעם נאַפט אַזוי, אַז דער פלאַם זאָל אַרומנעמען דעם שענק.

*

* *

כ׳זיץ איצט צווישן ביימער, אויף וועלכע ס׳שפּראָצן יונגע

בלעטער. כ׳בין איינער אליין, אזוי עלנט, ווי קיינמאל אין של־
סעלבורג.

א קאלעקע, מיט אן אויסגעברענטער נשמה דריי איך מיך
ארום אליין צווישן מענטשן, וועלכע זענען מיר פרעמד ווי אט די
ביימער.

בלויז מיט די ביימער לעב איך בשלום און פריי מיך, ווען
ס׳גייט זיי גוט.

דא האבן פאר מיינע אויגן ארויסגעשפראצט פון א שווארצן
צעפוילטן שטאם נייע צווייגעלעך.

זיי וואקסן, זיי לאזן ארויס פרישע בלעטער: אזוי ווי די
געדאנקען אין מיר.

כ׳זיץ ארומגערינגלט מיט די בלעטלעך, וועלכע כ׳האב גע־
שריבן: כ׳נעם זיי אין דער האנט אריין, קוק זיי איבער.

כ׳דערקען זיי נישט, אזוי ווי ביימער דערקענען נישט זייע־
רע בלעטער. כ׳וואלט געוואלט, אז אט דער פרילינג, וואס האט
זיך צעבליט ארום מיר, זאל זיין דער לעצטער.

כ׳טראכט וועגן טויט שטיל און רויק, ווי וועגן אן איבער־
געגעבענעם געטרייען חבר. כ׳וואלט געוואלט ער זאל קומען צו
מיר דא אהער צווישן די ביימער, נישט אין צימער אריין.

כ׳רעד זיך איין אפטמאל, אז איך דארף זיך בלויז דא
אוועקזעצן און יוארטן אומבאוועגלעך: ער וועט קומען דורך דער
אלעע.

אבער פון דער זייט פון לעבן גייט קיינער נישט צו מיר.
ס׳וועט קיינער קיינמאל נישט גיין און נישט קומען צו מיר.

צייטונגען קומען אן אלע אינדערפרי.

אלע אינדערפרי דערציילן זיי מיר דאס זעלבע, וואס כ׳ווייס.
ביסלעכווייז, ביסלעכווייז לערנט זיך א מענטש אויס צו פארשטיין,
אז ער האט קיינעם נישט און קיין זאך נישט, א חוץ זיך, אז ער
האט אין זיין רשות בלויז זיינע אייגענע כוחות און ער לערנט
זיך אויס זיי אפצושאצן. ביסלעכווייז שטייגט אריבער אלע כוחות
דער איינציקער אמתער כוח: דער ארבעטנדיקער מענטש.

כ׳האָב ליב צו הערן דעם קלאַנג פון די האַמערס, וואָס שמידן אין אונדזער קוזשניע.

עפּעס פרייילעכס, האַרטס ווי דאָס לעבן, שמחהדיקס ווי דער נצחון חלומט זיך מיר דאַמאָלס.

זיך אַליין מוז אַזוי אויסשמידן אַ מענטש.

כ׳האָב ליב צו הערן דאָס ליד פון האַמער.

און כ׳האָב ליב די זון איבערן פאַרצ׳קערטן פעלד.

ס׳גייט אַ פויער, וואַרפט די זוימען. ער וואַרפט די גאָלדענע זריעה און גייט צוריק.

כ׳קער זיך אָפּ פון אים און כ׳גיי לאַנגזאַם צו צום הויז.

כ׳גיי און כ׳טראַכט; עס שפּראָצט ערגעץ אַ פעלד.

אַ בלינדער זייער גייט איבער פעלדער... דאָס האַרץ טראַכט — צי וועל איך נאָך אַמאָל דערהערן דעם גרויסן גערויש פון די פעלער.

כ׳הער זיך איין און כ׳צי אַריין דעם אָטעם. ס׳טראָגט זיך איבער די פעלדער אַ וואָלקן, צי האָט ער געזען די פירות?

אָבער קראָען קראַקען אָפּט איבערן קאָפּ.

דאָס ווייס איך: איידער ס׳וועט קומען די צייט פון שפּעט-זומער, וועט נישט ווייניק בלוט פאַרגיסן עמעצנס מוטיקע ברוסט.

נישט שווינענדיק קיין ביינער, שניידט דער אומרחמנותדיקער כוח די יונגע פעלדער.

קראָען קראַקען איבער מיין פּוסטקייט. די מחנות זייערע פליִען איבער דער ערד. זיי זעצן זיך אויף דיביימער, וואָס באַדעקן זיך ערשט מיט בלעטער.

כ׳באַגריס זיי — די פייגל וואָס זאָגן אָן שלעכטע בשורות, די פיינט די אַנזאָגער פון גוטס.

פון שלאַכט-פעלדער פליִען זיי, פון פעלדער, ווו ס׳שניידט דער טויט.

הער נישט אויף צו זייען; שרעקלעכער זייער.
אַ מענטש לעבט צום מערסטן, בעת ער שטאַרבט.

איצט זע איך אָבער צייטנווייז אין צייטונגען און ביכער נייע שטימען, נייע לידער פון מענטשן, וואָס הערשן איבער זיך אַליין.

און כ׳טראַכט דאַמאָלס וועגן דער מעדיאַלאַנער קאַטעדרע: וועגן דעם גרויסן דענקמאָל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון געשטאַרבענע הערצער.

און איך חזר איבער די ווערטער, וועלכע כ׳האָב אַזוי פיל מאָל געהערט פון טייערע ליפּן: שטאַרבן אַזוי, אַז ס׳זאָל בלייבן לעבן פון אונדז דאָס, וואָס מיר ווילן — דאָס איז דער איינציקער נצחון.

אונטער דער ערד ערגעץ ווערט געבוירן אונדזער ווילן און ער וועט אָנפירן מיטן מאָרגן.
ער פליסט אונטער דער ערד מיט אַ באַהאַלטענעם שטראָם.

און בשעת איך פאַרמאַך די אויגן און הער זיך איין, דאַכט זיך מיר, אַז איך אַליין, דער חבר מײַנער רוישט דאָרט שטראָמענ־וויז אונטער דער ערד.

דער שוואַרצער שטאָם שמייכלט מיט די צווייגעלעך זיינע צו מיר: די האַמערס קלאַפּן.

כ׳קוק אויף דער וועלט פאַר זיך, צי כ׳האָב נאָך דאָ עפּעס מיינס, עפּעס, וואָס זאָל זיין מיינס. בלויז מיין אייגנטום, וואָס כ׳וואָלט וועלן באַהאַלטן פאַר זיך, כ׳טראַכט וועגן דעם, וואָס באַ מיר האָט צוגענומען אָט די ערד און כ׳קוק אויף איר מיט ליבשאַפט, אויף דער זעלבער, וואָס האָט אין זיך היינט מער ווי מיין נשמה, מער ווי דאָס, וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן אין מיר.

כ׳קוק אויף איר מיט ליבשאַפט: טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, דו, וואָס וואַקסט און לעבסט אַ דאַנק דעם מענטש.
כ׳שמייכל צו דעם גרויסן לופט־ים און איך חזר איבער: די מענטשלעכע נשמות האָבן זיך אַזוי צעעפנט, צעשפרייט אַרום מיר.

כ׳קוק אויף דער אַלטער פֿרוי, וואָס גייט מיט שרעק פֿאַרביי לעבן מיר, כ׳שעפּטשענדיק:

„געלויבט זאָל זײַן" און איך חזר איבער: געלויבט זאָל זײַן דײַן אײַנגעהויקערטער רוקן.

כ׳שטעל פֿאָרזיכטיקע טריט אַזוי, ווי ס׳וואָלטן מיך געטראָגן די הענט און די פּלייצעס פֿון דורות. איך שמייכל צו די אַרומיקע פֿעלדער און וועלדער און כ׳זאָג צו זיי פֿון טיפֿן האַרצן: עס איז גוט, וואָס ס׳איז פֿאַרהאַן לעבן. אַ סך זוימען ליגן אין דער שוואַרצער ערד. זײַ געבענטשט, דו, וואָס וועסט באַפֿרוכפּערט ווערן דורך מענטשלעכער אַרבעט — זײַ געבענטשט, מוטער און קינד פֿון מענטש. פֿון דיר איז ער אַנטשטאַנען, אויף דיר גייט ער אויס מיט בלוט און טרערן, איז ער דײַנער, אָדער די דײַנער...

ווו ענדיקט זיך דער מענטש?... אין ערגעץ נישט. — וואָס כ׳זאָל נישט זען, טראַכטן, פֿילן, צוליב אײַך טו איך עס, מײַנע אומזיכטבאַרע ברידער. און אַליין בין איך מער אין אײַך, ווי אין זיך.

אָבער ס׳קערט זיך שוין אום מישוק-ביעלווידימקאַ, פֿון ווייטן ווינק קערט ער זיך אום. ס׳איז אָפֿן אינעם קליינעם זאַל דאָס פֿענצטער.

קום, מײַן חברטע, און קלאַפּ אָן. געדענקסט... אַזוי ווי דאַמאָלט.

די צווייגעלעך באַרירן די שויבן, כ׳קלאַפּ און כ׳טראַכט מיר — דאָס וועט זײַן אַזוי, שוין אין אַ ווײַלע אַרום, און ס׳איז מיר אַזוי גוט.

מײַן גאַנץ האָב און גוטס איז הינטער מיר. כ׳גיי שוין איצט איבער דער וועלט, ווי איבער די צימערן פֿון אַט דעם הויז: אַזוי בין איך אפֿשר געגאַנגען קינדווײַז.

איך קום צו גיין און איך חידוש זיך... אַ אַ... אַט אַזוי, דײַטש עס, אַט אַזוי...

און דער זייגער ענטפערט שטיל: אַט אַזוי... טאַק...
טאַק... טאַק... טאַק.

כ׳בענטש דיך, אַלטער זייגער, וואָס דו מעסט די דאָזיקע צייט, אין וועלכער עס גייט אויף די זריעה.

סוף פון צווייטן און לעצטן באַנד